STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01456

EVGENYE

George F. Born

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עוגעניע

אדער

דיא געהיימניסע פון דעם פראנצויזישען הויף

דיזע ערציילונג איז געווארין פערפאסט פון איינעם דייטשין פערפאסער (נ"ם ליוואוו) אים יאהרע 1870, אונ אין דיזער קורצער צייט איז זיא שוין איבער געזעצט געווארין אין אלע איירָאפּייעשע שפּראכין, יעצט האבין מיר איר איבערזעצט אין יודיש דייטש (זארגאן) אויס רוסיש: מיר האבין איר צוואר פערקירצט, אבער אויך גוט געווירצט, דאס אונזערע אידישע לעזערינען וועלין ניט שפּירען אין איר דאס מינדעסטע לאנגווייליע וואס דיזער פאל איז אים ארגינאל; דיא געשיכטע איז זייער אינטערעסאנט, אונ דיא לעזער וועלין העכסט פערגניגען האבין אונ זיך גוט אמאזירען איר לעזענדיג.

נעתק ע"י א. מ. דיק

ערסטער טהייל

פיערטע אויסגאבע

ISIDOR HURWITZ LIBRARY OF THE C. R. S.

ווילנא

בדפוס והוצאות האלמנה והאחים ראם

שנת תר"נ לפ"ק

ЕВГЕНІЯ,

или Тайны Французскаго двора.

Романъ Ф. Борна.

Переводъ А. М. Дика. Съ русскаго.

Съ Виленскаго изданія 1884 г.

Томъ I.

1889.

Дозволено цензурою. — 24 Марта 1889 г. Кіевъ.

#324

ВИЛЬНА.
Типографія Вдовы и братьевъ Роммъ.
Жмудскій переулокъ собст. домъ № 328.

№ 323

6.9

LIBRARY OF THE C. R.

1.

•דיא גרעפין מיט איהרע צוויא טעכטער•

אין דעם יאר (1843) אלס מאדריד דיא הויפטשטאט פון שפאניען האט זיך אביסעל אויסגעניכטערט פון דעם בערוישענדען קומער וואס גאנץ שפאניען וואר וויא גאנץ בעטרונקען (פאר שיכורט) פון אים צייט איינגע יאר דורך דעם שוועריין בירגער קריג 1) וואס וואר געפירט אין איר זייער בלוטיג וועגין דיא ערבשאפט פון דעם טראן2) אונ וואס ער האט אין איר פארוויסטעט פילע פראווינצען, אונ וואס עס וואר נאך דאן קיינע גליקליכע ענדע צוא זעהען פון אים. וואר דאן שוין אויף דעם גרויסען אונ שיינען לוסט פלאץ וואס הייסט פראדא צו זעהען פיל מער לעבעדיקייט אונ געשעפטיקייט אלס פאר הער:

דיזער פלאץ ליגט הארט לעבין מאדריד, ער איז גענוג לאנג אונ ברייט, בעפלאנצט מיט שיינע געבישע (וועלדלעך) דורכשניטען מיט שאסייען פאר עקאפאזען וואס זיינען בעשאטעט פון ביידע זייטען מיט געדיכטע אלעען (פריסאדעס) דער ביא שמאלע פוס שטעגען פר פוס גייער אונ וויא ווייט דאס אויג קען נור זעהען איזט דינער פלאץ בעבויט מיט שיינע זומער הייזער, מיט לוסט גערטנער, מיט פאנטאנען וואס פרישען אפ דיא לופט מיט זייערע ערקוויקענדע וואשער שטראהלען:

דיזער ארט איז פון לאנג אן אונ אזוי אויך איצונד דער זאמעל פלאץ פון דער מאדרידער געלאנטע וועלט, עס איז דארט אלע זומער אווענדע איין גרויס געדריינגניס פון פארשיידענע עקאפאזען, פון פוס גייער, אונ פון רייטענדע הערען אונ דאמען וואס זיינען געקליידעט זייער שארמאנט וויא דיא פירשטינען אונ געטינען, מען קומט אהין אום זיך צו ערפרישען מיט דער קיהלע אבענד לופט

---

1) איין בירגר קריג הייסט אזו אשטרייט וואס דיא איינוואוינער פון איינעם לאנדע שטרייטען איינער געגען דעם אנדערען, (דען בירגער הייסט וויא ביא אונז (מעסצאנין):

2) עס וואר דאן אקריג אין שפאניען צווישין דעם פאלק ווער עס זאל זיין דער ערבער (נאסלעדניק) פון דעם שפאנישען טראן, ציא דיא טאכטער פון דעם פארשטארבענעם קיניג וואס האט גיהייסין איזאבעלע, ציא דער ברודער פון דעם פארשטארבענעם קיניג וואס האט גיהייסען דאן קארלאס, אונ דאהער ווערט אנגערופען דיא פארטייא וואס האבין גיהאלטען פאר דעם ברודער קארלאניסטען, אונ דער אנדערער צד דיא קיניגליכע וייל זייא האבין גיהאלטען מיט דער קיניגין, דאס הייסט מיט דער איזאבעלא, וואס זיא איזט גיווארין גיקריינט לויט איר פאטערס צוואה:

לופט וואס הערשט דארט אין דער אבענד צייט, דאך אבער דער גרעסטער טייל אום זיך צוא לאזין זעהען פאר דעם גרוישין פובליקום, אדער אום זיך מיט ווימען צוא זעהען :

צווישען דעם גרויסין צאהל פון דיא עקאפאזען (קאצען) וואס ווארען געשפאנט מיט טייערע אונ פייעריגע פערד וואס זיינען גיפארין דארט איבער דיא ברייטע שאסייען, האט זיך אויס געצייכענט איין עקיפאז אזוי מיט שיינע עהרליכע באפוצונג אזוי מיט זיינע פיר טייערע פערד אונ מיט זייערע פאזאלדעטע געשיר (סברועס) נאך מער מיט דער ליבעריע (ליוועהע אדער קליידונג) פון דיא קוצארעס אונ לאקייעס. דאס עס וואר שוין זייער לייכט צו פאר שטיין וויא רייך עס וואר דיא פארזוינען וואס זיינען גיזעסען אין דעם עקיפאז אויף ווייסע זיידענע קיסעלעך, אונ אלס מען האט בעטראכטעט דיא הערבען וואס ווארען פון ביידע זייטען האט מען שוין גיוואוסט דאס דיזע עקיפאז געהערט אן דעם איינגלישען לארד (גראף) קלארענדאנע, דער רייכסטער פון זיינער צייט וואס האט זיך בעזעצט אין מאדריד, נור ער אליין איז ניט גיזעסין אין דעם עקיפאז, עס זיינען נור גיזעסין דרייא דאמען וואס האבין מיט זייער שיינהייט גימאכט אונטער דעם נאראד מעהר אנזעהען אלס דער עקיפאז מיט זיינע טייערע פערד :

דיזער עקיפאז וואר אטאקירט מיט רייכע אונ פארנעהמע רייטער וואס האבין זיך העכסט הערצליך בעמיהט אום געווירדיגט צוא ווערען מיט איינעם פריינדליכען בליק פון דיזע דאמען פאר זייערע נייגונגען אונ בייגונגען זיך פאר זייא, דאס אלע פארבייא גייענדע דאמען האבין זייא עס העכסט בענייד עט (מקנא גיוועז) :

אין דעם איז אנגיפארין צו דיזעם עקיפאז דער עקיפאז פון דעם אלטען עפאנט (פרינץ) הענריגועץ דער געליבטער שוועסטערקינד פון דער קיניגין מאריא כריסטינע וואס וואר דיא מוטער פון דער יונגע קיניגין איזאבעלע אונ וואס וואר דער ווילע דיא פיהרערין פון שפאניען, אן שטאט איר טאכטער וואס וואר נאך צו יונג אום צו רעגירען, אונ האט זיך ערלויבט אריין צו ווארפין איין טייערין בוקעט (בונד) בלומען אין דעם עקיפאז פון דיא דרייא דאמען :

דיא עלטעסטע פון דיזע דרייא דאמען וואר דיא גרעפין טעבא פון מאנטיכא, זיא וואר נאך זייער שיין אונ וואר אלט זעקס אונ דרייסיג יאר, דיא צווייא איבעריגע ווארען איהרע טעכטער, מאריא אונ עווגעניא, זייא ביידע ווארען הויפטדאמען ביי דר יונגער קיניגין איזאבעלא, זייא ווארען אזוי יונג נאך וויא איינע בלומע וואס האלט נאך ערסט קוים ביי דעם אויפבליהען, אונ ווארען אלזוי דיא בערימטעסטע שיינהייטען פון דעם שפאנישען הויף, זייא ווארען איינע שענער פאר דער אנדערע, דאס דער וואס האט זייא נור דער זעהען איז געבליבין אונשליסיג וועלכע אנצוערקענען פאר דיא שענערע פון זייא ביידען, דאהער איז קיין וואונדער דאס דיא מוטער וואר שטאלץ אויף זייא אונ האט אלזו

זיצענדיק אין עקיפאז ניט אראפ גענומען די אויגן פון זיא , אונ האט גימאכט אלזוי בערעבענונגען פון דיא גרויסע גליקן צו וועלכע זיא קען דורך זיא גרייכען, דען זיא אליין האט נאך אויך קיין אבשייד גענומען פון דיא פריידען דער וועלט אונ פון אירע לוסטבארקייטען, זיא האט נאך ניט פערבליהט , אונ האט נאך גיהאט פאלנא פראווע צו ליבין אונ געליבט צו ווערין, אונ דאהער איז קיין וואונדער דאס זייענדיק איינע וויטווע (אלמנה) האט זיא גיהאט ארום זיך איטער אגרויסען קרייז פון פארנעהמע הערען וואס האבין איר פארגעטערט אונ אנגיבעטין :

דיזע דרייא דאמען ווארען אין עקיפאז האלב זיצענד האלב ליגענד דיא קעפ פארווארפען אהינטער אום צו ציינען זייערע אלבאסטרענע (וויים מארמארנע) אונ שיין געפארעמטע העלזער וואס ווארען בעהאנגען מיט דיא טייערסטע שמוק (צירונג) אונ רייכע בעפוצונג , אונ האבין צווישין זיך גישפראכען מיט איינער שמייכעלענדע מינע איבער דעם לעצטען באל וואס ווער אין דעם הויף פון דער קיניגין , אונ וואס עס האט זיך מיט זייא דארט זייער פיל אמוזירט (פערברא‌כט) דער יונגער הערצאג אלבא וואס ער איזט אצווייג פון דעם אלטען שפאנישען אדעל , צוואר האבין זייא עס ניט גיהאלטען פאר אזוי אגרויסע עהרע , דאס אזוי איינער האט מיט זייא גישפראכען , דען זייענדיק דיא שענסטע הויפטדאמען פון דער יונגע קיניגין איזאבעלע , ווארען זייא פארגעטערט אונ בעעהרט פון פיל גרעסערע הערשאפטען אלס דיזער יונגער אלבא איזט , נור דא איזט גילעגין צו גרונד איינע פיל וויכטיגערע זאכע אלס דיא ליידיגע (פוסטע) עהרע , דיא מוטער האט גיהאט איינע אויסזיכט אויף דיזעם יונגען מאן דאס ער זאל איין איידעם אירער ווערין , אונ איין בעסערען אונ גרעסערען אלס ער איז שוין איר זיך ניט צוא ווינצען , אונ זיין עפטערעס דרייען זיך אונ אונטערהאלטען זיך מיט אירע טעכטער האט איר גיגעבין אגרויסע האפענונג דאס איר אוים קוק זאל ערפילט ווערען :

אין דיזען מיטען גישפרעך פון דיזע דרייא דאמען , האט דיא מאריא אשטארקען דריק גיטאן דיא האנט פון איר שוועסטער אונ האט איר דער צוא איינגיראמט אין אויער "אט רייטעט ער !" דיא עווגענא האט זיך באלד אומגעווענדעט אונ האט דער זעהען דאס דער יונגער הערצאג אלבא רייט ניט ווייט פון זייא צווישען דיא אלעען אויף אטייערען אראבישען פערד אנגיטאן אין איין אפיצירסקין מונדער , אונ הינטער אים רייט אים נאך זיין לייב קנעכט , אונ רייטעט אלזוי אין דיא זעלביגע ריכטונג (ווענדונג) פון זייער עקיפאז :

"ווארום ביזט דוא עפעס אזוי פערוויירט (אונרוהיג) ?" האט דיא מוטער גיפרעגט דיא מאריאן "דער הערצאג אלבא רייטעט דא צווישען דיא אלעען גראדע מיט אונז" האט איר דיא מאריע גיענטפערט "א א ! ער האט אונז שוין אויך בעמערקט אונ גאלאפירט (זעצט אוים מיט דעם פערד) גלייך צו אונז , א וויא שיין אונ מוטהיג ער זעהט אוים אלס ער זיצט אויף דיזען פייעריגען פערד איין וואהרער מארש (דער גאט פון קריג) :

קוים

קוים האט די מוטער אויפגעהייבן אירע אויגן געגן די אלע אונ האט אים דער זעהען האט ער זיך שוין געגען זייא געוויטעט אונ האט צו גלייך אשופ גיטאן מיט זיין פערד צו זייער עקיפאז אונ האט אלזוי אנגיהייבן צוא רייטען גלייכען טריט מיט זייער עקיפאז לעבין דער טירעל זייערע :

„א איך בין איבערגליקליך אום צו זעהען זיך מיט אייך היינט ווידער היר אויף אייער שפאציר פארט" האט ער זיך אפגערופען צו זייא „עס האט מיך וויא גיזאגט עפעס איינע אינעווייניגע שטימע גיזאגט דאס איך וועל דא אנטרעפען וועמען איך ווינצע אימער צו זעהען , אונ האב מיך אלזוי וויא מיט גוואלט לויז געריסין פון מיינער געזעלענשאפט אונ האב ארויסגירייטין אהער". „אלזוי דאנקען מיר אייך" האט זיך אפגערופען די מוטער אין דעם נאמען פון איהרעביידע טעכטער „פאר די גוטע מיינונג וואס איר האט פון אונז , אונ דאס איר זייט אונז איין עכטער גוטער פריינד" :

דיזער אלבא האט אלזוי מיט גערייטען גאנצע צווייא שטונדען אין וועלכע עס וואר גישפראכען פריהער איבער דעם וועטער , נאכהער איבער דעם נעכטיגען באל , אונ אם לעצטען איבער דעם קריג וואס האט אין דיזער וואכע ווידער גינומען אשלעכטע ווענדונג , אונ וויל דיזער גישפרעך וואר זייער הייפליך אונ פריינדליך , דער בייא נאך זייער פיל געשמייכעלט אונ טיף זיך אריין גיקוקט איינער דעם אנדערען אין די אויגן , וואר שוין גענוג בעווייזע פאר איר דאס דער הערצאג איזט געווים פאר ליבט אין איינע פון איהרע ביידע טעכטער אונ האט אלזוי גיוואלט זיך דארום בעגיין וויא דער אלטער שפריכווארט זאגט „שמידע אלם דער אייזען נאך הייס איזט" דאס הייסט צוא מאכען מיט אים אגישפרעך דאריבער שוין אין דיזער נאכט , אונ האט אים דאהער שוין איינגילאדען צו זיך אויף איין אבענד ברויט , אונ ער וואס האט ניט גיוואוסט וואס פאר איין אבזיכט זיא האט דער בייא , האט דיזע איינלאדונג אנגענומען מיט פריידין , אונ זיינען אלזוי פארפארין צו איר אין קווארטיר וואס וואר שוין זייער רייך בעלויכטען :

דיזע גרעפין מאנטיבא האט גיפירט איין זייער בריימעס לעבין , אונ אלע גרויסע הערשאפטען פון מאדריד האבין גיהאלטין פאר איינע גרוישע עהרע צו זיין אריין גיפירט אין איר גלענצענדען קרייז , זיא וואר העכסט קלוג , אונ וואר אלזוי מיט אירע ביידע שיינע טעכטער איין ווארער צויבער מאגנעט וואס האט אנגעצויגין אלע מאגנאטען פון דיזער גרויסע רעזעדענץ :

ביידע טעכטער זיינען באלד אריין אין דער גארדעראבע אום זיך איבער צו קליידין , אונ זיא האט גיזעהען דער ווילע זייער גוט צו בענוצען דיזע קליינע צייט וואס זיא איז געבליבין מיט אים אליין אין זאל , זיא האט אים גיבעטין זיצין אונ האט זיך גיזעצט אים אנטקעגין „אט לאמיר אונז פארקירצין דער ווילע די צייט פון אונזער זיצען דא אליין ביז מיינע טעכטער וועלין צוריק קומען מיט אקורצין גישפרעך וואס איך גיפין עס אים פאר העכסט נייטיג" האט זיא אים

גיזאגט

גיזאגט פאבענדיק זיך מיט איר טייערן פאבער "איך בין אייער [illegible]
גלייך אייער פריינד" האט ער איר גיענטפערט "אונ בין אלזוי גאנץ גענייגט צו
אייער וואונש אונ בערייט אזוי גאר אום צוא האלטין מיט אייך איין לאנגין
גישפרעך , אונ אן אלע דיזע זאכען ווער ווערט זיך ניט שעצען גליקליך צוא
פארברייננגען איינע שטונדע מיט אייך ?" :

"ווען אזוי מיין ווירדיגער הערצאג" האט זיא זיך אפגירופען , ווען אזוי !
קען איך שוין גאנץ דרייסט (סמיאלע) מיט אייך ריידין פון אזוי אנגעגנשטאנד
(ענין) וואס איז פיל וויכטיגער אלס איין הוילער (פוסטער) גישפרעך, איך וועל דא
ריידין מיט אייך פון אזוי אזאך וואס בעלאנגט אונז ביידין , צוואר מיך מער אלס
אייך , אונ דאהער מאך איך אגישפרעך מיט אייך פריהער אלס איר מיט מיר
וועגען דעם , עס זעהעט גאנץ מאדריד , אונ נאך מער איך דאס איר זייט זייער
גינייגט אונ צו גיטאן צו מיינע ביידע טעכטער דאס עס איז אלזוי זייער לייכט צוא
פאר שטיין , דאס דאש איז פיל מעהר אלס הוילע פריינדליכקייט , ניין עס
איזט ליבע דא אין שפיל , אלזוי מיין טייערער הערצאג פערצייהען זייא מיר ,
דאס איך אלס מוטער נעמע איך מיר דיא פרייהייט צוא מעלדען אייך דאס ווען
איר מיינט דער מיט נור איינעם הוילען אונ ליידיגען צייט פערטרייב ווייא עס
בעגייען זיך דיא גרויסע הערשאפטען מיט שיינע אונ גימיינע בירגער טעכטער,
ווינצע איך דאס מיינע קינדער זאלין פון נון אן ווערין פרשוינט פון אייערע
ליידיגע אונ בעליידיגענדע בעזוכע , אונ אין פאל דאס זייא האבין דער בייא נור
איינע בעסערע אבזיכט,דאס הייסט זייא ווילין איינע פון זייא הייראטהען ,
האב איך שוין ניט וואס איינצווענדען דער בייא נור איך מעכטע וויסען וועלכע
פון זיי ביידין איז עס דיא גליקליכע אייער פרויא צו ווערין , דען אלס מוטער איז
עס מיר העכסט נייטיג פריהעצייטיג צו וויסען :

"גרעפין" ! האט ער זיך אפגערופין, איך בין קיין לויזער בובע (קיין ליידאק)
אונ מיין גאנץ געווים איינע פון זייא ביידין פר אווייב צו נעמן , דאך בין איך
נאך ניט אים שטאנדע איצונד צו זאגין אייך אויף קלאר וועלכע פון זייא ביידין,
וויל זייא גלייכען זיך איינע דער אנדערע וויא צוויא טראפען וואסער הן אין
זייער שיינהייט,אונ הן אין זייער כאראקטער,אלזוי מוז עס עפעס נאך געדולדיג זיין
ביז איך וועל ווישין בייא זיך צו בעשליסין וועלכע אוים צו וויילין , אונ דאס
וועלין זייא וויסין אויף קלאר אויף דעם גרוישין באל וואס וועט אין איינינע
וואכין זיין בייא דער קיניגין אין הויף , אונ דאמיט עס זאל דארט קיין אויפזעהען
מאכין , זאלט איר זיך אזוי בעגיין אייער מאריען זאלט איר צום באל אנטאן
איינע סערפע (אלענטע) פון איינער רויזענפארבע , אונ אייער עווגעניא אין
איינער הימעלבלאע סערפע, אונ איך וועל דאן אויף דעם באל ערשיינען אויך
מיט אבאנד אום מיין הוט , וואס וועט זיין פון דער זעלביגע פארבע וואס
וועט טראגין מיינע מיר בעשטימטע שוין אונ וועל איר פיהרען גלייך צום טאנץ
אונ דער מיט אפגימאכט מיינע טייערע גרעפין :

פארטרעפליך

״פארטרעפליך (אויסגיצייכנט)״ האט זיך דיא גרעפין אפגירופין, עס איזט איין קלוגער אונ איין ריינער איינפאל, אונ בין אלזוי שוין העכסט רוהיג״ דיזער גישפרעך האט זיך בעענדעט נאך בעפאר דיא בידע טעכטער זיינען אריין אין זאל גאנץ אנדערש אומגעקליידעט :

2.

״דער זומער שלאס אראנזועץ וואס איז אין פארק (לוסט וואלד)״ :

אין עטליכע וואכין נאך דיזער גישיכטע, האט זיך אנגיהויבין אין שפאניע דער בלוטיגער בירגער קריג ווידער פון דאס נייא, אונ נאך בלוטיגער אלס פריער, דיא איינוואוינער אדער דיא בירגער פון שפאניען האבין זיך צוא טיילט אויף צווייא פארטייען, איינע האט גיהאלטין פאר דעם דאן קארלאס וואס וואר אברודער פון דעם פארשטארבענעם פערדינאנד דעם זיבענטען, אונ דיא אנדערע האט גיהאלטין פאר דער איזאבעלא פערדינאנדס טאכטער וואס אין איר נאמען האט דער ווילע רעגירט איר מוטער מאריא כריסטינא מיט דער הילפע פון דעם מעכטיגין אונ ווייזען מיניסטער עספארטערא, אונ דעם דאן קארלאס פארטייא האט זיך אזוי וייט גישטארקט דאס זייערע ארמייען האבין זיך פארגדרונגען ביז דיא אומגעגענדען פון דער הויפטשטאט מאדריד, אונ מאריא כריסטינע, מיט איר טאכטער די יונגע קיניגין איזאבעלע אונ אלע אירע הויפטלייטע אונ הויפדאמען האבין גימוזט אפציהען פון דער הויפטשטאט קיין אראנזועץ, דען אין מאדריד וואר מען ניט זיכער איבער דיא באמבען וואס האבין גירייכט ביז אין דווארעץ :

דיא קיניגין מאריא קריסטינא עלאזאבעטעס מוטער האט אין דיזער נויט צייט וואס דאס לאנד האט גיזיפצט אונטער אירע לאסטען אונ זיך גיטרונקען אין איר אייגענעם בירגער בלוט, האט זיא ניט פאר געסין מיט צו נעמען איינעם גיוויסין לייב גווארדייסקין אפיציר מינגאץ וואס וואר איר גיליבטער צייט איר מאן פערדינאנד דער זיבענטער איזט גישטארבין, ער וואר נור שיין פון גישטאלט, גרויס גיוואקסין אונ גינוג שטארק, אונ דיזע איינציגע קערפערליכע מעלות וואריןֿ אים שוין גענוג אום ווערין גיליבט פון איר, ער אליין וואר פון גאנץ נידעריגין אבקונפט (יחוס) זיין פאטער וואר נור איין קליין הענדלער אין טאראנוגע, אונ באלד וויא זיא האט ליב בעקומען אים האט זיא אים דער האלטין בייא זיך אין הויף אונטער דעם אויסרייד דאס זיא ברויכט צוא האבין אין דיזע שטירמישע צייטין איין בעשיצער לעבין זיך אונ האט אים גימאכט באלד פאר איין הערצאג פון פיאנצארעסקא, נון פארשטייט זיך שוין דאס אזוי איינע שלעכטע אויפפירונג פון דער קיניגין מוטער וואר זייער שענדליך פאר דער טאכטער אונ פאר דעם גאנצין הויף :

דיזער פאלאץ אדער שלאס אראנזועץ, וואר דער זומער שלאס פון דעם

שפאניסען

שפאניסען הויף, אמייסטער ווערק פון אלע זייטען, ער איזט געבויט אין אווילדע שטעפע, דאך וואר דארט גינוג גיטאן דורך מענטשען הענט, דאס אשטרעקע (אשטח) פון איינינע וויארסט ארום דיזעם לוסט שלאסע איזט אומגיוואנדעלט גיווארין אין איינעם ווארין פאראדיז (גן עדן), עס איזט דארט דא הערליכע וויזען (לאנקעם) מיט פאנטאנען, וועלדער פון קאסטאנין אונ פאלמען בוימר, לוסט גערטנער, קאנאלען מיט שיינע בריקלעך מיטען געבויטע (חמיזנעקעם פון הדסים), וואס ווארין אויפגעבויט אין זייא זייער שיינע אלטאנקעס טירקישע געצעלטען, גראטען (היילען), אונ אזוי זיינען דארט דא זייער שיינע פוס שטעגין בעזעצט פון ביידע זייטען מיט מארמארנע בילדער, נימפען (פרויען גישטאלטען) וואלד געטער:

אין דיזעם פארק (לוסט גארטין) האט זיך דיא יונגע קיניגין עזאבעלא בעלוסטיגט מיט אירע יונגע הויפדאמען וואס ווארין אין איר אלטער, אונ האט זיך גאנץ ווייניג געקימערט אום דיא רעגירונג וואס ליגט אין דיא הענט פון איהרער מוטער אונ פון מיניסטער עספארטערא:

בעפאר מיר וועלין אונז איינהארכין דאס גישפרעך וואס וואר צווישען דער יונגע קיניגין אונ איר יונגע הויפדאמע עווגעניא, וועלין מיר אבליק טאן אויף דעם קיאסק (טירקישען זומער הויז) אין וועלכעם עס איזט גיזעסין דיא קיניגין מוטער מאריא כריסטינע, לעבין איר וואס זיא וואר נאך גענוג שיין פון דער נאטור אונ דער צו נאך פיל מעהר פארשענערט דורך דיא הילפע פון איר טואלעטע (פוץ), איז גישטאנען אין איין בליצענדעם מונדיר איר גיליבטער לייב גווארדייסקער אפיציר מינגאץ, ניט וויט פון אים איז גישטאנען דער מיניסטער עספארטערא אין איינעם גאנצען יענעראלסקין איניפארעם (מונדער), זיין גיזיכט וואר וויא מיט איינעם טרויער וואלקין בעצויגין, דיזער עספארטארא וואס וואר צו גלייך הערצאג פון וויטטאריא, וואר אויך אגרויסער העלד וואס האט אין זיינעם לעבין געוואונען שוין פילע שלאכטען אונ וואר אויך העכסט בעליבט ביא דעם פאלק דאס ער וואר אויס גיקליבין פאר איין מיט רעגענט (מיט פיהרער) פאר דיא קיניגין מוטער מאריא כריסטיני, דיזער גרוישער מאן וואר איין בלוט פיינט פון דעם מינגאץ וואס וואר איר גיליבטער, אונ וואס זיא וואר אין בעגריף (בדעה) צו הייראטהען אים מיט דער צייט, אונ אזוי וואר ער אויך איין שטארקער געגנער פון איהרע ניינונג צו דיא יעזואיטען*) וואס זייער ציל וואר צו לייקען דיא רעגירונג

*) דאס זיינען אמין פרייסטער וואס ווארין יד אחד מיט דעם פאפסט ארונטער צו נעהמען דיא גאנצע וועלט מיט איהרע מלכים אונטער זייער ווילאדע, זייא ווארין גרויסע גילערענטע אונ גרויסע אינטריגאנטען, פלעגין זיך אריין צו מישין אין דיא פאליטישע זאכען, אונ האבין גרוישע אונגליקען אן גימאכט אין דער וועלט, אויך זיינען זייא דיא ערפינדער פון דער בלוטיגע אינקוויזיציע, אונ דאהער ווארען זייא ארויס גיטריבין פון פילע לענדער, אזוי אויך פון אונזער לאנד:

רעגירונג וויא נאך זייער זינען איזט, דיזער עספארטעריא וואר איין בראווער עהרליכער מאן, איין טרייער רעגירער פון זיין פאטער לאנד, דיזער קלוגער וועלט מאן האט איינגיזעהען דאס דיזע ביידע (דער מיניאץ אונד דיא יעזואיטען) זיינען פיל גיפעהרליכער פאר דאס לאנד אלס דיא קארליסטען וואס וועלין מיט דער צייט דאך בעזיגט ווערין (איינגינומען ווערין):

אויסער דיזע צוויא הערצאגען, אדיוטאנטען, אונ בישעפין איזט דארט גישטאנען איין גיוויסער יענעראל נארוואעץ וואס ער איז אקארסט גיקומען אהין פון שלאכט פעלד מיט נאכריכטען פון שטרייט, ער האט ערפאכטען אגרויסין זיג (נצחון) איצונד געגען דיא קארליסטען, אונ וואר דאהער העכסט גיאכט ביי דער קיניגין מוטער, דיזער נאוורואעץ וואר דאן אלט איאר אכט אונ דרייסיג, אונ וויא ער וואר אהעלד אין שלאכט פעלד אזוי וואר ער אויך אגרויסער העלד אום צו בעצווינגען דיא דאמען הערצען, ער וואר איין גיהיימער פיינד פון דעם עספארטערא, וייל ער האט אויך גישטרעקט (פערלאנגט) נאך דיא העכסטע מאכט אין לאנדע אונ וואלט זייער לייכט פארדריינגט דעם עספארטערא ווען ער וואלט זיך ניט געשייט פאר דיא קיניגין מוטער וואס וואר קליגער אלס פריטער:

„נוא וואס פאר גוטע נאכריכט בריינגען זיא אונז?" האט איהם דיא קיניגין מוטער גיפרעגט „א עס איזט שוין צייט דאס מיר זאלין שוין פון דיזע טרויעריגע צייט לויז ווערין":

„לייזער איז נאך גאנץ וייט דער פון" האט דער יענעראל אפגיענטפערט, „ווען אויך עס האט מיר גיגליקט אפ צו טרייבין אונזערע פיינדע פון טאלעדא, דאך זיינען זיא אבער נאך גינוג מעכטיג, אונ מיר מוזען צו אונזער אייגענע שאנדע געשטייהען (מודה זיין) דאס זיא האבין אונטער זיך גרוישע העלדען פאלקאווניקעס וואס פארשטייען זייער גוט דיא קריגס קונסט:

„נון מעכטע איך ווישין דיא נעמען פון זייערע מוטהיגע אנפיהרער" האט זיא זיך אפגירופין צו איהם „איבער הויפט צייכענען זיך אונטער זיא אויס" האט ער איהר גיענטפערט „דרייא, איינער איז איין שפאנער וואס הייסט אלימפיא אגואדא, דער צווייטער איז דער מארקיז דע מאנטאלאן, דער דריטער איז איין איטאליענער פיליפא ביאנאוויטא. דער ווילע זיינען אונזערע פיינד פארגידרונגען ביז דעם שטראם טאכא, זייערע פארטרופען (אטראדען) זיינען שוין אין אלקאלא, אונ זייערע קאנאנען שרעקין דיא הויפטשטאט מאדריד, דיזעס איזט אלעס וואס איך קען בענאכריכטיגען אייערע מאיעסטעט, איך בין אהער גיקומען אום נור צו וויסין צו וועל איך בעקומען שטיצע (הילפע):

„אונזער יענעראל קאנבא" האט זיך אפגירופין דער מיניסטער עספארטערא „וואס איז ניט וייט שוין פון טאלעדא, וועט זיך שוין באלד פאר איינגין מיט אייער ארמייא, אונ ער וועט זיין אייער אנפיהרער (פעלדמארשאל) אונ איר קענט אלזוי שוין רוהיג בלייבין:

דיזע אנטוואָרט פון דיזעם מיניסטער וואר איין שפיז אין דעם הערצען פון דעם גענעראל נאַרוואַעץ, דען עס האט אים גיקריינקט דאס ער וועט מוזען שטיין אונטער דיא קאמאנדע פון דעם קאנכא, אונ דאס גלייכען האט דיזע הארטע אנטוואָרט פון דעם מיניסטער פארדראָסין אויך דער קיניגין, דען זיא וואר דעם גענעראל זייער גוט, דאך איהרע קלוגהייט האט איר גיבאטין צו שווייגין אונ זיא האט גישוויגין, דאס איינציגע מיט וואס זיא האט אים גיקענט פארגיטין דער וויילע וואר דאס זיא האט אים אליין בעווירטעט מיט אקעלך ווין, אונ האט אים איינגילאדען אויף אבענד ברויט:

„נון זאל עס וואר זיין" האט זיך אפגירופין דער מינגאץ (דאס איז דער הערצאג פיאנצערעס דער גיליבטער פון דער קיניגין) צו דעם יענעראל נארוואעץ, דאס אויסער דעם דאן קארלאס געפינט זיך עפעס נאך איינער אפראנצויזיסער פרינץ וואס מאכט אויך אנשפרוך (טרעבאוואנע) אויף דעם שפאנישען טראן, אונ האט שוין אויך אגאנצע באנדע ביא זיך ארום נאווארע."

העטע עס איין אנדערער גימאכט אזוי אוויסטע פראגע אונ ניט דר גיליבטער, וואלט ער פאר גיוויס אריין גיפאלין אין דער גרעשטער אונגענאדע (נעמילאסט), ער איזט עס אבער אפגיקומען מיט איינער האלב אונצופרידענע איינווענדונג פון דער קיניגין מוטער. „נאך איז ניט יענער גיבארין האט זיא אים גיענטפערט וואס זאל קענען בעשטרייטען אונזער רעכט (פראווע) אויף דעם שפאנישען טראן, זעלבסט דער דאן קארלאס איזט נור איין אוזארפאטער (טראן רויבער) אונ וועלען אים אלזוי אין קורצין אויך אונטער דריקען, אונ איר הערצאג דער ציילט אונז ווייטער עפעס פריילינכערע נייעקייטען:

בייא אלעם דעם איז דער גיליבטער דער מיט אליין ניט אפגיקומען, ער האט נאך גיהערט פון איר שפעטער אפריידיגט פון אונטער דעם פארהאנג, דיא גיוואוינליכע שטעלע פאר יעדע גיליבטע אום אפצורעכענען זיך דארט מיט איר גיליבטין — דער ווייל אבער האבין מיר פון וואס נייטיגערס צוא ריידין דאס גישפרעך פון דער יונגע קיניגין איזאבעלע מיט איר יונגע האפדאמע עווגעניע, וואס צו זייא ביידין האט זיך צו גיווענדעט דר יענעראל נארוואעץ:

(דיא יונגע קיניגין איזאבעלע וואר דאן אלט קוים פערצעהן יאר, אונ בייא אלעם דעם האט זיא אויסגיזעהן אזוי פון איר וואוקס אזוי וויא פון איר פערשטאנד אונ פון איר שוינהייט ווי אמיידכען פון איאר אכטצעהען, דען דארט אין שפאניען ווערין דיא מיידכען פיל גיכער רייפער (צייטיגער) אלס דיא מיידכען אין אונזערע לענדער, דיזער פאל וואר אויך מיט דער עווגעניא וואס וואר שוין מיט אפאר יאר עלטער, דיזע ביידע מיידכען האבין דאן אומשפאצירט אין פארק (לוכט גארטין) גיקליידעט העכסט שארמאנט, דיא איזאבעלע איזט גיגאנגין פאר אוים מיט אוועלקע (וויאנען) בלומע אין האנט וואס זיא האט איר אלע וויילע גיקוסט אונ גיהערצט, אונ נאך איר איז גיגאנגען דיא עווגעניא מיט אטייערין פאכער אין האנט, אונ האט זיך אריין גילאכט אין בוזען ווישענדיק

דאס

דאס גיהיימניס וואס עס איז פאר בונדען מיט דיזער בלומע, אונ אזוי אויך האט דער פון גיוואוסט די קליינע פריילין פאאולא דע בעלוויל איינע פראנצויזישע מארקיזין, וואס איזט זיך דאן אומגילאפין אין פארק אום צו פאנגין מיט אשעטקע די זומערפייגלעך, אונ דער יענעראל נארוואעץ איז זיך נאך גיגאנגען הינטער ביידע דאמען גאנץ פון ווייטען דאס זייא האבין אים גאר ניט גיזעהען :

"יא איך וייס וועגין וואס איר דיינקט איצונד" האט זיך אפגירופין די עוועניא צו דער איזאבעלע, "איר מוזט פאר גיווים איצונד דיינקען פון דעם גענעראל סערראנא, אונ איר שטעלט אייך איצונד פאר וויא ער האט זיך איינגיבויגין אונ האט אב גיפליקט דיזע בלומע אונ האט אייך דער לאנגט :

"וואו קען ער איצונד זיין ?" האט די איזאבעלע איר גיפרעגט, "א קיניגין !" האט זיא איר גיענטפערט "מיר האבין ביידע איין שיקזאל, אונזערע ביידענס גיליבטע שטייען איצונד אין דעם פייער פון שלאכט" :

"הער צו עווגעניע !" האט זיך די איזאבעלע אפגירופין צוא איר "מיר ביידע זיינען דאך אינטימע פריינדע אונ האבין אלזוי קיינע גיהיימנישע פאר איינאנדער, נון וויל איך וויסין ווער איזט דער גליקליכער וואס דוא האסט אים דיין הערץ פאר שיינקט. גיווים איינעם פון די ביידען ענטוועדער דעם נארוואעץ אדער דעם הערצאג אלבא :

"עס איזט זויא טייערע קיניגין" האט איר עווגעניע גיענטפערט, "איך בין שטערבליך פאר ליבט אין דעם ערסטען וואס זייא האבין דער מאנט, איך מיין דעם נארוואעץ :

"אלזוי זייא עס מיט גליק" האט איר די קיניגין גיענטפערט, "אונ מיר דארפין אלזוי גאט בעטין דאס מיר זאלין אונז זעהען מיט זייא אומגיזאמט גיזונדערהייט, זייא זיינען ביידע ווירקליך גרוישע מענער אונ פערדינען גיליבט צוא ווערין פון אונז, זייא זיינען ביידע גרויסע פאטריאטען (פריינדע פון פאטערלאנד) :

דיזען גישפרעך זייערין האט באלד אונטער בראכען (מפסיק גיוועזן) די קליינע מארקיזין דע מאלוויל, מיט דער נאכריכט דאס דער יענעראל נארוואעץ שפאצירטע אום דא ניט וייט, דיזע ביידע מיידכען האבין זיך איין עטוואס סטראוואזעט, די איזאבעלע האט באלד בעהאלטין די וועלקע בלומע, די עווגעניע דעם פאכער, אונ האבין זיך אומגיקוקט אהינטער, אונ די איזאבעלע האט אוואונק גיטאן צוא דעם יענעראל דאס ער זאל אונטער גיין צוא זייא געהענטער :

"איך ביטע אום פארצייהונג אייערע מאיעסטעט" האט זיך אפגירופין דער נארוואעץ "דאס איך שטערע אייך אייער גישפרעך".

"אזוי, זייא זיינען היר ?" האט זיך אפגירופין די איזאבעלע אבליק טועגדיק אויף די עווגעניע וואס איז גיווארין רויט איבער די אויערין "איר זייט אונז איין אונגערעכטעטער גאסט דאך אבער איין ווילקאמענער גאסט" :

איך

„איך בין היינט גיקומען, אונ ארום האלבע נאכט ציהע איך ווידער אפ אין שלאכט, איך בין דא גילאדען פון איר מוטער קעניגין צו אבענד ברויט, אונ מיר שפאצירען דא אוויילע אום אין דיזעם בערימטען פארק, איך בין גיקומען מיט נאכריכטען צו איהרע קעניגין מוטער פון פעלד שלאכט:

„אלזוי דאנקען מיר אייך דאס זעלבסט אין שלאכט געטימעל פאר געסט איר אייך ניט אן אונז״:

„א איך פאר געס מיך ניט אן אייך שטענדיג אזוי גאר אין קריגעס פייער, איך לעבע אונ שטארב נור פאר אייך״. „אלזוי זיינען מיר דאפעלט ווערט (טייער) האט זיך דיא קעניגין אפגירופין דען זייא זיינען דאך דער גיליבטער פון מיינער פריינדין עווגעניע״, „פארגיווים זייט איר גיוועזען מיין פירשפרעכער בייא איר, האט ער איר גיענטפערט, אלזוי האב איך נור איירע מאיעסטעט צו דאנקען פאר איר אויסוויילען מיך פון הונדערטע מיינעם גלייכען״:

„נוא זאגען זייא מיר יענעראל״ האט זיך דיא איזאבעלע אפגירופין צוא אים, וואס פאר נאכריכטען האבין זייא מיט זיך גיבראכט פון לאגער? וואס מאכט דער יענעראל אובעדא, דער גראף טארטאזע, דער הער סערראנא אונ פרים? „דער יענעראל סעראננא״ האט ער איר גיענטפערט „וואר פר איינינע טעג אין אנגעפעכט לעבין טאלעדא, אין וועלכער ער איזט.

„הא! וואס! גיווארין פאר וואונדעט?״ האט זיא אים גיפרעגט מיט גרויש האסט:

„ער האט בעקומען אקליינע ראנע אין פלייצע, אונ בייא אלעם דעם האט ער דעם פיינט אפ גיטריבין״ האט איר אפגיענטפערט דער נארוואעץ

אין דעם אלס דיזער יענעראל האט גישפראכין מיט דיזע צווייא פארנעהמע דאמען ביז עס איזט גיווארין רעכט דונקעל, האט ער בעמערקט דאס אונטער איינעם בוים שטייט איונגער פריסטער (אגלח) איינגיוויקילט אין זיין פריסטער מאנטעל, אונ זיין קאפע (היטעל) איזט אים טיף אראפ גירוקט אויף דאס גיזיכט אונ ווינקט דאס ער זאל צוא גיין צוא אים, צוואר איזט אין שפאניען אגאנץ גיוואוינליכע זאכע צוא זעהען פריסטער פון פארשיידענע קאנוועטען (חברות) פראנציסקאנער, דעמלעקאנער, יעזואיטען, אין דעם קעניגליכין הויף, דאך וואר אים דאס ווינקין פון דיזעם יונגין פריסטער צו אים אין דיזער שטעלע אונ אין דיזער צייט וואס ער שפרעכט מיט אזעלכע פארנעהמע דאמען זייער אויפפאלענד (וואונדערליך) אונ האט פאר שטאנען דאס ער מוז צו אים האבין עפעס איינע וויכטיגע זאכע, דען דיא פריסטער אין שפאניען זיינען צו גלייך דיא גרעסטע פיסקאלען אונ פאליטיקאנטען, אונ דאהער האט ער אים גיטאן אוואונק צוריק דאס ער זאל ווארטען אויף אים, אונ אין פערלויף פון איינער האלבע שטונדע, אלס ער האט גינומען אבשייד פון דיא דאמען, איז ער צו גיגאנגען צו דיזעם פריסטער אונ האט אים גיפרעגט וואס האט ער אים צו זאגין.

„איך האב מיך בעאיילט צוא קומען אהער פון אלקאדי״ האט אים דער

פריסטער

פריסטער גיענטפערט, „איך בין אבער קיין פריסטער, איך בין נור פאר קליידעט פאר אפריסטער דאמיט איך זאל מיך קענען דורך דיא פיינדליכע פיקעטען דורך שלאגין, אונ אנדערס וואלט עס אונמעגליך גיוועזן, אונ בין גיקומען צו אייך צו זאגין דאס דיא קארליסטען האבין אויס גידיינקט וואס ניט גוטעס וועגין אייך אונ וואס עס זאל עס גישעהען היינט אדער מארגין, אונ איך פאר לאנג פון אייך מער ניט דאס איר זאלט מיך דא ניט פארהאלטען, אונ אויך ניט אויס געבין דאס איך וואר ביא אייך" :

„אונ ווער ביזטו עס פאר איינער?" האט אים דער נארוואעץ גיפרעגט דאס איך זאל דיך ניט אויסגעבין? „איך בין קיין פריסטער, אונ אויך קיין מאנספערזאָן" אונ ריידענדיג דיזעס האט זיא אראפּ גיווארפין פון זיך דעם פריסטער מאנטעל מיט דער קאפּע פון קאפּ, אונ האט זיך אלזוי ארויס גיוויזין דאס זיא איזט נור אמיידכען „נון זעהען זייא יענעראל" האט זיא צו אים ווייטער גיזאגט „דאס איך בין נור איינע שוואכעס ווייב (נקבה), אונ האב אויס ליבע צו אונזער קיניגין אונ צו אייך גיוואגט מיין לעבין דורך דיא פיינדליכע פיקעטין אום צו מעלדען אייך דאס איינער פון דיא מוטהיגסטע קארליסטישע אנפיהרער (פאלקאוואדצעוו) מיט נאך זיינע צוייא פריינדע וואס זיינען ניט ווייניגער מוטהיג אלס ער האבין איצונד פאר לאזין זייער שטעלען אונ דרייען זיך אום דא ארום מאדריד, אלזוי זאלט איר וויסין דאס עס דראהעט (שטראסעט) אייך אונ אלע אייערינין איין גרויסעס גיפאהר (סכנה) :

„דומהייט!" האט זיך דר נארוואעץ אפגירופין „אזויא מאן וויא איך זאל מיך שרעקין פר דריי קארליסטען" „איר זאגט עס נור" האט זיך דאס מיידכען אפגירופין „ווייל איר קענט זייא ניט" „דוא זאגסט אזוי מיין קינד" האט איר דער יענעראל גיענטפערט „נור אויס דיזעם גרונד, ווייל איינער פון זייא האט דיך בעטראגין מיט זיינע פאלשע ליבע, נון ווילסט דוא דיך רעכענען אן אים מיט דעם וואס ער זאל אריין פאלין אין מיינע הענט, אלזוי מיינסט דוא דער בייא פיל מעהר אום אויס צו פירין דיין ראכע (נקמה) אלס דיינע טרייהייט צו אונזער קיניגין, דאך בייא אלעם דעם ביזט דוא דאך איר קיינע פיינדין, קום אלזוי אריין אין הויף איך וועל הייסין געבין דיר עסען אונ איינע בעלוינונג" „ניין מיין הער!" האט זיא אים גיענטפערט „איך ברויך ביידעס ניכט" אונ בעאיילע שוין מיך צוריק" :

„אונ וויא הייסין זייא דיזע דיינע דרייא מוטהיגע העלדען?" האט ער בייא איר גיפרעגט „איינער הייסט" האט זיא זיך אפגירופין „פיליפפא, בואנאוויטא, דער צווייטער הייסט דאן אלימפיא אגואדא, וואס איז איין מארקיז, דער דריטער הייסט קלאד דע מאנטאלאן, אונ בין גאנץ גיוויס דאס זייא מייגען צו זיין דא אין דיזער נאכט, אונ נור זייערע דרייא, דאס זיינען אבער ווילדע טיגער אבער קיינע מענטשען, אלזוי נעמט אייך אין אכט וועגין זייא", „אונ וויא הייסט דוא?" האט איר דער יענעראל גיפרעגט „איך הייס זואנא אונ וויל ווירקליך זיך

רעבענען

רעכענען אן דעם פיליפפא , אונ דער מיט אליין בין איך שוין פון אייך געלוינט גאנץ גינוג״ :

ביא דיזע ווערטער האט זיא גינומען אפשייד פון אים , אונ ער האט גיהאלטין ווארט דאס ער האט קיינעם דער ציילט דער פון , אונ באלד נאך דעם אוועגד ברויט האט ער זיך זייער גוט בעוואפענט , האט זיך ארויף גיזעצט אויף זיין גוטען פערד , אונ איז זיך אוועק גירייטין אום צו קומען קיין טאלעדא , עס וואר שוין רעכט נאכט אלס ער איז ארויס גירייטין פון דעם שלאס אראנזועץ :

3

"דער שווארצער שטערן"

אין דער זעלביגע צייט וואס דיזע אלע זאכען זיינען גישעהען אין דעם שלאס אראנזועץ זיינען זיך גילעגין צווייא אפיצירין פון ארלאניסטען אויף א שטיק וויזע (פעלד) וואס איזט אין איינעם קאסטאניען וואלד וואס ציהעט זיך אין דער לייג פון דער ביידע קאסטאלישע שטעפע אונ האבין ! צווישען זיך גישפראכין , לעבין זייא זיינען גילעגין דערנעם , צווייא טייערע ביקסין , אונ פון אונטער זייערע גארטלען וואר גיזעהן ארויס צו זעהען טייערע פיסטאלעטין אונ קינזאלין , זייערע ביידענס פערד ווארען צו גיבונדין צו צווייא בוימער אין גידיכטין וואלד ניט ווייט פון זייא , איינער וואר אלט איאר פינף אונ צוואנציג מיט איינעם שווארצען רונדען בארד , דאס גיזיכט געברוינט פון דער זון אונ פול מיט מוטה אונ אדעל , אונ האט ארייין גיקוקט אין גאטעם וועלט ווילד וויא איין רעבהון אונ העכסט אונגעדולדיג , דיזער מאן האט גיהייסין מארקיז (גראף) דע מאנטאלאן , דער צווייטער וואר דער בעריהמטער אלימפיא, ער וואר שוין מער אלס דרייסיג יאר אונ האט זיך דאן פערהאלטען גאנץ רוהיג , האט גירייכערט איינע ציגארע אונ האט גילאזין דעם רויך פון מויל גאנץ זאכט אונ בעדעכטיג וויא איינער וואס ליגט זיך גאנץ בעקוועם (וויגאדנע) נאך אגוטין מיטאג ביי זיך אין נאבינעט אויף אווייכע זאפע, ווייל ער האט ניט גיהאט וואס זיך צו קימערין אום דיא צוקונפט (וועגין דיא קומענדע צייט) , דיזע זארגלאזיגקייט (מנוחת הנפש) פון דיזעם אלימפיא האט זייער פערדראסין דעם מארקיז דע מאנטאלאן אונ האט עס אים זייער שטארק אוים גירעט :

"איך פערשטייא דיך ניט אלימפיא" האט זיך דער מארקיז אפ גירופין צו אים "וויא דוא קענסט אזוי רוהיג אונ געדולדיג איין ליגין דא אויף דיזעם פלאץ, אין דיזער צייט וואס אונזער פיליפפיא האט זיך גיוואגט צו טאן אזוי אגעפערליכען שריט אין איר , אונ פערזאמט זיך אזוי לאנג אום צו קומען צוריק , איך בין העכסט צו זארגט וועגין אים , דען העטע אים דארט געגליקט , האט ער שוין לאנג גידארפט צוריק זיין , דען עס איז דאך פון ארענזועץ ביז אהער קוים איינע שטונדע רייז , אלזוי פערגעווים האט מען אים ערגריפין :

„אָ זַייא רוהִיג דוא מַאנְטַאלָאן! הָאט זִיךְ אָפּ גִירוּפִין דֶער אָלִימְפִּיָא״ אוּנְזֶער פִּילִיפְּפָּא וֶועט אוֹיף דֶעם פַייעֶר נִיט בְּרֶענֶן, עֶר קֶען אוּנְטֶער נֶעהְמֶען אַשְׁטְרַייט זֶעלְבְּסְט מִיט דֶעם טַייוִויל, אוּנ צוּ גְלַייךְ אוֹיס פִּירִין, אוּנ דָאס וָואס עֶר פַאר נַאמְט זִיךְ אִיז נוּר וַוייל עֶר מוּז זִיךְ אַמוּזִירֶען אִירְגֶענְד וואו מִיט אַשֵׁיינֶע מֵיידְכֶען, דֶען עֶר אִיז אַגְרוֹיסֶער בַּאלִין אוֹיף אַזֶעלְכֶע גִישֶׁעפְטִין „אוּנ דָאס גְרַאדֶע מַאכְט מִיךְ גַאנְץ בְּעזָארְגְט וֶועגִין אִים, דֶען אִיךְ ווייס אִים דָאס עֶס אִיז בַּייא אִים רֶעכְט צוּ בֶּעצָאלִין פַאר אַזוּ אַשֵׁיינֶע שְׁטִיקִיל סְחוֹרָה זֶעלְבְּסְט מִיט דֶעם לֶעבִּין, אֵיינֶע פְּרַאבֶּע דֶער פוּן הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גִיזֶעהֶן פוּן זַיינֶער הֶעכְסְט גִיפֶעהְרְלִיכֶע לִיבֶּע צוּ אֵיינֶע מֵיידְכֶען וָואס הֵייסְט זוַאנַא אֵיינֶע גְרוֹיסֶע שֵׁיינְהַייט, אֵיינֶע אֵיינְצִיגֶע טָאכְטֶער פוּן דֶעם אַלְקַאלְדַא (גוּבֶּערְנַאטֶער) פוּן אַלְקַאנָא, עֶר הָאט אִיר פַאר פִירְט, אִיזְט גֶעוָוארֶען אוּנְטְרֵייא, אוּנ זִיא פֶערְפָאלְגְט אִים (רוֹדֵף) זֵייעֶר שְׁטַארְק, דֶען זִיא שְׁפִּירְט אוֹיף אַלֶע זַיינֶע טְרִיט, וִויא אַיין וִוינְעל דֶעם פוּקְס, אוּנ וֶועט אִים מִיט דֶר צַייט מַאכִין גַאנְץ אוּנְגְלִיקְלִיךְ „וֶועט אִים גִיוִויס אַמָאל אוֹיס גֶעבִּין הַיינְט אָדֶער מָארְגִין אוֹיף זַיינֶע גִיפֶערְלִיכֶע (אַפַּאסְנֶע) אוּנְטֶער נֶעמוּנְגֶען״:

„אָ זָאג עֶס נִיט״ הָאט זִיךְ דֶער אִילִימְפִּיָא אָפּ גִירוּפִין „נָאךְ הָאבּ אִיךְ נִיט גִיזֶעהֶן אַיין מֵיידְכֶען וָואס הָאט זִיךְ שׁוֹין אֵיינְמָאל עֶרְגֶעבִּין אַיינֶעם לִיבְּהָאבֶּער, בְּלַייבְּט זִיא אִים שׁוֹין טְרֵייא בִּיז אִין גְרוּבּ אַרַיין, זֶעלְבְּסְט בַּייא זַיינֶער גְרֶעסְטֶע אוּנְטְרֵייהַייט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גִינוּג פְּרַאבִּין גִיזֶעהֶען דֶער פוּן, אוּנ בִּפְרַט דִיא זוַאנַא וָואס זִיא הָאט פַר אִים גִיאָפְּפֶערְט אִירֶע עֶלְטֶערְן, אִירֶע רוּה, אוּנ אִירֶע אוּנְשׁוּלְד״:

„נֵיין אָלִימְפִּיָא״ הָאט זִיךְ דֶער מַארְקִיז דֶע מַאנְטַאלָאן אָפּ גִירוּפִין „גָאט זָאל אוּנְז אַלֶעמֶען אוֹיס הִיטִין פוּן אֵיינֶער גִירַייצְטִין אוּנ גִיקְרֵיינְקְטֶער לִיבֶּע, וִויא דֶער אַלְטֶער שְׁפְּרִיךְ וָוארְט זָאגְט״ דְרַייא זַאכִין לַיידִין אַזוֹ גָאר קֵיין שֶׁערְץ נִיט (קַאטַאוֶועס), דָאס אוֹיגֶע, דִיא עֶהְרֶע, אוּנ דִיא לִיבֶּע:

„שְׁוַוייג״! הָאט זִיךְ אָפּ גִירוּפִין אָלִימְפִּיָא „מִיר דוּכְט דָאס מֶען רַייט, דוּא זֶעהְסְט דֶעם שְׁטוּיבּ״? „דוּא הָאסְט רֶעכְט הָאט זִיךְ אָפּ גִירוּפִין דֶער מַארְקִיז „עֶס אִיזְט פִּילִיפְּפָּא, אִיךְ דֶער קֶען עֶס אָן דִיא טְרִיט פוּן זַיין פֶערְד, דָאךְ רַייטֶעט עֶר אַבִּיסִיל צוּ גִיךְ, נוּן בִּין אִיךְ ווִידֶער בֶּעזָארְגְט צוּ יָאגְט מֶען אִים נִיט״ אִין דִיזֶעם גִישְׁפְּרֶעךְ אִיז אָן גִיקוּמֶען דֶער פִּילִיפְּפָּא פַאר שְׁטוּיבְּט אוּנ פַאר שְׁוִויצְט, אוּנ אִיז אוֹיפְגִינוּמֶען גִיוָוארִין פוּן דִיזֶע בֵּיידֶען פְרַיינְדֶע זַיינֶע הֶעכְסְט פְרַיינְדְלִיךְ אוּנ לִיבְּלִיךְ אוּנ הָאבִּין אִים אִיבֶּער הֵייפְט מִיט פְרַאגִין וֶועגִין זַיין פֶערְזַאמֶען זִיךְ, אוּנ וִויא אִיז עֶר דוּרְךְ גִיקוּמֶען דוּרְךְ דִיא פַיינְדְלִיכֶע אַטְרַאדֶען (פִּיקֶעטִין), עֶר אָבֶּער הָאט זַייא גָאר נִיסְט גִיעֶנְטְפֶערְט, הָאט זִיךְ נוּר אַלִיץ אַרוּם גִיקוּקְט וַוייט אִין דֶער שְׁטֶעפֶּע „אוּנ וָואס זֶעהְסְט דוּא״? הָאט אִים וַוייטֶער גִיפְרֶעגְט דֶער מַארְקִיז „בִּיזְט דוּא גִיוֶועזֶען אִין אַרַאנְזוּעֶץ״? „אִיךְ וַואר דָארְט״ הָאט דֶער פִּילִיפְּפָּא גִיעֶנְטְפֶערְט „אִיךְ הָאבּ מִיךְ בֶּעהַאלְטִין דָארְט אִין פַּארְק, עֶס אִיז דָארְט הַיינְט אַיין אָוֶוענְד אִין דֶר קִיאַסְקֶע (אִין דֶעם טִירְקִישֶׁען גִיצֶעלְט), אוּנ בִּין גִיוֶועזֶען אַזוֹ נָאהֶענְט פוּן דֶער אִיזַאבֶּעלֶע אוּנ פוּן אִיר הוֹיפְדַאמֶע עֶווגֶענֶע אַזוֹ נָאהֶינְט ווִי אִיךְ בִּין אִיצוּנְד פוּן אַייךְ:

הערליך

„הערליך אוים געצייכענט“! האבען דיא ביידע פריינדע אויס געשריען „און דיך האט דארט קיינער בעמערקט“? האבען זיא איהם ווייטער געפרעגט „מיך האט קיינער געזעהן“ האט ער זיא געענטפערט, איך בין געלעגען זייער גוט פאר שטעקט אונטער דיא קאסטאניען בוימער, עס איז אבער קיין צייט צו פלוידערן איצונד, עס איז איינע מינוט טייער, געשווינד אויף דיא פערד, היינט ביי נאכט מוז דורך אונז געפאנגען ווערין דיא קעניגין:

„עס האט זיך דאך וואס אונגעוואונליכעס געטוהט מיט דיר זיך טרעפין“ האט זיך אפ גערופען צו איהם דער מארקיז, דען דוא זעהעסט אויס עפעס העכסט אונרוהיג:

„איך שווער ביי אלער היילינקייט“ האט זיך דער פיליפפא אפ גערופען דאס איך האב געזעהן עפעס אזו אזאך וואס ווייזט וואס ניט גוטעס פאר אונז. אלס איך בין אוועק פון אראנזוועץ האב איך אום אויס צו מיידין דיא פיינדליכע פיקעטין (אטראדען) וואס דרייען זיך ארום שטאט געמאכט אגרויסען אומוועג דורך דיא שטעפע, און האב צו מיינעם גליק ניט איינעם פון זייא אן געטראפין לבד איינעם יונגען גייסטליכין וואס האט מיך אויס געמידין אלס ער האט מיך דער זעהן, און האט זיך פאר לארין אין דער דונקעלהייט פון דעם אווינד, נור אונטער בייטענדיק אביסיל ווייטער האב איך דער זעהן דאס ניט ווייט פון מיר רייטין אין דער שטעפע פאר אויס, דרייא רייטער, און וויל איך האב געמיינט דאס דאס זיינען פון אונזערע פיינדע, האב איך מיך אלאז געטאן צו זייא וויא אפייל פון בויגן, און וואלט מיט זייא געוויס צו רעכט געקומען ווען זייא וואלטין ווירקליך אונזערע פיינדע געוועזן, צום אומגליק אבער וואַרין זייא עס ניט, און ווייס נאך ביז איצונד ניט ווער זייא ווארען, איך וואר שוין לעבין זייא גאנץ נאהענט און זייא זיינען זיך געריטען גאנץ זאכט טריט ביי טריט, זייא וואַרין געקליידעט גאנץ וואונדערליך איין געהילט אין גאנצע לאנגע מאנטלען פון פעל. דער עלטערער האט געריטען פאר אויס, אויף זיין קאפ האט ער געטראגן אטורבאן (אטירקישע היטיל) וואס וואר איהם אראפ געקוועטשט ביז דעם האלבין געזיכט, אויף איינעם דארינקען פערדיל, נאך איהם האט נאך געריטין איינע אלטע פרויא איין געטולעט און איין געהויקערט גלייך וויא עס וואלט אויף איר געלאסטעט אגאנצער פאק פון קומער און פון ליידין, צום לעצטין איז געריטין איין מיידכען אויך גאנץ פאר וויקילט, דאס עס וואר ניט צו זעהן איין עטוואס פון איר געזיכט, זייא האבין זיך געריטין גאנץ רוהיג גלייך וויא זייא וואלטן גאר ניט געמערקט דאס איך רייט זייא נאך, אין אנפאנג האב איך געמיינט דאס דאס זיינען נור ציגיינער, נאכהער אבער האבען זייא מיר שוין אויס געוויזען עפעס וויא גייסטער וואס זיינען בעטראגען מיט אדונקעלען טומאן“.

„עס האט זיך דיר אזו געדוכט“ האט זיך אפ גערופען דער מארקיז „וויל דוא ביזט איין איטאלענער וואס אין דיין לאנד ווערט אין דעם געגלויבט זייער שטארק“ א דער מענטש איז פון נאטור אבער גלויביש“ האט איהם דער

פיליפפא גיענטפערט, אונ זיינע פרייע גייסטערע דויערט נור אזו לאנג וויא אחינטיל שטייט שלוז, דאס וויא מען נור זיך פארקוקט אן אזייט פאלט ער ווידער אויף אלע פיר וואס דאס איז זיינע נאטירליכע שטעלונג, אזו האט אויך דער פריינייסט נאפאליען דער ערסטער זיך בעדינט אין זיינע קריטישע (שלעכטע) צייטין מיט דער לאזונג (גורל ווארפין) מיט זיינע צוויא סקארפעטקעס, אונ ביא דעם גרויסין פרייע גייסט בייראן האט מען נאך דעם טויט גיפונען אקמיע ביא אים אויף דעם הערצין, אונ זעלבסט דער שאול אידישער קיניג וואס האט אוים גיגרונטעוועט פון זיינעם לאנד דיא טויטין בעשווערער, האט זיך דער נאך אין זיינער נויט זעלבסט בעדינט דער מיט, אזו איז דער מענטש גימאכט, אונ דאס זעלבע בין איך אויך, נור גינוג דר פון, „ווער זייט איר" האב איך זייא גיפרעגט, נור ניט איינער האט מיר גיענטפערט „איך שווער ביא אלער הייליגקייט" האב איך מיך ווידער צו זייא אפ גירופין „ווען איר וועט מיר ניט ענטפערין שיס איך אייך טויט, וואו הין רייטעט איר"? מיר רייטין פון אבענדזייט (מערב) צוא דעם מארגענזייט (מזרח), האט מיר אפ גיענטפערט דער אלטער, אלזו לאז אונז ריזין אין פריידין, אונזער זאנע (זון) איז נאך ניט אונטער גיגאנגען (דאס הייסט מיר האבין נאך צו לעבין):

ביא אלעם דעם בין איך אונטער גירייטין צו אים נעהנטער, האב אויף גיהויבין אביסיל זיין היטיל אונ גיזעהן דאס ביא אים אויף דעם שטערין איזט אשווארצער פלעק אין דער גישטאלט פון אשטערין, דיא ביידע ווייבס פערזאנען זיינען זיך גירייטין דער ביא גאנץ רוהיג אזו גלייך זיי וואלטין מיר גאר ניט במערקט:

„נוא אלזו האסט דוא געווים געזעהען דעם שווארצען שטערען" האט זיך אפגערופען „דער מארקיז קלאד" איך הער זייער אפט דער ציילענדיק דער פון אונ וויים דאך ניט וואס דאס מעהר איז דער מיט, „א איר וועט דער פון שוין וויסען באלד ריישענדיק קיין אראנזועץ" „האט זיך אפ גירופען דער אלימפיא" דער ווילע לאמיר קיינע צייט פאר לירען, געשווינט אויף דיא פערד, עס מוז אין דיזער נאכט וואונדער גישעהען, מיינע דאלארעס (אנעליבטע זיינע) וועט פאר מיך גאט בעטין, אונ ער וועט איר ערהערען, דען זיא איזט ריין וויא אין איינגעל, א עלענדעס קינד! אלזו דוא מארקיז רייטע ביא מיינער רעכטע האנד, אונ דוא פיליפפא רייטע ביא מיינער לינקע האנד, אום איר זאלט קענען גוט אויס הערין פון מיר איבער דיא צייט פון אונזער רייטען קיין אראנזועץ אלעס וואס איך וויים וועגען דעם שווארצען שטערען.

„עס גייט איינע זאגע (אגדה) אין שפאניען האט ער אנגיהויבען צו דערציילין דאס דיא ערשיינונג (בעווייזען זיך) פון דעם שווארצין שטערין צייגט אלע מאל אויף אגרויסעם אומגליק וואס וועט טרעפין דעם קיניגליכען הויף, דאהער האבין מיר צו האפין דאס מיר וועלין אונזער פלאן וואס מיר ווילען פאנגען דיא יונגע קיניגין זייער לייכט אויס פירען אין דיזער נאכט.

קוים האט ער בעענדעט דיזעם לעצטין ווארט, האט ער איינגיהאלטין זיין

פערד

פֶערְד דָאס עֶר הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט דוּבָּאם „אָ וִויא אִיךְ לֶעבּ„! הָאט זִיךְ דֶער אַלִימְפִּיָא דֶער בַּייא אָפּ גִירוּפִין „אִיךְ זֶעה פוּן וַוייטִין וִויא עֶס רַייטֶען גֵייסְטֶער גִישְׁטַאלְטִין„ בַּייא דִיזֶעם אוּיס שְׁרַייעֶן זַיינֶעם הָאבִּין זִיךְ דִיא אִיבֶּערִיגֶע צְוֵוייא אוֹיךְ אָפּ גִישְׁטֶעלְט לֶעבִּין אִים, אוּנ הָאבִּין זִיךְ בֶּעקֶענְט (מוֹדֶה גִיוֶוען) דָאס זַייא זֶעהֶען דָאס נֶעמְלִיכֶע, אוּנ דֶער קְלָאד מַאנְטַאלָאן הָאט נָאךְ צוּ גִילֵייגְט דֶער צוּ דָאס זַייא זֶעהֶען אוּיס וִויא דֶער שְׁוַוארְצֶער שְׁטֶערְן, אוּנ דִיא דְרַייא רַייטֶער הָאבִּין זִיךְ גִישְׁטֶעלְט אִין פְרוּנְט מִיט דִיא וַואפִּין אִין הַאנְד אוּם צוּ מַאכִין דֶעם הָאנָאר (צֶעסְט) פַאר דִיא גֵייסְטִיגֶע קָאמְפַּאנְיֶע וָואס וֶועט דָא פָאר אִיבֶּער צִיהֶען פַאר זֵיי, עֶס הָאט דַאן שׁוֹין דֶער מָאנְד גִישַׁיינְט, אוּנ אֵיינֶע טוֹידֶעס שְׁטִילֶע הָאט גִיהֶערְשְׁט אִין דֶער שְׁטֶעפֶּע אַרוּם זֵייא, אוּנ דִיא קָאמְפַּאנְיֶע פוּן דִיזֶע גֵייסְטִיגֶע רַייטֶער הָאבִּין זִיךְ גֶענֶעהֶרְט (פָּאבְּלִיזֶעט) צוּ זֵיי מֶעהְר שְׁוֶועבֶּענְד אִין דֶער לוּפְט אַלְס רַייטֶענְדֶען, אוּנ הָאבִּין אַזוֹ מִיט אֵיינֶער שְׁוַויינֶענְדֶע פַייֶערְלִיכְקַייט (פַּארַאדֶע) פַאר בַּייא זַייא אַוֶועק גִירִיטֶען, דִיזֶע דְרַייא הֶעלְדִין אוּנְזֶערֶע וָואס הָאבִּין אִין זַייעֶר לֶעבִּין דֶעם טוֹיט נִיט גֶעפִירְכְטֶעט, זַיינֶען גִיוָוארְן בַּייא דִיזֶער שְׁצֶענֶע דוּרְךְ דְרוּנְגֶען פוּן אֵיינֶעם הֵיילִיגֶען שׁוֹיֶער.

דָאס פֶערְד פוּן דֶעם אַלְטֶענְקֶען וָואס הָאט גִירִיטֶען פָארְאוּיס הָאט אוּיס גִיזֶעהֶן וִויא פֶערְמַאטֶערְט, דֶער קָאפּ אַרָאפּ גִילָאזִין, דֶר צִינְגֶל (בָּאוָואד) אִיז אִים גִיהַאנְגֶען אִיבֶּער דֶעם הַאלְדְז, אוּנ דֶער אַלְטֶער וָואס אִיז אוֹיף אִים גִיזֶעסִין הָאט אִים גִילָאזִין פְרַייעֶן גַאנְג, הָאט אִים נִיט גִיקֶערֶעוֶועט, נִיט אָנְגֶעטְרִיבֶּען, אוּנ נִיט צוּ גֶענוּקְעט דָאס עֶר זָאל גֵיין גִיכֶער, דִיא מֶעהְנֶע (גְרִיוֶוע) פוּן דֶעם פֶערְד וַואר דוּרְךְ גִיפְלָאכְטִין מִיט זִילְבֶּערְנֶע אוּנ גִילְדֶערְנֶע שְׁנִיר, אוּנ דֶער זָאטִיל וַואר בַּייא זַיינֶע קוּלְבֶּען בֶּעשְׁלָאגִין מִיט זִילְבֶּערְנֶע אוּנ גָאלְדֶענֶע בְּלֶעךְ, וִויא בַּיי דִי אַרַאבִּישֶׁע רַייטֶער. נָאךְ דֶעם אַלְטִין אִיז זִיךְ נָאךְ גִירִיטֶען דִיא אַלְטֶע הוֹיקֶערְדִיגֶע פְרוֹיא, דִיא הָאט אוּיס גִיזֶעהֶן שׁוֹין וִויא אֵיינֶע צִיגַיינֶערִין, אוּנ אִיר אוּנְאָנְגִיטְרִיבֶּענֶער פֶערְד אִיז זִיךְ נָאךְ גִיגַאנְגֶען טְרִיט בַּייא טְרִיט נָאךְ דֶעם פֶערְד פוּן דֶעם אַלְטִין, צוּם עֶנְדֶע אִיז גִירִיטֶען דִיא טָאכְטֶער, זִיא וַואר נָאךְ אִין גַאנְץ בְּלִיהֶענְדֶער יוּגֶענְד אוּנ אוֹיךְ גִיקְלֵיידֶעט פָּאצִיגַאנֶסְקֶע. אַלֶע דְרַייא וַוארִין מִיט אַרָאפּ גִילָאזִינֶע קֶעפּ, דָאס עֶס הָאט אוּיס גִיזֶעהֶן וִויא עֶס וָואלְט לַאסְטִין אוֹיף זַייא נָאטֶעס פְלוּךְ, אוּנ זַיינֶען בֶּעקַאנְט אִין גַאנְץ שְׁפַּאנְיֶען אוּנְטֶער דֶעם נָאמֶען „שְׁוַוארְצֶער שְׁטֶערִין„ זַייא הָאבִּין אִיבֶּער גֶעצוֹיגֶען פַאר בַּייא דִיזֶע דְרַייא קָארְלַאנִיסְטֶען זַייעֶר לַאנְגְזַאם אוּנ הָאבִּין זִיךְ אַזוֹ פֶערְלָארִין פוּן זַייעֶרֶע אוֹיגִין אִין דֶער וַוייטֶע שְׁטֶעפֶּע, אוּנ דַאן הָאבִּין דִיא דְרַייא קָארְלַאנִיסְטֶען אַוֶועק גִילָאזִין זַייעֶרֶע פֶערְד נָאךְ דֶעם דָאס זַייא הָאבִּין זִיךְ בֶּעקְרֵייצְט, אוּם צוּ קוּמֶען וָואס צוּם גִיכְסְטִין קַיין אַרַאנְזוּעֶץ, דֶער אִילִימְפִּיָא הָאט גִיוָואלְט נָאךְ דֶעם בֶּעעֶנְדִין זַיינֶע עֶרְצֵיילוּנְג וֶועגִין דֶעם שְׁוַוארְצִין שְׁטֶערִין. עֶס וַואר אָבֶּער שׁוֹין גַאנְץ אוּנְמֶעגְלִיךְ וֶועגִין דֶעם גִישְׁווִינְטֶען רַייטֶען עֶס אוּיס צוּ הֶערִין.

4.

דאס אוועק פאנגען דיא יונגע קיניגין

בעפאר מיר וועלין אונז אומקערין צוריק אין דעם פארק פון אראנזועץ וואו מיר האבין דאמיט לאנג גילאזין דיא יונגע קיניגין שפאצירענדיג מיט איר יונגע האפדאמע עווגעניע, וועלן מיר איין עטוואס שרייבן פון דר עווגעניעס גיבורד אונ פון אירע קינדישע יארן. די מוטער פון דיזע ביידע שוועסטער, דאס הייסט פון דער עווגעניא אונ מאריא וואס ביידע ווארין הויפדאמען אין שפאנישען הויף ביי דער יונגען איזאבעלע וואס מיר ווייסין שוין האט גיהייסן טעבא מאנטיכע וואר דיא טאכטער פון איינעם ערליכען קויפמאן וואס האט גיהייסן קירפאטריקא וואס האט גילעבט אויף דער אינזעל מאלאגא, זיא וואר זייער שיין אנגענעהם אונ ליבליך, דער צו נאך העכסט קלוג אונ זייער גוט אויס געבילדעט אונ איזט אלזו דורך דעם גיפעלין גיווארין איינעם אויסגעדינטען ארטילעריסקען אפיציר גראף מאנטיכא, וואס וואר אפולע עלטער פאר איר, דער צו נאך גאנץ ארעם אונ מיט איין אויג נור, די אנדערע אויג וואר אויס געשלאגען אין שלאכט דורך אגראנאט, אונ האט איר געהאלטען אלזוי שטענדיג פאר בונדין מיט אשווארצע טאשען טוך.

זיא איזט אים געפעלען, אונ ער האט איר אנגעטוטה דאס זיא זאל אים הייראטהען, אונ זיא אונ איר פאטער האבין עס אנגינומען מיט פריידין, נור אויס דעם גרונד דאס זיא וועט ווערין דורך דעם איינע גרעפין, אונ האבין זיך אלזוי ביידע פאר הייראטעט, אונ האבין גילעבט זייער פרידליך אונ גליקליך, אין אנפאנג האבין זייא זיך בעגעבין נאך מאדריד, אונ נאך הער אין פאריז, אונ דארט האט זיא גימאכט גרויסעס אויפזעהן (זנאצאסט) דורך איר שיינהייט אונ דורך איר ברייטעם אונ גלענצענדין לעבן, דאס עס האבין צו איר פארקערט דיא וויכטיגסטע פערזוינען פון דער גילאנטע וועלט, אונ פון באנטאן (פון גוטין טאן), אונ יעדער פון זייא האט זיך בעמיהט צו מאכין זיך איר העכסט גיפעליג! אום גיווירדיגט צו ווערין פון איהר מיט איין גיפעליגין בליק.

אין אפאר יאר נאך זייער האכצייט האט זיא אים גיבארין איינע טאכטער וואס מען האט איר אנאמען גיגעבין מאריע, אין אפאר יאר ארום, איזט דער מאנטיכא איר מאן גיווארין קראנק אונ איז גישטארבין אויף אירע הענט אונ באלד נאך זיין טויט האט זיא גיהאט נאך אטאכטער, אונ דיזע וואר עס דיא עווגעניע, אונ דאן וואר זיא גישטיצט אונ גישיצט פון איין גיוויסין אייגעלשין לארד וואס האט גיהייסין קלארענדאן, אגרויסער מיליאנער, אונ דער ביי אגרויסער חכם, זיא וואר גישטיצט אזו וויט, דאס זיא וואר אין שטאנד צוא שפילין דיא פאריגע גרויסע ראלע וואס זיא האט גישפילט פאר איר מאנס לעבין וואס וואר אויך גישטיצט פון דעם זעלביגין לארד קלארענדאן, אונ דיזער לארד האט איצונד בעטראטין ביי איר דיא שטעלע פון איין פארמונד (אפיקון) פון

אירע ביידע טעכטער וואס ער האט זייא גיליבט וויא זיינע אייגענע קינדער, אם מערסטין אבער דיא עווגעניען.

דיא אורזאך דער פון, דס הייסט פון זיינע גרויסע פריינדליכקייט צו איר וואר פיל מער אלס איינע איינפאכע פרויען ליבע, דען מען האט דאך גיזעהן דאס אים קימערט ניט וואס איר זאלאן (זאל) שוויבעלט אונ גריבעלט פון פיל יונגע לארדען, אונ גרויסע באנקייען, אונ זעלבסט ביא זיינעם וויסען דאס זיא נעמט אן פון זייא טייערע גישיינקע, אלזוי מוזין זיך אונזערע לעזערינען גידולדיגין ביז איינע געלעגענערע צייט, וואס מיר וועלין אונז דאן פיליכט בעסער ערקלערין איבער דיזע גיהיימע אורזאך, דער ווייליע אבער האבין מיר דא פון בילבערע זאכין צוא שפרעכין

עס איז אונז זייער לייכט צו פאר שטיין, דאס דיא אויפפירונג פון דער גרעפין טעבא מאנטיכע וואס וואר נאך זייער שיין אונ קאקעט אין דעם העכסט גראד (פוצערקע) וואר איין זייער שלעכטער ביא שפיל פר אירע ביידע טעכטער דאס זייא האבין אויך גיוואלט גיין העכסט גיפוצט, אונ זיך מאכין אלעם גיפעליג וויא דיא מוטער, איבער הויפט דיא עלטערע טאכטער דיא מאריע, אונ זייא וואַרין ווירקליך אזו פערפוצט אונ גיצירט דאס זייא האבין גידינט דער מיט פאר איין מוסטער (פרימער) פאר אלע הויף דאמען.

אין דיזער צייט אלס דיא עלטערע דיא מאריא וואר פאר ליבט אונ העכסט צו גיבונדין צו דעם הערצאג אלבא וואס וואר פון גרויסער וויכטיקייט אין דעם מאדרידער הויף, האט זיך דיא עווגעניע פארליבט אין דעם גרויסין יענעראל נערוואעץ, אונ וואר דאהער העכסט ערפרייט צו זעהן אים אונגעריכטערהייט אין דעם פארק פון ארענזועץ, אונ דיא ביידע שוועסטער וואַרין העכסט גליקליך אין זייער ליבע, אונ האבין זיך אויס גימאלט (פאר גישטעלט) וויא אלע פערליבטע מיידכען איינע גאלדענע צוקונפט (שפעטערע צייט), נון איז אונז שוין לייכט צו פאר שטיין מיט וואס פאר אפריידע האבן דיזע ביידע מיידכען פאר נומען פון זייער מוטערס מונד דיא גליקליכע נאכריכט פון דעם גישפרעך וואס זיא האט גיהאט מיט דעם אלבא, נור איינע אונגליקליכע גישעכעניס וואס איז באלד נאך דעם גישעהן אין דעם מאדרידסקען הויף, האט אפ גירוקט דעם באל וואס האט גיזאלט זיין אין דעם מאדרידער הויף אויף וועלכעם דער אלבא האט גיזאלט ערשיינען מיט איינער רויטין אדער בלאען באנד אויף איין אנדער צייט:

דיזע ביידע שוועסטער וואַרין שוין דאן ביידע הויפדאמען, נור דיא מאריע וואר דאן אין מאדריד ביא דער קראנקע פרינצעסין לואיזע דיא שוועסטער פון דער קיניגין איזאבעלע, דיא עווגעניע וואר מיט דער קיניגין אין אראנזועץ, אונ האט גישפאצירט מיט דער קיניגין אין פארק וויא מיר האבין שוין פריער דער ציילט, זייא וואַרין נור זייערע ביידע, זעלבסט דיא פריילין מארקיזין בעלוויל וואס וואר מיט זייא אין דעם פארק האט איר דיא יונגע קיניגין אפ גישיקט אין פאלאץ אום נור זיא זאל לעבין זייא ביידין ניט זיין אונ זאל זייא ניט שטערין אין זייערע גיהיימע

גיהיימע גישפרעכע . דען צוייא דער וואקסענע מיידכען האבין צווישין זיך פיל פער גיהיימניסע אלע צעהן גיהיימס ראטין (טייגע סאוועטניקעס) , אונ גישווייגע (פשיטא שוין) אזעלכע צווייא , אונ זייגען זיך אלזו גיגאנגען ביידע האנד אין האנד פאר דעם שיין פון דעם מאנד שפרעכענדיג פון זייערע ליבשאפטין , דיא קיניגין האט גישפראכין פון איר גיליבטען סערבאנא , אונ דיא עוועגניע פון איר גיליבטען נארוואעץ , אונ וואדין אזו וויט פערטיפט אין דיזין ליבליכין גישפרעך , דאס זייא האבין פאר געסין אן דיא רעכענונג פון דער צייט , דאס הייסט וויא שפעט עס איז שוין אין דער נאכט , אונ ווידער וויא וויט זייא זייגען זיך פאר גאנגען , דען זייא זייגען זיך פאר גאנגען זייער טיף אין דיא גידיכטעגעס פון דעם קאסטאניען וואלד וואס ציהט זיך אוועק ביז וויט אין דער שטעפע , אונ איזט ארום גיצאמט נור מיט איינע נידעריגע רעסעטקע , אונ האבין אזו ווייניג גידיינקט פון גיפאהר וויא אגיזונטער יונגער מאן פון שטארבין :

עס וואר גישפראכין פון ליבע , דער צו נאך זייער שטארק גזיפצעט , אונ אויך גיוויינט , ווייל זיי וואדן העכסט בעזארגט וועגין זייערע גיליבטע וואס זייגען אימער אין שלאכט , דער צו נאך האט דיא איזאבעלע גיהאט נאך איינע גרויסע קימערניס , דען איר מוטער האט אין איר גידרונגען דאס זיא זאל הייראטין מיט דעם קרוין פרינץ פון נעאפאל דעם פראנציסקא אססים וואס וועט בעזוכין זייער הויף אונגייזאמט , אונ האט עס מיט גיטיילט (דער ציילט) דער עוועגניע , אונ דיא עוועגניע האט איר גילערינט וויא זיא זאל זיך דאן מיט אים באגיין , אונ וואס זיא זאל ענטפערין דיא מוטער , קורץ דער פון עס איז גיוועזן גינוג איבער וואס צו ריידין אינם גיהיים וואס קיין דריטער זאל עס ניט הערין , אונ האבן אלזו קיין בעסערע שטעלע גיהאט צו דיזעם גישפרעך אלס וויא דיזעם איינזאמען ארט פון דיזעם פארק , דען זאנסט ווערט זיא בעלויערט פון אירע הויפדאמען אונ פון אירע האף מייסטער :

אין דעם וויא זייא ווארין אזוי פאר טיפט אין דיזעם גישפרעך , האבין זייא דער הערט עפעס אגערייש (שום) אונ צו גלייך דער זעהן אשטויב , אונ האבין זיך אלזוי זייער ערשראקין , באלד דארויף האבין זיך צו זייא בעוויזין דרייא מענטשליכע פיגורין , דיא צווייא מיידכען האבין גיוואלט אנטלויפין , עס וואר שוין אבער צו שפעט , אונ אויך צו וויט פון פאלאץ אום צו שרייען אום הילפען , דיזע דרייא פיגורין ווארין דאס דיא דרייא קארלאניסטען , פיליפא , מארקיזי קלאט , אונ אלימפא , דיזער אלימפיא האט ערגריפען דיא איזאבעלע אונ דער פיליפא האט ערגריפן דיא עוועגניא , האבין זיי ארויף גינומען אויף דיא פערד אונ זייגען אוועק מיט זייא איבער דיא אייזערנע פרעגראטקע וויא פייגלעך אין דער לופטען אין דער שטעפע , אין אנפאנג האבין זייא גימיינט דאס זייא זייגען גיפאנגען גיווארין פון מענטשען רויבער , אדער פון מערדער אונ האבין גילאזין דיא גאל שרייענדיג , דיא קארלאניסטין אבער האבין זייא באלד בערוהיגט זייא האבין זייא ערקלערט ווער זייא זייגען , אונ דאס זייא האבין דער בייא קיינע

ביזע אבזיכט , מער ניט וויא צוא פערקירצין דעם קריג דורך דעם , אונ אלזוי האבין זייא זיך פאר קיין זאך צו פירכטען , אונ דיא קארלאניסטען האבין זיך העכסט גיפרייט דאס זייא האבין אויס גיפיהרט זייער געוואונטען פלאן , אונ האבין זיך אלזוי בעאיילט צו קומען אין זייער קווארטיר :

5.

דיא טאכטער פון דעם שלאס אויפזעהער :

איצונד מיינע לעזערין לאמיר אונז אומקערין צוריק קיין מאדריד אין דעם קיניגליכין שלאס אום צו וויסין וואס דארט איזט אין דיזער נאכט גישעהען מיר וועלין עס הערין פאר בייא גייענדיג פון איינער אלטע פרויא ענציינא וואס איז דארט אין שלאס דיא קרעדענצען היטערין וואס בעשפרעכט זיך גאנץ בעגיינען מיט איינעם מיידכען דאלארעס וואס איזט דיא טאכטער פון דעם קארטינא וואס איז דארט דער שלאס אויפזעהר (סמאטריטעל) אונ וואס זיא האט איר דער וויסט גאנץ בעגינען בעגיסענדיק דיא בלומען וואס האבין גיוואקסין אין דעם קליינעם בלומען גארטין וואס לעבין איר פאטערס פענסטער :

"גוטען מארגין ! דעלארעס" ! האט זיך דיא אלטע פרויא צו איר אפגירופין "וואס איז דיא אורזאך דאס דוא ביזט אזו פריא אין דיינעם גערטענדיל" ?

"וויל איך האב אגאנצע נאכט גיוואכט" האט איר דאס מיידכען גיענטפערט, "דען דער פאטער וואר העכסט בעשעפטיגט אום זיין אמט (סלוזבע) אונ עס וואר אין דעם איינגעטייגעמין הויף עפעס אזוי איין גערעש (שום) אונ געלאף דאס איך האב ניט גיקענט קיין אויג צו טאן , אונ איך וויים ניט וואס דארט איז גיוועזן :

"עס איזט אין דיזער נאכט" האט זיך אפגירופין דיא אלטע ענציינע "וואס וויכטיגעס גישעהן אין שלאס , עס איזט נאך דיזעס אפילו גאנץ גיהיים , נור דיר וועל איך זאגין , מיט דעם בעדינג , דאס דוא זאלסט עס קיינעם ניט דער ציילין אין מיין נאמען, דען מען וויל עס גאנץ פערשטיקען , קוים האב איך אוים גירייניגט דיא גיפעס אונ , האב עס איינגישלאסין איזט אנגירייטין אויף דעם גרויסען הויף אַרייטער מיט אזוי אגילאף דאס עס האבין פונקין ארוים גיזעצט פון אונטער דעם פערדס פאדקעווים , איך האב עס דער הערט האב איך מיך אראפ גיהאפט אונטען אום צו זעהען ווער איז דאס , דען מיר לעבין איצונד אין שווערע צייטען , וויים דער ליבער גאט האב איך בייא מיר גיטראכט פיליכט זיינען אנגירייטין דיא קארליסטען וואס שוינען נימאנדען , ניט קיינע פרויען , אונ ניט קיינע קינדער , איך האב אבער דער וויסט אויף דעם הויף נור איין רייטער , איין אפיציר אויף אגאנץ איינגישוויצטען פערד , אונ דיא שפארין פון דעם אפיציר ווארין איין גירייכט אין בלוט , ער איז גיקומען פון אראנזועץ וואס עס איז דארט גישעהען אגרוישעס אומגליק , איין אומגליק וואס עס פארקלינקט דיא אויערין הערענדיג , דיא קארליסטען האבין אין דיזער נאכט אוועק גיפאנגען

דיא

דיא יונגע קיניגין מיט איהר הויפדאמע דיא עווגעניאן , דיזעס האט דער אפיציר זעלבסט דער צייחלט :

צום גליק אבער וואר ניט וייט פון דארט דער יענעראל קאנבא מיט זיין אטראד , אונ עס האט אים געגליקט אפ צו נעמען פון דיזע רויבער דיזען הייליגין פאנג , אונ וויא דיזע רויבער ווען זייא זיינען אויך גיפאנגען גיווארין אונ זיינען אין דיא הענד פון אונזערע מוטהיגע קריגער (סאלדאטען) , א דאן וועט אונזער אלטער פערמודעץ (תליון) האבין שוין גינוג ארבייט , ניט פאר גענוג דאס דאס איז איין מאיעסטעט פארברעכין :

„מיך שוידערט עס צו הערין" האט זיך דיא דאלארעס אפ גירופין „עס איזט צוא בעדויערין דיזע לייטע , זייא האבין זיך צו פיל גיוואגט" אונ האט זיך דער בייא דיא אויגין גיווישט :

„אזוי דוא האסט נאך מיט ליידען מיט דיזע ווילדע מענטשען" האט זיך דיא עצינטע אפגירופין „אזוי וויט ביזט דוא נאך פערליבט אין דיזעם אלימפיא ? פע ! העטע איך עס ניט מיט מיינע אייגענע אויגין גיזעהען וואלט איך עס ניט גיגלויבט , וויא איך בין דיר אגוטער פריינט ווארנע איך דיך דאס דוא זאלסט זייא ניט בעמיטליידיגען דיזע שענדליכע מענטשען אין דעם בייא זיין פון אנדערע מענטשען , דען דוא וועסט שאדען דער מיט דיינעם פאטער זייער שטארק אונ דיר אויך" „א מיינע טייערע ענצענע" האט זיך דיא דאלארעס אפגירופין „איר זייט שוין צו אלט אום צו שפירין אונ צו ווישין וויא וויט עס איז איינגיווארצילט דיא ערסטע ליבע אין איינעם מיידכען הערצען , אונ איך צו מיינעם אומגליק בין אין דעם אלימפיא פון מיינער קינדהייט אן פערליבט , א ער איז איין גוטער מאן , שיין גיוואקסען , איין גרוישער העלד אין קריג , אונ איז אין מיך אזו שטערבליך פאר ליבט וויא איך אין אים , אלזוי וויא זאל איך אזויא איינעם ניט בעדויערין ?

„א דוא לייכט גלויביגעס מיידכען , טרויען ניט דיא שמייכעל ווערטער פון דיא מענער , זייא זיינען בלויזע פארפיהרער אונ וייטער ניט , העטע ער געווען מיט זיינער ליבשאפט צו דיר גאנץ אויפריכטיג וויא ער צייגט זיך , האט ער גידארפט צו ליב דיר נור שוינען דיין פאטער וואס דינט בייא דער קיניגין אונ ניט איבערלייפען צוא דיא רעבעלען (מאטעזניקעס) , דען וואס אפפערט ניט איין ליבהאבער אויף צו ליב זיינער געליבטע , אונ ווער ווייס וויא פיל מיידכען האט שוין דיזער באנדיט פארפירט ? געוויס ביזט דוא בייא אים שוין ניט דיא ערסטע :

„א ליבע ענצנע !" האט זיך דיא דאלארעס אפגירופין , איך בעטע אייך בעליידיגט ניט מיין אלימפיא , דען ער איזט מיר ליב אונ טייער , אונ איין הערץ מאכט מען אזוי גיך ניט אום" :

„אונ בייא אלעם דעם בעטע איך דיך וויא איינע גוטע פריינדין דיינע דאס דוא זאלסט שוין מער פון אים ניט דיינקען אלס וויא פון איינעם טויטען , דען בעוויס איזט ער ענפער שוין גיפאלין אין גיפעכט (אין שטרייט)

אדער

אדער, ער איז שוין געפאנגען, ער איזט שוין פארלארין פאר דיך זויא וויא עס זויא, אונ שאדע דיך ניט אלזוי מיט אוניציגע ווערטער:

דאס מעדכען איז גיבליבין שטיין וויא איינע מארמאר זיילע גאנץ בארקיעמט דאס זיא האט איר קיין ווארט גיקענט ענטפערין אונ די עצנטע איז אוועק פון איר זייער גערקיינקט:

דיא דאלארעס איז גיוועזן דיא איינציגע טאכטער פון דעם אלטען שמאטריטעל וואס וואר דאן איבער דעם שלאס אונ וואס האט גיהייסן קארטינא, אירע מוטער וואר שוין לאנג גישטארבין, אונ באלד נאך איר טויט האט איבער גינומען אירע ערציהונג אויף זיך איינע געוויסע וויטווע (אלמנה) דאננא (מאדאם) אגוואדא וואס וואר פון גרוישין אדעל (יחוס) אונ אויך זייער רייך, זיא האט עס אויף זיך גינומען ווייל איר פאטער דער שמאטריטעל וואר בעשעפטיגט ביא זיינעם אמט (סלוזבא), צווייטענס קען איין פאטער ערציהען גיהעריג קיים איינעם זון אבער ניט איינע טאכטער, דיא דאלארעס וואר זייער איין שיינעס מיידכען, דער צו נאך איין גיהארזאמעס קינד (גיפאלגט) אונ דאהער האט איר דיא דאננע אגוואדא זייער גיליבט אונ פלעגט איר ניט אוועק לאזין פון זיך, כמה טעג, כמה וואכען, אונ האט איר גיהאלטען טייער וויא איינע אייגענע טאכטער:

דיזע אגוואדע האט גיהאט איין איינציגין זון, וואס וואר דער געגענזאץ (דער היפך) פון דיזעם מיידכען, ער איז גיוועזן העכסט פארשייט אונ אגרויסער שטיפער, אלע טאג האט ער בעגאנגען איין אנדערען דומען שטרייך (שטוקע) אונ אלע טאג וואר אויף אים איינע אנדערע קלאגע (זאלאבע) ביא זיינער מוטער, דיזער בן יחיד האט גיהייסן אלימפיא, ער וואר פון נאטור שטארק גיבויט, העכסט גיזונד, מוטהיג, אונ העכסט ערגעבין צוא קריגעס דינסט (וואיענע סלוזבא), אונ דיא מוטער פלעגט צו בעטען גאט דאס ער זאל אנווענדען דיזע אלע געטליכע גאבען (מתנות) צו איינעם נוצליכין צוועק (תכלית) אונ מיט דער צייט האט ער איין גיטראטין אין מילעטער דינסט (וואיענע סלוזבא) אונ דיזעס האט דער מוטער זייער גיפרייט, דען ער האט דאך וויינגסטענש שוין איין ציל אין זיינעם לעבין, אונ בפרט מען וואר מיט אים אין דינסט העכסט צוא פרידען:

דיזער אלימפיא וואר שוין פון מעהרער יארין פארליבט אין דיא דאלארעס אונ אזוי זיא אין אים, דאך וואר עס גאנץ געהיים, עס האט דער פון ניט גיוואוסט איר פאטער אונ ניט זיין מוטער, אונ אזוי זיינען זיך איבער גילאפין איניגע יאר וואס דיא ליבע זייערע האט זיך זייער אונ זייער גישטארקט אונ גישטארקט פון טאג צו טאג, דאס זייא זיינען גיווארין איין לייב אונ זייל, אונ האבין גיווארט מיט גרויס זעהענזוכט (פערלאנג) צו דער גליקליכע צייט וואס זאל זייא שוין פאראייניגען דורך איינע הייראט, דאס הייסט דאס זייא זאלין קענען אויסבעטען איינע ערלויבניס ביא דיא עלטערן זייערע:

דער ווילע איז זיך דיא אלטע אגוואדא גיווארין גיפערליך קראנק אונ

דיא דאלארעס וואס וואר שוין אדערוואקסענעס מיידכען האט ניט אפגיטראטין פון איר בעט טאג אונ נאכט אונ האט איר העכסט אפגיהיט, אונ אלס זיא האט שוין גיהאלטין ביא דעם שטארבין האט דער אלימפיא אויסגיבעטען ביא איר דיא ערלויבנים צו פארהייראטהען זיך מיט דער דאלארעס אונ דער צוא נאך איר זעגען (בענצונג), פון אלעס דיזעס האט דר קארטינא ניט גיוואוסט, אב וואויל דיא דאלארעס האט גיוואלט דאס דער אלימפיא זאל דער פון שפרעכען פארהער מיט איר פאטער, נור דיזער האט אויך מיט אים אלאנגע צייט ניט גירעט דער פון, אונ אזוי איז זיך איבער גילאפין דאס ערסטע יאר נאך דער אגוואדאס טויטע, אין טרויער אונ אין האפענונג צו פאר אייניגען זיך דורך איינער הייראט אויף אימער אונ אייביג:

דער ווייל האט דער אלימפיא גיהאט איינע גילעגינהייט צוא מאכין זיך בעקאנט מיט איינעם גיוויסין איטאליענער וואס האט גיוואונט אין מאדריד, אונ וואס האט גיהייסין פיליפפא ביאנאוויט, אונ דיזער אויסלענדער האט אים בערעט (איינגירעט) דאס ער זאל צוא שטיין צו דיא קארליניסטען, אונ דער אלימפיא האט אים גיפאלגט, אונ האט גאר ניט גיהערט דעם גוטין ראט פון דעם גוטין קארטינא דאלאראסעס פאטער וואס האט אים אפ גישלאגין דער פון אלס ער איז גיקומען צו נעמען פון אים אבשייד, אונ צו גלייך אויס בעטין פון אים זיינע טאכטער דאלארעס פאר איינע פרויא פאר זיך:

"דוא ביזט מיר ליב וויא מיינע טאכטער" האט ער גיזאגט צו אים "אונ איך העטע איר דיר מיט פריידין אוועק גיגעבין, דען דוא ביזט פון גרויסין אדעל אונ איונגער מאן מיט גרויסע פייהיגקייטין (ספאסאבנעסט), דער צו נאך מיט אגרויסין פאר מעגין, נון איזט וויא דיא ווארהייט צו זאגין איינע גליקליכע פארטי (שידוך) פאר מיינע טאכטער, אונ ביא אלעס דעם קען איך איר דיר ניט געבין, נור דארום וואס דוא ווילסט איבער לויפין צו דיא קארליסטין וואס דוא ווערסט דורך דעם איין פאר ברעכער געגין דיינער קיניגין, געגין דיינער גיליבטע די דאלארעס, אונ אזו געגין דיך זעלבסט, דען דאס ענדע וועט דער פון ניט גוט זיין, אלזו מיין קינד, לאז דיך ניט פאר פירין, בלייב אין לאנד אונ גינערע דיך ערליך, אונ דאן בלייבט מיינע טאכטער דיינע פרויא, דוא איר מאן, אונ איר ביידע צוא זאמען מיינע ביידע קינדער, אונ האב אלזו ערבארעמען מיט אונז אלען דרייען:

דיזע רייד פון דעם קארטינא וואר נור אין ווינט גישפראכין, דען ער האט נור גינומען באלד דארויף איין הייסין אבשייד פון דער דאלארעס וואס זיא האט דער ביא דיא אויגין זיך רויט גיוויינט, אונ איזט אוועק צו דיא קארליניסטען מיט דעם פיליפפא ביאנאוויט, ער האט איר צוואר פאר שפראכין פאר גאט אונ פאר לייטין דאס ער וועט איר גיוויס הייראטין, דאך זיא האט זיך מיט דיזער פאר זיכערונג גאנץ ווייניג גיטרייסט, אונ איזט גיבליבין נאך זיין שיידין זיך פון איר פר זונקען אין איינעם טיפין קומער, אונ אירע אויגין האבין ניט גיטריקענט:

עס איז זיך אזו איבער גילאפין אגאנצער מאנהייט אונ זיא האט קיינע

נאכריכט

נאכריכט גיהאט פון אים, קיין גערוס, קיין וויסען צוא לעבט ער צו איזט ער גישטארבין, איר הערץ וואר גיוועדעט נור צו גאט, אונ פלעגט אין דיא שטילע אוועדנדע זיצין איינזאם ביא דער שפין העדיל אונ זינגען פרומע לידער, אדער טרויער לידער פון איינער אונגליקליכער ליבע, אונ גיסין דער ביא הייסע טרערין וואס דאס וואר באלזאם צו איר וואונדעס הערץ, אזו אבער איז זיא זיך בעגאנגען נור אין איר קליינעם נאבינעטיל וואס וואר אין פאר הויז געגין איבער איר פאטערס שלאף צימער, אלס זיא וואר דארט אליין, אין דעם ביא זיין פון דעם פאטער אבער, אום אים ניט צו קריינקען מיט איר פאר באטענע ליבע צו דעם אלימפיא פלעגט זיא זיך צו מאכין לוסטיג, גלייך וויא זיא וואלט זיך שוין פאר געסין אונ אוים גישוויצט אירע ערסטע ליבע צוא אים, אונ דער פאטער וואר העכסט צופרידין דער מיט:

נון אין דיזער נאכט וואס עס איזט דיא גיפאנגענשאפט פון דער קיניגין אונ עוועגעניע, ביא וועלכער מיר האלטין איצונד אין אונזער ערציילונג, אלס דיא דאלארעס איזט גיזעסין אין דעם שלאף צימער פון איר פאטער דען ער וואר איין עטוואס אונוואול אונ ווארין פארטיפט אין איינעם הויזליכין גישפרעך, האט זיך אויף גירים דיא טיר מיט גרוים האסט, אונ איין קוריער איזט אריין גילאפין אין צימער גאנץ פערשאפעט, אונ עס האט גידויערט איינע רעכטע ווייל ביז ער האט דעם אטעם אפ גיצויגין "זייט וויסין קארטינא"! האט ער אוים גישריען, דאס דיא קארליסטין זיינען אלע צו שלאגין, נון פארט דיא קיניגין מיט דעם גאנצין הויף צוריק פון אראנזועץ קיין מאדריד, דיא יונגע קיניגין אונ דיא עווגעניע זיינען רעטירט פון דיא רויבערס הענט, אונ צו גלייך איזט דער הויפט באנדיט (דער הויפט מאן) פון דיא דרייא גוואלטיגע רויבער אויך גיפאנגען אונ ווערט גיפירט אהער מיט אגרויסע וואך, אום אים אריין צו זעצין דא אין שלאס אין דיא אונטער אירדישע (וואס זיינען אונטער דער ערד) קאזאמאטען, אונ אין דרייא טעג ארום וועט ער ווערין גיפירט צום שאפאט אום צו קעפין, אלזו מיין הער קארטינא, גישווינט מיט דיא שליסלען אין דעם פארטאל (הויף טויער):

דער אלטער קארטינא האט זיך פון דיזער נאכריכט העכסט ערפרייט, דאס פון גרוים שמחה האט ער ניט גיוואוסט וויא זיך אן צו טאן אונ וואס אן צו טאן, האט גיחאפט דיא שליסלען פון דיא קאזאמאטען וואס ווארין אונטער זיין אויפזיכט אונ איזט ארוים גילאפין פון צימער וויא איין האלב וואהנזיניגער (משוגע), אונ דער קוריער איזט גיבליבין זיצין דארט אום זיך אויס צו רוהען איין עטוואס וואס ער וואר איר (דער דאלארעס) אין דיא עטליכע מינוטין פון זיין זיצין דארט וויא איין שווערער שטיין וואס ליגט זייער דיכט אונ שווער אויף דעם שפרודעל (דאס ארוים שפריצין) פון איינער קוועלע, דען עס וואר דורך אים געהעמט (גיפרעסט) דער לויף פון אירע טרערין:

קוים אבער איז ער ארוים האט זיא שוין אוים גיבראכין אין איינעם לויטין (הויכין) וויינען, דען איר הערץ האט איר שוין פאר אוים גיזאגט, דאס דער

גיפאנגענער

גיפאנגענער איזט קיין אנדערער וויא נור איר אלימפיא , אונ באלד דארויף איז זיא ארויס אום צו זעהן ווער עס וועט דא ווערין גיבראכט אלס גיפאנגענער , דען דיא אונגעוויסהייט פלאגט פיל מער דאס הערץ אלס דאס גיוויסעס אונגליק , אונ האט ליידער ניט ווייניגער גיזעהן אלס זיא האט זיך פארגישטעלט , זיא האט דער זעהן , וואס זיא וואלט בעסער ניט וועלין זעהן , זיא האט דער זעהן ווירקליך איר גיליבטען אלימפיא איין געקאוועט אין קייטין מיט אגרויסע וואך , נור בייא אלעם דעם איזט ער גיגאנגען גאנץ מוטהיג וויא צום טאנץ , זיא האט אים דער זעהען אונ עס איז איר אונטער גיהאקט גיווארין דיא פיס , זיא האט זיך קוים אריין גישלעפט אין איר קליין צימעריל אונ איז דארט גיפאלין אין אונמאכט , אויך דער אלטער קארטינא איר פאטער , האט פון דיזער שצענע קנאפין פאר גיניגען גיהאט , דען וויא מיר ווייסין וואר ער דאך זייער גוט דעם אלימפיא , ער האט פאר מאכט מיט ביידע הענט זיינע אויגין אונ האט אויך גיוויינט אין שטילין , אונ האט נאך גימוזט אים אליין ארונטער פירין אין איינעם פון דיא קאזאמאטען (צעלעם) וואס וואר דארט אין דעם קיניגליכין שלאס , אונ האט נאך איבער אים גיהאט איינע שטרייגערע אונ בעזונדערע אויפזיכט אלס אויף אלע אנדערע פאליטישע ראסטאנטין וואס זיינען דארט גיזעסין :

6.

הונדערט אנטקעגין דרייא

נון מיינע טייערע לעזערין מוזין מיר אונז צוריק קערין צו יענער שטונדע אין וועלכע עס איזט גיפאנגען גיווארין דיא יונגע קיניגין אונ דיא עווגעניע , אום צו וויסען וויא עס איזט צו גיגאנגען זייערע בעפרייאונג :

פאר גיוויס האט מען זיך באלד אין אראנזועץ ארום גיזעהען דאס עס פעלט דיא קיניגין מיט דער עווגעניע , אונ עס וואר גיזוכט מיט פאקעלען (שטאלקארצין) אין אלע ווינקעלאך פון דעם גאנצין פארק אונ עס וואר קיין שפור צו דער גיין פון זייא , אונ אויך איזט קיינעם איינגיפאלין דאס דרייא קארליסטין זאלין זיך אזו ווייט גיוואגט האבין אוועק צו פאנגען זייא זעלבסט פון פארק , אונ אזו האט זיך ניט גילייגט אויך אויף דעם זינען פון דיזע דרייא העלדין דאס אין דיזער נאכט זאלין זיך פאר איינגין דיא אטראדין פון דעם קאנבע מיט דעם ארמייע פון דעם יענעראל נארוואעץ אום אפ צו טרייבן דיא קארליסטין פון מאדריד וואס דאס זאל זייא שטערין זייער אומקערין זיך מיט זייער איינגיבראכטין פאנג צוריק , אונ דער צו נאך אויף צו פאסין דיא דרייא קארליניסטין וואס דיא מיידכען זואגא וואס וואר פאר שטעלט פאר איינע פריסטערין , האט גיגעבין איינע אונדייטליכע נאכריכט פון זייא צו דעם נארוואעץ , וויא פארהער דער ציילט איזט , דאס זיא האט אים בענאכריכטיגט דאס דרייא גרויסע היצארעם פון דיא קארליניסטען

זיינען

זיינען אוועק פון זייער לאגער אום אוים צוא פירין דא אין אראנזועץ איינעם גיפערליכין שטרייך (שטוקע) :

אונזערע דרייא העלדין ווארין שוין ביי זיך זייער גיהויבין, דען זייא האבין אוים גיפירט אזו אזאך וואס אן דעם הייגט אפ דער גאנצער קריג, אונ האבין אלזו גידיינקט פון איינר גרויסע בעלוינונג פון דעם דאן קארלאס, דאך זאגט דער אלטער שפריכווארט "ניא גאוואר"י האץ פאקו נע פרעשקאץ" דאס הייסט זאג ניט פריער האץ ביז דוא ביזט שוין אויף יענער זייט קלאץ, דאס איז גימיינט דאס מיר מענטשין קענען נאך קיין זאך האלטין פאר אוים גיפירט ביז צום לעצטין, אונ אזו וואר דא דער פאל מיט זייא אויך, אלס זייא ווארין מיט זייא שוין אין דער ווייטע שטעפע האבין זיך ביידע דאמען אן גיהויבין זייער שטארק צו בעקלאגין אויף אטעם קירצע אונ לייב שמערצין, דען זייא ווארין העכסט צו טרייסילט פון דעם גישווינטין רייטין, אונ מען האט זיך אלזוי גימוזט אפ שטעלין מיט זייא אום אוים צו רוען, דען זייא האבין גיהאט איין אויפטראג (איין באפעל) דאס מען זאל זייא ברייגען צו דעם דאן קארלאס גיזונד אונ פריש, אונ דיזער באפעל האט זייא גיקאסט גוט אונ בלוט, דען דאס זעלבע זואנא, דיא פאר שטעלטע פריסטערין, וואר איצונד ווידער אין שפיל, אונ האט אלזו איצונד גיגעבין איינע קלארע נאכריכט פון דיזעם רויב דעם נארוואעץ, וואס וואר איצונד ניט ווייט פון זייער רוהע פונקט קוים אפאר ווארסט, אונ ער האט זייא אטאקירט מיט הונדערט מאן, דען וואס ברויכט מען מעהר אלס הונדערט געגין דרייא, אונ עס איז גיווארין צווישין זייא אשטרייט אויף טויט אונ אויף לעבין, וואס דער ווייטע האבין דיא צווייא דאמען גיהאט איינע גוטע גילעגינהייט איבער צו לייפין צו דעם אטראד (ראטע) פון דעם נארוואעץ, אונ דאהער אום דיזע צווייא דאמען צו האלטין אין זיכערהייט, דאס עס זאל זייא קיין קויל טרעפין, איזט דר נארוואעץ זעלבסט ארוים פון פרונט מיט עטליכע אונ דרייסיג מאן אום צו שטרייטין געגין דיא דרייא קארליניסטין נור מיט דיא דעגינס, אונ דורך דעם איזט גיווארין דער שטרייט נאך פיל מעהר בלוטיגער אלס פריער מיט דיא ביקסין וואס דיא קוילין זיינען פאר פלויגין מער אן אזייט אלס גיטראפין, אונ אין דעם גיפעכט מיט דיא דעגינס ווארין דיא דרייא קארליניסטין אויס גיצייכינטע קענער, אונ האבין אלזו אין זייערע פיינדע איינגיהויען וויא איין שניטער אין דיא גידיכטע זאנגען, דאס זעלבסט דער נארוואעץ איז אויך גיווארין לייכט פערוואונדעט, דאך ביי אלעם דעם, האבין גיזיגט (מנצח גיוועזן) דיא קיניגליכע סאלדאטין וואס ווארין מיט דעם נארוואעץ, האבין גינומען גיפאנגען דעם אלימפיא וואס וואר אויך לייכט גיראנעט אונ איזט ארונטער גיפאלין פון פערד, אונ פיליפפא, אונ דער מארקיז דע מאנטאלאן, האבין אויסגעפייעט צוא אנטלויפין, אונ באלד וויא דיזער נאכריכט איז גיקומען קיין אראנזועץ, האט זיך דיא קיניגין מאריא כריסטינא מיט איר גאנצין הויף צוריק גיקערט קיין מאדריד,

אונ

און מיט זייא איזט גיוואָרין גיבראַכט אויך דער אַלימפּיאַ אַלס גיפאַנגענער וויא מיר ווייסין עס שוין פון פריער :

7.

ווערמודעץ דער מאַדרידער הענקער (תּליון) :

באַלד וויא דיא מאַריאַ כריסטינע איז אָן גיקומען קיין מאַדריד האָט זיא אוים גיזעצט (וויזנאַצעט) איין בלוט גיריכט איבער דעם אַלימפּיאַ, אונ אין אַטאַג צעהען איזט אַרויס איין דעקרעט איבער אים דאָס מען זאָל אים קעפּין. אונ שוין אין דעם ערסטין טאַג פון זיינער גיפאַנגענשאַפט האָט שוין אויף גיקאַכט מיט דיזער נייאיגקייט דיא גאַנצע שטאָט אונ דער צו נאָך אין איינע רונדונג פון צעהען מייל אַרום איר אונ עס זיינען אָן גיפאָרין זייער פיל מענטשן אום צו זעהן וויא מען וועט אורטיילין דעם אַלימפּיאַ פריער אין דעם געריכטס הויז (שלאָוועסנע שוד) אונ דער נאָך אויף דעם עשאַפּאָט, אונ אונטער דיזע נייגעריגע (לובּיפּיטנע) זיינען אין דעם ערסטין טאַג אָן גיקומען אויך צווייא פאַר קליידעטע (פאַר שטעלטע) קאַרלינּיסטין, רייטענדיג אויף מוטהיגע פערד, אָן גיטאָן אַלס שפּאַנישע איידיל לייט, הינטין איז זייא נאָך גירייטין איין באַדינטער, אויף איינעם פייעריגין פערד אונ האָבין איינגיקערט אין איין בעקאַנטין האָטעל וואָס דער ווירט וואַר אויך איין גיהיימער קאַרלינּיסט :

דיזע ביידע קאַרלינּיסטין וואַרין קיינע אַנדערע אַלס דער מאַרקיז דע מאַנטאַלאַן אונ דער פיליפּפּאַ ביאַנאַוויטאַ, זייא זיינען גיקומען אום נור צו בעפרייען דעם אַלימפּיאַ, אונ האָבין זייער פאַרהאַבּען (פּלאַן) אוים גיפירט זייער גליקליך אין דיזער נאַכט וואָס וואַר פאַר דעם פריא מאָרגין אין וועלכין מען האָט אים גיזאָלט שוין קעפּין, אונ דיזעס איז צו גיגאַנגען גאַנץ אויף דעם גראַדין וועג (דאָס הייסט אָן פיל חכמות) וויא מיר וועלין דאָ אין דעם ווייטערדיגין קאַפּיטיל דער ציילין :

דיזע ביידע גוטע פריינד האָבין זיך אין דיא גאַנצע אַכט ניין טעג וואָס זייא האָבין צו גיבראַכט אין מאַדריד בעשעפטיגט נור אום אַלס אין גיהעריגער אָרדענונג צו ברייגען וואָס נור נייטיג וואַר צו דעם אַלימפּיאָס בעפרייאונג פון דעם קאַזאַמעט, אונ צו זייער ענטפליהונג, אונ אַלס עס וואַר שוין אַלעס אָב גיטאָן וואָס צו טאָן נור גיווען, אונ עס האָט שוין דער בייא גיפעלט מער ניט וויא דאָס גטליכע געלינגען, אונ דאָס וואַר שוין אין דעם לעצטין טאַג פאַר דער הינריכטונג (דעקרעט), זיינען זייא זיך געגין אָווינד אומגישפּאַצירט אין שטאָט אום דאַדורך צו ערלייכטערין זייער גרויסען אונגעדולד וואָס זייא האָבין גיהאַט אום צו זעהן שוין וויא דיא זאַכע וועט דאָ אויס פאַלין, אונ האָבין גיוואָלט דאָס עס זאָל שוין זיין איינע שטונדע נאָך דעם :

זייא האָבין שפּאַצירט איבער דיא גאַסין מיט קלאַפּענדין הערצין ביז זייא

האָבין

האבין זיך פאר אירט צו דעם גרויסן פלאץ דע לאצעבאדא וואס וואר ארום גיבויט מיט גרויסע פאלאצין אונ וואס דאן האט מען דארט אויף גישטעלט איינע בינע (אהויכע הילצערנע בימע), זייא האבין עס דער זעהן אונ עס האט זייא גיגעבין אטיפין שטאך אין זייער הערצן. "גיווים" האט זיך אפ גירופין דער פיליפפא צו זיינעם צווייטין מוז מען דא שוין בויען דעם עשאפאט פאר דעם אלימפיא, אזו איז שוין זיין אורטייל גיווים אוים גישפראכין, אונ דיא הילפע איז נאך גאנץ אונגיווים, א גרויסער גאט ערבארעמע דיך איבער אונז:

"אשיינער גיווים"! האט זיך אפ גירופין דער מארקיז דע מאנטאלאן, דוא זעהסט ניט וויא דיא דילען זיינען אין בלוט איין גיריכט, דאך בייא אלעם דעם שאדעט ניט דאס מיר זאלין פרעגין בייא דיזע הענקער קנעכט (פאדקאטציקעם) פאר וועמען מען בויט עם:

אין דעם אבער איזט אונטער גיקומען דער שארפריכטער אליין, איין הויך גיוואקסענער מאן, אנגיטאן אין שווארצין, מיט איינעם גרויזען בארד, זיין גיזיכט וואר רונד אונ ברוין, ערענסט (סוריאזנע) אונ פינסטער דאס עס האט אויסגיזעהן עפעם וויא פון איינעם דונקעלין מארמאר אויס גיהויען, וואס קיינע פריידע אונ קיין צערטליכעם גיפיל איזט ניט אים שטאנדע אום עס פריינדליכער צו מאכען אדער איינער הייטערערע (פריילי[כ]ערע) מינע אפ צו צווינגען פון אים, דיזער מאן האט גיהייסין ווערמודעץ וואס וואר ערגרויט (אלט גיווארין) אין דיזעם בלוטיגין דינסט, מעהר אלס טויזינד קעפ האט ער אפ גיהאקט מיט זיינער האנד, דען שפאניען איזט אזוי אלאנד וואס איזט ניט גאנץ אקאנאמיש מיט מענטשען בלוט:

אין יענע צייטען האט עס דארט געפלאסין וויא וואסער פאר דיא רעליגיאן אונ איצונד פאר פאליטישע זאכען, דיזער שארף ריכטער וואר שטאלץ אויף זיין האנדווערק, דען מיט איינם היב (זעץ) האקט ער איבער דען דיקסטען האלז, אונ פלעגט זיך גיפינען גאנץ מונטער בייא זיינער שאטאנעשע ארבייט וויא איין פיש אין וואסער, דען בלוט וואר זיין עלעמענט*):

דיזע צווייא קארלאניסטען האבין אן אים באלד אנגימערקט דאס ער איז דער שארפריכטער ג. אונ דער מארקיז דעמאנטאלאן, האט זיך אריין גילאזין אין אנישפרעך מיט אים "איך גלויבע" האט ער זיך צוא אים אפגירופין "דאס איר זייט דער שארפריכטער, אלזוי זייען זייא גוט אונ זאגין זייא אונז וועמען וועט מען עם מארגין היגריכטען (דן זיין)?", "איינעם גיוויסין אלימפיא האט ער זייא גיענטפערט וואס איז איין אנפיהרער (הויפט מאן) פון דיא קארלאניסטען דער ווילע האבין מיר בעקומען אים איינעם", "א דיזער אלימפיא! האט זיך

אפגירופין

---

*) דיא ארבעה יסודות ווערין אנגערופין דיא פיר עלעמענטע, ערד, לופט, פייער, אונ וואשער, אונ יערע בעשעפענס געפינט זיך וואול אין זיין עלעמענט, דער פיש אין וואשער, דער פויגיל אין לופט, דער קראט אין דער ערד.

אפגירופין דער פיליפפא „פערדינט עס אין פולען מאס , ער קאסטעט גענוג בלוט אונזערעם לאנד“ „אוני מיר האפין“ האט זיך דער ווערמודעץ אפ גירופין דאס מיר וועלין בעקומען באלד אויך דיא איבעריגע צוויא באנדיטען וואס וואורין מיט אים אין בונד ביא דעם רויב פון דער קיניגין דעם מארקיז דעמאנטאלאן , אונ דעם פיליפפא ביאנאוויטא , אונ וועל זייא ביידען אויך מיט אקאפ קירצער מאכען , אונ איך האפע צו גאט דאס איך וועל פילע בעשעפטיגונג האבין אין דיזעם יאר , דען עס זיינען דא פילע געהיימע קארלאניסטען זעלבסט אין מאדריד גופא , היינט מארגין זייא וועלין אויך אונטער מיין בארטע ארונטער פאלין , מיינע אינסטרומענטען (געצייג) וועלין שוין ניט ראסטין אין דיזעם יאר , אונ וועל שוין אלזוי קענען געבין מיינער טאכטער אגרויסע זומא נדן :

„עס ווערט אייך דען געצאלט פאר יעדע עקזעקוציאן (דערקערעט) בעזונדער ?“ האט אים גיפרעגט דער מארקיז דע מאנטאלאן. „גאנץ געווים“ האט ער אים גיענטפערט „איך בעקום אויסער מיין גיוויסין גיהאלט הונדערט טאלער פאר יעדען קאפ , אונ ווער איז אין דיזער בלוטיגע צייט זיכערער מיט זיינעם הויפט אלס איין מאן קאפ , עס האט שוין גיטראפין אין דיזען טאגען , דאס מאנכער הער וואס האט זיך מיט מיר בעשפראכען ביא דעם צו זאמען שטעלין דעם עשאפאט וויא איר איצונד מיט מיר אונ אין אפאר טאגע ארום האבין זיך זיינע דילען (ברעטער) גיפארבט שוין מיט זיין בלוט :

„א היילגער גייסט !“ האט זיך דער פיליפפא ביאנאוויטא אפגירופין האלב לאכענד אונ האלב ערענסט „רעטירע אונז אונ בעהיטע אונז איין פון אייערע בלוטיגע הענד , אונז אונ אלע גוטע קריסטין :

נון פאר שטייט זיך דאס דיזעם גישפרעך האט קיין גוטען איינדרוק גימאכט אויף דיזע צוויא העלדען אונ ביא אלעם דעם זיינען זייא געבליבין פעסט אין זייער האפענונג אונ זיינען אוועק אויף זייער קוואַרטיר אום צו ערווארטען דארט זייער הייסגיליבטין קאמראדען דעם אלימפיא אגואדא וואס דארף זיך לויט זייערע פארקעהרונגען (פריגאטאוולענעס) זיך אין דיזער נאכט בעפרייען פון זיינעם געפיינגנים :

8.

דיא ענטפליהונג (אנטלייפונג).

וויא מיר שוין וויסען וואר דער אלימפיא אגואדא איינגישלאסין אין איינעם פון דיא קאזאמאטען (אונטער אירדישין גיוועלבען) וואס זיינען אין דעם קיניגליכען שלאס , וואס דארט זיצין נור דיא גרעסטע פאליטישע פארברעכער זייא זיינען גיבויט אונטער דעם וואל וואס גייט ארום דעם איגיוויינינגסטען הויף , אונ זיינען גיבויט וויא דיא קלויסטערשע צעלען גיווענדעט

מיט

מיט זייערע טירען אין איינעם לאנגין שמאלין אונ דונקעלין קארידאר וואס גייט אין איין האלב רונד גיבויגין וויא איין האלבציירקעל אונ ווערט בעלויכטעט נור דורך זיינע ביידע עפענונגען וואס זיינען ביא זיינע ביידע ענדען, ביא טאג פון דיא קנאפע טאגעס ליכטיקייט וואס דרינגט דורך זייא איין, אונ ביא נאכט דורך צווייא לאנטערנען וואס הייגען ביא דיזע ביידע ענדען וואס זיינען בעזעצט מיט שילד וואכטען (קאראולנעם), אונ אזוי איז יעדע צעלע אדער קאזאמעט בעזונדער מיט איין אייזערנע טיר אונ מיט איינעם קלוגין שלאס אזוי דיכט צוא גישלאסין דאס קיין לופטכען קען הין איינדרינגען, אונ ווערין בעלויכטען נור דורך אקליינע רונדע עפענונג וואס איזט דא אין יעדער טיר גרויס אונ רונד וויא דיא דעקע פון איינעם טייא גלאז, דאך אבער מער גימאכט פאר דעם אויער פון דעם בייכטפאטער*) אלס צו איינער בעלייכטונג, ביא נאכט ווערט יעדע צעלע בעלויכטין מיט איינער קליינע לאמפע וואס איזט בעפעסטיגט גאנץ אויבין אן דער סקלעפעניע, אלזו געמעס (ווערלוג) דיזער איינריכטונג פון דיזער גיפייגעניס וואר איינע אונמעגליכקייט פאר יעדע גיפאנגענעם צו פליכטין (אנטלויפין) פון איר, דאך דיא ליבע וואס מאכט קלוג אויך דעם בלעדען (נארין) אונ בויט איין שטעג איבער זיינעם רייסענדין שטראם, וואר אין שפיל אויך היר, אונ האט גיעפינט פאר דעם אלימפיא דאס שווערע אייזערנע טיר אונ דאס וואר דיא דאלארעס דיא גיליבטע פון דיזעם גיפאנגענען, אונ גראדע אין דער זעלבע נאכט וואס וואר פאר דעם מארגין אין וועלכין ער האט גידארפט גיריכטעט ווערין אויף דעם עשאפאט וויא מיר וועלין דא איבער אלץ קורץ אבער ריכטיג ערציילין:

באלד וויא דיא צווייא קארליניסטין דיא פריינדע פון אלימפיא אגואדא זיינען אן גיקומען קיין מאדריד, האבין זייא גישריבין אבריף צו דער דעלאראס דורך איינעם מיידכען וואס פלעגט איר צו ברייגגען אלע פריא מארגין אקרוג מילך אונ פרישע בלומען אונ וואס וואר איר פאר טרויטע אין מאנכע גיהיימניס, אונ וואר צו גלייך איינע איין גייערין אין דעם האטעל וואו עס זיינען איין גישטאנען דיא ביידע קארליניסטין, דען וויא מיר ווייסין שוין פון פאראהער אז דער ווירט וואר אויך אין בונד מיט זייא, אין דיזין בריף וואר אזו גישריבין:

"טייערע דעלאראס, מיר ביידע, מארקיז דע מאנטאלאן, אונ פיליפפא ביאגאוויטא

---

*) בייכטפאטער הייסט דער גייסטליכער (דוחאוונער) פאר וועלכין דיא קריסטין בייכטען זיך (איספאוויעדען זיך) אדער בעסער גיזאגט וואס זיינען זיך מתודה פאר אים, דיזער גייסטליכער זיצט דאן אין אגאנץ טיפין שטול וואס אין זיין הויכין פארענץ וואס גרייכט איבער זיין הויפט, איזט דא איין רונדעס לאך צו וועלכין ער לייגט צו זיין אויער, אונ דער הער אדער דיא דאמע וואס בייכטען זיך (זיינען זיך מתודה פאר אים) שטייען פון הינטין אויף דיא קניא אונ ראמען אים איין אין אויער זייערע זינד, אונ ער זעהט זייא אלזו ניט אינם גיזיכט, אונ אזו זייא אים אויך ניט, אונ אזו זיינען איינגיריכטעט אין שפאניען דיא טירין פון דיא גיפייגניס, דאס דיא גיפאנגענע זאל זיך בייכטען אין דער נאכט וואס פאר זייער טויט:

ביאנאוויטא, האבין אונז געזאגט צו קומען קיין מאדריד מיט גרויס געפאר אום אונזערן פריינד אלימפיא צו רעטירין, די זעלבע טרייהארציקייט פאדערן מיר פון דיר אויך, דען דוא ביזט זיין געליבטע, אונ אן דיינער הילפע קען ער ניט בעפרייט ווערין, מיר ווייסין צוואר דאס דיין פאטער קען דורך דעם פיל ליידין, דען ער איז דער אויף זעהער (שמאטריטיל) איבער די געפאנגענע, עס וועט זיך דאך אבער דאקאזען דאס ער האט אין דעם קיין שולד, אונ וועט עס אפ קומען נור מיט איינעם וויסער (וויגאוואר), אונ פאר גאר ניט, דאס דיין פאטער איז שוין אלט, אונ ניט אייביג לעבט מען מיט אפאטער:

אונ וויא מיר ווייסין דאס דוא ביזט די גאנצע פערוואלטערין (גאספאדינע) אין זיינעם אמט (דאלזנאסט), דאס אונטער דיינער אויף זיכט ווערט גיקאכט אונ גיבאקט אונ אויס גיטיילט די פארציאנען פאר די געפאנגענע וואס זיינען אונטער זיינער אויף זיכט, אונ דוא ווייסט דעם נומער פון יעדין געפאנגענען, פאר לאנגען מיר פון דיר ערשטינס דאס דוא זאלסט אונז שיקין אוועקסענע קאפיע פון דעם שליסיל וואס איזט פון זיין קאזאמאט, מיר וועלין אים לאזין נאך מאכין ביא אונזערין אשלאסער, אונ מיר וועלין אים אפ שיקין צו דיר מיט אקליינעם דאלך (שפיז) מיט אבלעכענעם נאדיל טעשיל אין וועלכעם עס וועט ליגן אראלקע (אצוזאמען אויף גיקייקעלטעס) פאפיר וואס אין אים וועט זיין בעשריבין וויא ער זאל זיך בעגיין מיט דיזע ביידע זאכין צו זיינער בעפרייאונג, דוא זאלסט עס איין קנעטין יעדין אין איינעם בעזונדערין ברויטיל אין איין בעזונדערין טאג דאמיט עס זאל עס ניט זיין צו מערקין, אונ זאלסט עס בעשטימען פאר אלימפיאס פארציאן, אונ צווייטינס זאלסט דוא די לעצטע נאכט זיין וואך אונ זיצין לעבין דיינעם קליינעם פענסטעריל וואס איז גיווענדעט אין הויף דאמיט דער אלימפיא זאל זיך קענען זעהן מיט דיר ביי זיינעם ארויס גיין, אונ דריטענס זאלסט דו גאט בעטן פר אים דאס עס זאל אים געלינגען (גליקין) צו ענטלויפין:

וואו איז די פעדער וואס זאל קענען בעשרייבין וואס פאר אווירקונג עס האט דיזער בריף גימאכט אויף די דאלארעס, זיא וואר אגאנצע נאכט גענויגט צווישין פארכט אונ האפענונג, צווישן פרייד אונ לייד, עס וואר אין איר הערצין איין שווערער קאמפף (שטרייט) צווישין קינדליכע ליבע אונ צווישין איר ליבע צו דעם אלימפיא, דען זיא האט גיוואוסט דאס איר פאטער וועט דער פון זייער פיל ליידן אויס צווייא אורזאכין, ערסטינס ווייל ער איזט זייער טרייא זיינעם דינסט וואס זיא איזט אים טרייא וויא זיין לעבין, אונ צווייטינס וועט ער האבין פיל אויס צו שטיין פון דער קיניגין, אונ קען זייער לייכט זיין לעבין דורך דעם פאר לירין, אונ זיא איזט גיווארין אין ריינעם מיט זיך, אדער בעסער צוא זאגין איינייג מיט אירעם גיוויסען ערסט געגין טאג «איך וועל ערפילין זייער פארלאנג» האט זיא צו זיך זעלבסט גיזאגט, איך וויל דאס מיין געליבטער זאל לעבין, אונ ווען עס וועט מיט מיינעם פאטער זייער איינג קומען, דאס הייסט ווען עס וועט שטיין זיין לעבין אין געפאר וועל איך מיך דאן מודה זיין דאס איך בין די

שולדיגע

שולדיגע אין דעם אלימפיאס ענטפליהען, אונ וועל אלזו מיט מיינעם לעבין רעטען זיין לעבין :

אין אטאג ארום האבין דיא ביידע פריינדע בעקומען פון איר דיא וועקקענגע קאפיע פון דעם שליסיל, אונ אין אטאג ארום האט זיא פון זייא בעקומען אלין דורך דיא זעלבע מיידכען דעם נאך גימאכטין שליסיל מיט דעם קליינעם דאלך (שפיז) אונ מיט דער בלעכענע נאדיל טעשיל, אונ באלד דארויף האט דער אלימפיא בעקומען אלע דרייא זאכין אין דרייא טעג אונ האט זיך אלזו פאר פארטיגט (מכין גיוועז) צו בעגיין זיך דער מיט וויא גישריבין איז אין דער פאפיר ראלע וואס וואר אין דער בלעכענע טעשיל. וואס מיר וועלין דא באלד ריכטיג בעשרייבין, אונ האט אלזו ערוואַרטעט דיא לעצטע נאכט מיט איין קלאפענדין הערצין, דען איינע אונגיוויסע רעטונג בעאונרוהיגט פיל מער אלס איין גיוויסער טויט, אונ דיא אייזערנע צייט וואס ענדערט ניט איר גאנג צו ליב דיא מענשליכע אינטערעסין אום צו גיין דאריבער לאנגזאמער אדער שנעלער, האט זיך דא אויך ניט בעאיילט צו ליב דיזין אונגליקליכען וויא זיא האט זיך ניט פאר זאמט צוא ליב דעם גליקליכען :

קוים האט אנגיהויבין דער לעצטער טאג צו דונקעלין, אונ דיא לעצטע נאכט פאר זיין הינריכטונג (דעקרעט) האט אן גיהויבין איין צו הילען זיין דיא וועלט מיט איר געשטערענטין מאנטיל איז דער אויפזעהר (סמאטריטיל) עמאנועל קארטינא ארונטער אין דעם קאזאמעט צוא דעם אלימפיא, אונ האט אים אן גימעלדעט דאס ער איז פאר אורטיילט (פאר משפט) גיווארין צום טויט, אונ מארגין צעהן דעם זייגער וועט ער גיקעפט ווערין. עס איזט זייער לייכט צו פאר שטיין וויא עס וואר צו מוטה דעם גיפאנגענעם, נאך מער אבער דעם עמאנועל קארטינא וואס וואר אים איין עכטער גוטער פריינד, וואס ער האט אים גיליבט וויא איין איגין קינד, אונ האט אים דארט אלזו בעוויינט וויא איין פאטער אייגען איינציגין זון פאר זיין טויט :

"נוייהע אונז ביידין" האט ער זיך צו אים אפ גירופין דאס איך דיין בעסטער פריינד דארף דיר וואס דוא האסט גיזאלט זיין מיין שוויגער זון (איידים) דיא שטיצע פון מיינעם עלטער אן זאגין דיזע איזבס פאסט (בשורה רעה), דיינע יוגענד האט עס דיך דער צו פערלייטעט (פאר פירט) :

"וויינט ניט אום מיך ליבער אלטער גוטער פריינד" האט זיך דער אלימפיא צו אים אפ גירופין, עס וועט דיא וועלט קיין גרויסין שאדין ליידין דורך מיין טויט, דען איך האב נאך קיינע פרויא קיינע קינדער, דיא איינציגע פערזין וואס וועט זיך אום מיך קימערין וועט פילייכט זיין אייער טאכטער דיא דאלארעס, דאך וועט עס אויך ניט פון לאנגען דויער זיין, אונ איך זעלבסט פאר ליר אויך גאנץ ווייניג דער בייא, דען ניט פאר געסט איך בין דאך איין מאל איין קריגער (סאלדאט), אונ גייא דעם טויט אלע טאג אנטקעגין, אלזו איז קיין אומרעכט פון מיר דס איך האב גיוואלט מיט מיינעם וואלוועלן לעבן ערקויפן מיר איינען איינ[illegible]

רוהם (האנער) גיפאנגען צו האבין איינע קיניגין מיט איר הויפדאמע, אלזו מיין פריינד אוועק מיט אייערע טרעהרין אום מיין יונגעס לעבין, גערים'סט אייערע טאכטער, אונ בעטעט איר אין מיינעם נאמען דאס זיא זאל ווען זיא ווירקליך אונ אויף ריכטיג מיך ליבט זאל זיא אימער מיין גראב (קבר) בעזוכין אונ בלומען אויף אים ערציהען, דען מיינע ליבע צו איר שטארבט ניט, דען איך גלויבע אן איינער יענע זייטס (עולם הנשמות):

מיט שרעקליכין וויהע מוטה האט דער אלטער גינומען אבשייד פון אים, איזט ארויס פון דעם קאזאמאטע, אונד האט דיא טיר פאר שלאסין הינטער זיך אונ איזט אריין אין זיין צימער אונ האט זיך גילייגט אויף זיין בעט אונ האט פאר שלאסין זיין צימער אום אויס צו מיידין זיינער טאכטער דאלארעס:

ארום צוועלף דעם זייגער בייא נאכט איזט גיקומען איין גייסטליכער (גלח) אום פאר צו בערייטין דעם אלימפיאען צום טויט, דאס הייסט ער זאל זיך פאר אים בייכטען (מתודה זיין) אלע זיינע זינדע, אונ זאל אים זאגין זיין לעצטין ווילין וועגין זיינע הויזליכע אונגילעגענהייטין (ענינים), דיזער גייסטליכער (דוכאווענער) האט זיך בייא דעם איינגאנג אין דעם פארטאל (טויער) פון דעם קאראדאר גימעלדעט בייא דעם דיזורגעם אפיציר דאס ער איז גישיקט גיווארין פון זיינעם פרעפאס (פארגיזעצטען) אום צו הערין דיא בייכטע (וידוי) פון דעם אלימפיא, האט אים גיוויזין דער צו זיין ציינגים וואס וואר גיזיגילט מיט דעם זיגיל פון זיין קאנוועט*) וויא גיוואונליך, דער צוא וואר ער אליין פון דיא פארנעהמסטע אונד בעקאנטע פריסטער, אונ האט זיך איין גישריבין אין זורנאל, אונ איזט זיך אראפ אונטין, אונ אין איינער האלבע שטונדע האט מען אים גיזעהן ארויס גייענדיג צוריק:

קוים האט אנגיהייבין צוא טאגין, וואר שוין דער פלאץ וואו עס וואר אויפגעריכטעט דער עשאפאט פול מיט טויזענדע מענטשען אונ מיט זייערופיל מיליטער אונ צו דעם שלאס זיינען גיקומען דרייא שוואדראנען קאראסירין אום צו פירין דעם אלימפיא צו דעם ריכט פלאץ, אונ האבין נור גיווארט אויף דעם גייסטליכען וואס זאל אים פירין צום טויט, דאס הייסט אויף דעם זעלביגין וואס וואר געסטערין בייא אים, מען האט זיך אבער ניט גיקענט דער ווארטין אויף אים אונ מען האט גישיקט אים רופין, נור דער פריאר (פארגעזעצטער) פון דיזעם קאנוועט, האט גיענטפערט „דער געסטעריגע פריסטער איזט ניט גיקומען צוריק אונ איך וויים ניט דיא אורזאך דער פון" אונ האט צו גישיקט איינם אנדערן אונ באלד דארויף איזט מען אראפ אונטען אום ארויף צו פיהרען דעם אלימפיא,

אבער

---

*) קאנוועט ווערט אנגירופין איינע גיזעלענשאפט אדער חברה. אזוי צום בייא שפיל זיינען דיא פראנציסקאנער איין בעזונדער קאנוועט. בארנעדינער איין בעזונדער קאנוועט. יעזואיטען ווידער איין אנדער קאנוועט. יעדער קאנוועט האט איין אנדער פארמעל (נוסח) אין בעטען. אין לעבענס ארט. אונ ווערין אלץ אנגירופין מיט דעם נאמען פון זייער גרינדער (מיסד).

אָבֶער אָנְשְׁטָאט אִים הָאט מֶען דֶער וִויסְט אֵיינֶעם אַנְדֶערְן , אוּנ דִיזֶער אַנְדֶערֶער וואַר דֶער נִיט צוּרִיק גִיקוּמֶענֶער גַייסְטְלִיכֶער , מֶען הָאט אִים דֶער וִויסְט הַאלְבּ נאַקֶעט , דִיא הֶענְט גִיבּוּנְדִין אַהִינְטֶער אוּנ דֶעם מוּנְד פַארְשְׁטָאפְּט אוּנ אַרוּם גִיבּוּנְדִין מִיט אֵיינֶעם שְׁנוּפְּטוּךְ :

מֶען הָאט אִים בַּאלְד לוֹיז גִיבּוּנְדֶען , אַרַיין גִיפִירְט אִין וַואכְט הוֹיז , אוּנ הָאט פֶערְלַאנְגְט פוּן אִים אַיין אוֹפְּשְׁלוּס (עֶרְקְלֶערוּנְג) אִיבֶּער דִיזֶעם טוּישׁ (אוּמְבַּייטוּנְג) וָואס עֶס וַואר דֶער רֶעגִירוּנְג אַיין וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער , אוּנ דִיזֶער הָאט דֶער צֵיילְט וִויא דִיזֶעם אִיז גִישֶׁעהֶן אִין דֶער וִוירְקְלִיכְקַייט , אוּנ הָאט זִיךְ דָאךְ נִיט גִיקֶענְט רֵיין וַואשֶׁען פוּן פֶערְדַאכְט (חָשַׁד) דָאס עֶר וַואר מִיט אִים שְׁפִּיל וִויא מִיר וֶועלִין דָא וַוייטֶער דֶער צֵיילִין :

״קוּים הָאבּ אִיךְ אַגִישְׁרַייא גִיטָאן דוּרְךְ דִיא קְלֵיינֶע עֶפֶענוּנְג וָואס אִין טִיר פוּן דֶעם אָלִימְפִּיַאס קַאזַאמַאט ״אַלִימְפִּיַא !״ הָאט עֶר אָנְגִיהֵייבִּין צוּא דֶער צֵיילִין אוּנ הָאבּ צוּ גִילֵייגְט מַיין אוֹיעֶר צוּא אִיר אוּם צוּא הֶערִין דִיא בַּייכְטֶע בִּין אִיךְ שׁוֹין מִיט דֶר טִיר אַרַיין גִיפַאלִין אִין קַאזַאמַאט , דֶען זִיא וַואר נִיט פַארְשְׁלָאסִין , אוּנ דַאן הָאט דֶער אַלִימְפִּיַא פַאר שְׁלָאסִין דִיא טִיר פוּן אִינְוֵוייִנִיג אוּנ הָאט אַרוּיס גִינוּמֶען פוּן אוּנְטֶערִין בּוּזֶען אַקְלֵיינֶעם דָאלְךְ אוּנ הָאט צוּ מִיר גִיזָאגְט דָאס וֶוען אִיךְ וֶועל נוּר עֶטְוָואס לַארֶעם מַאכֶען שְׁטֶעכְט עֶר מִיךְ טוֹיט אוֹיף דֶער שְׁטֶעלֶע אוּנ דֶער נָאךְ הָאט עֶר מִיר אָפְּגִיצוֹיגִין מַיינֶע גַייסְטְלִיכֶע קְלֵיידֶער אוּנ הָאט זִייא אוֹיף זִיךְ אָנְגִיצוֹיגִין אוּנ בַּאלְד דַארוֹיף הָאט עֶר מִיךְ גִיבּוּנְדֶען וּדֶעם מוֹיל , פַארְשְׁטִיקְט דָאס אִיךְ זָאל נִיט מַאכִין לַארֶעם נָאךְ זַיין אַוֶועק , אוּנ אִיזְט זִיךְ אַלְזוֹי אַרוֹיס פוּן דֶעם קַאזַאמֶעט אוּנ הָאט פַארְשְׁלָאסִין דִיא טִיהר הִינְטֶער זִיךְ , מֶער וַוייס אִיךְ נִיט פוּן וָואס צוּ זָאגִין , וֶוערִין מִיךְ גֶעגִין אִים וַואר אֵיינֶע אוּנְמֶעגְלִיכְקַייט , דֶען דִיזֶע מֶענְטְשֶׁען אִיזְט פוּן אַייזִין גִיבּוֹיט , זַיין בֶּערִיהְרִין מִיךְ מִיט אֵיינֶעם פִינְגֶער וַואר וִויא גִיעֶקְבֶּערְט״ :

עֶר הָאט דִיזֶע עֶרְצֵיילוּנְג זַיינֶע בֶּעפֶעסְטִיגְט מִיט אַשְׁוואוּר (שְׁבוּעָה) , אוּנ בַּייא אַלֶעם דֶעם אִיזְט עֶר גִיבְּלִיבִּין זִיצִין מֶער אַלְס דְרַייא מָאנַאטֶע אִין דֶעם זֶעלְבִּיגִין קַאזַאמֶעט אִין וֶועלְכִין מֶען הָאט אִים דֶער וִויסְט , אוּנ הָאט אַלֶע טָאג גִימוּזְט אוֹיס שְׁטֵיין אַשְׁוֶוערִין עֶקְזַאמֶענְט , צוּ וַואר עֶר נִיט יַד אֶחָד מִיט דֶעם אַלִימְפִּיַא , דֶען עֶס וַוארִין אִין יֶענֶער צַייט פִיל גִיהַייםֶע קַארְלִינִיסְטִין אִין מַאדְרִיד , זֶעלְבְּסְט אוּנְטֶער דִיא גַייסְטְלִיכֶע אוּנְטֶער דִיא הוֹיף לַייטֶע , אוּנ אִיזְט עֶרְסְט לוֹיז אַלְס מֶען הָאט זִיךְ אִיבֶּער צַייגְט (אוֹיף קְלָאר גִיוואוּסְט) דָאס עֶס וַואר וִויא עֶר הָאט דֶער צֵיילְט :

מֶער גִילִיטִין פַאר אִים הָאט אָבֶער דֶער שְׁטַאטְרִיטִיל עֶמַאנוּעֶל קַארְטִינֶע , עֶר הָאט שִׁיר דֶעם שְׁלַאג בַּאקוּמֶען דֶער פוּן , עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַשְׁרֶעקְלִיכִין פִיבֶּער אוּנ הָאט זִיךְ גִילֵייגְט צוּ בֶּעט , אוּנ אִיז גִיוָוארִין דֶער צוּ נָאךְ זַייעֶר שְׁטְרֵיינְג בֶּעוַואכְט , אוּנ דִיא דָאלַארֶעם זַיינֶע אֵיינְצִיגֶע טָאכְטֶער וַואר גִיקְרֵיינְקְט דֶער פוּן נָאךְ מֶער אַלְס אִיר פָאטֶער , וַוייל זִיא הָאט דָאךְ גִיוואוּסְט דָאס זִיא נוּר אִיז דִיא

ווארע

זוארע שולדערין , אונ איז גיזעהין לעבין איר פאטערס בעט וויא אנגעריכטעטע (פאר משפטע) אונ וואר בעזארגט אום דעם פאטערס לעבין . דאס אים פאל ווען ער וועט ווערין גיזונט זאל ער ניט דארפין בעשטייגין דעם עשאפאט , אונ האט פאר שאלטין איר לעבין מיט אירע אונגליקליכע ליבע בעזאמען :

ערסט ארום צוועלפין האט זיך דער גרויסער פובליקום וואס איז גישטאנען ביא דעם עשאפאט דער וואוסט דאס דער אלימפיא איז אנטלאפין , אונ האבין אפ גיצויגין פון דארט מיט לאנגער נאזע (פערדרוס) , מער פר זייא האט פאראיביל גיהאט דער שארף ריכטער ווערטודעץ , דען דאס ערסטע מאל אין זיינעם לעבין האט אים גיטראפין דאס ער זאל מיט איינער פון בלוט אונבעפלעקטער האנד זיך אומקערין פון דעם עשאפאט אהיים , אונ האט נאך דער צו גימוזט אוים שטיין צוריק גייענדיג אין זיינעם רויטין מאנטיל איינע גרויסע באליידיגונג פון דרייא רייטענדע העריין וואס האבין אים אוים גישטעלט אגרויסע צונגע , אונ דיזע ווארען דיא דרייא קארלינגיסטין , מארקיז דע מאנטעאלאן , פיליפפא, באנעוועטע אונ אלימפיא אגואדא :

אלזו מיינע טייערע לעזערין איך טרויא דיר צו אזו פיל פאר שטאנד , דאס דוא וועסט פון זעלבסט שוין פאר שטיין , דאס דער צוריק ארוים גייענדער פריסטער פון דעם קאראדאר וואר קיין אנדערער אלס דער אלימפיא , ער האט זיך גיוואלט זעהן צוריק גייענדיג מיט דער דאלארעס וואס זיא האט גיווארט אויף אים אין איר צימער ביא דעם אפינעם פענסטער וויא עס איז גיווארין אפ גירעט, צום אונגליק אבער וואר דאן ביא איר דיא אלטע דיא אויף זעהערין פון דיא קיניגליכע זילבער וואס זיא איזט גיקומען דער ציילין איר דאס מארגין וועט מען הינריכטען (בן זיין) איר גיליבטען , אונ האט אלזו גימוזט פאר ביא זיין גאנץ גלייך גילטיג , אונ אויף מארגין ווארין זייא שוין איבער אלע בערגען , אונ האבין גיהאט אין זייער הויפט לאגער פון פיל וואונדער צו דער ציילין :

9

דער האף באל אין מאדריד

דיא מוטער קיניגין אונ איר מיניסטער עספארטארא האבין גיפונען פאר זייער רעכט אונ פאר זייער גלייך צו פייערין דעם זיג (נצחון) וואס דער קאנבי (זייער פעלד מארשאל) האט גיהאט איבער דיא קארלאניסטען מען זאל עס פייערען מיט איינעם גרויסען האפבאל , דען דורך דעם וועט דאס פאלק ווערין ביא זיך פיל תקיפער אונ מוטהיגער , דער צו נאך איז בעלעגען צום גרונד פון דיזעם באל נאך איין וויכטיגערער ענין , אונ דאס איז דאס דיא יונגע קיניגין איזאבעלע זאל האבין איינע גוטע גילעגענהייט צו זעהען זיך מיט דעם נעאפאליטאנישען קרוינפרינץ פראנציסקא דע אססי וואס איז דא גיקומען אום זיך נור פאר צו שטעלין פאר דער יונגע קיניגין , אום ווען מען וועט זיך גיפעלען וועט מען זיך אויך

פערמעהלען

פֶערמֶעהלֶען (חֲתוּנָה הָאבִּין), אוּנ זיא דיא אִיזַאבֶּעלֶע וָואס זיא הָאט זֵייעֶר גוּט פֶערשְׁטַאנֶען דיא וַואהרֶע אַבְּזִיכְט פוּן אִירֶער מוּטֶער מִיט דיזֶעם בַּאל הָאט דָאך בַּייא אַלֶעם דֶעם עֶרְוַוארְטֶעט אוֹיף דיזֶעם בַּאל איר גֶעלִיבְּטֶען יֶענַארַאל סֶערְרַאנַא, וָואס בֵּיידֶע וַוארִין פֶערְלִיבְּט אֵיינֶער אִין דֶעם אַנְדֶערִין אִיבֶּער דיא אוֹיעֶרִין, אוֹיך אִיהרֶע הוֹיפְדַאמֶען עֶווגֶענִיא הָאט אוֹיך גִיהַאט איר אִינְטֶערֶעסֶע בַּייא דיזֶעם הוֹיפְבַּאל, דֶען זיא הָאט גִיהָאפְּט צוּ זֶעהֶען זִיך דָא מִיט איר גִילִיבְּטִין נַארְוָואעֶץ מֶער נָאך וַואר דֶער בַּאל פוּן גְרוֹיסֶער וִויכְטִיגְקֵייט פַאר איר מוּטֶער:

דיא גְרַאפִינֶע טֶעבַּא וָואס הָאט עֶרְוַוארְטֶעט אוֹיף דיזֶעם בַּאל: דיא עֶנְטְשֵׁיידוּנְג (רֶעשֶׁענֶע) פוּן דֶעם הֶערְצָאג אַלְבָּא אִיבֶּער בֵּיידֶע טֶעכְטֶער, דָאס הֵייסְט דָאס עֶר וֶועט זִיך אוֹיף אִים עֶרְקְלֶערִין וֶועלְכֶע פוּן זֵייא בֵּיידֶען וִויל עֶר הֵייראַטְהֶען, אוּנ הָאט דַאהֶער גִיהֵייסִין דָאס איר טָאכְטֶער מַארִיַא זָאל אָנְטָאן אַיין רָאזָאוֶוען שַׁארְף (אֵיינֶע לַייב בִּינְדֶע), אוּנ איר טָאכְטֶער עֶווגֶענִיֶע אַייגֶען בְּלָאעֶן שַׁארְף, וִויא עֶס אִיז שׁוֹין פְרִיהֶער אָבְּגִירֶעט גִיוָוארִין, דֶער נָארְוָואעֶץ אָבֶּער הָאט גִיהַאט אֵיינֶע אוֹיסְזִיכְט אוֹיף דיזֶעם בַּאל צוּא זֶעהֶען נוּר דיא יוּנְגֶע קֶינִיגִין אִיזַאבֶּעלֶען אוּנ צוּ וִויסִין אוֹיף קְלָאר, צוּ זיא לִיבְּט אִים, אָדֶער זיא וִויל בֶּעסֶער דֶעם יוּנְגֶען סֶערְרַאנַא:

אָט אַזוֹי גֵייט עֶס מִיט אוּנְזֶערֶע אֵיידֶעלֶע וִוינְצוּנְגֶען דָא אוֹיף עֶרְדֶען, דָאס אֵיינֶער אִיזְט דֶעם אַנְדֶערֶען קָאנְטְרֶע אִין זַיינֶע בֶּעגִירְדֶען, אוּנ אַלְזוֹי וַואר דִיזֶער גִיפֵייעֶרְטֶער בַּאל פוּן גְרוֹיסֶע וִויכְטִיגְקֵייט, פַאר אֵיינִיגֶע וִויכְטִיגֶע אוּנ גֶעהֵייבֶּענֶע פֶערְזוֹינֶען, אוּנ דִיזֶע פֵייעֶרְלִיכְקֵייט (פַארַאדֶע) וַואר גִימַאכְט אִין דֶעם גְרוֹיסִין זַאל וָואס מֶען רוּפְט אִים פִילִיפֶּפָּא אוּנ דֶער צוּא אִין אַלֶע צִימֶערִין וָואס אִים אָן גִיהֶערֶען:

עֶס וַוארִין זַייעֶר פִילֶע פֶערְזוֹינֶען אַיינְגֶעלַאדִין דֶער צוּ, לֶעבִּין דֶעם פָּארְטַאל (פַּארַאדֶענֶעם אַיינְגַאנְג אִין פַּאלַאץ) הָאבִּין זִיך אַוֶועק גִיצוֹינִין צְוַוייא לַאנְגֶע צֵיילִין פוּן טַייעֶרֶע עֶקִיפַּאזִין אוּנ דיא בֶּעלַייכְטוּנְג הָאט גֶעבְּלֶענְדְט דִי אוֹיגִין, אָ וָואס פַאר אַיין אוּנְטֶער שַׁייד אוּנ וָואס פַאר אַיין הֵפֶּךְ עֶס וַואר דָארְט דַאן אִין שְׁלָאס צוּ זֶעהֶען אוּנְטֶען אִין פָּאדְוַואל (נִידֶערִיגִין אוּנְטֶערְשְׁטֶען גָארִין) וָואס דָארְט וַואר דיא וואוֹינוּנְג פוּן דֶעם עֶמַאנוּאֵל קַארְטִינַא וַואר אֵיינֶע דוּנְקֶעלְהֵייט, אַיין טִיפֶער קוּמֶער הָאט גִיהֶערְשְׁט אִין אַלֶע וִוינְקֶעלֶעך, דֶער אַלְטֶער אִיז גִילֶעגִין אוֹיף זַיין קְרַאנְקֶען בֶּעט, אוּנ דיא דָאלָארֶעם אִיז גִיזֶעסִין לֶעבִּין אִים מִיט רוֹיט גִיוַוייְנְטֶע אוֹיגִין, אוּנ אוֹיבִּין אִין דֶעם זַאל וָואס מֶען רוּפְט אִים פִילִיפּ, וַואר פְרֵיידֶען אִיבֶּער פְרֵיידִין אוּנ אַיינֶע הִימֶעלְשֶׁע בֶּעלַייכְטוּנְג, דֶען אַלֶע זַיינֶע וֶוענְט וַוארֶען גֶעטַאפֶּעלְט מִיט שְׁפִּיגֶעל טַאפְלֶען וָואס הָאבִּין אָפְּגִישְׁפִּיגֶעלְט פוּן זִיך דיא טוֹיזֶענְדֶע פְלַאמֶען פוּן דֶער גַאז בֶּעלַייכְטוּנְג וָואס וַואר דָארְט אָנְגִיבְּרַאכְט, אִין זַיינֶער מִיטֶען וַואר אָנְגִיבְּרַאכְט אַיין פַאנְטַאן (אַיין שְׁפְּרִיצְבְּרוּנֶען) וָואס הָאט מִיט זַיינֶעם הוֹיכְשְׁטְרַאהלֶענְדֶען וַואשֶׁער שְׁטְרַאהל עֶרְפְרִישְׁט אוּנ עֶרְקְוִויקְט מִיט זַיינֶער קִיהְלֶע (קֶעלְטֶען) אוּנ וִוירְצֶענְדֶען גְרוּך (דֶען עֶר וַואר פוּן רָאזֶענְוַואשֶׁער) דיא טוֹיזֶענְדֶע

געסטע

געסטע וואס האבן אינאים אומשפאצירט, אין יעדען ווינקעל זיינעם זיינן גישטאנען גרויסע בופעטען מיט אלער האנד ערפרישונגען, אין דיזעם גרויסען זאל ווארען אויך פילע זייטענצימערן וואס פיהרען אריין אין נאך אנדערע געפוצטע צימערין וואס יעדער פון זייא האט ווידער איין טיר אין דעם גרויסין שפאציר גארטין (פארק) וואס ער ווארדאן אויך זייער שטארק בעלויכטען, אין דיזעם פארק ווארין זייער שיינע שפאצירגייגגע וואס האבין זיך פערלארין איינער אין דעם אנדערין אונ וואס האבין געפירט דיא לוסטוואנדעלענדע (שפאצירענדע) אין שטיינערנע גראטען (היילען) וואס ווארען זייער שיין אויסמעבלירט אונ זייער שיין בעלויכטין, אונ דער בייא גאנץ פערוואקסין מיט-שלינג געוועקסע (דאס זיינען אזוי אמין געוועקסע וואס דרייען זיך אונ פערפלעכטען זיך אום געבייען אונ אום גראטקעס), דיזע גראטען זיינען גימאכט דארט נור פאר דיא יעניגע געסטע וואס האבין וואס געהיימנים צו ריידין צווישען זיך, אדער אום זיך דארט אויס צו רוהען פון טאנצען אונ צו ערקוויקין זיך מיט אקורצין שלומער אום צו זאמלען נייע קרעפטע אום צו קענען געניסען נייערע פערגעניגען:

דיא גרעפינע טעבא דיא מאנטיכע (עווגעניעס מוטער) האט זיך דער ווייליע אונטערגיהאלטין ביז איהרע צווייא טעכטער זיינען אנגיקומען מיט דער סוויטע פון דער קיניגין מיט רייכען הערצאג לערמא, אויך דער יענעראל גארוואעץ האט דער ווייליע אומשפאצירט איבער דעם זאל מיט דעם הערצאג אלבא סערראנא דער גיליבטער פון דער קיניגין האט זיך אונטערהאלטען מיט דעם הערצאג אלצאגא, אונ אזוי וואר צוא זעהען דארט פילע הערשאפטען, גיזאנדטע יענעראלען, דיפלאמאטען אונ גרויסע גייסטליכע (דוכאווגע לייט), וואס אטייל פון זייא האבין זיך גרופירט (גישטאנען אין קופקעס) אדער אום שפאצירט:

עס וואר ניט צו בעשרייבין גיוועזן דיא פערשיידענהייטען פון זייערע קליידער פון זייערע שפראכען אונ פון זייערע מאנירין וואס ווארען צו זעהן דאן אין דיזעם צויבער זאל, עס וואר דארט גישפראכין פיל פון דער פאליטיק, מער אבער פון ליבשאפטען, דען וואס אנדערם וואר פאר זייא צו קליין אונ צו ניכטיג:

דיא קיניגין מיט איר סוויטע האבין גילאזט דיזין איידעלען פובליקום אלאנגע צייט ווארטען אויף זיך, אונ דאך האט קיינער לאנג ווייליע גישפירט, דען עס האט גיקוואלין לוסט אונ פערגעניגין פון יעדען ווינקעל, אונ בעפאר זיא איז אריין אין זאל האט איין געוויסער קאמער הער אוואונק גיטאן צו דער מוזיק דאס זיא זאל אנהייבין צו שפילין, אונ דער ארקעסטער האט אויפגישפילט דעם שפאנישען נאציאנאל מארש מיט גרויס לארעם, אונ דאן איזט צום ערסטען אריין אין זאל דיא מוטער קיניגין מיט אירע טאכטער עליזאבעטע, אונ באלד נאך זייא איז אריין דיא גאנצע סוויטע הערען אונ דאמען, געקליידעט אונ גיפוצט אין סאמענט אונ אין בורלאנטען בעשאטען מיט פליטער אונ האבין אלזוי אויסגיזעהען עפעס וויא וועזענס (בעשעפינעס) פון בעסערע וועלטען, דיא מאריא כריסטינא וואס וואר נאך בליהענד שיין איזט גיגאנגען פאר אוים

עטוואס

עטוואס הינטער איר רעכטס איז אריין די איזאבעלא איין בעצויבערנדעס מיידכען וואס שענער פאר איר ווער נור די גראפינע עווגעניא, זיא ווער גיקליידעט אין ראזאווען אטלעס מיט ווייסע קוויטען, אויף איהרעם הויפט האט געשטראהלט איין בלומען קראנץ נאכגעשטאלט פון איינער קליינע קרוין:

די ביידע גראפינעס, דאס הייסט עווגעניא אונ איר שוועסטער מאריא וואַרין גיקליידעט אין ווייסען אטלעס פון איינעם נייעם שניט (פאקראי) אונ האבין זיך אונטער שיידען איינע פון דער אנדערע נור דורך זייערע שארפען (שערפען אדער לייב בינדען), די עווגעניא האט גיטראגין אויף זיך איינען בלאען אונ די מאריא איינען ראזאווען, אונ אזוי די איבעריגע הויף דאמען וואַרין גיקליידעט אין פראכט אונ אין גלאנץ די קיניגין האט ביא אירעם אריין טרעטען אין זאלאן גענייקט זייער העפליך מיט איר הויפט צוא די אלע וואס האבין זיך פאר נייגט פאר איר, אונ די עווגעניא האט דער ווייל גיזוכט מיט איהרע פייעריגע אויגין איר גיליבטין, דאס הייסט דעם נארוואעץ, נור אבער דיזער געליבטער האט גיהאט דאן אויגין נור פאר דער יונגע קיניגין, אונ זיא (די עווגעניא) האט נאך גימוזט עס זעלבסט בעמערקין צו איר לייד וועזען וויא דיזער נארוואעץ שטייט זיך אין אווינקעל וויא איין בילד זייל (פיגור) אונ קוקט נור אויף די איזאבעלא. אונ זיא די קיניגין וואס האט דאן גישפראכען מיט דעם פראנציסקע פרינץ פון נעאפאל וואס האט זיך גישדכנט צוא איר האט דאן גיהאט אויגין נור פאר איר גיליבטין סעראנא וואס איז גישטאנען אן אזייט ניט וויט פון איר:

דיזעס האט בעמערקט דער נארוואעץ אונ זיין שטירען (שטערען) האט זיך צו רונצעלט אונ זיינע אויגין האבין אריין גיקוקט אין זאל זייער ערענסט (כוריאזנע) אונ העכסט פינסטער (בייז):

קוים האט זיך די מאריא כריסטינא גיזעצט אויף איר שטול וואס ווער גיצירט מיט איינער קרוין, האט איר איינגילאדין צום טאנץ איר געליבטער הערצאג פיאנקארעסא, אונ זיא האט דיזע איינלאדונג זייער הייפליך אנגינומען אונ וויא נור זייא ביידע האבין ערעפענט דעם באל (איין אנהייב גימאכט מיט דעם טאנצען) זיינען ארוים צום טאנץ נאך איינינע פאר, אונ זיינען גיפלויגין אין קרייז אין דעם גרויסען זאל אונטער איינע רוישענדע אונ בעצויבערנדע מוזיק עפעס וויא הימעלשע גייסטער:

אויף אלע געזיכטער האט גיגלענצט פריידע אונ פארגעניגין, דען נאך ליכט קיין נאציאן אין דער וועלט אזוי פיל דעם טאנץ וויא די שפאניער, מער פאר אלעם אבער האט געטאנצט די יונגע קיניגין איזאבעלע מיט דעם סערראנע זייא האבין גימאכט דעם גרעסטען קרייז אין זאלאן, אונ האבין איבער טאנצט אלע טענצערקעס, אונ עס ווער זייא אזו שווער צו שיידין זיך איינער פון דעם אנדערין גלייך וויא זייא וואלטין גיוועזן צו זאמען גיוואקסען:

דער ווייל אין דיזער רוישענדע פריידע האט די עווגעניע בעמערקט

פון ווייטען דאס דער נארוואעץ גייט זיך גיארעמט מיט דער הויפדאמע מארקיזע דע בעלוויל שפאצירענדיק איבער דעם זאל , אונ דאס נאכהער האבין זייא זיך עפעס וויא מיט גנבה ארויס גימאכט פון דעם זאלאן אין פארק אריין , דיזעס האט דער עווגעניא זייער ניט גוט גישמעקט , אויב וואויל זיא האט זייער גוט גיוואוסט דאס דיא מארקיזין פולינע דע בעלוויל איז גאר פארליבט אין איינעם גיוויסען אלאצאנא,בייא אלעם דעם האט עס איר זייער שטארק גיווארעמט אונ האט ניט גיקענט בלייבין רוהיג , ווייל דא גישט לאנג האט זיא גיזעהן וויא דער נארוואעץ האט מיט פארליבטע אויגין זייער שטארק גיקוקט אויף דיא יונגע קיגינין, אלזו פאר גיווים איצונד דיא קליינע מארקיזין בענוצט ווערין אלס איינע פערמיטלערין אין דיזעם נייעם אונ גיהיימען ראמאן אונ איז דאהער אויך ארויס באלד פון דעם זאלאן מיט דעם פאכער אין האנד אונ איז אריין אויך אין דעם פארק אום נאך צו שפירין וואו דיזע לייטע וואנדעלין אונ פילייכט נאך אויס צו הארכין פון ווייטין וואס זייא שפרעכין מיט איינאנדער , אונ עס איז איר יגילונגען (געגליקט) אויך צו לויערין זייא אין איינער גראטע (הייל) וואס וואר אין איינעם געדיכטין אונ דונקעלין געבים (וועלדיל) אין וועלכען זיא האט זיך פארשטעקט (בעהאלטען) אונ האט פון דארט זייער לייכט זיך איינגיהערט וואס זייא האבין צווישען זיך גישפראכען , דיזעס גישפרעך וואר צוואר זייער לאנג אונ בריט , מיר וועלין דא אבער נור שרייבין וואס אונז אנבעלאנגט,דאס הייסט דיא ווערטער וואס דיא עווגעניא האט זעלבסט פארנומען אונ וואס וואלין פון גרויסע וויכטיקייטען פאר איר :

„א מיינע טייערע פולינע דע בעלוויל„ האט זיך דער נארוואעץ אפגירופין צו איר אין דער זעלבינע מינוט אלס דיא עווגעניא וואר שוין אין איינער לאנגע דארט אין איר גיהיימען ארט אום אויס צו הערין וואס זייא ריידין דארט צווישען זיך „איר מעגט מיך האלטין פאר איינעם וואהנזיניגע (משוגע) פאר איינעם דומען שטאלצען קערעל , דאך מוזט איר מיר עס נאך געבין , זאגסט וועל איך עס ניט איבער לעבין,דען איך בין אין דער איזאבעלען שטערבליך פארליבט , איך מוז אלזוי גיוויסעם וויסען :

„אונ דיזעס זאלט איר עס סארגין וויסין„ האט אים דיא פולינע דע בעלוויל גיענטפערט „איך וועל אין דיזער נאכט מיך בעשפרעכען מיט איר דאריבער , אונ גיוויסעם וויסין , דער ווילע אבער מוזין מיר איצונד אומקערין אונז אין דעם זאל צו דיא געסטע , דאס מען זאל ניט מערקען דאס מיר ביידע זיינען דארט ניט דא אונ בייזע צינגער וועלין שוין האבין וואס שלעכטעס צו ריידין איבער אונז„:

„זייא האבין רעכט„ האט איר דער נארוואעץ גיענטפערט אונ זיינען ארויס פון דער גראטע (הייל) אונ זיינען זיך צוריק גייענדיג גיגאנגין פאר בייא דער עווגעניא וואס וואר פערשטעקט אין געבייש (וועלדיל) אונ וואס האט גיהאט אלזוי דורך דעם איינע גוטע גילעגענהייט אויס צוא הערין זייער ווייטערדיגין גישפרעך פון וועלכעם זיא האט שוין זייער גוט פערשטאנען דאס איר גיליבטער

נארוואעץ

נארוואעץ איזט פערליבט גאר אין דיא קיניגין אונ איר הערץ האט דער פון ניט
ווייניג געליטין, דען וואס נאך אין דער וועלט קען אזוי פיל קריינקען וויא איינע
בעטראגענע ליבע, דאך ביא אלעם דעם האט זיא זיך באלד גיטרייסט אונ
גישטארקט אירין מוטה "א איך וויים אויף קלאר!" האט זיא גיזאגט צוא זיך
זעלבסט דאס דיא קיניגין ליבטע גאר איינעם אנדערן, אונ ביא אלעם דעם וויל
איך אים שוין ניט מעהר וויסין אונ קענען, איך גלויבע דאך איך בין פאר וואס
גרעסערעס געמינצט (גישאפען), אונ פרייא מיך אלזוי דאס איך האב איצונד
איינע גוטע גילעגענהייט אום צו וויסין שוין אויף קלאר וואו איך האלט מיט
דיזעם פערדארבענעם מענטשען אין דער וועלט אום מיך לויז צו מאכען פון אזוי
איינעם אויף אימער אונ אייביג, אונ ווער וויים פיליכט ווער איך נאך אין דיזער
נאכט אונ אין דיזעם זאל געווייהלט פון דעם הערצאג אלבא", אונ אזוי ריידענד
איז זיא אויך אריין אין דעם גרויסין זאל זייענד אנגיטאן אין דעם בלאען שארף
(שערפע), אונ האט דארט אנגיהייבין צוא זוכען מיט אירע בליקען דעם
הערצאג אלבא אום אויס צו פילין מיט אים דעם בלויז וואס איז גיווארין אין
אירעם הערצען דורך דיא אונטרייהייט פון דעם נארוואעץ:

דאך צו איהרם לייד וועזען (קלעמונג) האט זיא דער זעהען דעם הערצאג
דאס ער טראגט איבער זיינע סולטערען (פלייצעס) איינעם ראזאווען שארף אונ
פיהרט זיך שוין מיט איר שוועסטער אונטער דיא הענט, זיא האט עס דער זעהען
אונ עס איז איר גיווארין פינסטער אין דיא אויגין, דען זיא האט עס קיין מאל זיך
ניט פארגישטעלט דאס איהר שוועסטער זאל אים מער גיפעלין זיין אלס זיא, אונ
איז אזוי פון אים פעראכטעט ווי פון דעם נארוואעץ, א גינוג פערדרוס אונ קריינקונג
פאר אזוי אפארנעהמע דאמע וואס האט מיט רעכט שטאלצירט אויף איהרע
שיינהייט, דען זיא וואר ווירקליך דיא ערסטע שיינהייט פון דער שפאנישע
דאמענוועלט, אונ ווען אויך איהרע נעבענבוהלערין (פארדריינגערין) איז איהרע
אשוועסטער, אונ דאך ביא אלעם דעם, האט זיא איר מוטה נאך ניט פאר
לארין אונ אזוי אויך ניט אירע האפענונג דאס זיא וועט מיט דער צייט אויך
איר איבער שטייגען, אונ האט איר גראטעלירט (מזל טוב גיגעבין) מיט איינער
פרייליכע מינע ווען אויך דאס הערץ וואר נור גיצוואונגין דער צו:

10

"דיא שיינע עווגעניא אונ דיא שיינע דאלארעס"

דאס אלטע שפריכווארט זאגט "דער מענטש איז ניט צום פרידין גימאכט",
ראהער זיינען דיא אויגין פול מיט טרערען אויך ווען ער לאכט", ריכטיגע בעווייזע
דארויף זיינען דיא גרויסע האכצייטען, דיא גרויסע בעלע, דאס דיא
איינגילאדענע געסטע ווערין דארט העכסט ערמידעט אונ אפגישוואכט, דאס זייא
ברויכין רוהע נאך דעם עטליכע טעג, אונ בלייבין אצייט לאנג נאך דעם גאנץ
ענטמוטהיגט

ענטמוטהיגט אונ ענטקרעפטעט , אונ ווער רעט שוין נאך אזוי אבאל וואס וואר דארט אוים זיכטען אויף ליבשאפטען , אויף גרויסע שטעלין , אויף פאליטיצנע אינטערעסין , דאהער קיין וואונדער דאס דיא יונגע קיניגין מיט אירע הויפדאמען זיינען גיקומען פון באל גאנץ ענטקרעפטעט מיט אונרוהיגין געמיטהער אונ בעוועגטין הערצען :

באלד וויא דיא איזאבעלא איז גיקומען אין איר בודואר (צימער) האט זיא זיך אריין גיווארפין אין איר אטאמענקע (אוייבע טיפע זאפקע) אונ עס וואר איר דר לאנגט קרעפטיגע ערפרישונגען, דיא פענסטער וואס ווארין געווענדעט אין דעם לוסט גארטין ווארען גיעפענט אונ איין ערקוויקענדע אונ באלזאמישער גערוך האט דורך זייא איינגעדרונגען אין דיזען זאל אונ אירע ביידע הויפדאמען דיא עווגעניא אונ דיא פולינע דע בעלוווילע זיינען גישטאנען אויף דיא קניא לעבען אירע פים אויף איינעם דיוואן , אונ ווארין בעשעפטיגט מיט דעם אויסטאן איר, דיא האט איר אפגיצויגין דיא אטלעסענע מיט בורלאנטין בעזעצטע שיך, די האט איר אויס גיטאן דיא צירונג , אונ דיא אנדערע האט איר אפ גישפילעוועט דאס איין גישפילעוועטעס קלייד , פון איינאנדער גיפלאכטין דיא האר :

„אונ ווארום ביזט דוא מיר איצונד עפעם וויא איינע נעכטיגע ?" האט זיך דיא קיניגין אפגירופין צו דער איינער וואס וואר ביי דיזעם גישעפט זייער אונרוהיג אונ העכסט פארקימערט „איך זעהע אין דאס דוא ביזט וויא איינע אונצופרידענע מיט זיך זעלבסט , וויא איינע געקריינקטע , פאר גיוויס האסט דוא גימוזט האבין איינע בעליידעגונג , אדער איינע ליבע מוז דא זיין אין שפיל , איך וויל עס וויסין , איך גלויבע דאס דוא קלעמסט דיך נור דאס דער הערצאג אלבא האט דיך אויסען גילאזין אונ נעמט דיינע שוועסטער , איך בעטע דיך מאך עס קיין גיהיימנים פאר מיך" :

„אך ניין מיינע טייערע קיניגין" האט זיך דיא עווגעניא אפגירופין , איך האב קיין געהיימנים פאר אייך , עס איז דא קיינע ליבע אין שפיל , אונ עס פרייט מיך נאך גראדע דאס איך האב מיך ניט מיט דיזעם הערצאג פאר דרייט, דען איך האפע נאך אויף בעסערעס" :

„אך דוא מיינע ליבע עווגעניא עס איז איינע בעליידעגונג פון דיר מיר עס אין אויג צו זאגין ביי דיינעם וויסין דאס איך ליבע איינע קלענערע פערזאן אלס דער הערצאג איזט" , „אך איך ווייס עס" האט זיא זיך אפגירופין , דאס איר זאגט איר ליבט דעם אססאנא , דאך אבער איז עס נור גיזאגט , דאך מיינט איר עס ניט ערענסט , דען פאר גיוויס וועט איר הייראטהען דעם אססי וואס איזט דער נאסלעדניק פון נעאפאל" , „אך ווען אזוי !" האט זיך דיא קיניגין אפגירופין „האסט דוא דאך גאר קיין געדעכטנים (זכרון) דוא האסט גאר פאר געסין וואס מיר ביידע האבין גישפראכין אין דעם פארק פון אראנזיעץ , אונ האסט נאך דער צוא ניט בעמערקט מיט וועמען איך האב דיזע נאכט גיטאנצט „איך ניט בעמערקען מיט וועמען איר האט גיטאנצט ?" האט זיך דיא עווגעניא אפגירופין

מיט

„מיט דעם דאן פראנציסקא סעראנא, ער איז ווירקליך דער שענסטער קאוואלער פון גאנצען הויף„ :

„אלזוי דיזען הערצען סערראנא ליב איך גאנץ אויף ריכטיג, פון איהם דיינק איך וואכענד אונ פון איהם טרוימע איך אין שלאף, אונ אזוי ווידער האסע איך וויא דיא פעסט דעם קרוינפרינץ פון נעאפאל„ „אונ וויא געפעלט אייך דער נארוואעץ ?„ האט איר גיפרעגט דיא עווגעניא, „א פארציילע מיר עווגעניא„ האט איר דיא קעניגין געענטפערט „דיזער מענטש איז מיר גאנץ ווידערליך, איך ליידע איהם ניט„. „פרייעט עס מיך„ האט זיך דיא עווגעניא אפגירופען „דאס זייא זיינען גאנץ מיינער געשמאק„ „אונ עס איז דא ווירקליך ווערען צוא האסען„ האט זיך אפגירופען דיא קעניגין „דיזער מאן האט איין פיר קאנטיקעס געזיכט„.

אלזוי מיינע טייערע לעזערין דיזער געשפרעך וואר שוין גאנץ גענוג צו בעפרידיגען אונ צו בערוהיגען עווגעניעס הערץ וואס וואר דא ניט לאנג העכסט געקריינקט דורך דיא אונטריייהייט פון דעם נארוואעץ ווייל ער האט זיך פערליבט אין דער יונגע קעניגין וואס זיא האט איהם איצונד העכסט פעראכטעט אונ גאנץ אויס גילאכט, מעהר נאך אלס איר האט עס גיפרייט דער קליינע הויף דאמע פולינע דע בעלוויל, דען דורך דיזע רייד פון דער קעניגין האט זיא שוין גיוואוסט אויף קלאר וויא שלעכט עס האלט מיט דעם נארוואעצעס ליבע צוא דער קעניגין גיט אריין מישענדיג זיך אין דיזער גיפערליכע זאך מיט איינעם ווארט אזוי גאר :

בייא אלעם דעם האט דיזער פעראכטענדער געשפרעך פון דער קעניגין איבער דעם נארוואעץ גישלאגין מאנכע קליינע וואונדע אין דעם הערצען פון דער עווגעניע וואס וואר איהם פאר איינעגע שטונדען גאנץ ערגעבין, אונ ווידער האט איר גישמערצט דאס דיא קעניגין וואס זיא וייס פון איר ליבע צוא דעם נארוואעץ, האט אלזוי מיט אירע רייד דיזע אויך גאנץ בעליידיגט איר געשמאק (גוסט) אויס צו ווייהלין אזוי גאר איינעם פאר אגעליבטען, אונ האט דארום אום אויס צו מיידין דיזען קריינקענדען געשפרעך אנגיהייבין צו ריידין פון איינער אנדערע ענינים, זיא האט גימאכט גאר איין געשפרעך מיט איר פון דעם עמנועל קארטינא וואס וואר דער פאטער פון דער דאלארעס :

„ווייסען אירע קעניגליכע מאיעסטעט ? האט זיך דיא עווגעניא אפגירופען צוא דער קעניגין „דאס דער עמאנועל איזט זייער קראנק, אונ דאס עס האלט מיט איהם זייער ניט גוט ?„

ד[illegible]א קעניגין אבער האט זיך גימאכט ניט הערענדיג וואס דיא (איר הויף ד[illegible]) עווגעניא האט דא גיזאגט אונ האט דעם פאריגען געשפרעך ווייטער [illegible]ארגעזעצט :

„איך קען דעם אסטי דעם נעאפאליטאנישען פרינץ גאנץ אונ גאר ניט ליידען, אויך איז מיר דער נארוואעץ זייער ווידערלין, אונ איך ווייס זעלבסט ניט פאר וואס, ווען איך איהם נור זעהע שטעלט זיך — פאר אלין איינע בלוט

פארגיסונג , איינע בלוט בארע״ .״אונ דער דאן סעררא נא״ האט זיך דיא עווגעניא אפ גירופין ״איזט דאך נאך מעהר העלד פאר אים אונ פערלעבט זיינע יארין אין פעלד שלאכטען״ ״דאך אבער איזט ער פון דעם ליבליכסטען אויס זעהען , האט איר דיא קיניגין גיענטפערט, ער איז שיין אונ אנגינעהם אונ וועלכע דאמע קען אים זעהען אונ ניט ליבין , קורץ גיזאגט ער בעזיצט מיין הערץ״ , דיזער גישפרעך האט גידויערט ביז גרויסין טאג , אונ דאן האט דיא דאלארעס דיא טאכטער פון דעם עמאנואל קארטינא אריין גיטראגין אין דעם פאר צימער איין פרישין בוקעט בלומען , דען דיזעס פלעגט זיא עס צו טאן אלע טאג , אונ אלס זיא איז גיוואר גיווארין דאס דיא קיניגין איזט אויף , האט זיא גיבעטין דיא האפ דאמע וואס וואר דאן דיזורגע דארט דאס מען זאל איר אריין לאזין צו דער קיניגין , דיזע דאמע האט עם דאלאזעט פאר איר אונ דיא קיניגין וואס וואר מיט איר בעפריינדעט פון לאנג אן , דען זיא וואר דאך גיבאהרין אין דעם הויף, אונ פלעגט איר אלע טאג בעעהרען מיט איינעם בוקעט בלומען , האט עם איר ניט גיקענט פארזאגין , אונ האט איר ערלויבט אריין צו גיין צו איר אין נאבינעט :

קוים אבער איז זיא אריין , האט זיך גילאזט אן מעלדען דער גענעראל נארוואעץ צו דער קיניגין אום צו נעהמען אבשייד פון איר פאר זיין אוועק פארין צוריק צו דעם ארמייא , אונ אום צוא האבין ביא לייפיג (אנב) איינע גוטע גילעגענהייט אום צו וויסין אויף קלאר וויא עס האלט מיט זיינער נייע ליבע צו דער קיניגין , דען ער וועט עם לייכט אנטעקען פון איר אויפנעמען אים אונ וועט נאך פיליכט האבין דארט איינע גילעגענהייט צוא בעשפרעכין זיך דארט מיט דער פולינע דע לעווילע , ער האט זיך אבער זייער שטארק בעטראגין אין דיזע ביידע אוים זיכטען זיינע , דען דיא אויפנאהמע פון דער קיניגין וואר זייער קורץ אונ קאלט , זיא האט אים אבגיפערטיגט פון זיך גיך אונ באלד מיט דיזע ווערטער ״עס איזט מיר זייער ווילקאמען (ליב) אייער קומען צו מיר אום אבשייד צו נעמען , עס טוט מיר אבער לייד דאס איר זייט גיקומען צו מיר ניט צוא גילעגענער צייט , ערסטענס האב איך דיא גאנצע נאכט ניט גישלאפין , צווייטענס בין איך גאנץ אויפגערעגט (זייער גערירט) דורך דעם ערשיינען איצונד פאר מיר דיזעס עלענדעס מיידכען (ציינענדיג אויף דיא דאלארעס) וואס זיא איזט גיקומען פאר גיווים בעטען פאר איר ארעמען פאטער עמאנועל קארטינא דער שמאטריטעל פון דיא קאזאמאטען , וואס אויף אים פאלט דיא גאנצע שולד פון דער אנטלייפונג דער דרייא קארלאניסטען אונ וועט פארגעווים בעשטראפט ווערין דער פאר מיט זיינעם לעבין״ :

״אונ דיזע דרייא״ האט ער זיך אפגירופין ״וועט איירע קיניגליכע מאיסטעט באלד צוריק האבין , איך שווערע עס מיט מיינעם לעבין , ברייננע איך זייא ניט אלע דרייא לעבענדיג זאל מען מיך ברייננין אטויטין צוא אייך״ , ״א בעהיטע גאט !״ האט זיא זיך אפגירופין, איך ווינצע אייך צו זעהען ביא

מיר

מיר בעסער אלעבענדיגען מיט נאך אגרעסערען צין נור צוא איינער גילעגענערע (בעסערע) צייט אונ לעבט וואויל אדיו" :

דער נארוואעץ האט זיך פארנייגט, האט איר אקום גיטאן אין האנד, איז ארויס פון דארט העכסט גיקרייגקט, דען אויסער (חוץ) דעם קאלטען פריאם (אויפנאהמע) פון דער קיניגין האט ער בעמערקט דאס די עווגעניא האט אויף אים גיקוקט מיט איין פעראכטעטען בליק אונ וויא עס האט אויס גיזעהען האט זיא אויך גאר קיין צער גיהאט וואס די קיניגין האט אים אזוי קאלט עמפפאנגען אונ אזוי גיך אפגיפערטיגט, גלייך וויא זיא וואלט שוין וויסין דאס ער איזט איר אונטריא גיווארין, אונ די פולינעז וואר דארט גאר ניט צו זעהען, דען זיא האט זיך ביא זיינעם ערשיינען באלד ארויס גימאכט איין גרויסער בעווייז דאס מיט זיינער ליבע צו דער קיניגין שטייט זייער שלעכט :

קוים איז דער נארוואעץ ארויס, האט זיך די קיניגין אומגעווענדעט צו די דאלארעס וואס איזט גישטאנען אין אווינקעל בלייך אונ ציטערענד וויא איין עספענבלאט, דען זיא האט דאך שוין גענוג גיהערט פון דער קיניגינס מונד, וואס אירעם פאטער בעפאר שטייט :

פארגעווים ביזט דוא גיקומען צו מיר בעטען פאר דיינעם פאטער ?" האט זיך די קיניגין אפ גירופין צו איר „אונ איך בין ניט אים שטאנדע צו טאן וואס גוטעס פאר אים, ער מוז גענאורטהיילט ווערין (גמשפט) דורך קריגס געריכט (וואיענע סוד)". „א! גרויסע קיניגין !" האט זיך די דאלארעס אפ גירופין, „גענאורטהיילט ווערין דורך קריגס געריכט דארף נור איך אבער ניט ער, דען איך נור בין די שולדענערין פון דעם אלימפיאס אנטליפען" :

„א ניין דאלארעס" האט זיך די קיניגין אפ גירופין, „דוא ליגעסט, דוא שפילסט דא די ראלע פון איינער צערטליבע טאכטער, אונ ווילסט דאמיט מיין הערץ בעצווינגען, ניין דאס וועט ניט אנגיין, דען דאס קריגס געריכט וויים ניט פון קיין מיטלייד". „א גרויסע קיניגין !" האט זיך די דאלארעס אפ גירופין, „איך וויים דאס דאס קריגס געריכט איז העכסט שטריינג (שטרענגע) דאך איזט עס גירעכט, אלזוי מוז עס דאך פריהער מיך עקזאמענירען, אונ דאן וועט זיך שוין דייטליך ארויס ווייזין דאס איך האב דעם אלימפיא גיגעבין דעם שליסעל" „ווען דוא מיינסט עס אין ערענסט" האט זיך די קיניגין אפגירופין „איזט מיר אוואונדער וויא קומסט דוא צוא אזוי אדומהייט, דוא וואס דוא ביזט איינע צערטליבע טאכטער, דוא זאלסט דיין פאטער אזוי אומגליקליך מאכען" :

(ביא דיזעם גישפרעך האט די עווגעניא וואס איז גישטאנען הינטער דער קיניגין גישפילט זיך מיט איינער בלומע וואס זיא האט ארויס גינומען פון איינעם בוקעט וואס האט איר גיצירט אויף דעם באל), „עס איזט צוואר די פראגע גרויס" האט זיך די דאלארעס אפגירופין, ביא אלעם דעם שווער איך ביא אלער הייליגקייט, ביא דעם גאט וואס האסט ליגען אונ ליבט ווארהייט דאס איך האב אים דעם שליסעל גיגעבין און מיין פאטערס וויסען" „אלזוי גלויבע

איך

איך עס דיר דאס דוא האסט עס ווירקליך גיטאן״ האט זיך אפגירופין דיא קיניגין , נון איז דאך דיא פראגע ווארום האסט דוא עס גיטאן ?״ ״איך האב עס גיטאן אוים ליבע נור צו דעם אלימפיא״ האט זיא איר גיענטפערט,אונ אוים ליבע זאל מען זיך פערזינדיגען געגען גאט,געגין דער קיניגין , געגין עלטערען אונ געגין זיך ?״ האט איר דיא קיניגין גיפרעגט מיט גרוים צארין , דיא זעלביגע פראגע האט איר גימאכט אויך דיא עווגעניא וויא איינע עבא (אפהילכונג) גמאכט נאך דיא הויפטשטימע, אונ האט נאך צוא גילייגט דיזע ווערטער ״דער צו נאך צוא ליבען אזוי איינעם וואס איז איין קארלאניסט איין פיינט פון אונזער פאטער לאנד ?

״איך וואר פארליבט אין אים״ האט זיא גיענטפערט ״נאך בעפאר ער איז עס גיווארין , איך האב מיך ביא זיינעם מוטער ערצויגין ער איז מיינע ערסטע ליבע, אונ וואס אפפערט מען ניט פאר אזוי אגיליבטען וואס וואר פאר אורטהיילט צום טויט ?״, ״ביא דיזער אנטווארט האט זיך דיא עווגעניא זייער שטארק פון איינאנדער גילאכט , דיא קיניגין אבער וואס האט שוין פיל מער אלס דיא עווגעניא גיוואוסט דיא מאכט פון ליבע האט זיך גיזעצט ביא איר שרייב טישעל אום צו שרייבין איין גענאדען בריף פאר דיא דאלארעס, זיא (דיא עווגעניא) האט זיך פון איינאנדער גילאכט , אונ האט איר דער ביא גיפרעגט ״אונ דוא נערין ביזט נאך אזוי דום צו גלויבין אזוי וייט אין מענער ליבע , דאס דוא האסט זיך גיוואגט צו טאן צו ליב דעם אזוי איין געפעהרליכען שריט (טריט) ?״ ״פארגעווים ליבט ער מיך גאנץ אויפריכטיג״ האט איר דיא דאלארעס גיענטפערט ״דען איך וואר ביא אים אויך נור דיא ערסטע ליבע אונ דיא ערסטע ליבע זאגט דער שפריכווארט ראסטעט ניכט״ ״אזוי מיינסט דוא נערין ?״ האט זיך דיא עווגעניא אפ גירופין צו איר ״נוא ווערדע איך דיר צייגין וויא דוא האסט דיך אין אים גענאירט , דיזע ראזע (בלומע) האט מיר צו געשיקט דיין געליבטער גראדע אין דער נאכט אין וועלכער ער איזט אנטלאפען״ אונ האט איר צוא גלייך דיזע ראזע צו גיווארפין :

דאס מיידכען איז גיווארין צו קאכט , צו בראטען דאס זיא האט אויפגיהערט צו זעהען צו הערען , אונ האט זיך קוים דער האלטען אויף איהרע קניא פאר דיא קיניגין אלס זיא האט איר דער לאנגט דעם גענאדען בריף , זיא וואר ניט אין שטאנד זיך אויף צו הייבין , דאס איינע פון דיא קאמער פרויען האט איר גימוזט ארונטער פיהרען אונ האט גילאזט ליגין לעבין איר פאטער אויף אדיוואן , אונ אלס זיא איז גיקומען צו זיך האט זיא איבער גיגעבין דעם פאטער דעם גינאדען בריף , וואס ער זאל אים איבער געבין צו דעם פרעזעס (פרעזידענט) פון דעם קריגעגעריכט , דער פאטער האט עס עמפפאנגען מיט פריידען , אין עטליכע טעג ארום אלס ער איז גיווארין בעסער וואר ער געפירט צום געריכט מיט דער טאכטער , ער וואר עקזאמענירט , אונ אזוי אויך דיא טאכטער , אונ עס האט זיך ארוים גיוויזין דיא ווארהייט , דאס נור זיא האט אין דעם שולד

אונ

און ווארין אלזויביידע דורך די פאר וועגדונג (אבשטייעוועז) פון דער קיניגין זייער לייכט דעקרעטירט (גימשפט) דאס פאר זיין סלאבע אסמאטרעניע זאל ער ענטלאסען ווערין (אפגיזאגט ווערין) פון זיינער שטעלע, און זאלין ביידע ארויס פון שלאס אין דעם זעלביגין טאג:

צוואר ווארען זיא דער מיט העכסט צו פרידען, דען עס האט גיהאלטען ביא איינער בעשטראפונג מיט דעם טויט, דאך האט עס ! דעם אלטען זייער גישמערצט צוא פארלירין אזוי איינע גאלדענע שטעלע אויף וועלכע ער וואר מער אלס פערציג יאר און האט איר פערלארין אן שולד, און ביא אלעם דעם האט ער זיינע טאכטער ניט מיט איינם ווארט גיקרייגקט, דאס זיא וואר דיא אורזאך דער פון, און האבין נאט גידאנקט פון הערצען דאס זיא זיינען דער מיט אפ גיקומען:

11.

"דער קלויסטער אין דיא געבירגע"

"א, עפענט אונז וואס צום גיכסטען, עס איזט אונז העכסט נייטיג אריין צו גיין אהער" האט גישריען איין גיוויסער אפיציר וואס וואר איין גיוויקילט אין אוואיענעם פלאסץ און האט דער ביא זייער שטארק גיקלאפט אין דעם טויער פון איינעם אלטען קלויסטער וואס האט גיהייסין סאנטאקרוס און וואס איזט גישטאנען גאנץ איינזאם (אליין) אין דיא דארטיגע געבירגע (בערג), לעבין דעם אפיציר איז גישטאנען איין גיוויסער דאן (אדעלמאן) אנגיטאן אויך אין איין וואיענעם שינעל מיט אבלייכען גיזיכט און אווייסע פוראזקע, און דער קאפ וואר ארום גיבונדין מיט אווייסען באנד, און אביסעל אטדאל פון זייא ביידען, זיינען גישטאנען זעקס זאלדאטען פון דיא קיניגליכע מילעטער (וואויסק):

און ווער זייט איר, און צו וואס קלאפט איר דא אזוי שפעט אין דר נאכט‧ האט זייא ארויס גיפרעגט איינע גראבע שטימע איבער דיא הויכע מויערין פון דיזעם קלויסטער". "מיר זיינען פון דיא קיניגליכע מיליטער" האט דער אפיציר אים גיענטפערט, אלזו זאמט ניט און עפענט דען מיר פיהרען מיט אונז איינען פערוואונדעטען". "א גרויסער גאט!" האט זיך דיא שטימע אפ גירופין פון איגווייניג" וואס פאר שלעכטע צייטען מיר האבן דער לעבט! נוא פר ציהעט אווייליע, איך מוז עס פריער פאר שטעלן (דאלאזען) אונזערין דזעקאן "א גייא צום טייוועל!" האט זיך אפגירופין דער אפיציר, דוא ביזט העכסט דום, צו שוין איז ניט דא אין קלויסטער דער הייליגער טאמאס נראף מאטארא?". "א ער אליין שלאפט" האט זיך אפ גירופין דיא שטימע "מע דארף אים ניט בעאונרוהיגין":

"גיין מען זאל אים באלד אויף וועקין" האט זיך אפגירופין דער אפיציר ‧און מען זאל אים מעלדין דאס דער יענעראל נארוואעץ איז זייער שווער

פערוואונדעט אונ וויל זיך וואס צום גיכסטען מיט איםזעהען. „ווען אזו" האט זיך דיא שטימע אפ גירופען „גייא איך אים אויפוועקען" אונ באלד דארויף האט זיך גיהערט דיא שווערע טריט פון דעם וועכטער וואס איז גיגאנגען עס אן מעלדען דעם גראף מאטארא" :

„א מיר מוזען זייא אלעמען דרייען אויף איין מאל פאנגען אין דיזער נאכט" האט גיזאגט דער יענעראל נארוואעז צוא זיין אדיוטאנט , דען קיינע בעסערע גילעגענהייט דער צו קענען מיר שוין ניט דער ווארטען , איך בין איין פערוואונדעטער (אקרוב) מיט דעם גראף מאטארא וואס איזט דער פריאר פון דיזעם קלויסטער , אונ האפע אלזוי דאס ער וועט אונז אין דיזער הייליגע זאכע בעהילפליך זיין , מיר וועלין זייא דא אין קלויסטער אלע דרייען בעקומען , אונ עס מוז אלזוי איינעם פון דעם ביידען גישעהען , ענטפער איך וועל זייא דרייען ברייננען גיפאנגען קיין מאדריד אדער מען וועט מיך ברייננגען אטויטען קיין מאדריד , דען אזוי האב איך פארשפראכען דער קיניגין" :

דער ווילדע מיינע טייערע לעזערין , ביז דער וועכטער וועט קומען צוריק מיט דער ערלויבנים אריין צוא לאזין זייא וועלין מיר אונז נעהמען צייט צוא בעטראכטען דיא געגענד וואו דער קלויסטער שטייט , ער איז גיבויט צווישען אונדורכדרינגליכע געבירגע וואס זיינען בעקליידעט מיט איינעם גידיכטען וואלד , אונ ווייטער איז דיא גאנצע געגענדען דארט איינע שרעקליכע וויסטענייא ; קוים ארום דעם קלויסטער וואקסען עלענדע אונ פערקימערטע טייטעל בוימער , דיא בערג זיינען זייער הויך אונ ביסטרע (שטייל) דאס דער פערוואונדעטער וואס וואר דר יענעראל נארוואעז מיט זיינעם אדיוטאנט אונ זעקס רייטער זיינען מיט גרוים מיהע ארונטער גישטיגען פון דארט , זייא זיינען אהין גיקומען פון אשווערין גיפעכט (שטרייט) וואס זייא האבען [illegible] מיט דיא דרייא קארלאניסטען , וואס זיינען אונז שוין [illegible] דער נארוואעז וואר אין דיזער קליינע פאטיצקע גיוואר [illegible] נאך פארלארין פילע לייטע אונ אויך זיין פערד [illegible] פערלארין דער אדיוטאנט זיין פערד אויך :

אין דיזעם קלויסט[illegible] פרייסטער וואס מען רופט זייא בענעדיקטען , זייער [illegible] גראף מאטארע , אויף אים האט דער נארוואעז וואס וואר מיט אים [illegible] זייער פיל גירעכענט אוים צו פירין זיין פלאן צו פאנגין דא די דרייא קארלאניסטען וואס האבין גידארפט אויך אהער איינקעהרען אין דיזער נאכט ווייל זייא האבין אויך איין גיראנעטען בייא זיך ניהאט דעם מארקיז דע מאנטאלאן, אונ וואורין אלזוי גענייטיגט נור אין דיזעם קלויסטער אוים צוא רוהען :

אם ענדע וואר דער טויער גיעפענט , אונ דער וועכטער האט זייא אין דעם נאמען פון דעם אבבאט (אויבער פריסטער) מאמאס פערבעטין צוא אים , אונ האט זייא צו גלייך פערזיכערט דאס זייא וועלין דא צו ברייננגען בייא אים

אנאנך

אגאנץ רוהיגע נאכט. „און איך וועל אייך גוט לוינען דער פאר„ האט אים געזאגט דער נארוואעץ, נור מיט דעם בעדינג דאס איר זאלט אריין נעמען אויך מיינע זעקס זאלדאטען מיט זייערע פערד און פערשטעקין זייא אין איין געהיימען ארט, דאס קיינער זאל זייא ניט מערקין אויף דעם הויף, דען עס וועלין באלד קומען אהער איינינע קארלאנישטען וואס זייא טארין פון זייא ניט וויסין, און זאגינדיג דיזעס האט ער דעם וועכטער דער לאנגט איין זילבער שיין פון צוואנציג טאלער, און דער וועכטער האט אים פערשפראכין צו טאן אלעס וואס ער האט פון אים פערלאנגט, און האט דיא סאלדאטען מיט דיא פערד אפ געפירט אין אגרויסין סעבייא וואס וואר אויף דעם צארנעם דוואר, און האט נאך דער צו געמאכט דעם טויער פון דיזעס הינטער הויף, און דאן האט דער נארוואעץ פאר זאגט דעם וועכטער דאס ווען עס וועלין אנקלאפין אהער דרייא רייטער פון דיא קארלאנישטען זאל ער זייא באלד אריין לאזין און זאל זייא אפפירין אין אבעזונדער צעלע, און זאל זייא ניט דער ציילין דאס מינדיסטע פון זיינעם זיין דא מיט זעקס מאן סאלדאטען, און דאן האט ער זיך מיט זיין אדיוטאנט געלאזט אפ פיהרין צו דעם אבאט (אויבער פריסטער טאמאס):

דיזער אלטער הער האט זייא ערווארטעט אויף דיא טרעפ און האט זייא אויך גינומען זייער העפליך און פריינדליך „איר זייט מיר ווילקאמענע (געפעליגע) געסט, עס פרייעט מיך אייך נאווראעצען מיינעם נאהענטען פערוואנדעטען (קרוב) אויפצונעהמען, נאסטליך ביים מיר, דאך טוט מיר לייד דאס איך זעהע אייך אלס פערוואנדעטען איז דיא וואונדע נור ניט געפערליך?„.

„א ניין!„ האט אים דער נארוואעץ געענטפערט, „עס איזט נור איינע לייכטע וואונדע„:

נאך דיזעס קורצען געשפרעך האט דיזער פריאר איינגעלאדין זייא צום טיש און האט זייא בעווירטעט (מכבד געוועזן) מיט דעם בעסטען וויין און מיט דיא בעסטע שפייזען, נאך דעם עסען אלס דיא בעדינטע זיינען זיך שוין פון איינאנדער געגאנגען, האט דער פריאר אנגעהייבין אוים צו פרעגין ביים אים וואס פאר איין אויסזיכט ער האט דא אוים צו פיהרין אין דיזער נאכט, און וויא עס שטייט אין גאנצען מיט דעם קריג, און דער נארוואעץ האט אים אלין דער ציילט וואס מיר ווייסין שוין פון פריהער, דאס הייסט דאס ער וויל דא אויף פאסין דיא דרייא קארלאניסטען וואס האבין גינומען געפאנגין דיא יונגע קיניגין, און דאס ער האט איר געשווארין ביים זיינעם לעבין, דאס ער זאל זייא אלע דרייען פאנגען, און דאס ער האט זייא אויף געפאסט אין דיזעם געגינד און האט זיך מיט זייא שוין געשלאגין אין דיזער נאכט וואס דורך דעם האט ער בעקומען דיא וואונדע אויף דעם שטערין:

„א! עס ווערט עפעס גרוים וואונדער דער ציילט פון זייא„ האט זיך אפגערופין דער אבבאט, מען זאגט דאס באלד זיינען זייא דא, באלד זיינען זייא פאר צוואנציג מייל, און זיינען שטארק וויא די לייבין, מען גלויבט אזוי גאר

דאס זייא זיינען מיט דעם טייוויל אין בונד״, „א איר וועט זיך אין דיזער נאכט בעקאנט מאכין מיט זייא״, האט אים דער נארוואעץ אפ געענטפערט לאבענד, דען איך וועל זייא אהער פערלאקען (אריין באוועגן)״:

„א גרויסער גאט!״ האט זיך אפגירופין דער פריאר „עס ציטערט מיר דר מארך אין מיינע אלטע קנאכען״:

„דאך זייט רוהיג״ האט זיך אפגירופין דער נארוואעץ „נאך זיינען זייא ניט דא״, „א!״ האט זיך דער פריאר אפגירופין „מיט דיזען לייטען איזט ניט צוא שפאסען, פאר זייא איזט קיינע וואהרהייט דא, דען זייא זיינען מיט דעם טייוועל אין בונד״, „עס איזט וואר״, האט זיך דער נארוואעץ אפ גירופין, „עס איזט וואר דאס זייא זיינען עפעס מער וויא מענטשען, דען היינט פון אוועגט האבין מיר זייא אנגיאגט בייא דעם זוים פון וואלד, אונ מיר זיינען צו גיפלויגין צו זייא גישווינט וויא איין בליץ, אונ מיר האבין גימיינט דאס מיר האבין זייא שוין, זייא זיינען אבער באלד וויא דיא ניט גוטע פערשוואונדין, אונ האבין נאך דער צו דרייען פון אונזערע סאלדאטען ערשאסין״, „עס איז שרעקליך״ האט זיך אפגירופין דער פריאר, „עס איז איין לאנגער בלוטיגער קריג, וויא דער ליבער גאט ווייסט ווען דאס וועט זיך ענדען, איך בעוואונדערע אייך דאס איר וואגט אייער לעבין געגען זעלבע שאטאנעס״, נון איז מיר אבער העכסט אונפערשטענדליך, וויא אזוי וועט איר זייא פערלאקען (אריין באוועגן) אהער אין דיזען פון דער וועלט פערגעסענעם קלויסטער?״.

„דער זעלביגער וואס האט אונז אהער פערלאקט״ (אריין גיבאוועט) האט אים דער נארוואעץ געענטפערט, וועט זייא דרייען אויך אהער פערלאקען, אונ דאס איז איין שיינעס מיידכען וואס איז פארשטעלט פאר איין פריסטער, אונ וואס פערפאלגט (רודף) זייער שטארק איינם פון דיזע דרייען פר דעם וואס ער האט איר בעטראגין מיט זיינע פאלשע ליבע צו איר די זעלבע וואר אונז צו הילפע בייא דעם ארוים בעקומען די קיניגין צוריק פון זייערע הענדע, זי וואר אונז צו הילפע אלם שפיאן נאך בייא אנדערע גילעגענהייטען, אונ די זעלבע האט אונז אנגיוויזין דיזעם קלויסטער אונ האט אונז פערשפראכען צו פערלאקען אהער אויך דיזע דרייא קארלאניסטען, דיזעם וועט גיוויס געשעהען, דען איינער פון זייא איז אויך גיראנעט אונ ברויכין צו האבין איינעם רוהיגין נאכט לעגער אונ וועט זייא שוין אנווייזין אהער, אונ דאן וועל איך זייא איבער פאלען פלעצליך מיט מיינע זעקס סאלדאטען שלאפענד אזוי גאר אונ וועלין זיך אונז ערגעבין גאר אן א שאס פולווער, אונ איר פריאר וועט רייכליך בעלוינט ווערין פון דער קיניגין דער פאר״:

„פאר געוויס ווערדע איך מיך דער בייא צייגען וויא איין טרייער אונטערטאן פון מיינער קיניגין״ האט אים געענטפערט דער פריאר „פרייעט עס מיך הערצליך״ האט זיך דער נארוואעץ אפגירופין „אונ גייט אייך אלזוי רוהיג שלאפין אין אייער שפיילנע״, „וואו רוהיג?״ האט אים דער פריאר געענטפערט, „רוהיג זיין אין

אזוי

אזוי אנאכט וואס איך האב נאך ביז אהער אזעלכע ניט דורך גילעבט, אונ דער צו נאך אין דיזען הייליגין אונ פרידליכין ארט וואו עס איז נאך ביז אהער קיין לייד גישרייא גיהערט גיווארין, אונ קיין טראפען מענטשען בלוט ניט פערגאסין גיווארין״. ״דער פאר אבער״ האט זיך דער נארוואעץ אפגירופין״ וועט איר פריידין האבין אלס איך וועל מיט דיא דרייא גיפאנגענע אום קערען פון דאנען קיין מאדריד:

LIBRARY OF THE C. R.

12

״דער שטומער פריסטער״

וויא גם איז אונז שוין בעקאנט אונ בעוואוסט פון דיא פריערדיגע קאפיטלעך דאס דער קיניגליכער יענעראל קאנכע האט זייער שטארק גישלאגין דיא ארמייא פון דעם דאן קארלאס אונ האט איר אפגיטריבין אונ פארדריינגט פון מאדריד, איז אונז שוין זייער לייכט צו פאר שטיין דאס דיא דרייא קארלאניסטען וואס זיינען אנטלאפין גיווארין פון מאדריד וואס איינער פון זיי וואר דער אלימפיא האבין שוין גימוזט רייטען מיט זייטיגע אונ פארשטוילענע וועגלעך אום צוא צו קומען צוא דער פארטריבענע ארמייא פון דעם דאן קארלאס, ווייל אלע הויפטשטראסען וואַרען בעזעצט נור מיט דיא קיניגליכע מיליטער (היל), צום גליק וואר דער אלימפיא וואס וואר איין גיבארענער פון דיזעם געגענד זייער ערפאהרען (געניט) אין אלע שטעגין אונ אומוועגין, אונ האט זייא אלזוי אין איין טאג דורך גיפירט דורך אלע געפאהרען, אונ וואַרען דאהער געגען אווענד זייער פרייליך, דען זייא ווארין שוין בייא זיך זיכער דאס אין איינינע טעג וועלין זייא זיך שוין גאר אן דיא מינדעסטע הינדערנים (שטערונג) זיך פעראייניגין מיט דער ארמייא פון דעם דאן קארלאס, אונ האבין זיך אלזוי גיזעצט אין אקליין וועלדעל זייער לוסטיג אום אוים צוא רוען, צו עסען, אונ דער נאך אלס עס וועט דער מאנד אויף גיין וועלין זייא ווייטער רייזען, אונ גראדע דא האט זייא אויפגילויערט דער נארוואעץ אונ איז זייא איבער גיפאלין מיט זעכצעהן רייטער, עס וואר איין שטארקעס גיפעכט (שטיצקע), איין גיפעכט וואס צעהען פון דיא רייטער זיינען גיבליבין אין אים טויטע אויף דעם פלאץ, אונ דער נארוואעץ אליין איז גיווארין פערוואונדעט אונ ער אונ זיין אדיוטאנט האבין פערלארין אויך זייערע פערד דער צוא, אונ פון דיא דרייא קארלאניסטען האט איין עטוואס געליטען דער מארקיז דע מאנטאלאן, ער האט בעקומען אקליינע וואונדע אין דער לינקע האנד, דאך אבער באלד נאך דעם אלס זייא האבין זיך גיזעצט טיף אין וואלד אום אוים צו רוהען האט ער זיך געשפירט זייער שוואך ווייל ער איז אפגילאפין מיט בלוט, דער פיליפפא אבער האט באלד צוא קייט עטליכע בלעטער האט צו גילייגט צו דער וואונדע האט עס ארומגיבונדין, אונ דיזעס האט פערהאלטען דאס בלוט אונ צו גלייך געלינדערט דעם שמערץ, קוים האבין

זייא זיך דארט צוא רעכט גימאכט אונ האבין אנגיהייבין צו געניסין דיא וואולטוהונג פון דער רוהע האבין זייא דער הערט עפעס אגערייש (שאשק) צווישען דיא בוימר וויא פון אמענטשליכען גאנג , זייא האבין זיך ארום גיזעהען אונ האבין אנגימערקט דאס ווירקליך עס פערשטעקט זיך עפעס אמענטש דארט אין וואלד , אונ דער פיליפפא האט צו אים אגישרייא גיטאן דאס ווען ער וויל שוינען זיין לעבין זאל ער שוינצו גיין צו זייא , אונ דיזע ווערטער האבין זייער שטארק גיווירקט אויף דיזעם אונבעקאנטען , דען ער האט זיך באלד ארויס גיוויזין צו זייא אונ דיזער אונבעקאנטער וואר איין פריסטער איין געהילט אין איינעם שווארצען מאנטעל , ער וואר באלד גיפרעגט פון זייא וואו הין ער גייט דא , ער האט זייא אבער ניט גיענטפערט , ער האט זייא נור גיוויזין מיט דער האנט דאס ער איז שטום , הערין אבער קען ער יוא , אונ אלס ער וואר ווידער גיפרעגט וואו הין גייט ער , דא האט ער זייא גיוויזין מיט דער האנד דאס ער גייט צו דעם קלויסטער וואס זיין שפיץ זעהעט זיך דא פון דעם שפיץ בארג , אונ אלס זייא האבין אים ניט גיגלויבט דאס עס איז ווירקליך דא אקלויסטער אין דיזען געגענד , האט ער זייא ארויף גיפירט אויף דיזעם שפיץ בארג אונ האט זייא עס גיצייגט , דען עס האט שוין גישיינט דער מאנד , אונ ער וואר נור איינע האלבע מייל ווייט פון דארט , נון וואר ער ווייטער גיפרעגט פון זייא וויא פיל פריסטער זיינען דארט דא , האט ער זייא גיגעבין צו פערשטיין מיט זיינע צעהן פינגער , דאס עס זיינען דארט דא פיר מאל צעהען , דאס הייסט פירציג, „אונ צו הייסט ניט אפט דיזער קלויסטער סאנטאקרוס ?" האט אים גיפרעגט דער אלימפיא, „יא" האט אים דער פריסטער צו געוואונקען מיט דעם הויפט . „גוט" האט זיך אפ גירופין דר אלימפיא „דו ביזט אונז גיקומען צוא געלעגענע (גוטער) צייט , מיר ברויכען צו האבין איינעם רוהיגין אונ זיכערין נאכטלאגער אלזוי וויא מיינסט דוא וועט מען אונז אויפנעהמען איבער נאכט אין דיזעם קלויסטער ?", דיזער שטומער פריסטער האט עס בעיאהעט (גיזאגט יוא) מיט איינעם פריינדליכען קאפניקען , „אלזוי פיהרע אונז הין אוועק" האט אים דער אלימפיא גיענטפערט :

„דאך זייא ניט אזוי איבער איילט" האט זיך אפגירופין דער מארקיז דע מאנטאלאן „איך טרויא קיינעם פריסטער אן זעלבסט קיין האלען (פוסטען) נוס, ער איז גיוויס איין בעטריגער , ער איזט גיוויס גישיקט אום אונז אין דער פאלע (פאסטקע) אריין צו פירין" . „דוא האסט רעכט" האט זיך אפגירופין דער אלימפיא זייער הויך דאס דער פריסטער זאל עס הערען „אונ דאהער וועלין מיר אים דער האלטען בייא אונז דארט אין דער צעלע וואו מיר וועלין דארטין נעכטיגין פאר איין זאלאזניק (משכון) , אונ ווען מיר וועלין מערקען נור דעם מינדעסטין פערראט (פאלשקייט) וועלין מיר אים דעם קאפ אפדרייען". דאך דער פריסטער איז גיבליבין שטיין דער בייא גאנץ גלייכגילטיג אונ העכסט רוהיג :

„אונ בייא אלעם דעם פאלג מיך" האט זיך אפגירופין דער מארקיז דע מאנטאלאן

מאנטאלאן „לאז דיך ניט אריין אין איינעם האנדעל מיט אשטומען דער צוא נאך אפריסטער , אט לאמיר בעסער וייטער רייזען“ . „דאס איז אבער מיר אונמעגליך“ האט זיך אפגערופין דער אלימפיא „ניט פארגעס דאס איך האב גינוג גיליטען אין מיין גיפיינגינים , איך מוז רוהען דיזע נאכט אונ מיך ערקוויקין מיט ווין אונ מיט קרעפטיגע שפייזען , אונ צווייטענס וועמען האבין מיר דא אין קלויסטער צו פירכטען , דער נארוואעץ מיט זיינע זעקס סאלדאטען וועט שוין אצעהענטען פארזאגען אריין צו לאזין זיך מיט אונז אין אנעפעכט , אונ דאך ביא אלעם דעם וועלין מיר זיין העכסט פארזיכטיג , מיר וועלין דעם שטומאק ניט אויף אמינוט אפ לאזין פון אונז אום פאר דעם מינדעסטען פערראט (פאלשקייט) זאל ער אונז בעצאלין מיט זיינער לעבין .

קורץ דער פון , עס איזט גיבליבין וויא דער אלימפיא האט גיזאגט אונ האבין זיך גילאזט פיהרין פון דעם שטומאק אין דעם קלויסטער , דער וועג אהין וואר זייער גידריט צווישען בערג אונ איבער בערג אונ זייער שטארק פערוואקסען מיט דערנער , דאס זייא האבין זיך קוים גיקענט דורך שלאגין זיך דארט מיט זייערע פערד , אונ אלס זייא זיינען שוין גיקומען לעבין דעם טויער פון דעם קלויסטער האבין זייא ערסט אנגיהייבין צו האבין איין פערדאכט אויף דעם שטומאק (דאס הייסט איין חשד) דאס ער איז איין פערפיהרער נור , דען זייא האבין אנגימערקט דארט טריט פון רייטער (קאנאצע), עס וואר שוין אבער צו שפעט צוריק צו ציהען, דאך זיינען זייא גיווארין העכסט פארזיכטיג, אונ האבין זייער אויג ניט אראפ גינומען פון דעם שטומאק :

קוים האבין זייא אנגיהייבין צוא קלאפין אין טויער ווארין זייא גיפרעגט פון דעם פאריגין וועכטער „ווער איזט דא“ , דער שטומאק אבער האט דרייא מאל אנגיקלונגען אונ דער וועכטער האט באלד דארויף גיעפענט , אונ אלס ער האט אים גיפרעגט ווער זיינען דיא דרייא וואס מיט אים , האט ער אים גיוויזין מיט דיא הענט אויף דיא אקסלען , דאס הייסט זייא זיינען גרויסע אפיצירין מיט גאלדענע עפאלעטען , אונ זייא אליין האבין זיך אים אנגימעלדעט אלס דרייא פעראיטע אפיצירין וואס ווילין דא נור איבער נאכטען , אונ האבין דער צוא גיגעבין איין גוטעס טרינק געלט , אונ ער האט זייא זייער פריינדליך אונ הייפליך אויפגינומען , אונ האט זייא אנגיוויזין איין גרויסין צימער מיט צוויא בעטען , האט זייא אנגיצונדין אגוטע לאמפע , אונ האט אריין גיטראגין אגרויסין קרוג מיט גוטין ווין , אונ עס איזט זיך אלץ אזוי צו גיגאנגען רוהיג אונ פרידליך ביז דער וועכטער האט זיך צו גיקליבין ארויס צו גיין שוין , אונ דער שטומאק מיט אים , דאן אבער האט דער פיליפא אים אן גינומען פאר דער האנד אונ האט צו אים גיזאגט „דוא שטומאק מוזט בלייבין נעכטיגין ביא אונז אונ מיר וועלין דיך ניט אפלאזין ביז אונזער זיין שוין איבער יענעם בערג , דען דוא ביזט ביא אונז אין פערדאכט (חשד) :

באלד דארויף האבין דיא דרייא קארלאניסטען זיך גינומען צו דעם ווין,

גיזהז

מיט דעם ערשטען בעכער האבין זייא בעווירקעט דעם שטומאק אויסבעזארגניס צו איז דער ווין ניט פאר גיפעטעט, ער האט אבער דער פון גיטרונקען נור דיא העלפט, ווינקענדיג דאס ער איזט קיין ווין טרינקער, אונ זיי האבין גיטרונקן דר פון צו צווייא דרייא בעכער, אונ דאן האבין זייא אויף גיוויזין דעם שטומאק איין ארט וואו ער זאל זיך לייגען אויף דער ערד, צווייא פון זייא האבין זיך גילייגט אין דיא צווייא בעטין אונ דער פיליפא האט זיך גיזעצט אויף אשטול ווארטעוועזן, ווייל זייא ווארין אלץ אונזיכער בייא זיך מיט דיזעם ארט אונ מיט דיזעם שטומען, דאך דיזע פארזיכטיקייט האט זייא גאנץ ווייניג גיהאלפין, דען אין איינער פערטיל שטונדע זיינען זייא אלע דרייא איינגישלאפין איין בלייערנעם שלאף, אטייל אוים גרויסע מידיקייט, אונ אטייל פון דעם זיסען אונ שטארקען ווין וואס האט זייא בערווישט, אונ האבין גישנארכט (גיחראפעט) ווי אום די וועטע (דאס הייסט גלייך וויא זייא וואלטין זיך גיוועט ווער קען בעסער חראפען):

12.

„הילפע אין דער נויט"

מיר קערען אונז אום צו דער דאלארעס, אין דער זעלביגע נאכט האט גימוזט דיא דאלארעס מיט איהרעם פאטער פארלאזין דעם קיניגליכען שלאס, זיינען ארוים פון דארט העכסט עלענד אונ ארעם, זייער גאנצע ארעמזעליגער פערמעגין איז בעשטאנען אין אקליין פעקעלע זאכען וואס דיא דאלארעס האט עס גיטראגין אויף איר איין שולטער (אקסעל), אונ אויף איר אנדערען שולטער וואר געשטיצט איר שוואכער פאטער, דער אלטער וואס האט זיך דער בייא גיוואוסט גאנץ אונשולדיג איז ארוים מיט איינעם רוהיגין הערצען אונ האט מיט רעכט בעווייגט זיין גרויעס אלטער (עלטער), דאס אין זיינע לעצטע יארין איז ער גיבליבין אן אוואונונג אונ אן ברויט, דער דאלארעסען אבער ווארען אזעלכע ערלייכטערענדע טרעהרען ניט פערגעגנט (פערגונען) פון גאט, דען זיא זעלבסט וואר שולד אין דעם אונגליק פון איר פאטער אונ פון זיך זעלבסט, אונ וואר נאך דער צו העכסט גיקריינקט פון דער עוועגעם רייד, דאס זיא הא דיזעם שווערין אפפער (קרבן) גיבראכט פאר איינעם פאלשין גיליבטין, אונ ד יך זיינען זייא זיך גיגאנגען אין דער דונקעלהייט פון דער נאכט שטיל אונ רוהיג, אונ דיא טאכטער האט פון איר פאטער קיין פערדריסליכעס ווארט גיהערט:

זיינען זיך ארוים פון שטאט דורך דעם טויער וואס מען רופט אים טאלעד, גאר אן אציל וואו הין, אונ זיינען זיך אזוי גיגאנגען מיט דעם גרויסין גאסציניס וואס פון ביידע זייטען ווארין פעלדער אונ וועלדער, דער פאטער וואס וואר שוין אלט אונ האט זיך שוין וויא צווא זאגין אבגיקוויטירט מיט דער וועלט, האט גייענדיג זיך גישלאגין אין הארצען וויא איין ארעמער זינדער וואס איזט מצדיק אויף זיך דעם דין, דאס ער האט גיזאגט גאט איז גירעכט אונ זיין משפט איז

גירעכט

גירעכט , זיא אבער דיא דאלארעס וואס האט נאך גיהאט דיא וועלט לוסט אין איהרעם הערצען אונ האט נאך גיהאט איינען גילטיגין אנווייזונג פון דער יונגע נאטור עס צוא געניסין וואר נאך אין דיזער קריטישע (אונזיכערע) שטונדע בעשעפטיגעם אין איהרעם גידאנקען מיט איהרעם גיליבטין אלימפיא , „איז עס מעגליך„ האט זיא ביא זיך גיטראכט , דאס אזוי איין איינגעל זאל פאלש זיין ? דאס דיא ערסטע ליבע. אונזערע זאל וויא איין מארגין טרוים פערשווינדען ? גיוויס איז דיא עווגעניא איינע פיילע (פראסטע) ליגנערין , איינע בייזע צונגע , איינע גיפטיגע שלאנגע , אונ פילייכט איז עס וואר , דען זאנסט וואלט ער מיך גיריסין דורך דיא זעלבע מיידכען וואס וואר דיא פערמיטלערין צווישין אונז וועגין זיינער רעטונג , וויא שיקט ער מיר ניט צו איינע בלומע דורך איר ,איינע נאכריכט פון אים ? אונ פיליכט וואר קיין צייט דער צו , דען מען לייפט פון פייער פערגעסט מען אן אלס וואס ליב אונ טייער איזט , אלזוי פארגעזוים ער ליבעט מיך , איינע ליגנערין איזט דיא עווגעניא , עהרליך אונד שטאנדהאפט איזט דער אלימפיא :

אזוי זיינען זיא זיך גיגאנגען פארלארין יעדער אין זיינע גידאנקען ביז עס האט אנגיהויבין צו טאגין , אונ דאן האבין זיא דער זעהען פון וויטען איין קרוג (קרעצמע) , זייא ווארין שוין דאן רעכט מיד , דען זייא זיינען שוין איין גיגאנגען אפאר מייל האבין זייא זיך גיזעצט אפ רוהען אויף דעם באנק וואס וואר דער בייא , אונ האבין דאן גיהאט שוין איינע גילעגענהייט צו בעטראכטען דעם שילד (זנאק) וואס איבער דער טיר , דאס עס איזט אויס גימאלט אויף אים איין לייב . „דיזער קרוג (קרעצמע)„ האט זיך אפ גירופין דער אלטער צוא דער טאכטער .„גיהערט צו דעם יונגען הערצאג פון מעדעני , דען דאס איזט זיין הערב„ ; „איזט עס ניט אפט דיזער פריילכער הערצאג וואס קומט זייער אפט אין הויף ?„ האט אים דיא טאכטער גיפרעגט „אונ וואס ער האט אשטראם אויף זיינער לינקען באק וואס ער האט עס בעקומען פון איין דועל (פאעדינעק) וועגין איינעם מיידכען אלס ער וואר נאך איין שילער אין מאדריד ?„ , „אזוי איזט עס מיין קינד„ האט איר גיענטפערט דער פאטער , „דיזער מאן איזט העכסט רייך , גאנצע פינף מייל גיהערט דא צו אים , אונ זיין שלאס מעדינע גיפינט זיך אין דעם רעכטין מיטען פון זיינער הערשאפט, אונ בייא אלעם דעם האט ער אברודער אין מאדריד וואס איז אזוי ארעם וויא מיר זיינען„ , „אונ ווארום איז עס אזוי ?„ האט אים דיא טאכטער גיפרעגט. „דאס איז נור דארום„ האט ער איר גיענטפערט וייל ער דער הערצאג וואס איז דער עלטערע האט גערבט דאס גאנץ פערמעגין , דאס הייסט אלע גיטער , דען אזוי איזט דאס גיזעץ בייא אונז אין לאנד , דער אינגערער אבער האט נור בעקומען איין גיוויסין קאפיטאל , אונ האט עס זייער לייכט אויסגיבראכט , אונ מוז לעבין פון דעם ברודערס גינאדען ברויט :

קוים האט דער פאטער בעענדעט דיזען גישפרעך , זייגען ארויס פון

כרוג

קרוג, דאס הייסט פון דעם דוואר אגאנצע באנדע אייזעל טרייבער מיט זייערע בעלאדענע אייזלען האלב בעטרונקען, אונ אלס זייא האבין דער זעהען זייאביידין האבין זייא אנגעהייבין זיך לוסטיג צו מאכען איבר זייא, פון דעם אלטען האבין זייא גילאכט, אונ איבער איר האבין זייא זיך גיזאגט אונציכטיגע גלייכע ווערטלעך, אונ איינער פון זייא האט זיך נאך ערלויבט צו גיין צו דער דאלארעס זייער אונהעפליך, אונ אלס דער אלטער האט אים גיוואלט אפטרייבין פון איר האט ער אים געדראהעט (גישטראסעט) דאס ער וועט אים דעם קאפ אומדרייהען, נון איזט גיווארין דער בייא אגרויסעם גילעכטער פון די איבעריגע אונ איינער פון זייא וואס האט גיהייסין לארענצא אונ וואר זייער אנפיהרער האט זייא נאך אלעמען אויפגיהעצט געגין דיזע צווייא עלענדע, צום גליק אבער איזט אנגיפארין אויף דיזעם לארעם דער הערצאג פון מעדינא, ער האט זיך אפ גישטעלט אונ האט גיפרעגט וואס איזט דא פאר אגישרייא, דיא אייזעל טרייבער זיינען גיווארין שטום וויא דיא וואנט נור דער לארענצא וואס וואר זייער אנפיהרער וואר גיצוואונגען זיך ארויס צו שטעלען אום אפ צו ענטפערין אויף דיזע פראגע "דיזע לייטע" האט ער גיענטפערט צייגענד אויף דיא אייזעל טרייבער, "האבין זיך דא איין עטוואס לוסטיג גימאכט איבער דיזעם שיינעם מיידכען". "עס איז איין גראבער ליגין" האט זיך דיא דאלארעס אפ גירופין "עס וואר פיל מעהר אלס איין שפאס, אונ העטע ניט איירע דורך לויכט (סיאטעלסטווא) אנגיפארין וואלט איך שוין גיוויס גיווארין גענויט ציכטיגט (מאנם) פון דיזער רויבער באנדע, אונ האט זיך דער בייא זייער שטארק פון איינאנדער גיוויינט, אונ דאן האט צו גיטראטין צו אים אויך דער פאטער אונ האט אים דער ציילט דעם גאנצען הערגאנג (דאס פאסירען פון דיזער זאכע מיט טרערין אין דיא אויגין, דאס דער הערצאג וואר דער פון העכסט גערירט:

ער האט גילאזט צו רופין צו זיך דעם ווירט פון דיזעם קרוג, אונ האט אים גיהייסין דאס ער זאל פאר שרייבין אים דיא נעמען פון דיזע אייזעל טרייבער וואס שטייען בייא אים אין לוין, דאמיט מען זאל זייא אפ רעכענען פון אהאלבין מאנאט גיהאלט, אונ דעם לארענצען האט ער גיהייסין געבין דרייסיג פלאזען, (דאס הייסט דרייסיג קלעפ מיט דעם פלאכען זייט פון זיינעם דעגען), אויך דער ווירט האט דא ניט גלאט אפ גישניטין דער פאר וואס ער האט עס צו גילאזין דאס עס זאל עס גישעהען בייא אים אין קרוג, ער האט אים גיהייסין זיך זוכען איינעם אנדערין ארט, אונ עס וואר דארט גיבעט איבער גיבעט אונ גיוויין איבער גיוויין אונ דער הערצאג אבער איזט געבליבין בייא דאס זייניגע:

נאך הער האט זיך דער הערצאג פון איינאנדער גירעט מיט דעם אמאנועל קארטינא, ער האט אים גיפרעגט ווער ער איז אונ וואס איז זיין טאן דא, דיזער אלטער האט אים קיין גיהיימנים גימאכט פון קיין זאך, ער האט אים דער

צוויילחז

ציילט וואס ער וואר דער אויף זעהער פון דעם געפיינגנים וואס אין קיניגליכען שלאס , אונ דאס ער האט פערלארען דיזע שטעלע וועגען דיא אנטלייפונג פון דעם אלימפיע וואס וואר פערליבט אין דיזע טאכטער זיינע , אונ זיא אין אים , אונ וואס זיא וואר ווירקליך דיא אורזאכע פון זיינעם ענטפליהען , אונ דאס איצונד וואטעט (בראדזעט) ער אין דער ווייטע וועלט וויא איין פאר יאנגע פייגעל , אונ גייענדיק פאר דיזעם קרוג האט ער זיך געזעצט אפ רוהען מיט זיינער טאכטער , אונ וואס ווייטער וועט זיין מיט אים וייס ער ניט :

דיא גאנצע צייט וואס דער אלטער האט אים דער ציילט , האט דער הערצאג ניט אראפ גענומען דיא אויגען פון דער דאלארעס , דאס עס וואר זייער לייכט צוא פאר שטיין געוועזן דאס ער וואר העכסט איין גענומען פון איר שיינהייט אונ איזט געבליבען פארטיפט אין איר געזיכט איינע היפשע צייט זעלבסט נאך דעם אלס דער קארטינע איזט געבליבען שטיל גלייך וויא ער וואלט געוואָרען פון איהר בעצויבערט , אונ דער נאך האט ער זיין געזיכט צוא געווענדעט צוא דעם אלטען אונד האט צוא אים געזאגט "הערען זיא ליבער קארטינא , איך וויל אייך עפעס פארלייגען , ווען איר זייט שוין געוועזן איין אויף זעהער אין שלאס פון הויף וואלט איך אייך אן מוטהען צוא זיין איין עלסטער (סטארעסטע) איבער מיינעם דארף וואס לעבען מיין שלאס , איר זייט צוואר ווירדיג צוא ווערען ביא מיר איין אויף זעהער איבער מיין שלאס זעלבסט , דיזע שטעלע איזט אבער פאר נומען מיט איינעם אלטען שלויטעל וואס פערנעהמט דיזע שטעלע שוין נאך פאר דיא צייט פון מיינעם זעליגען פאטער , אלזוי וועו עס געפעלט עס אייך נעהמע איך אייך מיט אייער טאכטער שוין מיט אין מיינעם שלאס , איר וועט האבען אגוטע שטעלע , ברויט מיט פוטער". "א אייערע דורכלויכט !" האט זיך דער אלטער אפ גערופין איר טוט מיט מיר גרויסע גענאדען" . "אונ איר וועט האבין ביא מיר" האט זיך דער הערצאג אפ גערופין איינעם זייער לייכטען דינסט . "אונ איך וועל אייך דינען מיט מיינעם גאנצען הערצען" האט זיך דער קארטינא אפ גערופין , "ווען איר איין ווילינט" האט זיך דער הערצאג אפ גערופען, "אט זעצט אייך שוין אריין מיט אייער טאכטער צוא מיר אין קאץ אונ מיר וועלען פארען גלייך צוא מיר אין גוט" :

"א גרויסער גאט ! "האט זיך דער קארטינא אפ גערופען" , "איר זייט אונז איין רעטונגס איינגעל אין דער נויט" אונ האבין ביידע אריין געשטיגען אין קאץ ' דער אלטער האט זיך געזעצט לעבין אים אונ דיא טאכטער אים אנטקעגען ' "א !" האט זיך דאן אפ גערופין דער ווירט פון דעם קרוג אין דעם ארט וויא מיר אידען זאגען "דער הערצאג מיינט ניט דיא הגדה ער מיינט נור דיא קניידלעך" (דאס הייסט ער מיינט ניט דעם פאטר ער מיינט נור דיא טאכטער) "דען ער איזט א גרויסער באלען אויף אזוי אסחורה" אין אפאר שטונדען זייען זיא געקומען אין שלאס וואס וואר געבויט גרוים ארטיג מיט הויכע טורעמס , אונ מיט אוואל ארום וויא איין פעסטונג , ביא דעם פאראדנעם אריין גאנג (פארטאל) זייען געשטאנען

איינע לאקאלעס מיט דעם אלטען אויף זעהער (שמאטריטיל) וואס האבין אים ערוואַרטעט אונ האבין אים זייער העפליך געריסט אונ האבען געקוקט מיט פארוואונדערונג אויף דיא צווייא וואס זייען געזעסין מיט אים״ :

״איך האב אייך גיבראכט אין דארף איין אויף זעהער (סטאראסטע) האט ער זיך אפ גערופין צוא דעם אלטען שמאטריטעל וואס האט דעם קארטינאן געקאנט אונ האט אים צו געלעכעלט (צו געלאכט) אנטקעגין וויא איין אלטער גוטער פריינד , נעמט אים מיט דער טאכטער אריין צוא אייך , אונ טראקטירט זייא זייער גוט , אונ דער נאך זאל אים דער פערוואלטער (פראוולאעסצע) פאר שטעלען פאר דיא ארבייטס לייטע (ראבאטניקעס) , אונ עס פרייעט מיך וויא איך זעהע דאס איר זייט בעקאנט שוין פון לאנג אן אונ צו גלייך בעפריינדעט מיט דיזעם קארטינע , דען איך האב שוין אלזוי רעכט צו האפען דאס עס וועט אונטער אייך ביידין קיין צאנק זיין וויא עס וואר צווישען אייך אונ דעם פאריגין שטארסטא , אונ ווינצע אייך אלזוי איינעם דויערענד פרידען פון הערצען״ :

דען ביז העהר וואר גרויס ואונאייניקייט דארט צווישען דעם שמאטריטיל אונ דעם פאריגען סטאראסטא , אונ דורך דעם האט דיא איינקינפטע (פריחאד) פון דיזעם גוט זייער שטארק געליטען , אונ דאהער וואר דר הערצאג העכסט צו פרידען וואס דיזע ביידע זייען אלטע בעקאנטע אונ בעפריינדעט מיט איינאנדער :

דער הערצאג איזט אריין אין זיין גאבינעט , אונ דער שמאטריטעל האט דעם קארטינע מיט דער טאכטער אפגעפיהרט אין זיין קוואַרטיר אום צוא בעווירטען זייא , אונ ערסט דארט האבען זייא פריינדליך געגריסט איינער דעם אנדערין , האבין זיך צוא קוסט , אונ הערצליך זיך געפרייעט דאס זייא וועלין בייא זאמען לעבען אין איינעם ארט אונ אונטער איינעם הערען , דער אלטער קארטינא האט אים דער ציילט וואס עס איז דא מיט אים פארלאפען אונ וויא אזוי ער קומט אהער , אונ דר אנדערר האט אים פערשפראכין צו דינען אים דא מיט טהאט אונ מיט ראהט (במעשה ובעצה) , אונ האט דער בייא בעוואונדערט זיינע טאכטער וויא שיין אונ וויא בליהענד זיא איזט , דאס זיא מאכט איינע לוסט צום ווייטערין לעבין , דיזער שמאטריטיל האט גיהייסין אליוער , אונ האט פערלעבט זיינע יארען אלם האגעשטאלץ (חאלסטוי) , אונ וואר דאהער העכסט צוא פרידען דאס ער בעקומט אזוי איין געזעלענשאפטער מיט אזוי אשיינע טאכטער :

אלאקייא איינער האט דער לאנגט צום טיש קעסטליכע שפייזען גוטען ווייין אונ נאך טייערע ערפרישונגען וואס האט זייא ערקוויקט אונ ערמונטערט , דען זייא ווארען פאר הונגערטע מענטשין , אונ דאן האט דיזע קליינע געזעלענשאפט גיווארין פיל געשפרעכיגר (בלאמיויועע) אלם פריהער אונ דער אליוער (דער שמאטריטעל) האט זיך שטארק פון איינאנדער גערעט וועגען דיא גייע שטעלע וואס דר קארטינא בעקומט דא איצונד , ״דר זעליגע (פערשטארבענע) הערצאג האט ער אנגיהייבין״ איזט גיוועזן איין אונפריינדליכער מענטש , אונ מיט

קיינער

קֵיינֶער זַאכֶע צוּ פְרִידֶען , דִיזֶער אָבֶער אִיזְט אַיין זֵיילֶען גוּטֶער מֶענְטְשׁ , עֶר אִיזְט פְרֵייגֶעבִּיג (אֲנַדְבָן)., נוּר אֵיין פֶעהְלֶער הָאט עֶר אִין זִיךְ , נוּר וֶועלְכֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ קֵיין פֶעהְלֶער , עֶר אִיזְט (בְּסוֹד) אַגְרוֹיסֶער פְרֵיינְד פוּן שֵׁיינֶע מֵיידְכֶען , דַאהֶער בֶּעסְטֶער פְרֵיינְד וְויא אוּנְטֶער אוּנְז גֶעזָאגְט , זַייא פַארְזִיכְטִיג מִיט דַיינֶער טָאכְטֶער , דֶען דוּא וֵוייסְט אַלֵיין נִיט וְויא שֵׁיין זִיא אִיזְט , אוּנ אִיךְ בֶּעשְׁוֶוערֶע דִיךְ דֶער צוּא דָאס; דוּא זָאלְסְט מִיךְ נִיט אוֹיסְגֶעבִּין פַאר אִים דָאס אִיךְ הָאבּ עֶס דִיר עֶנְטְדֶעקְט , אוּנ דָאס וַואר דִיא וַואהֶרֶע אוּרְזַאךְ וָואס אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבֶּען זִיצֶען אָן אַוַייבּ , דֶען אִיךְ וָואלְט נִיט גֶעוֶוען זִיכֶער מִיט אִיר אִיבֶּער אִים , אוֹיךְ אִיזְט דָא גֶענוּג צוּא רֵיידֶען פוּן זַיינֶעם פֶערְוַואלְטֶער (אוּפְּרַאוִילַאעֶסְצֶע),אָט גֵייט עֶר דָא בַּייא דֶעם אֶמֶת מִיט אַרַייט בַּייצֶעל אִין הַאנְד , עֶר אִיזְט אַלְט פִינְף אוּנ דְרַייסִיג יָאר , עֶר הֵייסְט עֶנְדֶעמַא , עֶר אִיזְט אַשְׁטִיק סְחוֹרָה , אִים זָאלְסְט דוּא הַאוִירֶען וְויא אַיין בֵּייזֶעם גֶעשְׁוִויר , דֶען עֶר אִיזְט דִיא רֶעכְטֶע הַאנְט פוּן דֶעם הֶערְצָאג„ :

אִין דֶעם אִיזְט דִיזֶער עֶנְדֶעמַא אַרַיין צוּא זַייא אִין שְׁטוּבּ , אִיזְט גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין אִין טִיר אוּנ הָאט אֵייניגֶע מִינוּטֶען בֶּעטְרַאכְטֶעט מִיט אַבִּיסְטְרֶען בְּלִיק דֶעם קַארְטִינָא אוּנ זַיין טָאכְטֶער , עֶר וַואר נִיט פוּן שֵׁיינֶעם אוֹיס זֶעהֶען , אוּנ פוּן אֵיינֶעם אוּנפְרֵיינְדְלִיכֶען בֶּענֶעהְמֶען , דֶען עֶר הָאט זַייא נִיט גֶערִיסְט אוּנ אוֹיךְ נִיט אַרוּנְטֶער גֶענוּמֶען זַיין שְׁטְרוֹיעֶנֶעם הוּט . דִיא דַאלָארֶעס הָאט נִיט וֵוינִיג גֶעלִיטֶען אִין דִיזֶע מִינוּטֶען פוּן זַיין בֶּעטְרַאכְטֶען זַייא אִין שְׁטִילֶען , עֶס אִיזְט אִיר גֶעוָוארֶען הֶעכְסְט אוּנְהֵיימְלִיךְ אוּנ אִיר הֶערְץ הָאט אִיר שׁוֹין פָאר אוֹיס גֶעזָאגְט דָאס זִיא וֶועט גֶענוּג לַיידֶען פוּן דִיזֶעם מֶענְטְשִׁין , וָואס הָאט אִיר אוֹיס גֶעוִויזֶען מֶעהְר דֶעמָאן (טַייוֶועל) אַלְס מֶענְטְשׁ :

„אִיר זַייט עֶס דֶר שְׁטַארַאסְטֶע קַארְטִינֶע ?„ הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט מִיט אֵיינֶער הֵייזֶערִינֶע שְׁטִימֶע. „יַא מַיין הֶער„ הָאט אִים קַארְטִינֶע גִיעֶנְטְפֶערְט אוֹיף הֵייבֶּענְדִיג זִיךְ פוּן זַיינֶעם אָרְט , אוּנ דִיזֶע אִיזְט מַיינֶע טָאכְטֶער, אֵיינֶע פְרוֹיא הָאבּ אִיךְ נִיט„ . „דֶעסְטָא בֶּעסֶער„ הָאט זִיךְ דֶער עֶנְדֶעמַא אָפְּגִירוּפֶען „וָואס מֶעהְר פֶערְוַואנְדֶעטֶע (קְרוֹבִים) מֶעהְר אוּמְזִיסְטֶע בְּרוֹיט פְרֶעסֶער , קוּמֶען זַייא מִיט מִיר אִיךְ וֶועל אַייךְ צֵייגֶען אַייעֶר וואוֹינוּנְג , אוּנ וֶועל אַייךְ פָאר שְׁטֶעלֶען פַאר דִיא אַרְבֵּייטְס לַייטֶע , נוּר דָאס זָאלְט אִיר פָאר אוֹיס וִויסֶען , דָאס אִיר זָאלְט דָא נִיט טָאן וָואס אַהָאר אִיזְט וֶוערְט אָן מַיינֶעם וִויסֶען , אוּנ צוּם הֶערְצָאג זָאל אַייעֶר פוּס נִיט קוּמֶען , וָואס אִיר וֶועט נוּר דַארְפֶען זָאלְט אִיר אַייךְ וֶוענְדֶען נוּר צוּ מִיר„ . „אָ דָאס מֶעגְט אִיר זִיכֶער זַיין !„ הָאט זִיךְ אָפְּגֶערוּפֶען דֶער אָלִיוֶוער„ דָאס עֶר וֶועט אַייעֶר וִוילֶען עֶרְפִילֶען פִּינְקְטְלִיךְ , דֶען אִיךְ קֶען אִים עֶר אִיזְט אַיין הֶעכְסְט עֶרְלִיכֶער מַאן אוּנ וַויים וָואס הֵייסְט דִינֶען„ . „אוּנ מֶער פֶערְלַאנְג אִיךְ נִיט„ הָאט עֶר אִים גִיעֶנְטְפֶערְט , אוּנ דֶער בַּייא גִיגֶעבִּין אַוואוּנְק דֶעם קַארְטִינָא אוּנ זַיינֶער טָאכְטֶער דָאס זַייא זָאלִין גֵיין מִיט אִים , זַייא זַייעֶן אַרוֹיס מִיט אִים פוּן שְׁטוּבּ . אָלִיוֶוער הָאט זַייא אֵיינֶע הִיפְּשֶׁע שְׁטִיק וֶועגְס בֶּעגְלַייטֶעט אוּנ הָאט זִיךְ פוּן

זייא געשיידעט מיט בעטריבטעם הערצען, דען עס וואר אים לייד אום דיזער מיידכען אונ האט איר אין שטילען געבענצט דאס גאט זאל איר איין היטען פון דיזעם דעמאן (טייוועל):

דער ענדרעמא איזט געגאנגען פאר אוים זיי נאך אים, אונ אלס זיי זייען געגאנגען פאר בייא איין היילינגעס בילד פאר וועלכעם זייא האבין זיך געקניט האט ער אויף זייא אנגעשריען נוא ווילט איר דאס איך זאל אויף אייך ווארטען? האט ער צו זיי געזאגט „ביז מיר וועלין קומען אויף ארט אונ שטעלע וועט איר האבין אזעלכע צוואנציג, אונ ווען איר וועט אייך בייא אזעלכע שמאכטעס אייך אפשטעלען וועלען מיר אהין קומען ערסט פון אווענד, איין בעווייז דאס איר זייט גוטע ליידיג גייער ווען איר בעשעפטיגט אייך מיט אזעלכע דומהייטען“:

דיזע גאט לויזע רייד האט ער נאך בעגלייט מיט אשטארקען פלאשק מיט זיינעם רייט בייצעל אן דר ערד דאס בייא דר דאלארעס האט אויף געציטערט איר הערץ אין איר בוזעם, אונ זייען נאך געגאנגעןביידע העכסט געקריינקט, דען זייא האבין שוין זייער גוט פערשטאנען פון דעם פיק וואס פאר איין ענדיק ער איז, ער האט דעם קארטינא פאר געשטעלט פר דיא ראבאטניקעס, האט זייא געזאגט זיין נאמען, נאך הער האט ער זייא אויף געוויזען זייער וואוינונג, אקליינעס הייזכען געדעקט מיט שטרויא דער צו אשטיק ערד וואס געהערט דער צוא, האט דעם קארטינע בעלעהרענט וויא ער זאל זיך בעגיין מיט דיא ראבאצע, אונ אויף וואס ער זאל אכטונג געבין, האט זייא געגעבין אויף אמאנאט פאר אוים זאלעוואנע אונ איזט אוועק, אונ זייא האבין בעצויגן זייערע ארעמע וואוינונג, אונ האבין זיך דארט צו רעכט גימאכט:

13.

„דער מאטאדאר *) מיגועל אונ דיא גראפינע“

בעפאר מיר וועלען אונז אומקעהרען צוא דיא דרייא קארלאניסטען וואס מיר האבין זייא געלאזט שלאפען דארט אין איינזאמען קלויסטער וועלען מיר ווארפען איין בליק אויף דר הויפטשטאט מאדריד וואס דארט האט דאן געדארפט פארגעשטעלט ווערען איינע פון דיא דארטיגע בעליבטעסטע פובליצינע שפילונגען, אונ דאס איזט איין שטירגעפעכט (דאס הייסט וויא מענטשען שטרייטען מיט איינעם ווילדען בואק), דיזע שפיל איזט דארט העכסט אינטערעסאנט (וויכטיג) פאר ארעמע אונ פאר רייכע, זעלבסט. פאר דיא קעניגליכע פאמיליע, דיזע העלדען וואס קומען בייא (מנצח) דעם שטיר ווערען

אן

*) דער אקסען שטעכער, אדער אקסען פעכטער, דארט אין שפאניען אויף איין פובליצענעם פלאץ:

אנגירופין מאטאדארען, זייא זיינען זייער גיזונטע אונ שיינע יונגע לייט פון גאנץ פראסטען שטאנד , אונ דאך ווארען זייא דארט הויכגעשעצט פון אלע קלאסען מענטשען , זעלבסט דאמען פון דער גרעסטען קלאסע ווארפען זייא צו פון דיא גאלעריען בלומען קרענצע , ביטלען געלד , אונ שעמען זיך ניט צו פארליבין זיך אין זייא , אזוי ווערט דער ציילט דאס זעלבסט דיא הערצאגינע אלבא , דיא מאריא מאנטיכא האט מיט איינענע הענט אויפגענייט ארויטען מאנטעל אונ אויסגעשטריקט מיט גאלדענע בלומען פאר אזוי איינעם , אונ האט עס אים איבער גיגעבין אינסגעהיים , דאס הייסט בייא איינעם גיהיימען זעהען זיך . מיט אים , אזוי וואר אויך דיא עווגעניא אונ דיא יונגע קיניגין זעלבסט גרויסע פריינדינן פון איינעם שטיר גיפעכט , אונ איר מוטער דיא גראפינע טעבא דע מאנטיכא, האט גאנץ אפען פערגעטערט דעם מאטאדאר מיגועל וואס האט בייא גיקומען שוין צווייא טויזענד שטירע , דיא קיניגין מאריא דיא מוטער איזאבעלעס, האט אים בעשאנקען מיט איינעם ארדען מיט וועלכעם עס ווארען בעשאנקען דיא יענעראלען :

דיזער שטירען מערדער וואר איין ריז אונ פון שיינעם גישטאלט אונ וואר זייער גילאנט אונ וואר אלזוי געליבט פון אלע דאמען, אונ וואר העכסט געשוינט אויך פון דער רעגירונג , דען ער פלעגט צו בלייבין אונבעשטראפט פון איר פאר אזעלכע אקצעס וואס איין אנדערער וואלט דער בייא דעם קאפ פארלארין אויף דעם עשאפאט , דער פלאץ וואס עס קומט אויף אים פאר אלע מאל דארט דאס שטיר געפעכט איז ניט ווייט פון דארט וואס מען רופט עס פאדרא , עס ווערט דיזעס פארגישטעלט דארט אין אגרויסע רונדעם געביידע וואס איז אויבין אפען אונ אין איינוויינינג זיינען ארונד אום בייק אונ גאלעריעס איבר גאלעריעס וואס עס קענען זיך דארט זעצען אונ שטיין מער אלס צעהען טויזענד מענטשען אונ גאר אונטען דאס הייסט אין מיטען איז דיא ארענא (דער זאמד פלאץ) וואס דארט גישעהעט דאס בלוטיגע גיפעכט , אונ בייא אלעם דעם קעהרען זיך אימער אום טויזענדע מענטשען אהיים ווייל זייא גיפינען פאר זיך קיין ארט, אזוי ווייט בעליבט איז בייא זייא דיזער בלוטיגר שפיל, בייא דיזעם מאל וואר דיזע געביידע פאק אונ פול פון מענטשען , אויך דיא אונטערסטע לאזען וואס זיינען בייא דער ארענע אונ וואס זיינען אויסגישלאגין מיט רויטען סאמעט אונ בעליינט מיט גאלדענע גאלוינען אונ בעברעמט מיט גאלדענע פרענז , אונ זייען בעשטימט נור פאר דיא קיניגליכע פאמיליע אונ פאר דיא גרויסע גראנדען ווארען דאן אלע בעזעצט מיט הערען אונ מיט דאמען , עס ווארען דארט דיא מוטער קיניגין מאריא מיט איר געליבטען הערצג פיאנסארעס , דער קרוין פרינץ , פראנציסקא פון נעאפאל וואס אויף זיינע קאסטין וואר דאן גיגעבין דיזער בלוטיגער שפיל , עס האט דארט דאן ניט גיפעלט דיא איזאבעלע, דיא עווגעניא, אויך וואר דארט איר מוטער טעבא מאנטיכא . אלע געפוצט אונ געקליידעט אין סאמעט, אין בורלאנטען אונ אין בלומען :

אלר

אלס אלע גרויסען וואַרען שוין אויף זייערע ערטער , איזט געוואָרין אגרוישע טרומייטעריי אונ דאן זיינען אריין אין דער ארענע דיא פארזוינען וואס האבין זיך גידארפט בעשעפטיגין ביא דיזעם בלוטיגען שפיל אין קאלאראָווע קליידער , פאראויס איזט גיגאנגען דער מאטאדאר מיגועל , אריין קומענדיג האט ער זיך געקניט געגען דער קיניגין . נאך העד האט ער זיך גענייגט פאר דיא גראנדען , אונ דאן האט אים דיא גראפינע טעבע מאנטיכע צו גיוואָרפען אבוקעט בלומען , וואס ער האט עס אויפגיהייבין מיט דעם שפיץ פון זיינעם בלאנקען שווערד , ער וואר דאן געקליידעט אין דעם רויטען מאנטעל וואס האט אים געשאנקען אונ זעלבסט אויפגינייט פאר אים דיא הערצאגין אלבא , ער האט אין אים דאן אויס גיזעהען וויא מארש דער קריגסגאט פון דיא רעמער , אונ דיא טעבא האט אירע אויגין ניט אראפ גינומען פון אים , נאך אים זיינען נאך גיגאנגען דיא פיקעדארעס (דאס הייסט דיא וואס האלטען פיקעס) געקליידעט וויא דיא פארצייטיגע העלדען , זייא אלע וואַרען אויף קרעפטיגע מענער , נאך זייא זיינען נאך גיגאנגען דיא פאנען טרעגער זייא האבין גיהאלטען אין דיא הענט שטאנגען דינע וואס פון איין זייט וואַרען אויף זיי פאנען אונ פון דעם אנדערען זייט וואַרען אייזערנע האקען (קרוקעס), אונ אם ענדע וואַרען אריין געפירט אויך עטליכע מויל אייזלען וואס זאלין ארויס שלעפען דיא געטייטעטע שטירע .

דאן האט דער הערצאג פיאנסארעסע וואס וואר דאן פון דער קיניגין בעשטימט אויס צו טיילען בלוינונגען (נאגראזדענעס) פאר דיא פעכטער , געטאן אוואונק דאס דער שפיל זאל זיך אנפאנגען , אונ עס האט אן גיהייבין צוא שפילין איינע לארעמענדע מוזיק , אונ דיא אלע פערזוינען וואס וואַרען דאן אויף דער ארענע זיינען פערשוואונדען אונ עס זיינען געבליבין מער ניט וויא דיא פיקאדארעס אויף פערד , אונ דאן אונטער דיזען לארעם האט זיך אויפגיעפענט איינע זייטיגע טיר פון דער ארענע אונ עס איז אין איר אריין גילאפין איין גרויסער שטיר (ביק) מיט פייערדיגע אויגין , אונ האט אנגיהייבין איינבייגענדיג דעם קאפ צו שטרייען (אום וואַרפען) דעם זאמד מיט זיינע הערנער , אונ אלס דער נאראד האט דאן אויסגעבראכען אין אגרויסען פריידין גישרייא צום ביא שפיל וויא ביא אונז אורא ! אורא ! האט ער אנגיהייבין ארום צו קוקין זיך זייער ווילד , אונ דאן זיינען איבערגיפאלין איבער אים דיא פיקאדארעס אום צו פערוואונדען אים מיט זייערע פיקעס , אונ ער וואס ער וואר דורך דעם העכסט אויפגערייצט אונ צארניג האט זיך אוואָרף גיטאן אויף איינעם פון דיזע שטעכער וואס האט זיך זייער געשיקט אב גיוועגדעט פון אים מיט זיין פערד , אונ אויס געוויכען פון אים , אונ עס וואר גיפאצט בראווא פון מעהר אלס צוואנציג טויזענד הענד , באלד דארויף האט זיך דער שטיר אוואָרף גיטאן אויף איינם צווייטען פיקאדאר וואס וואר שוין ניט אזוי גליקליך וויא דער ערסטער אויס צו וויכען אים , דען ער האט מיט זיינע הערנער אויפגעריסען דעם בויך פון דעם פערד , אונ דער פיקאדאר האט מיט גרוים נויט גערעטעט זיין לעבען,

אונ

אונ אלס דער שטיר האט דער זעהען בלוט איזט ער גיווארין נאך מער גירייצט , אונ האט אויסגילאזין זיין צארען צו דעם גיפאלענעם פערד , דען ער האט מיט זיינע הערנער געוויהלט (געריעט) אין זיינעם קערפער וויא מען וויהלט מיט אקאך לעפעל אין אטאפ , אונ דאן זיינען אריין דיא פאנען טרעגער העכסט געשיקטע אונ גיוואנדעטע (לאווקע) לייטע , זייא זיינען אריין צו פוס , אונ איינעם פון זייא האט געלונגען (געגליקט) אריין צו שטעכען אין אים זיין רויטע פאן . עס וואר ניט צו בעשרייבין דאס ברילען (ראווען) פון דיזעם שטיר , אונ אלס ער האט זיך אום גיווענדעט צו דיזעם מערדער זיינעם האט ער בעקומען אצווייטען שטאך פון איינעם אנדערען פאנען טרעגער ביא אלעם דעם האט דער שטיר ניט אויסען גילאזין דעם ערסטען אונ האט זיך אוועק גיטאן אויף אים וויא איין רייסענדער טיגער אונ עס וואלט גיוועזען פאר געוויס איינע ענדע מיט אים ווען ער וואלט ניט אין דיזער מינוט פאספייען ארויף צו שפרינגען אויף אים אונ איזט געבליבין רייטענדיק אויף זיינעם רוקען , עס וואר ווידער גיפאצט בראווע אונ גישריען אורא ! קוים אבער האט אים דער שטיר דער שפירט אויף זיינעם רוקען , האט ער זיך גילייגט אויף דער ערד אום צו טאן זיך אקייקעל אונ צו ערדריקען אים , דער פאנען טרעגער אבער האט ניט אפגעווארט דיזע געפעהרליכע ווענדונג זיינע אונ איזט אראפ גישפרונגען פון אים הינטערטש אונ וואר גירעטעט . דען בעפאר דער שטיר האט זיך אויפגיהייבין פון דער ערד אונ האט צייט גיהאט זיך אום צו זעהען וואר ער שוין געזיכערט :

אין דעם וואר ווייטער זייער שטארק טרומייטערט , אונ דאן האט ארויף גיטראטין אויף דער ארענע דער מאטאדאר מיגועל האלטענדיק אין זיינער האנד איינעם בריטען בלאנקען שווערד , אונ וויא דער שטיר האט אים נור דער זעהען האט ער זיך אלאז גיטאן צו אים , אונ עס וואר וואס וואונדער צו זעהען וויא דער מאטאדאר האט אים אויסגיוויכען זייער גישיקט אונ האט גימאכט זייער קלוגע ווענדונגען (קערונקעס) ביז ער איז אים אויסגיקומען לעבען דעם נאקען זיינעם , אונ דאן האט ער מיט איינעם פאך פון זיינעם שווערד ארונטער גיהויען זיין הויפט , אונ עס איז גיווארין אגרויסער פריידען גישרייא , אונ אפאצעריא בראווע , דאס מען איז שיר פערטויבט גיווארין פון לארעם , עס וואר אים צו גיווארפין בלומען , ביטלען געלט פון דיא לאזעס , דיא שצענע וואר צו ענדע . דער פובליקום איזט זיך פון איינאנדער גיגאנגען , דיא גראנדען צו פארין יעדער אין זיין אקעפאז , אונ אין דער קארעטע פון דער גראפינע טעבא האט מען גיזעהען דעם מאטאדאר עמאנועל זיצט איר ביא דער זייט , אונ פארט מיט איר אום צו שפייזען ביא איר טיש אוועגד ברויט , אונ אויך צוא נעכטיגען דארט :

14.

„דאס איבער פאלען ביא נאכט“

דא ניט לאנג האבין מיר גילאזין שלאפין אונזערע דרייא קארלאניסטען אין דער מאנאסטיר סאנטאקרוס, אונ פעסט גישלאפין, אונ מער וויא דאס האט דער פערשטעלטער פריסטער ניט פערלאנגט, אונ דאהער וויא ער האט זיך נור איבער צייגט דער פון איז ער זיך אויף גישטאנען שטילערהייט פון דער ערד אונ איז זיך ארויס פון דער צעלע מיט פריילכם הערצען אונ איז גינאנגען צו דעם נארוואעץ אום אן צו זאגין אים דאס איצונד איז דיא רעכטע צייט אום איבער צו פאלען איבר זייא, דען וויא מיר ווייסען פון פריהער וואר דיזער פריסטער איינע פערשטעלטעס מיידכען וואס דער פיליפפא האט איר פארפירט, אונ האט דאהער גיזעהען צו מאכען אים מיט זיינע פריינדע העכסט אומגליקליך אונ איז גיווארין אלזוי איינע פעררעטהערין (איזקעניצע) זיינע זיא איזט שוין אונז בעקאנט זיא הייסט זואנא, גייענדיק אבער האט זיא זיך דער מאנט דאס זיא האט גילאזין דיא טיר פון דער צעלע אונפערשלאסין וויל זיא האט ניט גיהאט קיין שליסעל, דען ער האט ניט גישטעקט אין טיר, ער וואר נור ביא דעם וועכטער, דאהער איז זיא צו גיגאנגען צו אים וואס ער איזט גיזעסען ביא דעם טויער, אונ האט אים אן געמוטהעט, דאס ער זאל גיין אונ צושליסען דיא טיר פון דער צעלע, אונ ער אבער וואס ער האט זייער גוט גיוואוסט צו וואס דיזעם וועט פיהרען, האט זיך גילאזט זייער שטארק בעטען:

„מיך שוידערט ביא דיזעם גידאנקען“ האט ער זיך צו איר אפגערופין „דאס איך זאל זיין איין מיט שפילער פון דיזער בלוטיגע שצענע“, איך האב צו דיזער דרייא אפיצירין גאר ניסט, עס איזט ביא מיר פיל גלייך צו איזאבעלע וועט זיין קיניגין צו דאן קארלאס וועט זיין קיניג, דער צו נאך ווען עס וועט אונז ניט גילטין, זיינען מיר אלע פערלארין, דיא קארלאניסטען וועלין אנצינדין אונזער קלויסטער, נייין מיינע פריינדין, איך וויל מיך אין דיזען בלוטיגין גישעפט ניט איינלאזען“:

דיא זואנא אבער האט אים גימאכט דער ביא גרויסע איינווענדונגען, זיא האט אים פארגישטעלט דאס מען מוז בלייבין טרייא דעם קיניג וועלכער עס רעגירט איצונד, אונ דאס עס וועט זיין זייער לייכט צו נעמען זייא געפאנגען לעבענדיגער הייט, עס וועט ניט קאסטען איין טראפען בלוט“:

קורץ דער פון עס וואר אונטער זייא איין לאנגער געשפרעך, אונ אלס דיא זואנא האט גיזעהען דאס זיא וועט מיט אים ניט אויס פיהרען, האט זיא ארויס גינומען דעם שליסעל ביא אים פון האנד, אונ איזט אליין אוועק צוריק צו דער צעלע אונ האט דיא טיר צו גישלאסין:

קוים אבער האט זיא דעם שליסעל ארויס גינומען האבין אנגיהייבין זייער שטארק צו וויהרען (הירדזען) דיא זעקס פערד פון דעם נארוואעצעס

רייטער

ריטער, דאס דיא דרייא קארלאניסטען האבין זיך אויפגיהאפט, עס וואר איין ערוואכען נור וויא דאס ערוואכען פון דיא טויטע אין דעם אויפערשטייהונגס טאג (תחית המתים). זייא האבין זיך קוים דער מאנט וואו זייא זיינען דא אין דער וועלט, דען עס וואר דארט אויך פינסטער, דען דיא זואנא האט אויס גילאשין דיא לאמפע פאר איר אוועק גיין, אונ זייא אליין ווארען נאך וויא האלב פערטומעלטע פון דער נעכטיגע מידיקייט אונ פון דעם רויש דעם ווייגעס, עס האט גידויערט שיינע עטליכע מינוטען ביז זייא האבין זיך דער מאנט דאס זייא זיינען דא אין אצעלע פון דעם קלויסטער סאנטא קרוס, אונ דאן האבין זייא זיך שוין ארום גיזעהען דאס דער שטומאק איזט אויך ניט דא אונ דער צו נאך דאס דיא טיר איז אויך פערשלאסין, אונ זיינען גיווארין אלזוי העכסט אונרוהיג, דען זייא האבין שוין פערשטאנען זייער נוט דאס זייא זיינען פערראטהען (גיווארין בעטראגין) פון דיזעם שטומאק:

„מיר זיינען דא גיפאנגען!“ האט זיך אפגירופין דער אלימפא, אונ מוזין אונז מאכען פערטיג צוא שטרייטען ביז אונזער לעצטען טראפען בלוט“. „עס פארשטייט זיך“ האבין אים ביידע פריינדע געענטפערט, דען מיר האבין דא שוין קיין אנדערען וואהל (ברירה)“:

אין דעם האבין זייא דער הערט איין גערויש (שאשקערייא) אונ איין געקליר (קלינגערייא) פון וואפען אויף יענער זייט טיר, נון האבין זייא פארשטאנען שוין אויך קלאר דאס דא מוזען זיין פון דיא קיניגליכע מילעטער (סאלדאטען) אונ זיינען געבליבין שטיל אונ גאנץ רוהיג דאמיט מען זאל מיינען דאס זייא שלאפען נאך, האבין זיך נור בעוואפענט אין שטילען אונ האבין זיך גישטעלט אין ביידע ווינקלעך פון דער טיר אום צו עמפאנגען זייערע פיינדע, עס האט ניט לאנג גידויערט אונ זייא האבין דער הערט וויא מען שליסט אפ דיא טיר, אונ זיא האט זיך באלד דארויף גיעפענט, אונ עס האט אריין גישיינט דאס טאגעס ליכט, דיא ערסטע פערזאן וואס איז אריין אין דער צעלע וואר דער אדיוטאנט פון דעם נארוואעץ, ער איזט אריין זייער סמיאלע, דען ער האט גימיינט דאס ער וועט דא איבער פאלין איבער שלאפענדע, קוים אבער איזט אריין פיר טריט האט אים דער פיליפפא דורך גישאסין פון הינטען, דיא איבעריגע האבין זיך שוין ניט גיוואגט אריין צו גיין, אונ דער נארוואעץ האט צוא דיא דרייען גיטאן אגישרייא „איך געביטע אייך אין דעם נאמען דער קיניגין דאס איר זאלט אייך אונז איבער געבין אלס גיפאנגענע“ „אונ מיר גיביטען אייך אין דעם נאמען פון דאן קארלאס“ האט זיך אפגירופין דער פיליפפא דאס איר זאלט אייך אונז איבער געבין אלס גיפאנגענע צוריק איר פאלשע אונ פיינע (שוואכע) מערדער, דאס איזט נור איין פערראטה (איזמענא) אבער קיין העלדען שטרייט“:

„סאלדאטען!“ האט זיך דער נארוואעץ אפגירופין צוא זיינע זעקס מאן „נייט נאך אייער יענעראל, איך גייא פאראויס, דיזע דרייא עמפערער (מורדים)

מין גיפאנגען ווערין׳ , ״א שוינע דיין יונגעס לעבין !״ האט זיך אפגירופין דער אלימפא, דען דוא נייסט צו דעם געוויסין טויט :

״איך האב פארשפראכען מיינער קיניגין צו ברייננען אייך לעבענדיגע אלס געפאנגענע״ , האט זיך דער נארוואעץ אפגירופין ״אלזוי שוינעט אייער בלוט אונ מיינע אונ ערגיט אייך גיפאנגען , אין דעם אנדערען פאל הייסע איך מיינע זעקס סאלדאטען שיסען אייך טויט וויא דיא מייז״ :

אויף דיזע אויף פאדערונג (פערלאנגען) זיינע וואר ער אפגיענטפערט פון דיא דרייא קארלאניסטען מיט דרייא שיסע וואס האבין אנידער גילייגט דרייא סאלדאטען , ד א איבעריגע דרייא האבין צוריק גישאסין , האבין אבער ניט איין איינציגען פון זייא גיטראפין, אונ דאן אלס דער נארוואעץ האט איינגיזעהען דאס עס איז ניט וואס צו מאכען מיט דיא ביקסען , האט ער גיהייסין זיינע דרייא סאלדאטען דאס זייא זאלין אריין מיט אים אין דער צעלע אום צוא שטרייטען מיט זייא מיט הוילע זעבלען (שווערד) אויף טויט אונ לעבין , עס וואר דארט איין שווערעס געפעכט איינע היפשע צייט, ביז דיא דרייא סאלדאטען זיינען אויך גיפאלין , אונ דער נארוואעץ איז גיווארין טויטליך פערוואונדעט , אונ האט גיבעטען דאס מען זאל זיין טויטין קערפער ברייננען צו דער קיניגין דען אזוי האט ער פערשפראכען בייא זיינעם נעהמען אפשייד פון איר :

״איצונד זיינען מיר שוין נוטע פריינד״ האט זיך אפ גירופין דער פיליפפא צו נארוואעץ, ער האט אים בעזעהען דיא וואונדע , אונ אלס ער האט גיזעהען דאס זייא איז נאך ניט אזוי גיפעהרליך וויא ער מיינט , האט ער גילאזט איינ׳גע פריסטער דאס זייא זאלין אים אריין נעמען צוא זיך אין שטוב , אונ זא׳ין אנווענדען אלע מיטלען אום צו ערהאלטען אים בייא דעם לעבין , אונ ווי א ער ׳עט ווערין איין עטוואס בעסער זאל מען אים אוועק טראגין אויף נאסילקעס קיין מאדריד , באלד דארויף האט ער זייא גיהייסין דאס מען זאל אים שאפען דעם שטומאק. ״דער שטומאק״ האבין זייא אים גיענטפערט ער א ז שוין איבער אלע בערגע (אנטלאפין) ״אלזו זאלט איר מיר באלד ברייננען אהער״, האט ער זיך צו זייא אפגירופין ״אייער הייליגין פריאר, דען ער וואר פ׳רגעווים אין בונד מיט דעם נארוואעץ אונ מיט דעם שטומאק, מיר ועלען אונז דא אפרעכענען מיט אים :

עס האט ניט לאנג גידויערט , אונ דיזער אלטער הייליגער מאן איזט גיקומען מיט אראפ גיהיינגטען קאפ אונ מיט צוא זאמען גילייגטע הענט נקרייצווערין איבער דיא ברוסט , אונ האט זיך גישטעלט פאר דיא דרייא קארלאניסטען אויף דיא קניא וויא איינער וואס בעטעט אום גענאדע :

״וויא איזט אייער נאמען ?״ האט אים גיפרעגט דער מארקיז דעמאנטאלאן״ מיין וועלטליכער נאמען איזט ״טאמאס גראף מאטארא״ האט ער אים גיענטפערט ״פאר גיוויס בוזט איר ווייסין וואס דא איזט פארלאפין אין דיזער נאכט !״ , האט זיך אפגירופין צו אים דער מארקיז ״אונ פערגעווי׳ס איזט אייך אויך

נאניץ

גאנץ בעוואוסט דיא אלטע קריגס גיז צע דאס איין שטאט, איין דארף אדער איין הויף וואס עס געשעהעט אין אים איין פערראטה (איזמענע) אונ בפרט נאך איין קלויסטער ווערט אפגיברענט ביז אין גרונד מיט פייער:

איך שווערע אייך ביא דעם אלעם העכסטען" האט זיך אפגירופין דער פריאר, דאס ניט איך אונ ניט איינער פון דיא מיינע האבין איין אנטהייל אין דיזער זאכע. איך האב דא דעם נארוואעצען אויפגענומען נור אלס נאהענטען פערוואנדעטען, אונ דער צו נאך אלס פערוואונדעטען וואס האט מיך אום נאכט לאנגער גיבעטין, אונ אזוי איזט מיין קלויסטער אפען פאר אלע וועלכע זיך ביז אין דיזער וויסטעניא פאר אירען, אונ אויס דיזעם גרונד האב איך אייך אויך דא אויפגינומען, אלזוי מיינע הערען שוינען זייא דיזען גאסטפריינדליכען ארט.

"מיר ווילין ניט אריין גיין מיט אייך אין ווייטע אונטערהאנדלונגען" האט זיך אפגירופין דער אלימפיא, מיר ווילין ניט מיט איין מארדברעניא*) בעזודעלען (בעשמוצען) דיא איידעלע זאכע וואס מיר פעכטען פאר איר דאס הייסט דאס דאן קארלאס זאל קיניג זיין, ביא אלעם דעם מוזט איר איין עטוואס ליידען, ערשטענס מוזט איר זעלבסט מיט אייערע לייטע אפפיהרען דעם פערוואונדעטען יענעראל קיין מאדריד, אונ צווייטענס מוזט איר געבען פאר אונזער ארמייא צוואנציג פעסר וויין פון וועלכע מיר האבין דא ביא אייך גיטרונקען, מארגין וועלין קומען אהער אונזערע דרייסיג מאן אום אפצונעמען עס, אונ ווען איר וועט ניט ערפילין דיזע ביידע זאכען פינקטליך ווערט פון אייער קלויסטער איין הויפען אש":

נון פארשטייט זיך דאס פריאר האט פערשפראכען צוא ערפילין דיזע גירעכטע פאדערונג, אונ דאן האבין דיא קארלאניסטען גינומען אפשייד מיט טרעהרען פון דעם נארוואעץ, וואס וואר גיפעהרליך קראנק אונ זיינען אוועק פון דארט מיט דעם בעשלום צו זיין באלד ווידער אין מאדריד:

15.

דאס הייזכען פון דעם קארטינא

עס האט ניט לאנג גידויערט, אונ דיא גליקליכע שטעלע וואס דער פאטער אונ דיא טאכטער האבין זיך דא אין אנפאנג העכסט געפרייט מיט איר האט זיך ארויס גיוויזען שוין אין איר ריכטיגען צושטאנד, וויא פריילין עס וואר זייא אלס דער הערצאג האט זייא אריין גינומען צו זיך אין קאץ, אזוי טרויעריג איז זייא גיווארין אלס זייא האבין זיך בעזעצט אין זייער וואוינונג

וואס

*) מארדברעניא ווערט אן גירופין ווען איינער צינדט אונטער אגעביא מיט אבזיכט (בכיון).

וואס מען האט זיא אנגיוויזין אין דארף, דאס הייזכען וואר ניט בעסער אונ ניט גרעסער אלס דיא הייזער פון דיא ארבייטס לייטע, דער צו אבער אשטיק פעלד צו גיגעבין אונ אגרויסער סאד, צוואר האט דיזער גוט געהערט צו דעם הערצאג, נור איין בעהערשער איבער אים וואר דער ענדעמא, ער וואר זייער שטריינג (שטראגע), קאפריסנע, אונ פון נאטור איין טיראן, אונ דאהער וואר ער העכסט גיהאסט פון אלע ראבאצעס, אונ פון אלע הויפלייט, דער סטאראסטע וואס וואר דא פאר דעם קארטינא איזט גישטארבין נור דורך אים גאנץ איינפאך ער האט אים טויט גישלאגין, אונ אלס דער הערצאג האט עס אים אויסגירעט נור האט ער אים גיענטפערט (אזוי האט דר ציילט דעם הערצאגס קאמערדינער) איך בין אויך אזוי אלייט ווי דו, דען מיר האבין גיהאט איין טאטען, נור איך בין אויס גיבאקען אין איינעם אנדערן אויווען, (דאס הייסט פון איינע אנדערע נקבה), אונ דער הערצאג האט אים גישוויגין וויא אקאטינקע:

דיזער ענדעמא וואר אזוי גיהאסט פון אלעמען דאס מען האט שוין עטליכע מאל גישאסין אויף אים פון טונקעלע געבישע (חמיזנעקעס), אונ דאהער פלעגט ער זיך ניט וואגען ארויס צו גיין אן אדעגען אונ אן אפוסטעלעט, דאהער קיין וואונדער דאס דער קארטינא האט שוין ניט גיקענט שטימען מיט דיזעם פערוואלטער, דען זייא ווארען איין קאנטראסט (אהפך) איינער פון דעם אנדערען, קארטינא וואר איין בראווער ערליכער מאן מיט אגוטען געוויסין, אונ דער ענדעמא וואר איין טיראן, איין בייזע וויבט (ארשע), אונ דארום פלעגט ער ניט אוועק צו גיין איין טאג שוין וואס ענדעמא פלעגט ניט אן צוקומען זייער גראב דעם קארטינא, וואס ער האט ניט גיקאנט ליידען וואס ער טיראניזירט דיא ארבייטער, אונ עס איזט איין מאל שוין אזוי ווייט גיקומען דאס דער ענדעמא האט צו אים גיזאגט אמאל "מיינט ניט דאס צוליב אייער שיינע טאכטער פערגעהמט איר ביא מיר איין ארט מער אלס דער פאריגער סטאראסטע וואס איך האב אים איינגישלעפערט אין איינעם אייביגין שלאף":

דער קארטינא אבר האט אים גיענטפערט "מיין טאכטער מיינט אייך גאר ניט צו גיפעלין, אונ דאס זעלביגע איך אויך, איך בין איין טרייער דינער פון דעם הערצאג, אונ וויל אים דינען נור וויא מען גיהערט צו דינען איינעם גוטען הערען וויא ער איזט, איך דארף נור זעהען דאס דיא ארבייטער זאלין טאן זייער שולדיקייט אבער ניט צו פאדערין פון זייא איבעריגעס", "גיין!" האט זיך דער ענדעמא אפגירופין מיט גרויס צארין, "איר זייט מיין דינער" מיין אונטערטאהן (פאדאנע) אונ איך בין אייער הערשער, אונ איך וועל אייך אויסלערנען וויא צו געהארכען, אייך אונ אייער טאכטער וואס האט זיך גיוואגט צו ווייזין מיר הייגט דיא טיר":

"ווען זיא האט עס גיטאן" האט ער אים גיענטפערט "וואר זיא פארגעוויס גירעכט, דען זיא איזט איין שטילעס ערליכעס קינד", "נוא" האט ער זיך אפגירופין, "וועגין דעם וועלין מיר. אונז איין אנדערעס מאל אפרעכענען, דער

ווילע

ווילע זאלט איר וויסן, דאס איר זייט מיין דינער, איר מוזט מיך גיהארכען, און קיינע איינווענדונג מיר מאכען אין קיינער זאכע, דען איך הייס ענדרעמא און בין דא פאלגער פערוואלטער (אופראוולאעסצע)»:

אזעלכע אויפטריטע (שצענעו) פלעגין זייער אפט גישעהען, דיא אורזאך דער פון וואר נור דאס דער קארטינא האט ניט גיוואלט בעדריקען דיא ארבייטער וויא עס האט זיך גיוואלט דעם ענדרעמא, דאהער קיין וואונדער דאס דיא ארבייטער האבין דעם קארטינא געליבט וויא זייער פאטער, און פלעגען בעטען גאט פאר זיין גיזונט און פלעגין אים פאלגין אויס גוטען ווילין:

און בייא אלעם דעם וויא אויך עס וואר דעם קארטינא מיט זיינער טאכטער העכסט פאר ביטערט דאס לעבין איבער דעם ענדרעמא האט דיא דאלארעס אומגעוואנדעלט (אומגעמאכט) זייער ארעמען אונד עלענדען וואוינונג צו איינעם קליינעם פאלאץ, און דאס שטיק פעלד וואס ארום אים צוא איינעם פאראדיז (גן עדן), דען זיא האט דיא שטיבעלע גיהאלטען ריין און ציכטיג, אלע וואך אויס גיווייסט דיא וועגט, אויס גיוואשין דיא דילען, אויפגיהאנגען ארום דיא פענסטער שיינע קלארע גארדינען וואס זיא זעלבסט האט אויסגיהעפט, און בעזעצט מיט שיינע בלומען טעפ און דיא וועגט בעהאנגען מיט שיינע פאטרעטען וואס זיא אליין האט גימאלט, און אין גארטען פערזייט פון אלעם גוטען, און האט דעם פאטער צו גיזעהען און אפגעהיט וויא איר אויג אפעל, און בייא נאכט פלעגט זיא אים ערפרייען מיט איר גיטארע און מיט איהרע געזיינגע, און מאנכע מאל פלעגט זיא איינלאדען דיא מיידכען פון דיא ארבייטס לייט צו זיך אויף אטאנץ, און פלעגין זיך אזוי מאנכעשטילען אונד פארברייגען אין אונשולדיגע פריידען»:

איין מאל האט דער פאטער בעמערקט קומענדיג אהיים פון שלאס דאס דיינע טאכטער שטייט בייא דער קיכע זייער טרויעריג, ער האט איר אבער ניט גיפרעגט ווארום איזט זיא עס אזוי וויל ער האט זייער גוט געוואוסט דאס איר הערץ איזט אנגיהאנגען זייער שטארק נאך אן דעם אלימפיא וואס זיא בעוויינט אים זייער אפט אין שטילין, און האפט נאך אלץ זיינע צוא בלייבין אויב וואויל זיא האט שוין פון אים אזוי אצייט ניט גיהערט, זיא האט אים דער לאנגט עסען און האט אים דער בייא גיפרעגט וואס פאר נייעס ער האט גיהערט דארט אין סלאס, «יא!» האט ער זיך אפגערופין, «איך האב גיהערט לייענדיג אין צייטונג וואס איזט ערסט אנגיקומען דאס דיא קארלאניסטען זיינען זייער שטארק גישלאגין גיווארין, און פערדריינגט גיווארין ביז דיא פירענייען» «א גרויסער גאט!» האט זיא זיך אפגירופען, «געוויס וואר בייא דיזער שלאכט אויך מיין אלימפיא», און דאס איז גיוויס דיא אורזאך וואס איך האב קיינע נאכריכט אזוי אצייט פון אים» «עס איזט זייער מעגליך» האט זיך דער קארטינא אפגירופין «דען עס שטייט אין צייטונג דאס עס זיינען זייער פיל געטייטעט גיווארין, און זייער פיל פערוואונדעט, און וויא עס כהלט אויס וועט זיך שוין

דער

דער קריג ענדען , א פיל גלייכער וואלט געוועזן , ווען דער אליספיא וואלט אנגעווענדעט זיין מוטה פאר דיא קיניגין אלס פאר דעם דאן קארלאס וואס האט גאר ניט אויסגעפירט" :

„געוויס וואלט עס פיל גלייכער גיוועזן", האט זיא זיך אפגירופין אונ האט זיך דער ביא זייער שטארק פון איינאנדער געוויינט, „דאך בערוהיגע דיך מיין קינד" האט זיך אפגירופין דער פאטער , „מיר מוזין גלויבין וואס גאט טוט מיט אונז איזט עס אליץ צום גוטען" ,קוים האט עס דער פאטער אויס גישפראכען האט זיך אויף גיעפענט דיא טיר זייער האסטיג אונ עס איזט אריין גילאפין אין שטוב איין בויער מיידכען מיט פון איינאנדער גילאזענע האר אונ בארוועס אונ האט געזוכט איין ארט וואו צו בעהאלטען זיך , „וואס איז מיט דיר לוציטא !" האט זיך דיא דאלארעס אפגירופין צו איר. „א האט ערבארעמען מיט מיר !" האט זיא זיך אפגירופין „אונ בעהאלטעט מיך וואס צום גיכסטען ! „אונ פון וועמען לויפסט דוא ?" האט איר דיא דאלארעס גיפרעגט , „איך וויל מיך בעהאלטין" האט זיא אפגיענטפערט פאר דעם ענדעמא וואס יאגט זיך נאך נאך מיך אונ וויל מיך בינדען , ער זאגט דאס איך האב גישטוילין ביא אים איינם גאלדענעם אברוץ (ציימעל) וואס האט געצירט דאס הויפט פון זיינעם רייט פערד , איך שווער דיר ביא גאט דאס איך וויים ניט פון וואס צוא זאגין , אונ ער וועט דא געוויס באלד אריין אהער , א איך בין פערלארען :

„שרעק דיך ניט לוציטא !" האט זיך דיא דאלארעס אפגירופין , אונ צו גלייך אויך איר פאטער „דוא ביזט ביא אונז געזיכערט , מיר נעהמען דיך אונטער אונזער אפיעקע" אונ האבין איר באלד דארויף אריין גיפירט דורך אהינטער טירעל אין גארטין אונ האבין איר בעהאלטען דארט אונטער קוסטען פון פרעצקעס , קוים האט דער קארטינא אריין גיטראטען אין שטוב צוריק (דיא דאלארעס איז נאך דארט ביא דער לוציטא פארבליבין) איזט אריין אויך דער ענדעמא צירנענד (זייענד אין צארען) וויא איין טיגער אונ האט ביא דעם אלטען גיפרעגט וואו איזט דא דיא לוציטא ? איך האב גיזעהען דאס זיא איז אהער אריין גילאפין" „עס קען זיין" האט זיך דער קארטינא אפגירופין „דאך וויל איך וויסין צוא וואס ברויכט איר איר ?" , „זיא האט איין אברוץ אנאלדענעם ביא מיר גישטוילען" האט ער זיך אפגירופין מיט גרויס צארין , „איך וויל איר בינדין" . „זיא איזט קיינע דיבין (גנבטע)" האט זיך דער קארטינא אפגירופין „זיא איזט איין גאנץ ערליך קינד , זיא איז איינע איינגייערן ביא מיר אין שטוב אונ האב גענוג פראבין פון אירע ערליכקייט , אלזוי מיין העד בעליידיגט איר ניט אומזיסט". אין דעם איז אויף דיזעם לארעם אריין אויך דיא דאלארעס אונ האט זיך אריין גישטעלט צווישין זייא ביידען אונ האט גיזאגט צו דעם ענדעמא „ליבער הער ! דיא לוציטא איזט אזוי ערליך וויא איך , אונ וועל אויף קיין פאל איר לאזין דא בינדען" , „א מיין קינד מישע דיך ניט אין דעם אונ האלט מויל" האט זיך דער פאטער צו איר אפגערופען

איך

„איך האב פולען רעכט אנצוגעמען מיך פאר איר" האט אים דיא דאלארעס געענטפערט „דען איך קען דיזען הערען פיל בעססער אלס דוא, איך ווייס דאס ער איזט איין מיידכען יעגער נור, דאס שולד פון דיזער לוציטא איז נור דאס זיא איז אשיינעס מיידכען אונ דער צו איין גאנץ ערליבעס קינד, איך ווייס עס פון מיר זעלבסט דען איך האב אויך גינוג ליידען פון אים, שוין מעהר אלס איין מאל דאס ער האט מיך גיוואלט פערפיהרען נויטציכטיגען (מאנס זיין) אזוי גאר, איך האב אים גיוויזען דיא טיר אונ ער האט אפגיצויגען פון מיר מיט איינער לאנגע נאזע (מיט בּיוש), דאהער גלויבע איך דאס דיא גאנצע זאכע איזט אליגין, מען האט גאר ניט געשטוילין איין גאלדענעס אברוץ" :

דער ענדעמא איז גיווארין בלייך פון גרוים צארין, זיינע ליפען האבין אנגעהייבין צו ציטערען אונ זיינע ביידע הענט האבין זיך צוזאמען געצויגין אין פויסטען (קולאקעס) „א דוא פערפלוכטע וועטער מויל" האט ער זיך אפגירופין „א דוא פארשאלטענע ליגנערין, גיב מיר ארוים דיא דיבין (גנבטע) ווען ניט וועל איך דיך מיט דיינעס אלטען פאטער בינדען, דען איך בין דער הער פון דיזעם גוט" :

„איך בעטע אייך ליבער הער !" האט זיך אפגירופין דער קארטינא מעסיגט אייך אונ פערלאזט מיין הויז, אונ בעט אייך דאס איר זאלט איר מעהר ניט בעטרעטען, דען מיין טאכטער איזט קיין פריידען מיידכען, זיא איזט איין ערליבעס קינד אונ דאס גלייבען דיא לוציטא, זיא האט גיווים אייער אברוץ ניט געשטוילין, עס איז איינע ליגע נור אונ ווייטער ניט" .

דער ענדעמא איז גיווארין דורך דיזע ווערטער אזוי ווייט אויפגיבראכט דאס ער האט מיט זיינעם רייט בייץ וואס ער האט גיהאלטען אימער אין זיינער האנד גיטאן אשמאר דעם אלטען איבער דאס געזיכט דאס ער האט גיטאן אגרויסין גישרייא אונ האט מיט ביידע הענד פערמאכט דאס געזיכט, אונ דער ווילע האט דער ענדעמא אנגיהייבין צו זוכען אין אלע ווינקעליך דיא לוציטא, אונ דיא דאלארעס האט זיך ארוים גיהאפט פון שטוב מיט אגרויסען לארעם דאס דער ענדעמא שלאגט איהרעס פאטער, עס זיינען צו זאמען גילאפין פילע ארבייטער, פילע פרויען, אום צו רעטירען דעם קארטינא פון דעם ענדעמאס הענד, דאס ער זאל אים ניט ערמארדען וויא דעם פארינגען סטאראסטע, אונ דער ווילע האבין אלע גיהאט איינע גילעגענהייט צו דער זעהען דאס איין שטיק פון דעם גאלדענעם אברוץ הייננט ארוים בייא דעם ענדעמא פון דער טאשע זיינע, אונ ערסט דאן האט ער בעקומען איין זודינין אויפגום פון דיא דאלארעס, זיא האט אים אויסגירעכענט אלע זיינע בייזע מעשים, דאס ער איז איין טיראן, איין מערדער, איין מיידכען יעגער, איין ליגנער, אונ דער צו נאך איין בעטריגער :

נון פערשטייט זיך שוין פון זעלבסט, דאס דיזער ענדעמא האט דאן אוים גיזעהען בייא זיינע איינענע ראבאצעס, אונ בייא זייערע פרויען וויא איין

דיב

דיב (גנב) וואס איזט ערגריפין גיוואָרין בייא זיינעם איינברעכען אין מאנכעם הויז , דיזער באנדיט אבער וואר נאך גענוג אונפערשעמט צוא דראהען (שטראסען) דעם פאטער מיט דער טאכטער מיט דיזע ווערטער "ווייא איך איך וועל אייך ווייזען נאך וואס איך פערמאג" :

16.

•זואנא•

דיזער אויפטריט (שצענע) האט גימאכט איינע שלעכטע ווירקונג אויף דיא געזונטהייט פון דעם ענדעמא , דען עס האט אים העכסט גיקרייענקט דאס דיא דאלארעס האט אים אזוי ארונטער גירים'ן אין דיא אויגין פון זיינע ארבייטס לייטע, אונ דאס זייא האבין נאך גיזעהען מיט זייערע אויגין דיא געשיכטע מיט דעם אברוץ , אונ דאס מען וויים נאך דאס דער ערסטער שטאראסטע איז גישטארבין נור דורך אים , אונ דאס אלעמען האט עס גיפרייט צו זעהען אונ צו הערען , עס האט עס אים אזוי וייט געקרייענקט דאס ער איז גיוואָרין זייער קראנק אונ האט געמוזט היטען דעם צימער עטליכע וואכען , דאס הייסט ער האט ניט גיטארט ארויס גיין אויף דער וייסער וועלט , אונ דורך דעם איז גיוואָרין רוהיג אין דעם גאנצען דארף , בייא אלעם דעם וואָרען אלע בעזארגט דאס ער זאל בעהיטע גאט ניט ווידער געזונט ווערין , דען יעדערער האט זיך גירעכט דאס באם ער וועט ווערין גיזונט וועט ער זיך אפרעכענען מיט יעדערען , אונ דאהער האבין דיא אלע ראבאצעס גימאכט צווישין זיך יד אחד באם ער וועט זיך מיט זייא בעגיין וויא זייא פירכטען וועלין זייא מיט אים אויך אנדערס זיך בעגיין , עס מעג זייא קאסטען גוט אונ לעבין , אונ דער ווילע האבין זייא גיטאן זייער ארבייט זייער פלייסיג אונ האבין זייער ווילינ געהארכט דעם קארטינא זייער סטאראסטע וואס זייא האבין אים געליבט וויא זייער לעבין , אונ האבין אים פערשפראכען צו פארהיטין אים פון דעם ענדעמא מיט זייער גוט אונ בלוט אונ דער אלטער קארטינא וויא עס איז לייכט צו פערשטיין , האט זיך אויך ניט שטארק גיקלעמט וואס דער ענדעמא קריינקעלט , אונ האט בייא זיך אים שטילין געדיינקט באם דער ענדעמא וועט נאך לייגער לעבין אונ זיין דא איין פערוואלטער וועט ער זיך שוין אום זעהען צוא בעקומען איינע אנדערע שטעלע , אונ האט גילעבט דער ווילע רוהיג אונ פרידליך :

אין אפאר וואכין נאך דיזעם אויפטריט , האט דער קארטינע געשיקט זיינע טאכטער צו מאכען איין קליינעם איינקויף פאר זיין הויז בעדירפנים אין דער קליין שטעטעל וואס איזט אקליין מיילכעל פון דיזעם דארף , דער וועג וואר איר בעקאנט אונ אויך זיכער , זיא איזט זיך אוועק אהין צו פוס , האט

אלין

אלין איינגיקויפט אונ האט גימאכט דיא ריק רייזע אלס עס האט שוין אנגיהייבין צו ווערין אווענד, קוים איז זיא אבער איין גיגאנגען העלפט וועג גייענדיג דורך אגעדיכטען וואלד, האט זיא דער הערט איינעם דער שטיקטען שרייען פון וואלד, נון האט זיך איר גיוואלט אריין גיין אין וואלד אונ זעהען ווער איז דארט אונ העלפען ווען מיגליך איזט, זיא האט אבער געפירכטעט פיללייכט גישעהעט דארט אמארד, אונ האט זיך אנגיהייבין צו שרעקען, באלד דארויף אבער האט זיא דער הערט איינע וויינענדע שטימע פון אקינדפעט קינד, אונ דיזעס האט אויפגערעגט אין איר אגרוישעס מיטליידען דאס ניט ווילענדיג איז זיא אריין עטליכע טריט אין וואלד אונ האט דער וויסט ליגענדיג אין גראז איין אקארסט גיבארענעם קינד, זיא האט אים אויפגעהויבין מיט גרויס ערבארעמען האט אים איינגיוויקילט אין איר פאצייילע וואס זיא האט גיטראגין אויף איהרע סולטערען (אקסלען), אונ דאן האט זיא דער הערט ווידער דעם פארינין פערשטיקטין עכצען אונ קרעכצען, זיא איז אונטער גיגאנגען נאך עטליכע טריט אונ האט דער זעהען צו איהרעם גרויסין וואונדער איין בלייכעס מיידכען ליגט אויף דער ערד אין טיפען גראז איינגידעקט מיט אמאנטעל פון איין פריכטער:

"א ערבארעמט אייך איבער מיין קינד" האט זיך דיא אונבעקאנטע צו איר אפגירופין "אונ מיך אליין לאזט איבער צו מיינעם גשיק (שיקזאל, מזל), איך הייס זואנא, איך שטערבע, אונ דער טויט איז מיר ליבער אלס מיין ביזהעריגעס אונגליקליכעס לעבין". "איך ווערדע מיך איבער דיין קינד ערבארעמען" האט זיך דיא דאלארעס אפגירופין, ער איזט שוין אין מיינע ארעמעס, נון וויל איך וויסין ווער דוא ביזט אונ פון וואנען קומסט דוא אהער", א מיין טייערעס מיידכען!" האט זיך דיא זואנא אפגירופין "פערלאנג עס ניט צו וויסין, איך בין אפאריאגטע, אפארפלוכטע, איינע פערלאסענע פון גאט אונ פון לייטען. "זאג עס ניט!" האט זיך דיא דאלארעס אפגירופין צוא איר "איך וועל דיך מיט דיין קינד אריין נעמען אין אונזער וואוינונג, זיא איזט צוואר קליין דאך האט זיא אין זיך גענוג רוים (פלאץ) אום אייך ביידען אויף צו נעהמען אונ עס וועט אייך ביידען גאר ניכטס פעהלין, זיא איז ניט וויט פון דאנען, שטייא אויף אונ שפארע דיך אן אן מיינעם ארעם, שטארק דיך וויא נור מעגליך, דוא ווערסט ביא אונז פערבלייבין ביז דוא ווערסט ווערין געזונד, אונ דאן אויך וועלין מיר דיך ניט פערלאזין, איך וואלטע אזוי גאר אונטער גישיקט אהער צו דיר אפור אום אפ צו פירין דיך צו אונז, נור איך קען עס ניט טאן ווייל עס דארף דער פון ניט וויסין אונזער פערוואלטער (פראוולאיעסצע) וואס איז איין שלעכטער מענטש:

דיא זואנא האט זיך גילאזט פון איר בערעדען, האט זיך מיט גרויס מיהע אויף גיהייבין פון דער ערד, האט זיך אן גישפארט אן דיא דאלארעס ארעם, אונ האט איהרע העטערין גיפרעגט וויא זיא הייסט, "איך הייס דאלארעס" האט

זיא איר געענטפערט „אונ וועל איך אפפירן אין מיין פאטערס וואוינונג, ער הייסט קארטינא, ער איז דער סטאראסטע פון מעדינא איין זיילען גוטער מענטש, אונ דוא וועסט זיין איין גוטער גאסט ביא אים." „אונ ווארום זאלט איר הייסען דאלארעס?" האט זיך דיא זואנא אפגירופין צו איר[1] „איר זייט דאך איין גליקס קינד, איר לעבט דאך צו זאמען מיט אייער גוטען פאטער אן קומער אונ אן זארגין, דוא ביזט נאך ניט ענטעהרט (בעליידיגט) אונ איך האב אלזוי זייער פיל צו בעניידען דיך, א מיינע טייערע פריינדין, האלט דיך וייט פון דיא מענער, טרויע ניט זייערע שווירע (שבועות), זייא זיינען פאלש אונ טריגעריש וויא דאס מעער:

„אונ ווער וואר דיין פערפיהרער?" האט איר דיא דאלארעס גיפרעגט „דוא וועסט עס באלד וויסין, איצונד אבער פעלט מיר קרעפטען אום עס צו דער ציילין דיר." דיא קורצע רייזע האט גידויערט מער אלס אפאר שטונדען, דען דיא זואנא איזט גיגאנגען זייער לאנגזאם (פאמעלעך), אונ זיינען גיקומען קיין מעדינא אשטיק אין דער נאכט, דער פאטער וואר דער פון העכסט אונרוהיג, אונ האט איר דער ווארט אין טיר אונ האט זיך ניט גיקענט גינוג אפוואונדערען אלס ער האט דער זעהען זיינע טאכטער שלעפט מיט זיך נאך איינע אונ טראגט דער צו נאך איין קינד אויף איר האנד, אונ ביא אלעם דעם האט ער דיא פרעמדע אויפגינומען ניט וויניגער פריינדליך אלס זיינע טאכטער, אונ אום דאס מען זאל ניט וויסין דאס עס האלט זיך אויף ביא אים איינע פרעמדע האט ער איר אפ גיגעבין איין דאך שטיבכע (אסאלקע) אקליינע וואס וואר אויף דעם בוידעם אונטערען דאך וואס קיינער קומט ניט אהין, דיא טאכטער האט דער ציילט דעם פאטער וואס דאס מעהר איז מיט דיזעם מיידכען, אונ ער האט גיהאט גרויס מיט לייד מיט איר[2] אונ זייא ביידע האבין צו גיזעהען דיא מוטער מיט דעם קינדע וויא וייט עס וואר זייא מעגליך, דאך וואר דיזעס אלעס גישעהען אונטער דעם שטריינגסטען זיגעל דער געהיימנים, דען עס וואר זייער שטריינג פערבאטען אויף צו נעהמען איינעם פרעמדען אין דיזען דארף, אונ אזוי האט זיא פארלעבט אין שטילין דיא זואנא דארט גאנצע צעהען טעג אין וועלכע זיא איזט גאנץ אונ גאר צו זיך גיקומען, אונ דאן אין איינער שטילע נאכט אלס זיא וואר מיט דער דאלארעס אליין (דאס הייסט אן דעם פאטער) האט זיך זואנא אפגירופין צו איר „מיינע ליבע דאלארעס"

דוא

---

1) דאס ווארט דאלארעס בעדייטעט אויף שפאניש קומער, טרויער, אונ אונגליק.

2) צו אונזער שאנדע גייט ביא אונז אידען אנדערש צו ווען איין מיידכען שוואנגער איזט זיא מיט איר קינד זייען אין דר גרעסטען געפאהר, דאס איזט איינע זינדע וואס איזט הימעלס שרייען, דען על פי דין תורה קומט זייא ביידען גאר נישט דער פאר. אונ זעלבסט אממזר איז אמענטש וויא אלע, וויא מיר וועלין דער פון נאך וייטער שפרעכען:

דוא האסט דאך מיר אזוי פיל גוטעס גיטאן , אונ נאך בין איך דיר איין געהיימניס , דוא ווייסט דאך ניט ווער איך בין אונ וואס עס איזט מיט מיר גישעהען , אונ איך האב עס דיר דאך פערשפראכען עס צו דער ציילין , אונ האב עס נאך ניט גיטאן , נון וויל איך דיר דיזע שולד איצונד בעצאלין , איך וועל דיר דער ציידהלען מיין לעבענס גישיכטע , זייא מיר נור געניגט עס אויס צו העהרין„. „אונ איך וויל עס גערין העהרין„ האט איר דאלארעס גיענטפערט , אונ האט אוועקגילייגט איהרע האנד ארבייט :

„מיינע עלטערן האבין גיוואוינט אין אלקאלע„ האט דיא זואנא אנגיהייבין „מיין פאטער וואר דארט ניט דער לעצטער (פאסלעדנע) נור דער ערסטער , דען ער וואר דארט גובערנאטאר , מיינע מוטער דאס גלייכען וואר איינע גרויסע דאמע , איך וואר בייא זייא נור איין איינציגעס קינד , אונ זייא האבין מיך גיליבט איבער אלע מאסען (אן אשיעור) אונ איך בין עס ווירקליך ווערט גיוועזן, דען איך וואר איין זייער שיינעס אונ קלוגעס קינד , אונ האב בייא זייא גינאסען איינע גוטע ערציהונג , אונ אלס איך וואר שוין איין רעכט אויסגיוואקסענעס מיידכען פון איאר זיבענצען, האט זיך אנגיהייבין צו ליבין אין מיר איין יונגער רייכער אפיציר , אונ מיינע עלטערין האבין מיך צו גירעט צו דיזער פארטי אונ איך האב אויך ניט גיהאט וואס איין צווועגדען דער בייא , צום אונגליק אבער האבין דאן דיא קארלאניסטען איינגידרונגען אין אלקאלע אונ האבין פאר דרייגנט פון דארט דיא קיניגליכע מיליטער (חיל) אונ מיין פאטער האט גימוזט ניט ווילענדיג אריין נעמען צו זיך אויף קוואטיר איין קארלאניסטעשען אבערסטען (פולקאווניק) וואס הייסט פיליפפא בואנאוויטע וואס איזט אליין איין איטאליענער , אונ וואס האט זיך גימאכט איינעם גרויסין נאמען אין אלע זיינע שטרייטונגען מיט דיא קיניגליכען , ער איז איין גישטאנען בייא אונז מעהר אלס איין מאנאט, אונ האב גיהאט אין דיזער קורצע צייט דאס אונגליק צו גיפעלין זיך איינער דעם אנדערען אונ צו גלייך צו פערליבין זיך , דיא ערסטע זינדע מיינע וואר דאס איך האב פון דיזע ליבע גימאכט איין געהיימניס פאר מיינע עלטערען , ווייל איך האב מיך געפירכטעט דאס זייא וועלען עס שטערען ווייל דער פיליפפא איזט איין קארלאניסט , איין פיינד פון דער קיניגין , אונ ווי עס גישעהעט אום אונד אום דאס איינע פערבאטענע ליבע איזט פיל פייערינער אלס איינע ערלויבטע ליבע, אזוי וואר דער פאל בייא מיר אויך , איך וואר פון דעם פיליפפא וויא בעצויבערט אונ בין אים גיווארין ערגעבין מיט לייב אונ זייל , אונ האב זיך אלזוי גילאזט פון אים בערידען דאס איך זאל מיט אים אנטלויפין פון מיינע עלטערען , אונ האב אים קרעדיטירט מיינע אונשולד , דען איך האב גיגלויבט זיינע שווירע (שבועות) דאס ער וועט מיך הייראטהען , מיינע עלטערען זיינען אזוי נאר מיט איינינע טעג פריהער פאר מיין אנטלויפין גיוואר גיווארין פון דיזער אונגליקליכע ליבע , אונ האבין מיך צו ריידע גישטעלט (גישטראפט) הארבער , עס וואר שוין אבער צו שפעט , דען איך וואר

שוין פארליבט איבער דיא אויערין , אונ עס וואר מיר שוין אונמעגליך זיך צו שיידען פון דיזען פיליפא , איך בין מיט אים אוועק , אונ דער פלוך פון מיינע עלטערען האט מיך נאך גיאגט אויף יעדער טריט :

איך וואר מיט אים אקליינע צייט אין זיין נייעם קוואטיר , דאס הייסט אין לאגער , אונ בין אים גיפאלין שוין צו לאסט , אונ האט מיר פארגישלאגין דאס איך זאל מיך אומקערען צוריק צו מיינע עלטערען , איך זאל מיךווארפען זייא צו דיא פיס אונ בעטען אום פערצייהונג, דיזע ווערטער ווארען מיר פיילין אין מיינעם הערצען , איך האב פערבראכען מיינע הענד, האב אויסגיבראכען אין איינעם שרעקליכען וויינען , אונ האב אים פארגישטעלט זיין גרויסעס אומרעכט נעגען מיך , האב אים גערופין פערפיהרער , בעטריגער , מערדער , אונ באלד דארויף גיקוסט אונ גיהאלדזט אים דאס ער זאל זיך איבר מיך ערבארמען , אלע דיזעס אבר האבין ניט גערירט דיזען הארטען מאן „איך קען דיך איצונד בייא מיר ניט האלטען דא אין לאגער“ האט ער מיר גיענטפערט“ , אונ דאס ניט איצונד איז דיא צייט צו דייגקען פון איינער פערמעהלונג (חתונה צו האבין) :

אונ דיזע ווערטער האט ער אויך אויס גישפראכען זייער קאלט , דאס עס וואר מיר זייער לייכט צו פערשטיין דאס דער לעצטער פונק פון ליבע איזט בייא אים שוין אויס גילאסין, אונ פיללייכט האט ער מיך קיין מאל געליבט, עס וואר נור איינע הוילע ליידענשאפט (תאוה) צו מיר אונ ווייטער ניכט . קוים האט ער איר גישטילט אונ בעפרידיגט בין איך אים צו לאסט גיפאלען , איך האב שוין ניט גיוואלט הערען זיינע איבעריגע פאלשע רייד אונ בין אנטלאפען פון אים אונ האב אומגעאירט אין וויסטע וועלדער אונ פעלדער , אונ מיינע ליבע צו אים האט זיך פערוואנדעלט אין דעם גרעסטען האס צוואים אונ האב מיך בעשלאסין נוקם צו זיין אן אים וויא ווייט מעגליך איזט , אונ האב איםווירקליך פערלייטעט (פארפירט) איינינע מאל אין גרויסע געפאהרען (וויא דיא לעזערין איז שוין פון פריהער בעקאנט) , איך האב מיך אומגעטריבין אלאנגע צייט איבער גאטעס וועלט , אונ האב מיך ניצערט פון מיינע טייערע רינגען וואס איך האב גיהאט אויף מיינע הענד אונ האב מיט זיך נאך אומגעשלעפט איין שווערען אונ טרויעריגען אנדענקען פון מיינער אונגליקליכע אונ פערבאטענע ליבע , דען איך בין גיבליבין שוואנגער פון אים ביז איך בין ניבליבין ליגען אויף דעם ארט וואו דוא האסט מיך דער וואוסט אין וואלד , אונ בין אלזוי צו ענדע מיט מיינער געשיכטע“ :

„אונ בייא אלעם דעם“ האט זיך אפגירופין דיא דאלארעס „קערע דיך אום צו דיינע עלטערען“ , „וואו זיינען שוין מיינע עלטערען“ האט זיך דיא זואנא אפגירופין „מיינע מוטער איז פון קרייגקונג גישטארבין, אונ מיין פאטער איז אויסגיוואנדערט אויס שאנדע קיין קובא (וואס ליגט אין אמעריקא) , איך בין אליין אונ עלענד אין דר וועלט, וואס זאל איצונד פון מיר ווערען וייס איך ניט ?“ :

נון

נון מיינע טייערע לעזערין איזט דיר שוין זייער לייכט צו פארשטיין וואס פאר אטרויעריגע ווירקונג עס האט דיזע ערציילונג גימאכט אויף דעם געמיטה פון דער דאלארעס וואס וואר אויך אין אזויא אקלעמע באלד וויא דיא זואנא , דען זיא האט זיך אויך גינוג גיאפפערט פאר איר גיליבטין , אונ ווייס גאר ניט וואס עס איז מיט אים דאס מעהר , אונ פילייכט איז זיינער אבריף אריין גיפאלין אין דעם ענדרעמאס האנד :

דער ווילע איז דער ענדרעמא גיוואורין גיזונט , אונ האט זיך גימאכט גלייך וויא ער האט זיך פערגעסען אן אלעס וואס וואר ביז אהער גישעהען אונ האט פארוואלטעט (אופראוולאעט) איבער דיא ראבאצעס מיט דיא זעלביגע שטרייננגהייט וויא פריהער אונ איז זיך בעגאנגען מיט דעם קארטינא אזוי קאלט אונ ערענסט (סוריאזנע) וויא פאר דער קראנקהייט זיינע , צוואר האט ער גיוואלט גינוג בייז טאן אים , עס וואר עס אים אבער גאנץ אונמעגליך · ערסטענס וויל דער הערצאג האט אין דער צייט פון זיינער קראנקהייט גיהאט גינוג גילעגענהייט איין צו זעהען וויא דער קארטינא איז איין העכסט טרייער דינער , אונ פערשטייט זיין זאך זייער גוט אונ איזט נאך דער צו זייער בעליבט פון דיא ראבאצעס אונ פון דיא אלע דארפסלייט , צווייטענס האט ער גיזעהען וויא דער הערצאג איז זייער גינייגט דער דאלארעס , דאס אלס ער האט איר דער הערט איין מאל זינגענדיג אונ שפילענדיג אויף איר גיטארע,האט ער איר גיבעטין דאס זיא זאל שפילין אונ זינגען בייא אים אין שלאס אויף דעם באל וואס ער וועט מאכען אום געזאמט , בייא אלעם דעם האט ער נאך געדיינקט אלין נאך אזוי אמיטעל דאס ער זאל לוי״ ווערען פון דעם פאטער אונ דער האלטען נור דיא טאכטער אליין דא אין דארף , אונ צו גלייך צו פערניכטען (צו ניסט צו מאכען) דיא האפענונג פון דעם יונגען הערצאג אונ דיא אויסזיכטען זיינע וואס ער האט אויף דיא דאלארעס אום דאס ער נור (ענדרעמא) זאל ער איר אליין בעזיצען , דיזער פלאן זיינער וואר זייער קלוג אונ שפיציג אויס גידיינקט וויא מיר וועלען דא אין דיא ווייטערדיקע קאפיטלעך בעשרייבין :

דיזע רוהיגקייט אונ שטילקייט פון דעם ענדרעמא אבער האט בעאונרוהיגט דעם אלטען פאטער מיט דער טאכטער פיהל מעהר אלס ביזהעריגע שטעכווערטער זיינע געגען זייא , אונ ווארען זייער אויף דער הוט (אסטראזנע) , מעהר פאר אלין האבין זייא זיך גיפירכטעט דאס ער זאל ניט גיוואר ווערען פון דער זואנא דאס זיא האלט זיך אויף בייא זייא אין זיין הויז , דאס אליין קען שוין געבין אים גענוג אורזאך אום צו מאכען זייא אונגליקליך , אונ דאהער אלס דיא זואנא האט נור אנגימערקט דאס זייא זיינען וועגין דעם זייער בעזארגט , אונ האלטען עס דאך איין געהיימניס פאר איר ווייל עס טוט זייא זייער לייד אם צו שאפען איר פון זייא , איז זיא דאהער אוועק פון זייא אן זייער וויסין איז זיך איין מאל אויף גישטאנען פאר טאג , האט אן גיקוקסט דאס קינד האט אים בענעצט מיט איהרע טרערען , האט גילאזין אצעטעלע אין וועלכעם זיא

האט

האט זיך בעדאנקט ביי זייא פאר דיא גענאדען וואס זייא האבין גיטאן מיט איר אונ האט זייא גיבעטען הערצליך פאר דאס קינד אונ איז זיך אין שטילין (ניט נעהמענדיג אב שייד פון זייא) אוועק אין גאטעס ווייטע וועלט :

דאס וויינען פון דעם קינד וואס עס איז שוין ניט גיוועזן ווער עס זאל שטילען , האט פריצייטיג אויף גיוועקט דעם פאטער מיט דער טאכטער , אונ עס וואר זייא צום מוטה פיל שלימער וויא עס וואר זייא אין דער נאכט וואס זייא האבין פערלאזען דעם שלאס פון דער קיניגין אלס זייא האבין זיך איבער צייגט (זיך קלאר דער וויסט) דאס דיא מוטער איז אוועק פון זייא , זייא האבין אין שטילען גיוויינט , אונ האבין זיך גיטרייסט אונ גיקילט זייער געוויסין מיט דעם וואס זייא האבין זיך בעשלאסין צו צוערציהען דאס קינד מיט דער גרעסטער צערטליכקייט , אונ דער צו אין דער גרעסטע געהיימניס ניט וויסענדיק וואס פאר איין אומגליק עס שטייט זייא פאר דער פון , אונ האבין אלזוי ווירקליך ערפילט דיזע הייליגע מענטשליכע פליכט (שולדיקייט) וויא דיא צערטליכסטע עלטערען אין דער וועלט, זיי האבין אים ערצויגין אויבין אין דער סיילקע , אונ האבין גיפירט צו ליב דעם פון איצונד אן איין שטילעס אב גישיידענעס לעבין , דען זייא האבין שוין קיינע גיזעלשאפט ניט אנגינומען צו זיך אין שטוב , אונ האבין געפירט איין איינזאמעס לעבין , דען זייא האבין געפירכטעט אלץ דאס דער ענדעמא זאל ניט וויסין דאס זייא האבין איין פרעמדעס קינד ביי זיך אין שטוב :

דאך דיזע אלע בעהוטזאמקייט (אסטראזנאסט) האט זייא גאנץ ווייניג גיהאלפין געגען איינעם גיפעהרליכען נאכלויערער וויא עס וואר דיזער ענדעמא וואס האט אויף גיפאסט דעם פאטער אום צו געפינען נור איינע רעכטע אורזאך אום אומגליקליך צו מאכען אים , אונ דיא טאכטער אום צו געפינען איינע גוטע גילעגענהייט אום צו שטילען מיט איר זיינע פיהעשע (גראבע) לוסט וואס ער האט צו איר , אונ פלעגט דאהער אין דיא שטילע נעבט זיך ארום דרייען פערשטוילענערהייט (פערגנבעטערהייט) ארום דיא שטילע וואוינונג פון דעם קארטינא וויא איין רייסענדער וואלף אום איינעם שאפס שטאל , פיליכט וועט זיך מאכען איינע גוטע גילעגענהייט צו איינער פון זיינער בייזין אויסזיכטין אונ פיליכט נאך מעהר , אונ וויא דער אלטער שפריכווארט זאגט וואס מען זוכט גיפינט מען , אזוי וואר דער פאל דא אויך , דען ער האט דער הערט אמאל ארום איינם דעם זייגער ביי נאכט ביי זיינעם אומדרייען זיך ארום דעם קארטינעס וואוינונג דאס אקינד וויינט אין שטוב , אונ אלס ער האט זיך איין גיקוקט דורך דעם פענסטער , האט ער דער זעהען פאר דעם שיין פון איינער טונקעלין לאמפע וואס האט גיברענט אין שטוב דאס דיא דאלארעס צערטעלטע (נאנצעט) עס אין איהרע ארעמס , אונ האט שוין ביי זיך גידיינקט דאס פארגיוויס איזט עס איר איינענעם קינד , אונ עס האט זיך אויף גיקאכט אין אים דאס בלוט וויא אין אקעסעל אונ האט גיזאגט צו זיך זעלבסט מיט ציין

קריצין

קריצין „אזוי האלט עס מיט דיר דאלארעס ? , אזוי ווייט קענסט דוא דיך פארשטעלין אום שפילען איינע פרומע ראלע , א ווען אזוי ? דאס דוא האסט דיך שוין איינעם אנדערין ערגעבין (אונ פארגעוויס דעם הערצאג פאר נאלד) , דארף איך נאך אויך האפין דיך צו בעקומען , אונ דאן ווייא דיר אונ נאך מער דיינעם אלטען פאטער פאר אייער פעראכטען מיך אונ פאר אייער אויפטרעטין געגין מיך מיט אזוי אשיין היילגין שטאלץ :

17.

„דער באל אין דעם שלאס מעדינא“

דער ווילע זיינען גרויסע פאר ענדערונגען געשעהען אין דעם קיניגליכין הויף פון מאדריד , דער יענעראל נארוואעץ איז געווארין דורך דעם ווילין פון דער מוטער קיניגין מאריא כריסטינא שטאדטס מיניסטער אן שטאדט דעם מיניסטער עספארטערא , אונ דיא יונגע קיניגין איזאבעלע האט זיך פערמעלט (חתונה גיהאט) ווידער ווילען מיט דעם נעאפאליטאנישען קרוין פרינץ פראנציסקא דע אסיס נור אוים הויכער פאליטיק , אונ געבליבין דאהער ביי איר אלטער ליבע צו דעם סערראנא :

אויך האבין אין דיזער צייט דיא קארלאניסטען זייער שטארק גיליטין אין זייערע שלאכטען מיט דעם קיניגליכין ארמייען , אונ עס איז אזוי ווייט גיקומען , דאס דער דאן קארלאס האט גישיקט זיינע דרייא געזאנדטע אין דעם מאדרידער הויף אום אונטער צו האנדלען (ריידען) פון איינעם פרידען וואס דיא קיניגין האט עס אויך שוין פון לאנג גיוואונצען , אונ דאהער זיינען דיזע דרייא דיפלאמאטען (פאליטעשע אונטער הענדלער) זייער פריינדליך אונ העפליך אויף גינומען פון דעם שפאנישען הויף , דיזע דרייא דיפלאמאטען וואהרען נור אונזערע דרייא בעקאנטע העלדען אלימפיא אנואדא , פיליפא בינאוויטא , אונ דער מארקיז דעמאנטאלאן . זייא זיינען אויפגינומען פריינדליך זעלבסט פון דעם נארוואעץ וואס וואר פון זייא פערוואונדעט דארט אין דעם קלויסטער סאנטעקרוץ , ווייל איין העלד וויים צו שעצען דעם אנדערין העלד , אונ דער אלימפיא וואר אויך איין גוטער גאסט ביי דער עווגעניא וואס ער האט זיך וויא מיר ווייסין אין איר גיליבט , אונ דאס גלייכין זיא אין אים אויך :

עס וואר נאך דאן ניט צו ענדע דארט אין דעם מאדרידער הויף . דיא פריידען אונ דיא לוסטבארקייט פון דער איזאבעלעס הויכצייט , עס וואר נאך דארט בעלע איבער בעלע , איינלאדונגען איבער איינלאדונגען , דען יעדער מאדרידער מאגנאט האט גימאכט ביי זיך אבאל צו עהרע פון דיזער קיניגליכע נייע פאר פאלק , אונ אזוי אויך האט דאן גימאכט אגרויסען באנקעט דער הערצאג פון מעדינא ביי זיך אין שלאס וואס ער האט אים צו געקליבין אונ אויסגיפוצט אין דעם העכסטען גראד , צוא דיזעם באל ווארען געלאדען דיא

איזאבעלע

איזאבעלע מיט איר מאן , דיא קיניגין מוטער מיט איר פיאנסארעסא,דען זיא האט זיך שוין מיט אים פערמעהלט (חתונה גיהאט), אונ אזוי ווארין גילאדען דיא הויפדאמען , עווגעניא מיט דיא איבעריגין אונ אזוי אויך דיא דרייא דיפלאמאטען, דיא אויפנאהמע וואר דארט קיניגליך , דיא געסטע ווארען העכסט צו פרידין , נאך דעם עסען האט זייא דער הערצאג גיפירט אויף איין שפאציר אין זיינעם גוט וואס וואר אויך דאן זייער שיין צו גיקליבין , אונ ווארין דארט בעווירטעט מיט איינעם לענדליכען מאל (מאלצייט) , אונ וויא עס האט אנגיהייבין צו דונקעלין ווארען אן גיצונדין דארט טויזענדע לאטערנען , אונ ראקעטען גילאזין, אויך וואר דארטין פריער געאנגעלט (פיש גיפאנגען) פון איינעם קלארין באך , מער פאר אלעס אבער האט זייא בעצויבערט דארט איינע זיסע אונ העל קלינגענדע שטימע פון איינער מיידכען וואס האט זיך זעלבסט בעגלייטעט אונטער גיהאלטען מיט איינער מאנדאלינע (גיטארע) , דיזע שטימע האט זיך גילאזט הערען פון איין ארעמעס לאנד הייזכען , אונ דיזע זינגערין וואר עס. דיא דאלארעס וואס זיא האט פעריכט איר אבענד גיבעט , זיא האט גיבעטין מיט גרויס בעגייסטערונג, מיט איינער זיילען ערגיסונג וויא איינע געבייגטע אונ אונטערדריקטע , איינע ליידענדע אונ עלענדע וואס האט זיך צו קיינעם צו ווענדען, וויא נור צום הימעל אליין , אונ איר זינגען אונ איר שפילין ווארען דאהער וויא קלייננע פון איינער בעסערין וועלט אלס אונזערע איזט , אונ דאס האט זייא אלעמען אזוי ווייט דאס הערץ ערגריפין דאס זייא אלע זיינען אויף דיא קניא ניפאלין אונ האבין דיזע אבענד גיבעט מיט ניבעטין,דען איין פרומעס פאלק זיינען דיא שפאנער פון אימער :

נון פערשטייט זיך דאס דער הערצאג איז גיווארין באלד געפרעגט פון דער קיניגין ווער דיא זינגערין איז אונ ער האט איר גיגעבין באלד דארויף בעשייד , דאס זיא איז נור איין בירגער קינד (אמעשצאנינקע) א טאכטער פון זיינעם שטאראסטע , אונ דיא קיניגין האט פערלאנגט דאס זיא זאל קומען אויף דעם שלאס , אונ זיא זאל דארט זינגען, „דען נאך האב איך ניט אזוי איינע הערצגרייפענדע שטימע אין מיינעם לעבין ניהערט” האט זי צו אים גיזאגט, קוים האט עס דיא קיניגין גישפראכען , אונ דער הערצאג אליין איז אריין צו דעם קארטינגען , אין שטוב אונ האט איר גיבעטין דאס זיא זאל זיך שיין אן ציהען אונ גיין מיט אים אין שלאס , דען דיא קיניגין וויל איר הערען זינגען , וויא אויך עס וואר איר דאס ווידער ווילין , האט זיא דאך גימוזט מיט גיין אונ זינגען דארט , אונ האט זייער אונ זייער אויסגינומען דאס וואר גיפאצט בראווע איבער בראווע , אונ בעלויבט פון יעדען מונד , אונ דיא קיניגין זעלבסט האט איר צו גירופין צו זיך אונ האט צו איר גיזאגט „ליבעס קינד דוא האסט אגרויסין טאלאנט צום זינגען שאדע דאס דוא בילדעסט עס ניט אויס , אונ צווייטענס ביזט דוא מיר עפעס גאנץ בעקאנט,איך גלויבע

דאס

דאס איך האב דיך ערגעץ געזעהען אונ נאך מעהר אלס געזעהען אונ איך קען מיך אבער ניכט ערינערן" :

„איך בין דאלארעס" האט זיא זיך אפגירופין דיא טאכטער פון דעם קארטינא וואס וואר איין סמאטריטעל אין אייער שלאס , איך בין דארט געבארין , אונ האב דיא עהרע געהאט אייערע קיניגליכע מאיעסטעט אימער צו זעהען אונ אויך אפט צו שפרעכין" ביא דיזעם געשפרעך האט זיא שוין געהאט איינע גוטע געלעגענהייט צו דר זעהען דעם אלימפיא זיצענדיג ביי דער עווגעניא , אונ איז געפאלין אין אונמאכט , עס איז געווארין דורך דעם אגרויסע ראזנאוואר (מישעניגע) אין דעם גאנצען זאל אונ דער ערסטער וואס איז צו געלאפין איר מינטערין וואר דער אלימפיא , דיא עווגעניא אבער האט אים אפגירופין , אונ איין בעדינטער פון דעם הערצאג האט איר ארויס געטראגין פון זאל אונ נאך אים איז געגאנגען דער הויף דאקטער , אונ אלע געסטע זיינען געווארין דער פון זייער פערשטימט (טרויעריג) :

דעם הערצאג האט עם זייער געקריינקט דאס דורך דיא דאלארעס איזט אים געווארין געשטערט דיא פריידען פון באל אונ האט דאריבער זיך בעשפראכין מיט זיינעם פערוואלטער ענדעמא פילייכט ווייס ער דיא אורזאך פון דער דאלארעס אונמאכט (אין חלשות פאלין) גראדע ביא איהרעם שפרעכען מיט דער קיניגין וואס זיא איז שוין געוואונט דער צו פון איר קינדהייט אן , „דען זיא האט זיך דארט ביי איר אין הויף ערצויגין , אונ האט איר אלזוי פערדעכטיגט (חושד געוועזן) דאס זיא האט עס נור פינגירט (דאס הייסט זיך נור אזוי געמאכט) אויס איינער געוויסין אבזיכט „א אונ מיר איזט איין וואונדער אזוי גאר" האט אים דער ענדעמא געענטפערט „דאס איר פרעגט מיך גאר דאריבער , צו איר ווייסט דען ניט דאס זיא איזט נאך איינע געוועזענע (קינפעטארין) אונ איזט אלזוי נאך גאנץ שוואך" , „אזוי ?" האט זיך דער הערצאג אפגירופין „מיט איינער גרויסען פערוואונדערונג „זיא וואס זיא האט מיר געשיינט צו זיין דיא אונשולדיגסטע אין דער וועלט זאל זיך אזוי שענדליך בעגיין אין מיינעם דארף ? נון העטע איך וועלין ויסין ווער איזט עס דער גליקליכער וואס זיא האט זיך אים ערגעבין — ' אונ ווארום וואר עס מיר איין געהיימניס ביז אהער" „א גינוג ליבער הער מיט דיזער פערשטעלונג" האט אים דער ענדעמא געענטפערט מיט איינעם גרימיגען לאכען „עס איז אויף אייך צוא זאגין דעם געוועהנליכען שפריכווארט „ניט פון וועמען ניט פון וואס , נור פון דעם היגין באלעבאס" , „געוויס זייט איר דער מייסטער פון דיזעם קינד" :

דיזע אנטווארט האט העכסט פערדראסען דעם הערצאג אונ האט זיך אפגירופין צו אים „א עס איז שוין דיא העכסטע צייט אוים צו בייטען דיך אויף איינעם אנדערען , דען דוא האסט זיך שויך פערגעסען ווער עס איזט דער הער , אונ ווער איז דא דער דינער , דען זאנסט וואלסט דוא דיך ניט אונטער שטיין צו זאגין מיר אינם געזיכט אזעלכע ווארטע" , „גיין !" האט זיך

דער ענדרעמא אפגירופין "איך האב עס ניט פערגעסען וויל איך האב קיין מאל אזוי גידיינקט דאס דוא ביזט דער הער אונ איך בין דער דינער וויל איך בין אקינד פון דעם זעלביגען פאטער פון וועלכען דוא ביזט, איך האב נור איינע אנדערע מוטער איינע איינגלענדערין אבירגערס טאכטער וואס דיין פאטער האט איר פארפיהרט, אונ דיינע מוטער איזט איינע שפאנישע אינפאנטין (קנאהינע) ער האט אבער מיינע מוטער פיל העלטער גיהאט אלס דיינע אונ בין אלזוי קיין קלענערער ערבע (יורש) אלס דוא פון אלע דיזע גיטער אונ עהרען, אונ דאס דוא האסט פאר פירט דיא דאלארעם איז ביא מיר מעהר אלס געוויס, דען זאנסט וואלסט דוא דיזען אלטען טויגעניכטס (נעגאדיא) ניט אריין גינומען אין דיזען גוט, דוא האסט עס גיטאן פערגיוויס צו ליב דער טאכטער אונ עס איז דיר געלונגען (גיגליקט), נון גיהערט מיר דיא דאלארעם פון איצונד אן וויא דיר, אונ איינע ענדע אלזוי מיט דער ראלע הער אונ דינער:

18.

דער אויפשטאנד (מרידה)

נון וועלין מיר אונז אומקעהרען צו דער דאלארעם, מען האט איר גיבראכט אהיים, אונ זיא איז זיך אפגילעגין דארט אין בעט גאנצע זעקס וואכען, דען עס האט איר זייער גישמערצט צוא זעהען אויף דעם באל איר געפייערטען געליבטען וואס זיא האט פאר אים גיאפפערט לייב אונ לעבין, זיך, דעם פאטער, אונ דיא שטעלע, האלט זיך אונטער מיט דער עווגעניא אלס צווייא פערליבטע אונ איר האט ער ניט גיווירדיגט אזוי גאר צו גירירין, אדער אבליק צו טאן אויף איר מיט איינעם אפריינדליכען אויג, אונ איז באלד פערשוואונדען פון שלאס מיט אלע הויפלייטע צו גלייך:

דער פאטער איהרער וואס האט ניט גיוואוסט פון דער גאנצער גישיכטע, האט גימיינט דאס זיא איזט גיווארין קראנק נור פון גרויסער אויפרעגונג (אויפריהרונג) זינגענדיק פר אזוי אגרויסין פובליקום דאס ערסטע מאל, אונ האט גימוזט אלזוי קומענדיק אהיים נאך דער ארבייט בעשעפטיגין זיך אום דיא טאכטער אונ אום דאס קינד, אונ אלס עס וואר אים שוין שווער צו מאכען פון דעם קינדע איין גיהיימניס האט ער עס גימעלדעט דורך דעם אליוזענקע דעם הערצאג וויא דיא ווארהייט וואר דאס זיינע טאכטער האט עס גיפונען אין וואלד, דער הערצאג אבער האט גילאזט דעם קארטינען זאגין דורך דעם לעווינקען דאס דאס וועגין דעם וועט ער בעקומען פון אים איינע גיוויסע אנטווארט אלס זיינע אויסגילאסענע טאכטער וועט ווערען רעכט גיזונד, דיזע גראבע ענטווארט פון דעם הערצאג האט דעם אלטען קארטינא איינגיבויגין אין דרייען אונ האט זיך זעלבסט בעדויערט אונ בעטרויערט אין שטילען, אונ דיא

דאלארעס וואס האט זיך ניט גיוואגט ארויס צו גיין איבערען שוועל ביי טאג
אוים שאנדע, דען אלע אין דארף האבין גימיינט ווירקליך דאס קינד
איזט אירע, פלעגט זיא פערלאזין דיא שטוב אום צו בעטען אין איינער הייליגין
קאפעלע (קאפליצקע) וואס וואר אהאלבער וויארסט פון דארף, ערסט ארום
איינסין ביי נאכט, דארט פלעגט זיא אויסגיסין איר הערץ פאר גאט און פלעגט
צו קומען צוריק איינע ערקוויקטע, איינע גיהאלפענע דען איינע אנדעכטיגע
(פרומעס) גיבעט איזט איין באלזאם איין לינדערענדעס איל פאר יעדעס
וואונדעס הערץ פון איינעם גלויביגין, דיזע הייליגע נעכטליכע בעזוכע וואַרען
גישעהען אבער אן דעם פאטערס וויסין, זיא פלעגט ארויס צו גיין אלם דער
פאטער האט שוין פעסט איינגישלאפין, און האט אזוי ניט גיוואוסט פון איר
אוועק גיין און ניט פון איר קומען:

דער אלטער שפריכווארט זאגט „דער קרוג גייט אזוי לאנג צום וואסער ביז
ער צו ברעכט זיך“, און אזוי וואר דער פאל דא אויך, אין איינער שטירמישע
נאכט וואס האט גערונערט און געבליצט, איז דיא דאלארעס איבער גיפאלין
גיווארין זייענד אויף איר הייליגע וואנדערונג פון דעם געוואלטיגען ענדעמא וואס
האט איר אויפגילויערט אין דיזער נאכט, ער האט איר שוין גיהאלטען אין
זיינע אונצירכטיגע ארעמס און האט צו איר גישפראכען אונציכטיגע רייד וואס
עס פאסט ניט היר דיזעס צו שרייבין און וואר שוין אין בעגריף (בדעה) צו
פיטציכטיגען איר (מאנס זיין), נון האט זיך גימאכט צום גליק דאס עס האט
זיך אנגיהייבין צו הערין מענטשליכע שטימען, און ביי איינעם העלען בליץ
וואר צו זעהען דאס אמאן פופציג פון דיא ארבייטער און דארפסלייטע גייען
צוא זאמען בעוואפענט, אונטער דיא אנפיהרונג פון איינעם גיוויסין
ארבייטסקערעל לארענסא:

קוים האט עס דער ענדעמא דער זעהען, האט ער שוין לויז גילאזין
דיא דאלארעס און האט אנגיהייבין צוא לויפען ערסטענס פון שאנדע, און
צווייטענס וייל ער האט שוין איינגיזעהען אויף קלאר דאס דיא בויערען האבין
זיך פערשווארין (אבונד גימאכט) געגין אים און אנטקעגען דעם הערצאג, און
ווען זייא וועלין אים דא בעקומען וועט ער זיין דיא ערסטע כפרה, דען ער
האט זייא גיבראכט דער צו מיט זיינע גרויסע טיראנסטווע געגען זייא, ער
איז גילאפין דורך אזייטען וועג, און דיא דאלארעס וויא זיא האט זיך גיפיהלט
לויז פון זיינע ארעמס האט זיא זיך בעהאלטען אין דער קאפעלע, דען זיא
האט ניט גיוואוסט ווער עס זיינען דיזע באנדע וואס גייען דא אהער זיא האט
זיך בעהאלטין דארט אונטער איין הייליגעם בילד, און פון דארט אוים האט
זיא שוין גיהאט איינע גילעגענהייט צו הערין דעם גאנצען גישפרעך זייערין,
דען זייא האבין זיך אלע אפגישטעלט ביי דער קאפעלע, און דארט האט
זייא דער לארענסא בעשווארין ביי דעם הייליגין בילד דאס זייא זאלין אים
זיין טרייא און געהארכען ביז זייא וועלין אויסטיליגין אלעס וואס נור עס

לעבט

לֶעבְּט אִין שְׁלָאס , אוּנ דִיא עֶרְסְטֶע כַּפָּרָה זָאל זַיין דֶער עֶנְדֶעמַא , אוּנ דֶער נָאךְ הָאבְּן זַייא זִיךְ דָארְט גֶעבַּייכְטֶעט (אִיז פָּאוֶויֶעדְזֶעץ) פַאר דֶעם קִיסְטֶער (קִירְכֶען דִינֶער פַּאנֶעמַאר , אָדֶער שַׁמָשׁ) פוּן דֶער דָארְף קִירְכֶע וָואס וַואר אָנְגִיטָאן אִין אַוַוייסֶע הַיילִיגֶע הֶעמְדֶעל וָואס הָאט זַייא אוּים גִיטַיילְט דָארְט דִיא הָאסְטֶע*) וִויא מֶען בֶּעגַייט זִיךְ בַּייא דִיא קַאטָאלִיקֶען מִיט אַלֶע דִיא יֶענִיגֶע וָואס בְּרַייטֶען זִיךְ צוּם טוּיט , אוּנ אַלְס זַייא וַוארִין שׁוֹין פַארְטִיג מִיט דִיזֶער רֶעלִיגְיֶעזֶע צֶערֶאמָאנְיֶע אוּנ זַיינֶען אַוֶועק צוּרִיק צוּם שְׁלָאס הָאט זִיךְ דִיא דָאלָארֶעס אוּמְגִיקֶערְט אַהַיים מִיט אַקְלַאפֶּענְדֶען הֶערְצִין אוּנ הָאט זִיךְ אַנִידֶער גִילַייגְט אוֹיף אִיר בֶּעטֶעל מִיט אֵיינֶעם הֶעכְסְט אוּנְרוּהִיגִין גִימִיטְה :

קוּים אִיז זִיא גִילֶעגִין אִין אִיר צִימֶער אֵיינֶע הַאלְבֶּע שְׁטוּנְדֶע הָאט זִיא שׁוֹין דֶער הֶערְט אַשָׁאס , אוּנ זִיא הָאט שׁוֹין פֶערְשְׁטַאנֶען דָאס דִיא אַרְבַּייטְסְלַייטֶע זַיינֶען שׁוֹין אִיבֶּער גִיפַאלִין דֶעם שְׁלָאס, אוּנ אַזוֹי וַואר עֶס אִין דֶער ווירְקְלִיכְקַייט , דֶען דִיזֶער שָׁאס הָאט גִיגָאלְטֶען (בֶּעטְרָאפִין) דֶעם אַלְטִין טוּיֶער וָועכְטֶער וָואס הָאט גִיוָואלְט גַיין אוֹיף וֶועקִין דֶעם הֶערְצָאג , אוּנ אָנְמֶעלְדֶען עֶס דֶעם עֶנְדֶעמַא וָואס הָאט זִיךְ אָקָארְסְט אַרַיין גִיחַאפְּט אִין שְׁלָאס דוּרְךְ אַיין הִינְטֶערְטִירֶעל וָואס עֶר הָאט גִיהַאט בַּייא זִיךְ דֶעם שְׁלִיסֶעל פוּן אִיר , אוּנ וָואס דוּרְךְ דִיזֶע גִיהַיימֶען טִיהְרֶעלֶע פְלֶעגְט עֶר אַרוּים צוּא גַיין אַלֶע נַאכְט אוֹיף אֵיינֶע מַיידְכֶען יַאכְט :

זַייא הָאבִּין אוֹיף דִיזֶען אַלְטֶען וֶועכְטֶער גִישָׁאסִין אוּנ הָאבִּין אִים גִיטַייטֶעט , אוּנ בַּאלְד בַּארוּיף הָאבִּין זַייא אַיין גִידְרוּנְגִין אִין דִיא וואוינוּנג פוּן דֶעם עֶנְדֶעמַא מִיט אֵיינֶער לֶערְמֶענְדֶע גִישְׁרַייא „נִידֶער מִיט דֶעם פֶערְוַואלְטֶער ! נִידֶער מִיט דֶעם עֶנְדֶעמַא (דָאס הַייסְט מֶען זָאל אִים טַייטֶען) דִיזֶער עֶנְדֶעמַא אָבֶּער וַואר נִיט אִין זַיין קְוַוארְטִיר , עֶר וַואר שׁוֹין בַּייא דֶעם הֶערְצָאג , אוּנ הָאט אִים בֶּענַאכְרִיכְטִיגְט שׁוֹין פוּן דִיזֶער פֶערְשְׁוֶוערוּנְג (מְרִידָה) אוּנ דִיזֶער הָאט שׁוֹין בֶּעוַואפֶענְט זִיךְ אוּנ אַלֶע זַיינֶע הוֹיפְבֶּעדִינְטֶע מִיט פַייֶער גִיוֶוער (בִּיקְסֶען) אוּנ מִיט פִּיקֶעס עֶס וַוארֶען זַייעֶרֶע צְווֶעלְף נוּר , אוּנ בַּייא אַלֶעם דֶעם הָאט זִיךְ דֶער הֶערְצָאג גִיוַואגְט אַרוּים צוּ טְרֶעטִין אוֹיף דֶער גַאלֶערְיֶע אוּם צוּ פְרֶעגִין דִיא רַאבָּאצֶעס-וָואס ווִילִין זַייא, „מִיר ווִילִין” הָאט זִיךְ אָפְּגִירוּפִין זַייעֶר אַנְפִיהְרֶער דֶער לַארֶענְסֶע, דָאס מֶען זָאל אוּנְז אַרוּיס גֶעבִּין דֶעם עֶנְדֶעמַא , דֶען עֶר הָאט אוּנְז שׁוֹין פֶערְמַאטֶערְט , עֶר הָאט אוּנְזֶער לֶעבִּין פֶערְבִּיטֶערְט , דָאס עֶס אִיז אוּנְז שׁוֹין פִיל בֶּעסֶער צוּ שְׁטַארְבִּין אַלְס צוּ לֶעבִּין אַזוֹי אַשְׁוֶוערֶעס לֶעבִּין נִידֶער מִיט דִיזֶען טִירַאן ! :

צוריק

---

*) בַּייא דִיא קַאטוֹילֶען אִיז דִיא זִיטֶע, דָאס יֶעדֶער וָואס הַאלְט בַּייא דֶעם שְׁטַארְבִּין , אָדֶער וָואס דַארְף גַיין אִין קְרִיג אָדֶער וָואס אִיזְט זִיךְ מִתְוַדֶה פַאר דֶעם פְּרִיסְטֶער, עֶסְט דַאן אֵיינֶע שְׁטִיקֶעלֶע קִיכֶעל אוּנ טְרִינְקְט אַבִּיסֶעל וַויין וָואס עֶר בֶּעקוּמְט פוּן דֶעם פְּרִיסְטֶערְס הַאנְד , אוּנ דָאס (גְלוֹיבִּין זַייא) פֶערְאֵיינִיגְטֶען זַייעֶר זֵייל מִיט דֶעם אַלֶער הַיילִיגְסְטֶען .

„צוריק איר פערוועגענע ! (מופקרים)" האט זיך אפגירופן דער הערצאג אונ שוין, אונ ווען ניט הייסע איך אייך נידער שיסען וויא די הונדע, זעהט נור !" האט זיך אפ גירופן דער לארענסע „וויא ער האלט עס פאר זיינעם ברודער, נידער מיט דעם הערצאג אויך, דען ער איז ניט בעסער פאר דעם ענדעמא" דיזער פרעכער (חוצפעדיקער) אנטוואָרט האט דעם ענדעמא, וואס איז דאן גישטאנען לעבין דעם הערצאג אויף דער גאלערע, אזוי וייט אויפגעבראכט (ערצירענט) דאס ער האט זיך ניט גיקענט שוין איין האלטען אונ האט אויס גישאסין אויף דיא ראבאצעס, אונ עס איז גיווארין אויף דער שטעלע איינע גרויסע בלוט פארגיסונג, עס זיינען גיפאלין איינינע פון דיא ראבאצעס מעהר אבער פון דיא הויפבעדינטע, אונ דער הערצאג מיט דעם ענדעמא האבין זיך קוים גירעטעט אונ האבין זיך פערשלאסין אין זאל, אונ עס האט נאך גיפעלט אגאנץ קנאפע צייט צו דער ערמארדונג פון זייא ביידין אונ צו דעם אברענען דעם שלאס ביז דעם גרונד ווען עס וואלט ניט אונטער קומען דער קארטינא וואס האט זיך גיווארפין אין מיטעל (דאס הייסט אום איין צו שטילין זייא) :

„ווייא אייך !" האט ער בייא זיינעם ערשיינען אין שלאס צו גישריען צו זייא, בערעכענט אייך וואס דער פון ווערט ווערין, ערבארעמט אייך איבער אייערע ווייבער, איבער אייערע קינדער, גיזאגט דאס איר וועט דא זיגען (מנצח זיין) וואס וועט אבער איינע רעגירונג דארויף זאגין, מען וועט אייך אורטייהלען (דן זיין) וויא מערדער, גישווינט לייגט אוועק דיא גיוועהר, לאזט מיך ארויף צום הערצג, איך וועל בייא אים וואס גוטעס אויס ווירקען פאר אייך" דיזע רייד זיינע האט זייא גיבראכט איין עטוואס צו איינער בעזינונג, דען ער וואר זייער געליבט פון זייא אונ הויך גיאכטעט האבין אראפ גיצויגין דיא מיצען, זיינען גיבליבין רוהיג אונ האבין אים גילאזט ארויף גיין צו דעם הערצאג, וואס האט עס אלץ צו גיזעהען דורך דעם פענסטער, אונ האט אים גילאזט אריין צו זיך אין זאל, ער האט אים אבער אנגינומען מיט איינער פינסטערע מינע, דען ער האט אנגינומען זיין ערשיינען אין שלאס אין דיזער צייט אום איין צו שטילען דיזע פערשווערונג (מרידה) נור פאר איינע אפגירעטע אונ אפגישטעלטע קאמעדיע מיט דיא ראבאצעס, דער צו נאך האט דער ענדעמא צו גילייגט איין קנייטיל „וואס ווילט איר אייך פערדרייען מיט דיזעם אלטען פוקס ?", האט ער גיזאגט צו דעם הערצאג „צייט ער איז אן גיקומען אין אייער גוט האבין דיא הונדע (דיא ראבאצעס) אנגיהויבין צו האלטין צו הויך דיא נאזע, פון אים וואקסט ארויס דיזע גאנצע בלוטיגע גישיכטע, פאלגט מיך, לאזט אים שוין ניט אוועק פון אייך זעצט אים אריין אין גיפיינגניס קעלער, ער איז זייער ליבלינג, זייער אבגאט, אונ דאס איבעריגע לאזט איבער מיר" :

„אונ זייער דורכלויכט (וואסע סיאטעלסטווא)" האט זיך דער קארטינא אפ גירופן „וויל עס גלויבין, אונ מיך אייגזעצען ניט אויס הערענדיק מיך

פריהער

פריהער צו האב איך שולד אין דיזער זאכע צו איין אנדערער ד״ , „פערגיוויס איזט אזוי״ , האט זיך דער הערצאג אפ גירופין , זאנסט אלס טרייער דינער האסט דוא מיר גידארפט בענאכריכטיגין דער פון בעצייטען , איינע פערשווערונג ווערט ניט אין איינעם טאג , אלזוי ביזט דוא פאר געווים אין בונד מיט זייא״ „א אייערע דורכלויכט אירען זיך אין גאנציין אין דעם״ האט אים דער קארטינא גיענטפערט „איך האב זייא שוין אין דעם ערסטין טאג פון מיינעם אנקומען אהער דער וויסט דאס זייא זיינען העכסט אונ צו פרידען מיט אייער פערוואלטער, דאס זייא האבין שוין איינינע מאל געצילט נאך זיין לעבין , אונ ווען ניט איך וואלט שוין לאנג גיווארין ביי זייא איינע פערשווערונג , איך האב זייא אבער אלץ איין גיהאלטין , אונ איין גישטילט , איך האב עס ניט גיקענט אן מעלדין אייערע דורכלויכט וויל מיין פערוואלטער האט מיך פארבאטין מיט אייך צו שפרעכען אונ זיך קיין מאל צו מעלדין , אונ פון דיזעם בונד האב איך ניט גיוואוסט ביז איצונד , אונ ווען מיינע טאכטער וואלט מיך ניט אויף וועקין אונ מיר עס דער צייהלין וואלט איך נאך איצונד אויך ניט גיוואוסט״ :

„אלזוי מוז זיין דיין טאכטער אויך אין בונד מיט זייא״ האט זיך דער הערצאג אפגירופין״ , אונ דאס איז מער אלס געווים״ האט זיך אפגירופין דער ענדרעסא , דען איך זעלבסט האב איר גיזעהען אין דיזער נאכט שטייענדיק ביי דער קאפעלע (קאפליצע) וואס האבין זיך וויא איך וויים דארט געבייכטעט (מתודה גיוועזן) דיא גאנצע באנדע״ :

„גוט !״ האט זיך אפגירופין דער הערצאג „מיר וועלין עס שוין אלץ וויסין דער ווייליע ביז דוא אלטער פוקס מיין גיפאנגינער ניט אלס גיוויסער אנטהייל נעהמער אין דיזעם בונד , נור אלס גייזעל (משכן אדער זאלאזניק) דען דורך דעם בלייבין מיר דער ווייליע גיזיכערט מיט אונזער לעבין״ :

דאס ענדע פון דיזעם גישפרעך וואר דאס מען האט דעם קארטינע איין גיזעצט , אונ באלד דארויף האט דער הערצאג גישריבין איין בריף צו דעם קאמענדאנט פון דער נאהענטע שטעטעל וואס עס איז דארט גישטאנען אפולק דאס ער זאל אים וואס צום גיכסטין אונטער שיקין אראטע סאלדאטען , האט אים פערזיגילט , האט אים אפגיגעבין זיין קאמערדינער דאס ער זאל עס אים אפגעבין , מען האט אים ארונטר גילאזן דער מיט דורך אפענסטער וואס איז ארויס גיקומען אין פעלד . אונ אלס דיא ראבאצעס איז גיווארין לאנג ווייליג צו ווארטין אויף דעם צוריק קעהרען זיך פון דעם קארטינע מיט איינער אנטווארט אונ האבין אנגיהייבין איבער נייעס צו שטורמען , איזט ארויס צו זייא דער ענדרעסא , אונ האט גיזאגט אין דעם נאמען פון דעם הערצאג אין פאל ווען זייא וועלין ניט בלייבין רוהיג וועט ער לאזין דער שיסען דעם קארטינען וואס מען האט אים דער האלטין אלס זאלאזניק , דיזע ווערטער האט גימאכט אגרויסין איינדרוק אויף דיא ראבאצעס , דען זייא האבין דעם קארטינא געליבט וויא איינעם פאטער , אונ ביי אלעם דעם איז ביי זייא

גיבליבין

גיבליבין דאס זייא זאלין דעם שלאס אונטער ציגדין , אונ עס וואלט עס גיוויס גישעהען ווען דיא דאלארעס וואס איז דער ווילע גיוואר גיווארין וויא עס האלט מיט איר פאטער וואלט ניט אנגילאפין מיט דעם קינד אויף איהרע הענד , אונ וואלט זיך ניט ווארפען צו דעם לארענסעס פיס אונ אים גיבעטין דאס ער זאל נאך אקליינע ווילע גידולדיג זיין, אונ מען זאל איר לאזין אריין גיין צום הערצאג , דער לארענסע האט איר גיפאלגט :

זיא איז אריין צו דעם הערצאג אונ האט אים גיבעטין דאס ער זאל איר אויך פעסט נעהמען אונ איין זעצען איר אין דעם זעלביגין גיפיינגנים פון איר פאטער „טוט עס מיר !“ , האט זיא צו אים גיזאגט , אונ איר וועט אלזוי האבין ביא אייך צוויא זאלאזניקעס“ אונ זיא האט עס אויס גיווירקט ביא אים :

קוים אבער איז דיא דאלארעס אפ גיפיהרט גיווארין אין גיפיינקנעס צו איר פאטער איז גיווארין אגרויסער פריידין גישרייא אונטער דיא ארבייטס לייטע, דען זייערע פיקעטין האבין איבער גינומען דעם קאמערדינער מיט דעם בריף צו דעם קאמענדאנט , אונ עס וואר אונטער זייא פריידין איבער פריידין :

19.

„דיא דרייא קארלאניסטען“

דיא דרייא קארלאניסטישע דיפלאמאטען (פאליטישע אונטער הענדלער אדער פאליטיצנע האדעטאיען) דער מארקיז דע מאנטאלאן, פיליפא בינאוויטא אונ אלימפיא אגואדא וואס זיינען גיקומען אין דעם מאדרידער הויף אום איינעם פרידין אונטער צו האנדלין , האבין זיך פערזאמט דארט באלד צוויא מאנאטען, אין לוסטבארקייט אונ אין פריידין , דען עס וואר דארט גימאכט בעלע איבער בעלע , יאכטען איבער יאכטען צו וועלכע זייא ווארין אימער גילאדען , אום מען זאל קענען דיזען פאליטישין פראצעס (גישעפט) ציהען אין דער לייגגע (מעדליוען) אונ זייא זאל עס ניט לאנג ווילען , דאמיט מען זאל דער ווילע דיא גיוואונענע צייט וואס וועט אין איר פערהאנדעלט ווערין (זייער לאנגזאם (מעדלענא) אונ נור צום שיין) פון איינעם פרידען קענען בענוצין צוא דער פערפערטיגונגע (פראגאטאוולענעס) פון איינעם שטארקערין קריג“ :

דאך ביא אלעם דעם האבין דיא דרייא דיפלאמאטין דיזע צייט פון זייער פערבלייבין אין דעם מאדרידער הויף אויך זייער גוט בענוצט , דען זייא האבין זייער גוט גיוואוסט דאס זייא זיינען גישיקט גיווארין אהער ניט אום צו באלירען אונ צו יאכטען , נור צו וואס וויכטיגערעס , אונ האבין אלזוי גיוואוסט דורך זייערע אגענטין (פיסקאלין) אונ דורך שווערע בעשטעכונגען (שחדים) וואס זייא האבין בעשטאבין דיא סעקרעטארין פון אלעם וואס ווערט בעהאנדילט אין דיא גיהיימע סעסיאנען , דאס עס איז בעשלאסין דאס שפאניען

זאל

זאל ווייטער קריג פיהרין , אונ דאס וואס עס ווערט גירעט פון פרידין איז עס נור צום שיין אום האבין ארוים בעקומען קאפיען פון דיא נייע פלאנען וואס דער נארוואעץ האט גימאכט וויא אזוי צו שטעלין דיא מיליטער (וואוסק) בייא דיא נייע שלאכטין , קורץ זייא האבין גיוואוסט אלעס וואס עס איז נור נייטיג צו וויסין , אונ אזוי וואָרין ביידע צדדים בעטראגין איינע פון דיא אנדערע :

אויך וואר דיזע לאנגע צייט פון זייער זיצען אין מאדריד איינע גוטע קור (היילונג) פאר דעם אלימפיא , דען ער איזט גיהיילט גיווארין פון זיינער ערבלענדעטע ליבע צו דער עווגעניא , דען ער האט גיהאט גינוג גילעגענהייט זיך איבער צו צייגין , דאס זיא איזט העכסט הויך מוטהיג , האט צו ווייטע אוים זיכטען , אונ איז זייער אונשטאנד האפט אין איהרע ליבע , דאס מען קען ניט זיין איין טאג זיכער מיט איר הערץ , דען עס ווענדעט זיך אלע טאג צו. איינעם פארנעהמערען צו וויא דיא ראזע (רויז) קעהרט זיך אימער צו דער זאנע (זון) צו , אונ דאס זינד עס איז אן גיקומען אין דעם מאדרידער הויף דער זאנוווילישער פרינץ , האט זיא זיך צו דעם אלימפיא מיט דעם ריקען (רוקען) אומגידרייט , אונ דאס נאך פריער האט זיא זיך איבער זיינע ליבע צו איר לוסטיג גימאכט (אויסגילאכט) :

דיזע שווערע נויט האט דעם אלימפיא גיעפינט זיינע אויגין צו זעהען דאס ער איז גאנץ בעטראגין אין זיינער ליבע צו דער עווגעניא אונ האט אוים גירעט זיין הערץ פאר זיינע צוויא פריינדע וואס האבין אים אויסגילאכט וואס ער האט זיך גילאזט פירין פון איר פאר דיא נאזע ביז אהער , וויא וואר ער עס דום צו האבין גאר איין צו טרויען צו איר אונ האבין אים דער צו גישטראפט פאר זיינע אונטרייהייט צוא דער דאלארעס וואס איז פיל שענער אלס דיא עווגעניא אונ וואס ליבט אים אויף ריכטיג , אונ וואס האט אים אויפגעאפפערט זיך זעלבסט אונ איהרין אלטען פאטער אונ לעבין איצונד אין גרוים עלענד איבער דעם אין דעם דארף מעדינא :

דיזע רייד פון זיינע צוויא פריינדע האט אויפגיבלאזין דעם לעצטען פונקען פון זיינע ערסטע ליבע צו דער דאלארעס , אונ איזט גיווארין באלד צוא איינע פלאמע „א וויא מיר !“ האט דער אלימפיא דאן אוים גישריען , איר האט רעכט , איך האב שטארק פערבראכין געגען איר , איך בין אן אגיוויסין , איין מערדער , איין פערפיהרער , נאך אבער איז צייט מיין פערגייהען געגען איר צו בעסערין , א איך קען איר , זיא איז מיר נאך גיוויס טרייא , אונ פערליבט נאך אין מיך , אונ עס וועט מיר אלזוי זייער לייכט זיין אום אוים צו זעהענען מיך (צו ווערין גוט) מיט איר, זיא איז איין גוטער איינגעל , אונ וועט מיך אלזוי ניט צוריק וויזין , דאהער בעטע איך מיינע פריינדע דאס מיר אלע דרייא זאלין איר בעזוכין , אונ צוא גלייך טרייא צייגער זיין פון אונזערע איבער נייעם אפגילעבטע ליבע וואס וועט שוין ניט אוים לעסען ביז מיין לעצטען אויגין בליק :

„גוט!" האבן זיך דיא ביידע פריינדע אפגירופן צו אים „מיר וועלן עס מיט פריידין טאן נור האבע גידולד נאך אפאר טאגע, ביז מיר וועלן אונז אפפערטיגין פון דער קיניגין, דען מיר האבן שוין מעהר ניט וואס צו טאן אין דיזעם פאלשין שטאט (מדינה), עס האט זיך דאך שוין דיזער בעטרוג ארויס גיוויזין, נאך איינעם לאנגין אונטער האנדלען פון איינעם אייביגין פרידען האט מען דאך אונז געסטערען שוין ערקלערט איין בלוטיגין קריג:

אין אפאר טעג ארום האבן דיא דרייא קארלאניסטין זיך אבגיפערטיגט פון דעם מאדרידער הויף, אונ זיינען זיך אלע דרייא אוועק גירייטין קיין מעדינא אום אפ צונעהמען דיא דאלארעס אונ פון דארט אפ צו רייזין נאך בורגאס וואס דארט איז דער הויפט קוואטיר פון דעם דאן קארלאס:

זיי זיינען גיקומן קיין מעדינא שפעט ביא נאכט, אונ עס וואר אלזוי דאן קיין מענשין צו זעהען ביא וועמען צו פרעגין וואו עס וואוינט דא דער קארטינא, אויך וואר קיין פייער צו זעהען אין קיין פענסטער, אונ זייא האבן אלזוי גימיינט דאס אלע שלאפין שוין, זייא האבן אנגיקלאפט אין איינע הייזער אונ קיינער האט ניט גיענטפערט, אונ זיינען זיך אזוי גיגאנגען קלאפענדיג פון הויז צו הויז ביז זייא האבן דער וויסט איינע אלטע פרויא זיצט לעבן איינע אלטע האלב איינגיפאלענע שטיבעלע אונ האבן איר גיפרעגט וואו וואוינט דא דער קארטינא „איך וויים, אבער איך קען ניט גיין איך ווייזין" האט זיא זייא גיענטפערט „דען איך בין אבלינדע", „אונ וואו זיינען עס דיא איינוואוינער?" האבן זייא איר ווייטער גיפרעגט „זאלין זייא זיין אלע אויס גישטארבין?"

„א ליבע הערען" האט זיא זייא גיענטפערט „אונזערין דארף האט איין אונגליק גיטראפין, דער גרעסטער טייל פון דיא מאנעס לייט זיינען דורכט מיר גיפאנגען, דיא איבעריגע זיינען צו לאפין מיט ווייב אונ קינדער, אונ אקליינער טייל וואס איז גיבליבן ווערין גיטריבין צו דער ארבייט פון פריא מארגין ביז צוועלף ביא נאכט, אונ וועלין קומען ערסט אין אפאר שטונדין, אויך איז אומזאנסט וואס איר פרעגט אייך נאך, נאך דעם קארטינעס הויז, דען עס איז דארטין קיינער ניט דא, זייא ביידע ווארין אויך גיפאנגען אין שלאס אלס זאלאזניקעס (פאר אמשכון) אונ דער נאך אלס זייא זיינען לויז גיווארין זיינען זייא ביידע אנטלאפין זאגראניצע וויא עס ווייזט אויס קיין פראנקרייך, אונ באלד נאך זייא איז אנטלאפין גיווארין אויך דער פערוואלטער ענדעמא מיט אמאסע געלט וואס ער האט ארויס גישטוילין פון דעם הערצאג, אונ וויא מען זאגט האט ער עס גיטאן אום נאך צו לויפען נאך דיא דאלארעס וואס ער האט איר דיא גאנצע צייט פון איר זיין דא אין דארף אלין פערפאלגט (פראסלעדעוועט) אונ זיא האט זיך אים ניט גיוואלט ערגעבין, אונ האט אויסגיליטין דורך דעם זיא אונ איר פאטער פון אים גרויסע צרות, דען דער ענדעמא איזט איין העכסט פערדארבענער מענטש, אונ נור דורך אים האט זיך דער גאנצער דארף עמפערט (איזבונטעוועט) אונ זיינען גיווארין אום גליקליך:

דיזע טרויעריגע נאכריכט האט דעם אליספען זייער שטארק גיקריינקט, ער האט די אלטע פרויא בעשאנקען מיט עטליכע טאלער, אונ האט דער בייא גישוואָרין דאס ער וועט ניט שטרייטין פאר דעם דאן קארלאס ביז וואנען ער וועט זיך ניט אפרעכענען מיט דעם ענדעמא אונ וועט ניט בעפרייען דיא דאלארעס פון זיינע הענדע, אונ זיינען אלע דרייא אוועק פון דארט קיין בורגאס אונ זיינען אויפגינומען גיווארין פון דעם דאן קארלאס זייער פריינדליך אונ העפליך, אונ האט זיא פאר זייער גוטין דינסט גימאכט פר יענעראלען:

20

באלד נאך דעם אפ פארין פון דיא דרייא קארלאניסטען האט דיא גראפינע טועבע מאנטיכע אונ איר גרויסער גענער (וואויל טעהטער) לארד קלארענדאן גיהאט דיא פריידע צו פייערען דיא האכצייט פון איר טאכטער מאריא מיט דעם הערצאג אלבא, וואס דאס האט העכסט גיקריינקט דיא עווגעניא, דען זיא האט בעניידעט דיא שוועסטער וואס זיא האט גימאכט אזוי אגליקליך אונ אגלענצענדע פארטי אונ האט דאהער זיך ערגעבין מיט לייב אונ לעבין דעם פרינץ זאנוויל וואס וואר זייער רייך זייער גיבילדעט אונ האט גישפילט אגרויסע ראלע אין דעם מאדרידער הויף, אונ האט גיפונען בייא אים גענען ליבע, אונ האט אנגיהייבין זייער אפט צו בעזוכען איר, אונ וואר שוין אין בעגריף (בדעה) צו פערהייראטהען זיך מיט איר, דאך דיזע ליבע האט באלד איבער גיבליהט, דען עס איז איר באלד גיפעלין גיווארין דיא גיזעלענשאפט פון דעם אססונא אונ פון דעם הערצאג בענעוועטא, האט אנגעהייבין אים צו רייטען מיט זייא אויף דעם פלאץ פארדא, אונ דעם פרינץ זיאנוויל האט זיא אנגעהייבין אים צו ווייכען וויא דיא פעסט, זיינע בעזוכע זיינען איר גיווארין צו לאסט, אונ דאהער ווען ער פלעגט זיך לאזין אן מעלדין צו איר פלעגט זיא אים לאזין זאגין דאס זיא איז ניט צו הויז, אדער זיא איז אונפעסליך (ניט גיזונט), נון פערשטייט זיך שוין פון זעלבסט, דאס דער פרינץ האט זיך גיפונען דורך דעם העכסט בעליידיגט אונ האט זיך בעשלאסין אפ צו רעכענען זיך מיט איר אויף קלאר, אונ וואס פאר איינע גרעסערע ראכע (נקמה) קען שוין זיין אן איר וויא ארויס צו מאכען איר פון הויף, דאס הייסט דאס זיא זאל שוין מער קיינע שטאטסדאמע זיין, אונ ער האט עס זייער לייכט אויס גיפירט וויא מיר וועלין עס דא באלד ער ציילין:

ער איז זיך אוועק צו דער קיניגין איר מוטער, אונ איז גיווארין אן בינומען פון איר זייער פריינדליך אונ העפליך, ער האט איר דער וואוסט אין איינע גוטען לוינע (גייסטעס שטימונג) זיצינדיק אין דעם נאסט זאל אונטער האלטענדיק זיך מיט איר גיליבטין הערצאג פיאנסארעסא וואס זיא האט זיך

מיט

מיט אים שוין פערמעהלט (חתונה גיהאט) אינס געהיים אונ מיט איר בייכט פאטער (איספאווועדניק) מאטעא :

זייא האבין זיך דאן אונטערהאלטין גראדע פון אזויאנגענשטאנד (פרעדמעט) וואס האט גראדע גיפאסט צו זיינעם פארהאבין (מבוקש) איין צו שווארצען (איין צו ריכטין) דיא עווגעניא ביי דער קיניגין , זייא האבין גישפראכין פון דיא דרייא קארלאניסטען „עס איז זייא צו בעוואונדערין" האט דיא קיניגין גיזאגט , זייא זייען ניט ווייניגער ליסטיג (חיטרע) אלס טאפפער (מעכטיג) , וויא מיינט איר פארט האבין זייא דא ניט אין דער צייט פון זייער זיין דא וואס אונז האט זיך גידוכט דאס זייא פערברייגען איר (דיא צייט) נור אין רויש אונ אין זויש (גולאנקעס) אוים גיפארשט אלס וואס ווער דער ווייליע איזט פערהאנדעלט גיווארין וועגין דעם קריג אונ פרידען אין אונזערע געהיימע גאבינעטין , זייא האבין מיט זיך גינומען פון דאנען קאפיען פון אלע פלענע וואס אונזער גארוואעץ האט ענטווארפין (בעשטימט) וויא אוים צו שטעלען אונזערע מילעטער (וואיסק) , אונ וויא מען זאל איבער פאלין פלעצליך דיא קארלאניסטען , אונ האבין אזוי גאר גיוואוסט פון דער ערסטע שטונדע אן וואס מען האט אן גיהייבין אונטער צו האנדלען מיט זייא פון איינעם פרידען, דאס מען מיינט נור צו מעדלעוועז זייא דער מיט אום גיוויגען דורך דעם צייט פאר צו ברייטען זיך צוא נאך איינעם גרעסערין קריג אונ האבין עס באלד בעננאכריכטיג דעם דאן קארלאס , אלזוי מיינע הערין, דיזע דרייא העלדען זייען פיל מער אלס גיוואינליכע מענטשען , וואויל דעם הערען וואס אזעלכע דינער האט :

„פערצייהען זייא איהרע מאיעסטעט !" האט זיך דער פרינץ אפגירופין „וויא אויך עס זייא אייך אונ אויך מיר דער נאמען יודע העכסט פערהאסט , דען ער בעשמוצט דעם מונד וואס אים אוים שפרעכט אונ בעליידיגט דאס אויער וואס נור אים הערט , ביי אלעם דעם מוז איך מיך איצונד בעדינגען דא מיט דעם אלטען שפריכווארט פון דעם אלטען אידעשען העלדען שמשון וואס ער האט גיזאגט צו דיא פלשתישע יונגע לייט אלס זייא האבין אים גיזאגט דיא בעדייטונג פון דער רעהטזעל (רעטענעס) וואס זייא האבין עס ארוים בעקומען פון זיינער פרויא „העטעט איר ניט גיאקערט מיט מיינער יונגע קוא וואלט איר נאך ביז איצונד עס ניט גיוואוסט" , „איך פארשטייא אייך ניט פרינץ , האט זיך אפגירופין דיא קיניגין „אונ וואס איז דא ניט צו פערשטיין?" האט זיך אפגירופין דער פריסטער „גענויס מיינט דער פרינץ דאס איינע גיווייסע דאמע פון אייער הויף וואס וואר גוט מיט זייא האט עס זייא אלץ גימוסט אוים פלוידערין" „דאס פערשטייא איך האט זיך דיא קיניגין אפגירופין „נור איך וויל וויסין וועלכע פערזוין זייא מיינען דארונטער" , איך וויים פון געווייסע קוועלען (וויעדאמאסצען) האט זיך דער פרינץ אפגירופין דאס דיא עווגעניא זיא איז זייער אויפגיטראגין מיט דעם אלימפיא , מען האט איר גיזעהען סעהר

אלס

אלם איין מאל דאס זיא האט אומגעשפאצירט מיט אים אין פארק, אונ האט צו גיבראכט מיט אים מאנכע שטונדין דארט אין איינער פון דיא פערשטעקטע (גיהיימע) גארטין לויבע (בעסעדקע), אויך וויסין אלע דאס זיא האט בעקומען פון אים איין בוקעט בלומען, אונ האט זיך דאמיט אויסגעפוצט איינגע מאל אויף דיא בעלע, עס ווייס דער פון זעלבסט אייערע טאכטער וואס זיא איזט אין איר העכסט איין גיטרויט אונ האט פאר איר קיין גיהיימנים, פערגעווים, האט זיא אויסגיפלוידערט פאר אים אלעס וואס עס וואר פערהאנדעלט אין אייער נאבינעטען

„פערגעווים א ז אזוי!" האט זיך אפגירופין דער הערצאג פיאנסארעסא „איך קען זיא זייער גוט, זיא איז איינע גרויסע קאקעט, אונ איז פלאטערהאפט (נעפאסטעיאנע) אין אירע ליבשאפטען וויא דער אפריל וועטער, באלד איז זיא פערליבט אין דעם באלד אין איינעם אנדערין, עס איזט שוין ניט טא דא אין הויף איין שיינער יונגער מאן מיט וועמען זיא האט זיך שוין ניט גיליבט, אונ שפרינגט לייכט איבער פון איינעם צו דעם אנדערין וויא אפויגעל פון איין צווייג אויף דעם צווייטען:

„אונ וויא איך ווייס" האט זיך אפ גירופין דער מאטיעא „איז זיא אויך גאנץ אירעליגיעז (ניט פרום) זיא האט זיך גיט געבייכטעט (איספאוויעדזעט) פאר מיר מעהר אלם איין יאר, אונ איז אלזוי נאך מיינעם גוט אכטען איינע שעדליכע גיזעלענשאפטערין פאר דיא יונגע קיניגין:

דיזע אלע רייד האבין ניט פערפעלט זייער גוטע ווירקונק אויף דיא מוטער קיניגין וואס וואר שוין פון לאנג דיזער מיינונג פון דער עוועגניא, אונ האט איר אין איינגע טעג אריין געשיקט איר איינע ענטלאסונג (אסטאווקע) אונ דיא עוועגניא האט פערלאזין דעם שפאנער הויף אונ איז אוועק צו דער מוטער אונטער דעם אוים רייד דאס זיא איז ניט גיזונט, אונ אין איינגע מאנאטע האט זיא אפגירייזט מיט דער מוטער קיין שפאניע וואס ליגט אין בעלגיען מיט דער בעגלייטונג (מיט פארען) פון דעם הערצאג אססינא אונ בענאווענטא, אונ זיינען פערפארין אין דעם האטעל דעפלאנדרעס:

21.

„דיא בעפרייאונג פון דיא געפאנגענע"

נון מיינע טייערע לעזערין לאמיר אונז איצונד אומקעהרין צוריק קיין מעדינא, עס איז דארט דיא גישיכטע צו גינאנגען זייער בלוטיג, די דראהונג (שטראסוניג) פון דעם ענדעמא דאס ער וועט ערשיסען דעם קארטינא אין זיינע טאכטער האט גאנץ ווייניג גיהאלפין „ווען מיר שוינען ניט אונזערע אייגענע פרויען אונ קינדער וואס וועלין געווים ליידין דורך אונז געשווייגע (פשיטא)

דאס

דאס מיר דארפין שוין ניט שוינען דיזע צווייא אונז בעליבטע פערשוינען· האבין זייא גיענטפערט דעם וואס וואר שוין ווירקליך אין בעגריף (גיהאט בדעה) דיזע צווייען צו ערמארדען נור דער הערצאג האט אים אפגיהאלטין, ביא זיינעם וויסין דאס מען וועט דער נאך דארפען אפגעבין איינע רעכענונג (דין וחשבון) פאר יעדען טראפען בלוט פאר דיא רעגירונג אונ גאט, דען ביא זיך האט ער זייער גוט גיוואוסט דאס ביא איינער שטרייגנעם עקזאמען וועט זיך ארוים ווייזין, דאס נור דער ענדעמא וואר דיא וואהרע אורזאכע פון דיזעם אויפשטאנד (מאטעז), אונ דאהער אלס דער הערצאג האט דער זעהען דאס שוין מער אלס צוואנציג טויטע פון ביידע צדדים האבין בעדעקט דעם קליינעם פלאץ וואס וואר דארט פאר דער גאלעריע, אונ דיא ארבייטס לייטע זיינען פיל מעכטיגער אלס זיינע הויפלייטע. אונ דער צו נאך האבין זייא געדראהעט (געשטראסט) אן צו צינדין דעם הויף, האט ער גיהייסען זיינע לייט דאס זייא זאלין זיך איין שליסין דער ווייליע אין דיא הייזער, אונ אפווארטין ביז עס וועט קומען זיין קאמער דינער מיט מילעטער (סאלדאטען) דען ער האט ניט גיוואוסט דאס ער איז אויפגיפאנגן גיווארין פון די פיקעטין וואס דיא ראבאצעס האבין אוים גישטעלט:

קוים האבין דיא ארבייטס לייטע אנגימערקט דאס דיא הויפלייטע האבין זיך צוריק געצויגין, האבין זייא אונטער דעם לארעם (שרייען) נידער מיט דעם ענדעמא איינגידרונגן אין דעם אונטערסטען געשאס (סוטערענע) האבין אויף גיבראכין דעם קעלער וואו עס ווארין איינגישפארט דער קארטינא מיט דער דאלארעס, אונ האבין זייא בעפרייט מיט איינער פריידין גישרייא "עס לעבע דאלארעס, עס לעבע הויך קארטינא, אונ האבין זייא אונטער דער בעוואכונג פון איינגע ראבאצעס אפ גישיקט אין דארף אונ זייא אליין זיינען גיבליבין שטיין ביא דעם פאלאץ אונ האבין גישריען אלץ "נידער מיט דעם ענדעמא "נידער מיט ענדעמא!" דער ווייליע אבער האט דער ענדעמא וואס האט גיפירכטעט דאס דער הערצאג וואס וואר העכסט בעזארגט דאס דיא ראבאצעס זאלין ניט אנצינדין דעם שלאס וועט אים ארוים געבין צו זייא וואר פיל קליגער אלס פרימער, ער האט אן גישטאפט אלע זיינע טאשין מיט דיא טייערסטע קלאנאדען אונ האט נאך דער צו צו גינומען איינע שקאטולקע מיט דוקאטען אונ זילבער שיינען (סיגנאצעס), אונ האט זיך ארוים גימאכט פון שלאס דורך אקליינעם הינטער פענסטער, מיט אגוטען רעוואלווער (איין דרייא רוריגער פיקטאלעט) אין דער האנט, אונ האט גימאכט פליטה, איינער פון דיא ראבאצעשע פיקעטין האט אים אפילו וועסט אן געגריפין, ער האט אים אבער אויף דער שטעלע זייער שווער פערוואונדעט, דען ער האט אויף אים גישאסין אונ האט אים גיטראפין אין ארעם, אונ איז באלד אריין אין אגידיכטין וואלד, אונ אלס דיזער פיקעט האט גיבראכט דיזע טרויעריגע נאכריכט צו די ראבאצעס אין שלאס, האט דער לארענסע זייער אנפירער גיהייסין וואס

צום געבעטין אפ ציהען פון שלאס. "מיר האבין שוין ניט וואס צו מאכין דא" האט ער צו זייא געזאגט, "מיר וועלין שוין דעם ענדעמא ניט בעקומען, לאמיר בעגראבין אונזערע טויטע אונ אנטלויפין פון אונזער דארף מיט ווייב אונ קינדער, דען דער הערצאג וועט זיך זייער בלוטיג מיט אונז אפרעכענען:

זייא זיינען אוועק אין דארף, האבין דארט בעגראבין זייערע טויטע, אונ האבין גינומען איין טרויעריגין אבשייד פון זייערע וואוינונגען אונ פון דיא פערוואונדעטע אונ פון דיא אלטע אונ פון דיא נאך אנדערע וואס האבין ניט גיקענט פערלאזין זייער היימאט, האבין מיט זיך גינומען וואס זייא האבין נור גיקענט מיט זיך טראגין, אונ האבין גענען טאג פערלאזין דעם דארף אום צו זוכען אין נאטעס וועלט איין פרידליכערין ארט אין אויסלאנד וואו זיך צו בעזעצין, דאס זעלביגע האט גיטאן קארטינא מיט זיינער טאכטער נאך בעפאר דיא ראבאצעס האבין זיך אומגיקערט אין דארף, אונ האבין זייא שוין ניט דער וויסט וויא מיר וועלין דא ווייטער דער ציילין פון זייא:

בייא אלעם דעם וואר נאך דער הערצאג וואס ער האט ניט גיוואוסט דיא וואהרע אורזאך פון זייער אפציהען פון שלאס זייער בעזארגט, דען ער האט גימיינט דאס זייא זיינען אוועק אום נור זיך בעסער צו בעוואפענען, אדער צו בעראטהען זיך וואס צו טאן, אונ ערסט אביסעל שפעטער אלס ער האט זיך ארום גיזעהען דאס דער ענדעמא איזט אנטלאפין, אונ דאס ער האט אים דער צו נאך זייער שטארק בעשטוילען (בעגנבת), האט ער זיך שוין אנדערש בעזונען, דען ער האט שוין זייער גוט פערשטאנען דאס ענדעמא איז איין העכסט פערדארבענער מענטש, אונ דאס נור ער וואר דיא רעכטע אורזאך פון דיזער בלוטיגע שצענע, אונ וואר אלזוי אויפגיבראכט (אין כעס) אויף זיך זעלבסט, דאס ער האט זיך ביז אהער פערלאזין אויף דער פראוולענע פון דיזעם גנב נור אויף זיינע הענט אליין, אונ האט באלד אריבער גישיקט איינעם פון זיינע הויף בעדינטע צו זעהען וואס עס טוט זיך אין דארף, אונ צוא גלייך, אן צו באטען איינע פערצייהונג דיא ראבאצעס, אונ צו רופין צו אים דעם קארטינא:

דיזע פערצייהונג (פראסצענע) וואר שוין אבער צו שפעט, דען דער בעדינטער וויא מיר ווייסין שוין האט שוין דער וואוסט דעם דארף וויסט אונ לער, ער האט שוין ניט דער וויסט דעם קארטינען ניט זיינע טאכטער, ניט אפערציג טייל פון די ראבאצעס מעהר גיט וויא עטליכע פערוואונדעטע קראנקע, אלטע אונ דער צו פינף אדער זעקס גיזונטע. דיזע נאכריכט האט דעם הערצאג זייער גיקריינקט, אונ בייא אלעם דעם האט ער גימוזט דיא עטליכע גיזונטע דער ווייטע איינזעצין אונ מאכען אשלעצטווא צום שיין נור (דאס הייסט אום נור יוצא צו זיין פאר דיא רעגירונג) וואס האט זיך אויסגילאזין מיט גאר גיסט אונ מעהר גיסט, דיא שולד איזט גיפאלין נור אויף דעם

ענדעמא

ענדרעמא וואס עס וואר שוין ניט צוא הערען אונ צוא וויסין פון אים דען ער איזט שוין גיוועזן איבער אלע בערג , אונ דער דארף וואר בעזעצט מיט אנדערע ראבאצעם :

21.

„דיא קאנטראבאנדסקע שיף"

נון איז שוין גינוג צייט דאס מיר זאלין אונז אומקעהרען צו אונזערע ביידע פליכטלינגע (אנטלאפענע) דאס הייסט צו דעם קארטינא אונ דאלארעס, דיזע ביידע אלס זייא זיינען גיקומען אין דארף צוריק מיט דעם קינדע אויף זייערע הענד פון דער גיפיינגענים , האבין זייא זיך אפגישטעלט אין זייער הייזכען אויף אגאנץ קליינע צייט דאס הייסט ביז זייא האבין זיך צו גיקליבין צו איינער ווייטע אונ אונגעוויסע רייזע אין דער ווייטע וועלט גאטעס, זייא האבין מיט זיך גינומען נור זייער ביסעלע געלט וואס זייא האבין אפגישפארט איבער דיזע צייט וואס ער וואר דארט שטאראסטע , אונ נייטיגע קליידונגס שטיקע , האבין זיך אפגיזעגענט מיט איינציגע אלטע אונ קראנקע וואס זיינען גיבליבין ליגין אין דארף אונ זיינען אוועק פון דארט וואס צום גיכסטין וויא לוט מיט זיינער קליינע פאמיליע פון סדום ווייל ער האט געפירכטעט דאס עס זאל אים דאס אונגליק ניט אן יאגין . דער אלטער איז גיגאנגען פאר אויס מיט דעם וואנדער שטאב אין האנד אונ זיא נאך אים מיט דעם קינדע אויף איהרע שולטערין אין אריין ווייסין זעקעלע וויא איינע ציגיינערין דער צו נאך אקליין פעקעל וויים צייג , אונ האבין זיך גיווענדעט געגען נארדען (צפון) דאס הייסט געגין דיא פראנצויזישע גרענעץ , זייא האבין גיריזט צו פוס עטליכע טעג נאך איינאנדער אין שרעק אונ אין אנגסט , דען זייא האבין געפירכטעט פאר דעם ענדרעמא דאס ער זאל זיי ניט נאך יאגין , ערסטענס ווייל זייא האבין ניט גיוואוסט דאס ער איז פורט גילאפין , אונ צווייטענס ווייל ער איז העכסט פערליבט אין איר , בפרט נאך אלס זייא האבין אנגיהייבין צו הערען אין מאנכע קרעצמע וואו זייא האבין זיך אפגישטעלט צוא נאכטען , דאס איין גיוויסער רייכער הער מיט געלבע האר האט זיך גיפרעגט צו האט ניט איין גיקערט אהין איין אלטער מאן מיט איינעם שיינעם מיידכען וואס האט אויף איהרעם שולטער (אקסעל) איין קליינעם קינד , וואס דארום האבין זיך גישטויסין דאס דאס איז גיוויס קיין אנדערער אלס דער ענדרעמא , וואס פערפאלגט זייא (פרעסלעדעוועט) . אונ האבין אלזוי זיך בעאיילט צו זיין וואס צום גיכסטין אויף יענער זייט גרענעץ , דער ווייל האט דיזע שווערע פוסרייזע וואס וואר נאך פערבונדן מיט שרעק אונ מיט זארג זייער שטארק אפגישוואכט דעם אלטען קארטינא , דאס ער וואר שוין געצוואונגען צוא ערקלערין זיינער טאכטער .

דאס זייגע קרעפטען פערשווינדען (גייען אויס) פון טאג צו טאג, אונ וויא עס שיינט וועט ער גיכער ערגרייכען זיין גראב אלס דעם גרענעץ פון פראנקרייך „וויא עס ווייזט אויס מיינע טאכטער“ האט ער צו איר גיזאגט „וועל איך מיך שוין אין קורצין שיידען פון דיר, דען איך גייא אויס, אונ עס טוט מיר זייער לייד דאס איך וועל דיך ניט קענען בעגלייטען אויף דיינעם וואנדערען ביז דוא וועסט בעקומען איין זיכערעס אונטערקאמען (אשטעלע):

דיא טאכטער האט דער בייא דיא אויגין גיוויסט אונ אים גיטרייסט, אונ מוטה איינגיגעבין. „פאסע דיך (שטארקע דיך) ליבער פאטער“ האט זיא צו אים גיזאגט, „גאט וועט אונז בעשירמען אונ איין היטען אויף דיזע גיפערליכע רייזע“ אונ זיא האט אים דער בייא נאך פאר גילייערט (פאר גיזונגען) דעם פסוק „גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי“ דאס הייסט ווען אויך איך וועל וואנדערען אין דיא געפערליכסטע אבגרינדען בלייב איך אויך אונבעזארגט וייל דוא גאט ביזט מיט מיר:

„גיוויס מיין קינד!“ האט ער איר גיענטפערט „הילפע איז נור בייא גאט“, אונ האט זיך אנגישטריינגט מיט אלע זיינע קרעפטען דיא גיפעהרליכע רייזע פארט צו זעצען (פראדאלזייען) ביז זיא זיינען גיקומען צו דער גרענעץ שטאט בורגעס, אונ האבין זיך אפגישטעלט דארט אום אויס צו רוהען, אונ דער נאך אריין צו שפרייזען אין פראנקרייך איבער דיא פירענייעשע געבירגע, מען האט זיא אבער זייער שטארק אפגישלאגין דער פון, וייל דער וועג דורך דיא פירענייען איז זייער אונזיכער פון רויבער אונ באנדיטען, אונ דאהער איז בייא זיי גיבליבין, דאס זייא זאלין בעסער אנציהען ביז דיא פארטאווע שטאט סאנטאנדערע, אונ פון דארט וועלין זייא זיך שוין אטפראווען מיט דעם וואסער קיין פראנקרייך, זיי האבין זיך אנגישטריינגט ביז אהין, אונ זיינען אן גיקומען אין שטאט אלס עס וואר שוין רעכט נאכט, אונ האבין איין גיקערט דארט אין אגעמיינעם האטעל וואס וואר ניט וייט פון דעם האוועץ, זייא האבין זיך גילאזט געבין ויין, ברויט אונ קעז, האבין זיך איין עטוואס ערפרישט, דאך דיא ערווינצטע רוהע האבין זייא דארט ניט גיפונען דען עס ווארען אלע צימערין פול מיט בערוישטע (פארשכרטע) מאטראזין, עס וואר דארט לארעם איבער לארעם, דער צו נאך גישלעג, אונ איינע לארעמענדע מוזיק, דאס עס וואר שוין איינע אונמעגליכקייט איין אויג צו צו טאן, אונ דאהער האבין זייא שוין בייא זיך בעשלאסין אויס צו ציהען פון דארט אין איינעם אנדערען רוהיגערען האטעל, זייא האבין אבער נאך ניט פאספייעט צו בעצאלין דעם ווירט פאר דאס גענאסענע (אנגיצעהרטעס) אונ צו נעהמען אבשייד פון אים, זיינען אריין אין דעם זעלבינן צימער וואו זייא האבין דארט גישפייזט, צוויא מענער אום צו בעשפרעכען זיך וועגין איינער וויכטיגע זאכע (דען אזוי האט עס אויסגיזעהען), איינער האט אויסגיזעהן עפעס וויא איין קאפיטיין, דער אנדערער וואר גאנץ איינגעהילט (איין גיטולעט) אין זיינעם מאנטעל אונ דיא היטעל אראפ גירוקט
איבער

איבער דיא אויגין , אונ ביא אלעם דעם האט דיא דאלארעס באלד דער קענט ווער דאס איז אונ האט איין גיראמט דעם פאטער אין אויער מיט גרויס שרעקען „ענדעמא איז דא“ , נון פערשטייט זיך דאס דיזע שרעקליכקייט וואר אים וויא אריין גישאסענע בלייערנע קויל אין זיינע אויערין , צום גליק האט זייא דער ענדעמא ניט דער זעהען , דען עס וואר אגרויסער רויך דארט פון ציגארין אונ פייפען (טרובקעס), אונ האבין זיך אלזוי פאספייעט ארויס צו חאפין זיך פון דארט , אונ האבין זיך אריין גיקליבין גאר אין איינער פישער היטע (אין אשטיבעלע וואו עס וואוינט אפישער) וואס וואר ניט וייט פון דעם האוועו , זייא האבין צוואר גיהאט איין רוהיגערען ארט אלס אין דעם פאריגען האטעל , דאך האבין זייא ניט גיקענט איינשלאפין וייל זייא ווארען העכסט בעזארגט דאס דער ענדעמא זאל זייא ניט אומגליקליך מאכען , דען וויא עס זעהט אוים מיינט ער נור צו פערפאלגען זייא (פרעסלעדעווען) :

אונ וואס זייא האבין גיפירכטעט איז עסווירקליך גישעהען וויא מיר ווילין דא עס אין קורצין ערציילען , דער ווילע האבין זייא זיך אין דיזער נאכט בעשפראכען מיט דעם פישער וועגין זייער איבער שיפען זיך פון דאנען קיין פראנקרייך , אונ ער האט זייא זייער הערץ זייער שווער גימאכט וועגין דעם „ביז געסטערען“ האט ער זייא גיזאגט „וואר עס נאך מעגליך , אונ דער צו נאך מיט גרויסע קאסטען , איצונד אבער איזט עס מיט דעם גראדען וועג (דאס הייסט בכשרות) גאנץ אונמעגליך , דען עס איז איצונד דא גיקומען עפעס איין גיוויסער פערוואלטער (אופראוולאעסצע) פון דעם הערצאג מעדינע וואס פערפאלגט (פרעסלעדעוועט) צווייא פליכטלינגע (ביעגלעצעס) וואס האבין בערעדעט דיא דארטיגע ראבאצעס דאס זייא זאלין זיך איזבונטעווען גענען דעם הערצאג , אונ עס איזט דורך דעם זייער פיל בלוט גיווארין פערגאסין , אונ דער ווילע האבין דיזע צווייא דעם הערצאג זייער שטארק בעשטוילען אונ זיינען פורט גילאפין , אונ דער פערוואלטער פון דיזעם הערצאג וואס האט זייא פערפאלגט (פרעסלעדעוועט) איז גיקומען אויף דעם שפור (דער גאנגען דעם סלאד פון זיי) דאס זיי זיינען איצונד דא אין שטאט אום זיך איבער צו שיפען פון היר קיין פראנקרייך , אונ האט אוים גיווירקט ביא דער היזיגע פאליצייא , דאס מען זאל קיין שיף ניט ארויס לאזין פון דעם האוועו אן אשטרייגע רעוויזיאן (רעוויזיע) צו זיינען ניט דא אויף איר בעזפראספארטנע אדער גלאט פערדעכטיגע (פאדאזריטעלנע) , אונ דאהער זיינען שוין צייט געסטערען פיל פערזוינען אזעלכע איין גיזעצט גיווארין , אונ דיא שיפסקאפיטאנעס וואס אויף זייערע שיפין זיינען דיזע לייטע ערגריפען גיווארין זיינען בעשטראפט גיווארין מיט שווערעם שטראף געלד :

דיזע טרויעריגע נאכריכט האט זייא בענומען דעם שלאף , אונ ווארען גיפלאגט דיא גאנצע נאכט פון אנגסט אונ שרעק , אונ האבין זיך גיפירכטעט ארויס צו שטעקען דיא נאזע פון דיזער פישערהיטע דעם גאנצען מארגעדיקען

טאג

טאג דאס זייא זאלין ניט גיזעהען ווערין פון דעם ענדעמע, אונ עס האט זיך זייא איבער גיקערט דער מוח טראכטענדיק אלץ וויא שיפט מען זיך איבער קיין פראנקרייך :

וויא אויך דער טאג וואר פאר זייא העכסט לאנג, איז ער דאך אין פופצעהן שטונדען פאר איבער גיגאנגען אונ זיינע שטעלע האט בעטראטען דיא צווייטע נאכט וואס עס האט שוין אויסגישיינט אין איר איין שטראהל פון איינער פאלשען האפענונג פאר זייא :

ארום האלבע נאכט, וואס וואר אין איר ניט וויניגער פינסטער אונ שטירמיש וויא אין איהרעם הערצען, האט איינער אנגיקלאפט זייער שטיל, דער פישער האט באלד אנגעצונדין אליכט אונ האט דיא טיר גיעפענט, אונזערע בײדע רייזענדע זיינען גיווארין העכסט צו שראקין, דען זייא האבין גימיינט דאס פארגעווים ווערין זייא געזוכט פון דער פאליצייא, באלד אבער האבין זייא זיך בערוהיגט, עס איז אריין איין שיפסקאפיטיין מיט עטליכע מאטראזין וואס האבין אריין גיטראגין איינע פעקלעך וואארע (סחורה), דער פישער האט זייא אויפגינומען זייער פריינדליך, חאט זייא בעווירטעט מיט שנאפס, מיט איינעם צו בייסין, דיא פעקלעך סחורה וואר באלד ארוים גיטראגין אין גארטין וואו זייא ווארין זייער גוט פערשטעקט, אונ אלס דער פישער האט גימערקט דאס דער שיפס קאפיטיין מיט זיינע מאטראזין זיינען עטוואס אונגרוהיג וועגין דיא צווייא אונבעקאנטע רייזענדע, האט ער דעם קארטינען מיט זיינער טאכטער פארגישטעלט פאר זיי אלס ארעמע רייזענדע וואס ווילין זיך איבער שיפין קיין פראנקרייך, אונ זיינען דא פערבליבין נעכטיגין וויל עס איז איצונד גרויסע שוויריקייטען (שוועריקייטען) דער מיט, אונ האט זייא דער ציילט דיא גאנצע געשיכטע. "אונ איך", האט זיך אפגירופין דער שיפס קאפיטיין צו דיא רייזענדע "בין איין קאנטערבאנדיסט" וויא איר פערשטייט שוין פון זעלבסט אלזוי פאר מיך אונ פאר מיינע לייטע איז קיינע גיזעצע אונ קיין פאליצייא, אלזוי איז פאר אונז גלייך צוא טויטע וואארע פערבאטענע (טרפה סחורה) צוא לעבעדיגע וואארע פערבאטענע, דאהער ווען זייא וועלין מיר גוט בעלוינען וועל איך אייך איבער שיפין קענען זייא מיר געבין צוואנציג טאלער, שיף איך אייך איבער קיין פראנקרייך, אונ עס וועט דער בייא קיין האן קרייען", "מיר וועלין עס אייך געבין" האט זיך דיא דאלארעס אפגירופין "נון ווען אזוי אהער מיט דעם שלונדער (מיט אייער פעקעל)" האט זיך דער שיפס קאפיטיין אפ גירופין :

דיא דאלארעס האט אים דאס געלד פאראויס בעצאלט, האבין גינומען אפשייד פון דעם פישער אונ פון זיינער פאמיליע אונ האבין זיך אריין גיזעצט אין שיף, מען האט זייא אפ גיגעבין דארט אקליינע קאיוטע, אונ האבין אלזוי זיך באלד אפ גישיפט פון דעם שפאנישען ברעג, אונ אונזערע ארעמע רייזענדע האבין ניט גיוואוסט וויא צו לויבין אונ צו דאנקען גאט פאר דיזע גינאדע :

דיזע

דיזע פריידע וואר אבער פון גאנצען קורצען דויער, דען קוים האבין זייא פאר לאזין שפיינער בערג, האבין דיא מאטראזין דער זעהען דאס איין פאראחאד פון דער טאמאזגע וואס אויף איר מאסט ברענט אלאטערנע יאגט זיך נאך זייא נאך, אונ האבין אלזוי אן גיהייבין שטארקער צוא רודערין, דער צו נאך האט זייא דער ווינט זייער גוט גידינט דען זייא האבין גינומען איינע אנדערע ווענדונג, אונ האבין צו גלייך אוים גילאסין דיא לאטערנע וואס האט גיברענט אויף זייער שיף, דאס מען זאל ניט זעהען פון דעם פאראחאד וועלכע ווענדונג זייא האבין גינומען, דאך דיזע אלע מיטלען האבין גאנץ ווייניג גיהאלפין, דען מען האט אנגיהויבין צו פייערין פון דעם פאראחאד מיט קאנאנען, אונ איין באמבע האט שוין גיטראפין אין זעגעל, נון איזט מען גיווארין העכסט בעדיינקליך אויף דער קאנטרעבאנדעשע שיף:

„הערט ברידער!“ האט זיך אפגירופין דער שיפס קאפיטיין „מיר שוועבין דא אין גיפאהר צו פערלירין אונזער שיף, מיר מוזין אונז דעם פאראחאד ערגעבין (איבער געבין) אונ מיר האבין אונז גאר ניט צו פירכטין דען מיר האבין דאך קיינע קאנטערבאנד אויף אונזער שיף, אונ וואס עס אנבעטריפט (נוגע) צו דיא צווייא רייזענדע מיט דעם קינד האלע זייא דער היינקער (נעהם זייא דער טייוועל), מיר וועלין זייא שוין אביין שמייסין אינם מעער, אונ דאן זיינען מיר דאך שוין גאנץ כשרע לייט:

„אונ דאך זאלין מיר עס ניט טאן“ האט זיך אפ גירופין איין אלטער מאטראז „פערגיווים ווייס מען שוין אויף קלאר דאס דיזע פליכטלינגע זיינען ביי אונז אויף דער שיף, זאנסט וואלט מען אונז ניט נאך געיאגט איצונד, דען ווארום זאל זיין דיזע נאכט אנדערש אלס אלע אנדערע נעכט וואס מיר פיהרין אין זייא קאנטרעבאנד, דיא טאמאזגע לייטע זיינען דאך אונזער קרעאטורען (פערקויפטע אדער אונטער געקויפטע) אלזוי ווען מען וועט דיזע פליכטלינג (ביעגלעץ) ניט גיפינען ביי אונז וועט מען זיך שוין גלייך שטויסין דאס מיר האבין זייא איבער דעם בארד (ראנד) פון שיף אינם מעער אריין גישמיסען, אונ דאן וויא אונז אונ אייך:

דיזען גישפרעך האט גיהערט דיא דאלארעס אונ דער קארטינע, אונ עס איז דיר מייגע לעזערין זייער לייכט צו פערשטיין וויא עס וואר זייא צו מוטה, דען יעדער פון ביידען פעלע צו ווערען דר טרונקין אדער צו ווערין גיפאנגען פון דעם ענדעמא איז פאר זייא אלץ פיל גלייך, דאס ענדע דער פון וואר דאס דיא שיף פון דיא קאנטרעבאנדיסטען האט אנגעצונדען איר לאטערנע אונ האט זיך אפ גישטעלט, אונ באלד דארויף איז צו גיקומען צו איר דער פאראחאד אונ וויא דער אלטער מאטראז האט גיזאגט אזוי האט זיך אויסגילאזין, עס וואר ביי זייא ניט גיפרעגט קיינע קאנטערבאנד נור דיא צוויי פליכטלינגע (ביעגלעצי), דער שיפס קאפיטאן האט זיך ניט גילייקענט דאס זייא זיינען דא, אונ האט אראפ גישיקט צווייא מאטראזין אום צו פירין זייא ארויס פון דער קאיוטע אויף

דֶעם פָאר דֶעק , מֶען הָאט זַייא אַרויף גִישְׁלֶעפְּט מִיט גְרוֹיס הַאסְט וְויא דִיא קֶעץ דָאס דֶער אַלְטֶער קַארְטִינָא הָאט אָפּ גִישְׁלָאגִין דֶעם קָאפּ זַייעֶר שְׁטַארְק אָן אַבֶּעלְקֶע , אוּנ מֶער וְויא דִיזֶעס הָאט זַייגֶע שְׁוַואכֶע גֶעזוּנְדְהַייט נִיט בֶּעדַארְפְט , דֶען עֶר אִיז גִיבְּלִיבִּין לִיגִין לֶעבִּין דִיא פִּיס פוּן זַייגֶער טָאכְטֶער אָן אַיין אָטֶעם אוּנ אָן אַשְׁפּוּר פוּן לֶעבִּין , אוּנ דַאן אִיז דֶער עֶנְדֶעמַא אִיבֶּער גִיפַאלִין אִיבֶּער דִיא דַאלָארֶעס וְויא אַיין הַאבִיכְט (קַארְסוּן) אִיבֶּער אַייגֶע אוּנְשׁוּלְדִיגֶע טוֹיבֶּע״ אוּנ הָאט צוּ אִיר גִיזָאגְט נוּן הַאבֶּע אִיךְ דִיר אִין מַיינֶער הַאנְד אוּנ וְועל דִיךְ שׁוֹין מֶער נִיט לוֹיז לַאסֶען , אִיךְ הָאבּ דִיךְ נָאךְ גִילוֹיעֶרְט אוּנ עֶרְגְרִיפִין :

דָאס עֶנְדֶע דֶער פוּן וַואר אַזוֹי דָאס מֶען הָאט דִיא דַאלָארֶעסֶען מִיט אִיר שְׁטֶערְבֶּענְדֶען פָאטֶער אַרויף גִינוּמֶען אוֹיף דֶעם פַאראָהָאד וְואס הָאט זִיךְ פֶערְזַאמְט אוֹיף דֶעם וַואסֶער בִּיז גְרוֹיסִין טָאג וַוייל מֶען הָאט נִיט גִיקֶענְט צוּ קוּמֶען צוּם בְּרֶעג וֶועגִין דֶעם גְרוֹיסִין וֶועלֶען שְׁלַאג וְואס וַואר דָארְט אוּנ דַאן אִיז אוּנְטֶער גִיקוּמֶן אַיין אַנְדֶער פַאראָהָד , אוֹיף וֶועלְכֶם עֶס הָאט זִיךְ אַרויף גִיזֶעצְט דֶער עֶנְדֶעמַא מִיט דֶער דַאלָארֶעס אוּנ מִיט דֶעם שְׁטֶערְבֶּענְדֶען פָאטֶער אוּנ זַייגֶען אַוֶועק אִין נ׳ ייטֶען מֶעֶער אוּנ דַאן הָאט זִיךְ דִיא שִׁיף אַוֶועקְדֶע גִיטָאן גָאר גֶעגֶען אַייגְגְלַאנְד , אוּנ דִיא שִׁיף פוּן דֶעם קָאנְטֶערְבַּאנְצִיקֶע הָאט מֶען קָאנְפֶעסְקִירְט , דִיזֶעס אַלְם אִיזְט נוּר דוּרךְ גֶעלְט גִישְׁעהֶען וְויא מִיר וֶועלִין וַוייטֶער דֶער צֵייהְלִין אִין צְווייטֶע טְהַייל :

עֶנדֶע פוּן עֶרסטֶען טהייל

צווייטע טהייל

1.

סארינא נאל דיא קינדער ערציהערין

איין גאנץ גידיכטער דונסט (טומאן) האט זיך ביא נאכט אויס גיברייטעט איבער דיא פאר פלאנטערטע נאסין פון לאנדאן דאס ניט קוקינדיג אויף דיא פילע און העלע לאנטערנעס וואס האבין דאן בעלויכטין אלע אירע שטראזין, האט מען דאך ניט גיקענט דייטליך זעהן וואס עס טוט זיך פאר פינף טריט ווייטער, און עס וואר אלזו איינע אונמעגליכקייט פאר איינעם פרעמדין (ניט אהיגין) איבער צו גיין צעהן קלאפטער איבער דיא נאסע טראטואַרען דאס ער זאל ניט פרעגין צעהן מאל דיא פאליסמענער (גאראדאוואָעס) וואס שטייען דארט זייער גידיכט אום צו וויסין וואו ער איז דארט אין דער וועלט, און ביא אלעם דעם איז גיגאנגען אין דיזער דונקעלע נאכט איין גיוויסער אויס לענדער איין שפאנאל, זייער שפארקע וויא איין גיניטער וואס איז שוין בעקאנט מיט לאנדענער גאסין ניט פרעגענדיג איינעם פון דיא פאליסמענער וואו היין ער זאל זיך ווענדין, ער וואר איין גיהילט אין איינעם גראען מאנטיל און דיא היטיל אראפ גירוקט איבער דיא אויגין, ער איז זיך גיגאנגען פאזע פון דיא לאנגע מויערין פון דעם טויער און האט וואס גיהאלטין איין גיטולעט אין דיא ארעמס זיינע:

ער איז זיך אזו גיגאנגען ביז ער איז פאראיבר דעם טויער הילא, און דאן האט ער זיך פאר קערעוועט אין דער טעמסקיע גאס וואס ציהט זיך פאר ביא דער טעמזע (לאנדענער טייך) ביז לאנדענער בריק, עס האט נאך דארט גיקאכט פון מענטשין, פוס גייער און פארענדע אין עקאפאזין, דען דארט איזט דיא לאנדענער טאמאזנע, און דאהער וואר ניט איינער וואס זאל בעמערקט האבין דיזין שפאנאל (שפאניער) וואס האט זיך ביא יעדין שריט אלץ אום גיקוקט וויא איינער וואס פירכטעט זיך צו פערפאלגט (פאסלעדעוועט) מען אים ניט פון הינטין, ער איז זיך גיגאנגען אזו אונגישטערט ביז ער איז גיקומען פאר ביא איינער לאנטערנע וואס לעבין איר איז גישטאנען איין פאליסמאן וואס האט ניט אויסין גילאזין פון זיין אויג ניט איין פאר ביא גייענדין, דיזע לייטע האבין אדלער אויגין, זייא זעהן אין דונקעלין וויא דיא קעץ, דאס עס ענטגייט ניט איינער פון זייערע אויגין, זייא זעהן אלץ אונגיזעהן צו ווערין פון איינעם אנדערין, און זיינען אלזו דיא שפיר הונדע פון דער פאליציא, און אזו איז דיזער שפאניער אויך ניט ענטגאנגען פון דיזעם פליסמאנס בליקען וואס ער האט אים אן גימערקט באלד נור דורך זיינעם ארום קוקין זיך אלע ווילע אהינטער, ער האט בעקומען באלד איין פערדאכט (פאדאזרענע) אויף אים, און האט אים גיפרעגט זייער הייפליך וואס ער טראגט אונטער דעם פלאצין זיינעם:

„אונ וואו הין צילט אייער פראגע" ? האט אים דער שפאניער גיענטפערט אין דער איינגלישע שפראכע וויא איין אויס לענדער „איך טראג וואס מיר גייטיג איזט" „איך בין איין פאליסמאן" האט ער אים גיענטפערט" „אונ האב רעכט צו פרעגין איינעם יעדין וואס נור מיר בעלאנגט צו וויסין , אונ ווען איר וועט מיר ניט זאגין וועל איך אייך אפ פירין אויף דער פאליצייא , אלזו שוינט אייער עהרע אונ זאגט שוין וואס איר טראגט , אונ ווען עס איז ניט אונפארבאטענעס גייט אייך אין גאטעס נאמען" „אזו וויט וועט עס אונטער אונז ניט קומען" האט אים דער אויסלענדער גיענטפערט , אונ האט אויף גימאכט דעם מאנטיל אונ האט אים גיצייגט איין קליינעס קינד „איך האלט אים איין גיטולעט נור דארום דאס עס איז אים קאלט אונ שרעקט זיך פאר דעם גרויסין טומול אין דיא גאסין" „ווען אזו" ? האט זיך אפ גירופין צוא אים דער פאליסמאן , פאר צייהעט מיר אונ גייט אייך אין גאטעס נאמען :

דער אויסלענדער וואר העכסט צו פרידין מיט דיזער הייפליכין אנטווארט , האט איין גיוויקילט דאס קינד. ווידער אין מאנטיל דאס וואר אאינגיל פון אייאר צווייא וואס האט ווירקליך גיציטערט פון קעלטע, אונ האט גימאכט ברייטע שפרייזן אום לויז צו ווערן פון אים אימער אונ אייביג , אונ איז זיך גיגאנגען מער לייפענד אלס גייענד בייא דעם ברעג פון דער טעמזע , בייא אלעם דעם האט אים דער פאליסמאן ניט אראפ גילאזין פון אויג , דען ער וואר בעזארגט וועגין דעם קליינעם פילייכט וועט אים דער אונבעקאנטער אויסלענדער ארײן שמייסין אין דער טעמזע , דען עס טרעפט זייער אפט אין לאנדאן , דאס מען ווערט אויף אזו איין ארט אונ ווייזע (אופן) לויז פון קינדער וואס זיינען גיצייגט (גיבארין) דורך איינער פאר באטענע ליבע , וויא פון יונגע זייג הונדע , דאס מען דער טריינקט זייא , אונ איז נאך גיגאנגען אין דונקעלין דאס דער אויסלענדער האט אים שוין ניט גיקענט זעהן , דיזער פערדאכט (חשד) האט זיך אין דעם פאליסמאן נאך מער גישטארקט אלס ער האט בעמערקט דאס אלס דער אויסלענדער וואר שוין בייא דעם אנדערין ענדע בריק האט ער זיך אפ גישטעלט אונ האט זיך אן גיהויבין גאר פון דם נייא ארום צו קוקן זיך , עס איז אבער דאך ניט גיקומען דער צו , דען ער איז באלד מיט דעם קינד אראפ פון בריק אונ איז אוועק אין דער גאס טאאלהע וואס איזט זייער שיטער בעוואונט , אונ בייא אלעם דעם האט אים דער פאליסמאן ניט אפ גילאזין אונ איז אליין גיגאנגען פון ווייטין , אונ האט אים גיזעהן אריין גייענדיג אין אשמאלע געסיל וואס קומט ארויס צו דעם שטיינערנעם נאבערעזנע , פון דער טעמזע וואס דארט זיינען גישטאנען איניגע שיינע גימויערטע הייזער , דיא אלע לאנדענער פאליסמענער זיינען קלאר אין אלע הייזער אונ צו גלייך אין דיא אלע בעוואונער פון זייערע אוצאסטקעס , דאס מען קען זייא רופין לעבענדיגע אדרעסנע שטאלין , אונ דאהער אלס דער פאליסמאן האט אים גיזעהן אריין גייענדיג אין איינעם פון דיא דארטיגע הויפין , האט ער שוין זייער גוט פאר שטאנען אום וואס דא האנדילט זיך , אונ איז גיווארין

בערוהיגט , דען ער האט גיוואוסט דאס דיזעס הויז וואס עס איז אין אים אריין דיזער אויסלענדער מיט דעם קינד גיהערט צו דער מאדאם מאריא נאלל וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ערציהונג פון קינדער וואס ווערין צו גישיקט צו איר פון פארנעהמע דאמען וואס קענען זיך ניט ווייזין מיט זייא פאר דער אפענע וועלט , אלזו מוז דאס קינד וואס דער אויסלענדער האט אהער אריין גיטראגין אויך זיין פון דיזעס סארט :

דיא מאריא נאלל מאכט דער פון זייער גוטע גישעפטין , דען זיא נעמט גרויסע פרייזין דער פאר , דאס איז ארויס צוא זעהן פון דעם רייכין עקיפאז אונ טייערע גישפאן (פיר פערד) וואס זי פארט אין אים ארוים מיט איר גיליבטען אום זומער אין דעם פארק גידא , דאס מען מיינט עס פארט איינע גרעפין , איינע פירשטין , איר גיליבטער האט גיהייסין עדוארד פולטאן , אונ וואר אין גאנץ לאנדאן גירופין (אשם גיהאט) פאר אגרויסין קאפיטאליסט :

אלס דיזער אויסלענדער האט אן גיקלאפט דארט אין טיר וואר ער פון אינוויינינג גיפרעגט „וואס ברויכט איר“ ? איך האב וואס נייטיגעס צו שפרעכין מיט דער מאדאם נאלל „וואר דארויף דיא אנטווארט פון דעם אויסלענדער“ דיא מאדאם קען איצונד נימאנדין אויף נעהמען „וואר דארויף איינע אנטווארט פון אינווייניג“ „זיא טרינקט איצונד טייא“ „ביא אלעם דעם לאזט מיך אריין“ האט זיך דער אויסלענדער אפ גירופין „דען איך ווער ערוווארטעט פון איר , דען איך בין דער הערצאג“ קוים האט ער דיזין נאמען אויס גישפראכן האט די דינסט (איינע אלטע מאגערע פרויא) באלד גיעפינט דיא טיר אונ האט אים אריין גיבעטין אין שטוב „אלזו נעמט צו דיזס קינד“ האט זיך דער אויסלענדער אפ גירופין צו דער דינסט אריין גייענדיג אין שטוב אונ מעלדעט מיך באלד אן אן דער מאדאם , דען איך האב גאר קיין צייט „ווען זייא זיינען דער הערצאג“ האט זיך דיא דינסט אפ גירופין „קענט איר שוין אריין גיין צו דער מאדאם אונגימעלדעטערהייט , דען זיא ערוואר מעט אייך“ אונ האט אים אזו גלייך אריין גיפירט צו איר אין נאבינעט , אונ זיא (דיא מאדאם) האט אים אויפגענומען זייער העפליך , דיזעס מאדאם וואר איינע העכסט ליסטיגע (חיטרע) פרויא וואס האט שוין מער אלס צוואנציג יאר בעטראגען דיא לאנדאנער פאליצייא , אונ אם ענדע האט זיך ענטדעקט איר שענדליכער גישעפט , אונ האט בעקומען איר לוין וויא זיא איז ווערט גיוועזן , אונ מיט דיזער פאר דארבענע פרויא וועלין מיר אונז באלד זיך מער בעקאנט מאכין , ווייל זיא שפילט איינע גרויסע ראלע אין אונזער גישיכטע :

אין דיזין הויזע פלעגין אויף גינומען ווערין פון איר אם מערסטין זייג קינדער וואס זייערע עלטערין האבין זייא ניט גיקענט ערציהען בייא זיך אין שטוב , אדער גאנץ איינפאך וואס האבין גיוואלט דאס זייא זאלין זיך אוועק שטארבן , אונ אזעלכע עלטערין זיינען דא זייער גינוג אין לאנדאן וואס ערמונטערן (זאחענצען) אזעלכע פארברעכערינן (פרעסטופניצעס) דאס זייא זאלין זיך בעשעפטיגן מיט אזו אמערדערישן אונבלוטיגין פראפעסיאן , איבער הויפט וואר

צו

צוא בעדויערין דיא ארעמע אונ עלענדע מיטער (מוטערס) וואס האבין איר אן גיטרויט זייערע קינדער נור אוים נויט, דען דיא מאדאם נאלל פלעגט גאר ניט צו קוקין אויף דיא קינדער פון ארעמע אונ עלענדע עלטערין, זיא האט זיך בעקימערט נור אום דיא יעניגע וואס זייערע עלטערין האבין גישאטין מיט געלט, אונ אלזו וואר איר הויף וואס וואר פון דרויסין שיין וויא איין פאראדיז (גן עדן) איינע מערדישע העלע פון אינעוויניג, וואס די אונשולדיגע קינדער זיינען אוים גשטאנען דארט אלע שרעקליכסטע קוואלין (שמערצין) וואס קענען גישעהן אויף גאטעס וועלט, הונגער, קראנקהייטין, אונציכטיקייט, וויא מיר וועלן דא ווייטער שרייבן:

דיזער אויסלענדער וואר אויף גינומען פון איר אין איר גאבינעט וואס וואר העכסט רייך גיפוצט אונ גיצירט וויא איין גאבינעט פון איינעם פילאזאפישען מיליאנער, עס וואר דארט צו זעהן גרויסע זעלטענהייטין, אונ אלטערטימליכע (טייערסטע) זאכן, אויסגיזוכטעסטע מעביל, אין דיזין גאבינעט פלעגט זיא אויף צו נעמען גראפינעס, פירשטינען, אונ זייער אפט אויך פרינצעסינען, וואס פלעגין איר אוים צו ציילין אויף איר טייערין שרייב טישיל גרויסע זומען אין גאלד, אונזער שפאניער האט דארט אוים גיטאן זיין מאנטיל אונ זיין הוט, אונ דאן האט מען שוין גיקענט בעטראכטין זיין גישטאלט אין גאנצין, ער וואר הויך אונ שטארק גיבויט, נור זיין גיזיכט וואר לאנג אונ שמאל, דער צו נאך גאנץ שמעכטיג (דאר) ארום גיוואקסין מיט אנעלין האלב גישארענעם באָרד, זיינע אויגין ווארין שאר אדער גרא, אונ האבין זייער אונפריינדליך ארויין גקוקט אין גאטעס וועלט, אונ דער גאנצער אויסדרוק (מינע) פון זיין גיזיכט וואר איין געמיש (אצומישונג) פון גרויסין אדעל אונ פון פעביל־האפטעס (פראסטאטא), דאס קינד וואס ער האט מיט זיך גיבראכט איז דאן גיזעסין לעבין אים אויף איין שטול, האט אין אנפאנג גיציטערט פון קעלט, אונ נאך העער האט ער זיך פון איינאנדער גיוויינט, אונ האט דער ביא גישריען „א ליבע מומע דאלאריע, א דאלאריע"! דאס וויינען וואר ניט וויא איין קינד וואס וויינט נור מעכאנים (אן אנעפיהל), ניין ער האט פון הערצין גיוויינט עפעס וויא איינער וואס בעדויערט זיין אומגליק, אונ דאס גיזיכט וואר שמוציג פון דיא טרערין וואס זיינען אים גילאפין איבער דיא באקין אונ זיינען ניט גיווארין אפ געווישט, אונ ביא אלעם דעם איזט דער פרעמדער גיבליבין דער ביא גאנץ אונגערירט, אונ האט נאך דער צו שטילער הייד איין גיבאמט אים אין אויער „ווערסט דוא שווייגן איז גוט, ווען ניט וועל איך דיך שלאגין ביז צום טויט":

דיא מאריא נאלל וואר איינע גיבארענע איינגלענדערין, שיין גיוואקסין, וואר דאן אלט פיר אונ צוואנציג יאר, אירע גיזיכט ציגען (דער ריסוניק פון איר גיזיכט) ווארין פון גראבין קאליבער, אירע אויגין ווארין גרא אונ איינעטוואס אוים גיפוצעט, גקליידעט וואר זיא גאנץ איינפאך אונ האט אין אלעם אוים גיזעהן וויא איינע גיזעצטע דאמע מיט איינעם פעסטין כאראקטער וואס איזט גאנץ גישאפין צו איר פראפעסיאן:

אין דער טהאט אָבער (בּאֱמת) וואר זיא אין גאנצין דער הפך דער פון דען זיא וואר איין בּייזער דעמאָן (טייוויל), העכסט איינגעגניציג, בּלוט גיריג וויא איינע רייסענדע היענע וואס פאלט אָן פלעצליך אויף שלאָפענדע מענטשין:

„איר זייט מיר העכסט ווילקאָמען" האט זיא צו אים גיזאָגט „איך בּעטע אייך הערצאָג זעצט אייך אַנידער, אָ וואס פאר איין שיינעס ליבּליבּעס קינד איז עס, אָ גיבּ מיר דיין שיינעס האנדכען" האט זיא גיזאָגט צו גייענדיג צו דעם קינד, נון פאר שטייט ער שוין וואס מען רעדט צו אים? „ער פאר שטייט נור. אויף שפּאניעס" האט ער איר גיענטפערט „אָבער ניט אויף איינגילס" „דיא וועלט זאָגט" האט זיא זיך אָפּ גירופין צו דעם שפּאניער „דאס איר זעלבּסט זייט גיבּאָרין אין איינגלאנד" דער פון מאדאם איז איצונד קיינע רייד „האט ער איר גיענטפערט" איך בּין גיקומען צו אייך נור אום צו פרעגין, אָדער בּעסער צו זאָגין אום צוא בּעטין אייך, דאס איר זאָלט אָן נעמען אין אייער אַנשטאלט (זאָוועדעניע) דיזין קליינעם יונגע:

„וויא דיא וואָרהייט צו זאָגין" האט זיא זיך אָפּ גירופין בּין איך איצונד אַזוֹ גאָר גאנץ איבּער לאָדין מיט אַזעלכע וואארע, דען מיין אינסטעטוט איז פול אונ פּאַק מיט קינדער פון פאר שיידענע שטענדע (גראַדין), אונ דאס איז נור וועיל מען האט איין גרויסין צו טרויען צו מיר, נור בּייא אַלעם דעם, וועל איך אייך ניט ענטזאָגין אונ וועל מיר דיא מיהע נעמען אוים צו זוכין אין מיינער זאַוועדעניע נאָך איין אָרט פאר דעם קינד אויך „דען איר זייט דאָך פּאָרט איין הערצאָג:

„פאר גיוויס וועט איר נאָך גיפינען אַווינקיל פאר דיזעם קליינעם יונגע" האט זיך דיזער הערצאָג אָפּ גירופין צו איר, אונ האָפע דאס איר וועט אים גאנץ מיטערליך בּעהאנדלען, אונ וועט אים דער האלטין בּיים לעבּין, אונ דאס איך זעלבּסט וועל מיר נאָך נעמען צייט אויף אים אַכטונג צו געבּין, אונ גיבּ אייך שוין אין פאָר אוים טויזינד שטערלינג אויף פאר שיידענע קאָסטין, אַלזוֹ אָפּ גימאַכט אונ לעבּט אייך וואוֹל:

„אונ נאָך זיינען מיר ניט צו ענדע מיט דיזעם גישעפט" האט זיך אָפּ גירופין דיא מאַדאם נאלל, עס מוז נאָך מאַנכע פּאָרמאַליטעטין גישעהען, אין דיזעם ריידענדיג האט זיא אויף גיעפינט אַגרויסין אונ אַנגראָבּין בּוך וואס עס איז גילעגין אויף איר שרייבּ טיש, אונ האט גיפרעגט בּייא אים וויא דאס קינד הייסט „שרייבּט איין זיין נאָמען דעגאָן קאַרטינא" האט זיך דער הערצאָג אָפּ גירופין, אונ וויא הייסט דער אָרט וואו אייער בּעשטענדיגער וואוֹנונג איז? „האט אים דיא מאַדאם ווייטער גיפרעגט" איך וואוֹן אין דער אַקספאָרדער גאַס נומער 10" האט ער איר גיענטפערט „נון העטע איך גיוואונציין" האט זיא צו אים ווייטער גיזאָגט דאס איר זאָלט זעלבּסט אייער נאָמען איין שרייבּין אין דיזעם בּוך, אום צו קענען צו אַדרעסירין זיך צו אייך אין איינעם נויט פאל. „דאס זאָלט איר פון מיר ניט פאר לאַנגען" האט ער איר גיענטפערט, גינוג דאס איר ווייסט וואו איך וואוֹן, אַלזוֹ קענט איר שוין וואס נייטיגעס אָן מעלדין צו מיינעם קאַמער דינער

דז״ן

דזאן „אייער ווילע זייא גישעהן" האט זיא אים גיענטפערט, אונ האט אים צו גלייך פערזיכערט, דאס זיא וועט דאס קינד גאנץ מיטערליך בעהאנדלען, אונ וועט בלייבין זיך זעלבסט איין גיהיימנים (דאס הייסט ער וועט ניט וויסין ווער ער איז) ביז מען וועט אים אפ נעמען פון איר אנשטאלט, באלד דארויף האט ער זיך אן גיטאן אום אוועק צו גיין שוין, האט גינומען אבשייד פון דער מאדאם, אונ האט זיך דאך פאר זאמט נאך איינינע מינוטין דארט אום איין צו שטילין דאס קינד וואס האט זיך איבער נייעס פון איינאנדער גיוויינט אונ האט גישריען אין איין קול דאלארעס, אונ איז ארויס פון דארט ערסט נאך דעם אלס מען האט שוין דאס קינד ארויס גיטראגין פון דיזעם גאבינעט אין דעם זאל וואס דארטין ווארין נאך איינינע צעהנדלינג זיינעם גלייכין, אונגליקליכע אפפער, וואס זיינען בעשטימט אפ צו קומען דארט אין זייער קורצין לעבין וואס איין אונגליקליכער קען אויס ליידין אין דעם גאנצין פערלויף פון זיינע זיבעציג יאר, אונ פאר גיוויס פאר שטייסט דוא מיינע לעזערין שוין פון זעלבסט דאס דיזער שפאניער וואר קיין אנדערער אלס דער ענדעמא, וואס האט זיך אויס גיגעבין פאר דער מאדאם גאלל פאר דעם עכטין הערצאג פון מעדינא, איר קלוגעס אויג אבער האט אים זייער גוט דורך גינומען, אונ האט זייער גוט פאר שטאנען, דאס דיזער מענטש איז ניט אין דער ווארהייט וואס ער שיינט צו זיין, אונ עס איז מיט אים וואס גיהיימנים איבער גיהיימנים, אונ האט בייא זיך גיטראכט „וואס קימערט עס מיך ווער ער איז ווען איך ווער נור העכסט גוט בעלוינט פון אים":

עס וואר דאן שוין גאנץ שפעט אין דער נאכט אונ בייא אלעם דעם האט נאך דיא מאדאם גאלל נאך ניט גידיינקט פון צו בעטע צו גיין, דען זיא האט גיהאט נאך וואס וויכטיגעס צו שפרעכין מיט איר גישעפטס פירער (פאווערענע) עדוארד פולטאן וואס דיא וועלט האט אים גיהאלטין נור פאר איר גיליבטען, אונ איז ארין צו אים אין צימער וואס ער איז ניט לאנג אין אים ארין קומענדיג פון שטאט, אונ האט אים דער וויסט בייא דעם סאמאוואר:

דיזער עדוארד וואר דאן אלט אזאר פיר אונ דרייסיג, מיט איינעם שווארצין בארד, אינם גיזיכט ווארין גינוג שפורין (סלאדעס) פון איינעם אויס גילאסענעם אונ פאר דארבענעם יוגענדס לעבין, אונ אזו וואר זיין גאנצעס אויסזעהן אויך, אונ אויך עפעס ווי האלב ווילד, גראב, אונ פרעך (חוצפעדיג) „ביזט דוא גיוועזן בייא דער לאדימארטאן"? האט זיא אים גיפרעגט מיט דער שטימע פון איינער נעביטערן (באלאבאסטע), „יא איך בין בייא איר גיוועזן" האט ער איר געענטפערט, נור זיא האט מיר גילאזט אצייט ווארטין אין פאר צימער, איך העטע זיך וועטין קענען דאס עס וואר בייא איר דאן דער פרינץ, אונ האב אזו גיהערט דאס זיא האט וועגין מיך זיך נאך גיפרעגט בייא איר קאמער מיידכען אין דעם צווייטין צימער וואס איז גאנץ מעגליך האט זיך דיא מאדאם גאלל אפ גירופין „דאס זיא פירכטעט עס דער לארד זאל זיך ניט אום קערין, אלזו מיט וואס האט זיא דיך אפ גיפרעגטעט"? „איך האב איר פאר שפראכין" האט ער איר גיענטפערט

דאס

דאס איך זאל איר אין דיזע נאכט בעפרייען פון דעם אינגיל" "אונ וויפיל גיט זיא דיר דער פאר" ? "האט זיא אים ווייטער גיפרעגט" "צווייא טויזינד סוועווערען" (אזעלכע מינצין) "האט ער איר גיענטפערט" "איינע העלפט דער פון האט זיא מיר שוין גיגעבן" "אלזו אדיע האט זיא זיך אפ גירופין, דען עס איז ניט צו שפרעכן מיט דיר אין דיזער נאכט, דוא ביזט מיר עפעס וויא צו טראגין עדואַרד" "ווייל מיין הערץ זאגט מיר" האט ער איר גיענטפערט, דאס דיזע גישיכטע וועט אונז אן מאכין גרויסע אונאנגענעמליכקייטין (נעפריאטנאסט), עס איז דיא מיהע ניט ווערט אום צו טאן עס פאר אזו אקליינעם פרייז, ניט פאר געסט דיזעס קינד איז דאך אפרינץ. "אונ איך בין אויך דיזער מיינונג" "האט זיא אים גיענטפערט" דוא האסט דיך בענארעסט, האסט גיקענט פיל מער בייא איר אויס הייבין, זיא איז דאך שוין איין מאל אין אונזערע הענט "זיא וועט נאך אבער מארגין קומען אהער אום צו מאכין מיט אייך איין רעכענונג, אונ מיר האבין נאך אלזו צייט דיזער סומא צו פערטאפלען, אונ שוין ניט זימער וועלין מיר אונז פאר געמען מיט דיזעס בלוטיגין גישעפט" ? "אזו נאר" ? האט זיא זיך אפ גירופין צו אים לאכענד "האסטו שוין אנגיהויבן צו ווערן פייג (טרוסליווא)" "איך בין ניט פייג (טרוסליווא)" האט ער איר גיענטפערט "נור איך בין אראפ גיפאלין בייא זיך איבער איינער זאכע, איך בין היינט גיוועזן בייא דיא צויבערין וואס וואונט אין סוטענדע, אונ דיזע אלטע העקסע (מכשפה) האט מיר פראפעצייעט דאס ווען איך וועל ניט אויף הערין צו טרייבין דיזין בלוטיגין גישעפט וועל איך ענדין אין קורצין מיין לעבין אויף דעם גאלגאן (תליה) אונ דאס וויל איך ניט:

"אונ דוא גלויבסט אין אזעלכע דומהייטין" ? האט זיא זיך אפ גירופין צו אים מיט איינעם גיצוואונגענעם לאכין "אלזו איז מיט דיר היינט ניט צו שפרעכן" אונ איך גייא שלאפין, אונ ער איז גיבליבין אין זיינעם צימער העכסט אונרוהיג אונ אונאייניג מיט זיך זעלבסט, נון מיינע טייערע לעזערין איז שוין דיא העכסטע צייט דאס מיר זאלין רעווידירען דיזע זאוועדענע (אנשטאלט) אום צו בעזעהן דיזע קליינע וועזענס (בעשעפענעסין) וואס ווערין דארט ערצויגין, עס ווארין דארט מער אלס הונדערט קליינע קינדער וואס זיינען גילעגין אין קליינע דומפפע (פאר שטיקטע) דונקעלע צימערין וואס זייערע טירין ווארין געווענדעטען אין צווייא לאנגע קארידארין (לאנגעם פאר הייזער), זייא זיינען גילעגין אין קליינע בעטלאך, אויף שמוציגע שעניקלאך, צו גידעקט מיט קליינע קאלדרעצקעס וואס ווארין שוין האלב פאר פוילט פון נאסקייט אונ פון אונריינקייט, העכסט אונפלייטיג אונ צערפעצט (צו ריסין), זייא ווארין גיסארטירט, דיא גאנץ פיצינגע בעזונדער, אונ דיא דער וואקסענע בעזונדער, דיא איינגערע ווארין גיפויעט צווייא מאל אין טאג מיט פאר דארבענע מילך, אונ דיא עלטערע מיט קאלטע קארטאפיל, אויך ווארין די גאנץ קליינע אום גיטראגן זייער אפט דורך די דארטיגע אויפווערטערינען צו פארנעהמע וועכנערין (קינפעטארענס) אום אפ צו זייגין דיא קראנקע בריסט, דאהער איז קיין וואונדער. דאס ניט איינער פון זייא האט ניט דער לעבט אויס

צו

צו האדעווען זיך, דער שטארקסטער פון זייא האט גיקענט קוים דער ציהען דאס דריטע יאר, פלעגין בעפאלין ווערין מיט דער איינגעלשע קראנקהייט אונ פלעגין צו שטארבין דורך איינעם קוואלפאלען (שמערצליכין) טויט, אונ עס וואר ניט איינער וואס זאל נעמן רעכענונג פון דיזר בלוטיגע פרוי איבר דיזע אונשולדיגע זיילין, ווייל זייא אלע זיינען על פי רוב גיבארין גיווארין דורך איינע פערבאטענע ליבע, אונ דיא עלטערין זייערע האבין זיך אפ גשיטעלט פון זייא וויא פון איינער שווערע זינדע, אונ וויא אויך דאס שטארבין אונטער דיא עלענדע קינדער וואר זייער גרויס, האבין זיך דיזע ביידע מערדער, דיא מאדאם גאלל אונ דער עדוארד פולטאן נאך ניט פערלאזין אויף דעם טוידעס איינגעל (מלאך המות) אליין, דען ער וואר זייא צו טרעג (צו פויל), אונ האבין זיך דאהער ניט פאר לאזין אויף אים אליין, אונ האבין אלזו מאנכע קינדער זעלבסט ערמארדעט, אונ דאס וואריין אזעלכע וואס וואר איינגיצאלט פאר זייא גרויסע סומען געלד אין פאראוים אויף כמה וכמה יאר, אדער אזעלכע וואס דיא עלטערין האבין עס זעלבסט גיוואונצין, אזו איינער וואר אויך דאס קינד פון דער פרינצעסין וואס דער עדוארט פולטאן האט אים דיזע נאכט גיבראכט אהער, ער וואר אלט דרייא מאנאטע, גיזונד וויא אריב אונ שיין וויא איין איינגיל, ער האט אים באלד וויא דיא מאדאם גאלל איז אוועק פון אים באלד ערמארדעט אונ בעהאלטין אים אין דעם זעלבינין ארט וואו אלע ערמארדעטע קינדער ווארין דארט בעהאלטין, אין אטיפע גרוב וואס וואר דארט אין הויף וואס אויף איר איז גישטאנן אקאסטן אונגילאסינע וואפנע, ערסטינס אום צו בעשיטין דער מיט דעם קליינעם טויטין קערפער דאס עס זאל קיין גרוך זיין, אונ צווייטינס דאס עס זאל ניט קענטיג זיין דאס דארט איז אגרוב, דען עס האט אויס גיזעהן נור וויא דאס איז גימאכט אום נור צו פאציגעווען דער מיט דעם הויף אונ ווייטער ניט:

אט אזו ווייט איז דאס מענשליכע הערץ פאר דארבין, דאס ער בעענדעט זיין אנגעפאנגענעם פאר ברעכין זעלבסט אין דער שטונדע פון זיינעם גייען אין זיך (פון זיינעם בעדייגקען זיך וויא ווייט ער איז אין זינדין פאר קראבין), אונ בייא זיינעם פילין דאס גאנצע גיוויכט פון זיינעם לאסטער, אונ דער צו נאך דיא שווערע שטראפין וואס ווערט דארויף פאלגען (קומען), וויא דער פאל וואר איצונד בייא אונזערין עדוארד פולטאן:

קוים וואר דיזער עדוארד פארטיג מיט זיינער בלוטיגע ארבייט אונ וואר שוין אין בעגריף צו גיין שלאפין, האט מען אן גיהויבין צו קלאפין אין טיר, עס וואר דאן שוין ארום צוועלף דעם זייגער, אונ דיזעס האט נאך דאס קיין מאל גיטראפין דארט, דאהער זיינען דיזע ביידע בלוט לייטע גיווארין זייער צו שראקן, דיא מאדאם אליין איז ארויס צום טיר אונ האט גיפרעגט ווער איזט עס "איך בין איין פאליסמאן" וואר גיענטפערט פון דרויסין, אונ וויא אויך דיזע אנטווארט וואר איר זייער אונהיימליך האט זיא דאך גימוזט באלד עפינען "נעמט ניט פאר אומגוט" האט ער זיך אפ גירופין" וואס איך בעאונרוהיג אייך אזו שפעט, דען

איך

איך האב וואס נייטיגעס אונ וויכטיגעס צו פרעגן , אונ דיזעס קען ניט גישעהען שטייענדעס פוסעס ביא דער טיר אב גיטאן ווערין , ערלויבט מיר ארין צו גיין צו אייך אין שטוב :

זיא האט אים ניט גיקענט איינווענדן וואס דער ביא , אונ האט אים ארין גינומען צו זיך אין גאבינעט אונ האט אים גיבעטין זיצין „איך וויל אייך פרעגין„ האט ער זיך צו איר אפ גירופין „ווער איזט פאר איינער דער וואס איז פאר אפאר שטונדין ארין צו אייך אין שטוב מיט אקינד , וויא רופט מען אים , אונ וויא רופט מען דאס קינד , איך וייס דאס איר זייט דיא פארשטייערין פון דיזער זאוועדעניע (אנשטאלט) , אונ דאס עס ערציהען זיך ביא אייך קינדער וואס זיינען גיבארין פון איינער פערבאטענע ליבע , אונ דיא פאליצייא דארף אזו גאר ניט וויסין וועמען זייא אן גיהערין , ביא אלעם דעם וויל איך וויסין ווער דיזער איז , דען ער איז מיר העכסט פערדעכטיגט (פאדאזריטעלנע) , איך בין דער מיינונג דאס ער האט גיוואלט דאס קינד גאר דער טרינקען , ער האט עס ניט גיטאן גלויבע איך נור וייל איך האב אים אן גיהאלטין , נון וויל איך וויסין צו האט ער אייך דאס קינד ווירקליך אפ גיגעבין , אונ וויל וויסין שוין אויך ווער ער איז.

„דיזעס אלעס וועט איר וויסין פון מיינעם בוך„ האט זיא אים גיענטפערט , אויף מישענדיג אים איר זורנאל אונ האט אים גיוויזין , דאס דאס קינד הייסט דזאן קארטינא , אונ דאס ער אליין איז איין שפאניער איין הערצאג פון מעדינא , אונ לאזירט אין אקספארטער גאס נומער צעהן , דער ביא וואר דיא דאטע פון דיזער נאכט , „איך בין צופרידין„ האט ער איר גיזאגט „נור איין זאך וואונדערט מיך דאס איך זעה דא אין אייער זורנאל זייער פיל קרייצין אויף דיא קינדער נאמען וואס דאס צייגט אן אויף זייער שטארבן , אונ דיזעס איז פיל מער אלס גוואונליכעס„.

„דאס איז נור וייל דאס שטערבין אונטער קינדער„ האט זיא אים גיענטפערט „איז פיל מער אלס אונטער גיוואקסענע , זייא קענען עס זיך ערקונדיגין ביא אלע היגע ערצטע „איך בין אין דיזער שטאטיסטיק (פאליטיצנעס רעכענונג) ניט אזו בעקאנט„ האט ער איר גיענטפערט , האט ער איר נור די נעמען מיט דער דאטע ארין נאטירט אין זיין טאשין ביכיל , אונ האט איר ווידער גיבעטין אום פאר ציייהונג אונ איז זיך אוועק פון איר , אונ זיא האט הינטער אים באלד ווידער צו גישלאסין דיא טיר אונ האט זיך גילייגט שלאפין :

„דאס הויז ביא דעם ברעג פון מעער„

ביא דער מינדונג פון דער טעמזע אינס מעער (דאס הייסט דיא שטעלע וואו דיא טעמזע גיסט זיך ארין אין ים) גיפינט זיך אקליין שטעטיל וואס הייסט סוטענד , זיא איז וייט פון לאנדאן נור זעקס מייל אונ איז מיט איר פעראייניגט דורך איין אייזינבאהן , אונ זיינען אלזו דאהער איינע פון דיא אנדערע וויא צו זאגין

זאגין נור איין האזין שפרונג, דען אין איינער שטונדע איז מען פון לאנדאן אהין און פון דארט קיין לאנדאן, אום זומער איז דיזע שטעטעלע בעלעבט פון לאנדאנער שפאצירין פארער, זייא קומען אהין פון אווינד און נעכטיגין דארט, פילע האבין דארט זיך אויס גיבויט שיינע זומער הייזער (דאציעס), שיינע גערטנער גיפלאנצט, און אין דער פריא פארין זייא זיך אפ צוריק קיין לאנדאן, אום ווינטער אבער איז דיזעס שטעדכען וויא אויס גישטארבין, דען עס איז דארט דאן דער וועטער זייער רויא און קאלט, עס איז פאר טויבט צו ווערין פון דעם רוישין דעם מעערעס, דיא דאציעס זיינען צו גישלאסין, דיא פישער וואס זיינען דארט דיא בעשטענדיגע איינוואונער (קארענע זיטעלעס) פירכטין דאן דאס מעער און טרויען זיך ניט אן זייגע וועללען וואס קאכען דאן וויא אין אקעסיל, און בלייבין דיא גאנצע צייט רוהיג אין זייערע היטען אום צו פלעכטין נעצין נייע, און צו פאריכטין דיא אלטע, אויסבעסערין זייערע שיפעלאך, און עסין קארטאפיל מיט גיזאלצענע פיש.

אין יענער צייט פון וועלכער עס ווערט דא דער ציילט אונזער געשיכטע, איז גענשטאנען דארט האט לעבען דעם ברעג פון מעער אהויז וואס וואר איין מיטעלדינג (איין ממוצע) פאן איינער פישער היטע און פון איינער בירגערליכען (באלעבאטעשען) וואוינונג, דען עס וואר גיבויט פון האלץ אויף איינם גימויערטן פונדאמענט מיט אסיילקע אויבין, און ביא אלעם דעם וואר עס מיט קליינע פענסטער, מיט קליינע טירין, און האט אין גאנצען אויס גיזעהען זייער ארעמזעליג, און וויא אויך עס וואר גאר אן אפאסאן, וואר עס בעוואוסט און בעקאנט אין דעם אומגעגענד פון וויפיל מייל, און פשיטא שוין פון דיא שטעטעלדיגע איינוואונער, און דיזעס וואר נור צו ליב דיא אלטע ווירטין פון דיזעס הויז וואס האט גיהייסין ראדלאין, זיא וואר גירופין דארט „דיא טאנטע (מומע) און ביי אלעם דעם האבין איר אלע דארטיגע איינוואונער אויס געמידין ווייא דיא פעסט, ווייל זיא האט דארט גיהאט איין גאנץ שלעכטן בערוף (שם), דער דארטיגע פעביל (צארנער נאראד) האבין איר גירופין העקסע (צויבערין), און אין דער ווירקליכקייט האט זיא עפעס וויא אויס גיזעהן דארויף, ביא דער מיטעלע קלאסע מענטשין וואר זיא גיהאלטין נור פר איינע וואהרזאגארין, ביא דער גאר הויכע קלאסע אבער האט מען איר גיהאלטין פאר דאס וואס זיא וואר אין דער ווירקליכקייט, פאר איינע קופלערין (הורין פאקטערקע), פאר איינע אינטרעגאנטקע וואס וואר פייהיג (ספאסאבנע) צו טאן אלע פאר ברעכין אין דער וועלט פאר איינע גוטע בעלוינונג, און וואר נאך דער צו פאלש וויא דער טייוויל, דען זיא פלעגט צו נעמען געלט פון ביידע צדדים און אויס גיפירט פאר דעם צד וואס זיא האט גיהאט פון אים מעהר אלס פון דעם אנדערין:

זיא וואר אליין נידעריג, איין עטוואס הארבעוואטע, מיט אלאנגין נאז, מיט צוויא קליינע פונקעלדיגע און גלענצענדע אויגין וויא פון איינער איידעקסע (יאסצערקע), דער צו נאך איין עטוואס געשילט (קאסאקע), זיא וואר דאן שוין

איאר

איאר זעכציג אונ איז גינאנגען אויף איינער קריקע (קולע) , ווי עס וואר העסליך איר אויס זעהען , אזו וואר העסליך אויך איר כאראקטער , זיא וואר אגרויסע מענטשין פיינדין , איבער הויפט האט זיא ניט גיקענט ליידין איינע שיינע פרויען צימער וויא אלע פערקריפעלטע (הארבעוואטע) פרויען,פלעגט אויף זייא אויס צו ליידין וואס אין קארט שטייט , איר וואוינונג איז גישטאנען גאנץ אליין , אונגיפער (בערך) אהאלב ווערסט פון שטעטיל, אונ האט ניט גיהאט קיין אומגאנג (שנאסענע) מיט איינעם פון דיא שטעטיל לייט, אונ ביא אלעם דעם וואר ארום איר וואוינונג איין יריד פון פרעמדע מענטשין , עס וואר צו זעהן ארום איר שטוב אימער , איבער הויפט אין ווינטער צייט אין דיא גרויסע אווינדן , עקיפאזין פון פארשיידענע קאליבערין (פאסאנען) , אונ אום זומער זייער פיל גאנדאליך (רעמיזאווע שיפלאך) מיט גרויסע הערשאפטין פון לאנדאן , פון פאן מארגאטא , הערען אונ דאמען וואס פלעגין ווערין אויף גינומען פון איר אין איר זאל וואס וואר מיט רויטע פאווילאנעם ארום דיא פענסטער , איבער וואס עס וואר דארט פאר האנדילט איז אונז ניט צו וויסין , נור דאס איז אויס גימאכט, דאס מען האט דארט גישפראכין ניט וועגין דעם שטיין דער ווייזען (מקור החכמה) אונ ניט וועגין מעשים טובים , אונטין וואר מיט איר קיין נפש לבד איינע אלטינקע פרויא וואס פלעגט איר איין צו קויפין וואס נייטיג איז , אונ וואס האט אויס גיוויזין שטום צו זיין , דען זיא פלעגט איין צו קויפין אלץ מיט איינעם ווינקען , אונ דאהער וואר איר שטוב איין גיהיימניס פאר דיא שטעטיל לייט , נור אויבין אין סיילקע האט גיוואונט איין מיידכין פון אויס גיצייכנטער שיינהייט , אזו האבין דער ציילט דיא פישער פרויען וואס פלעגין איר זעהן אלע פריא מארגין ארויס שטרעקענדיג דעם קאפ דורך דעם קליינעם פענסטער אום פרישע לופט צו חאפין , אונ פלעגין בעדויערין דאס אזו אשיינע בעשעפעניס זאל ווערין בערויבט פון דער ווייסע וועלט . דען עס וואר איר ניט ערלויבט ארויס צו גיין אטריט פון דארט , אדער אווארט צו שפרעכין מיט וועמען , זאנסט וועט איר דיא העקסע (מכשפה) פאר וואנדלען אין איינעם ווילדין פאגיל (אזו האבין דיא פישער פרויען גיגלויבט) :

קורץ דער פון דיזע אלטע וואר דער שרעקין פון דיזער גאנצער שטעטיל , עס וואר ניט ארוים צו נעמען די פון הערצן דאס זיא איז איינע העקסע (מכשפה) , אונ האט נאך דער צו איין ביינעם אויג דאס ווער עס בעגעגינט איר נור צו אמענש צו אפיה (אבהמה) מעג שוין זיין זיכער דאס עס וועט אים טרעפין איין אונגליק , דאהער פלעגין זיך דיא פישער אוסקערין אהיים באלד נור וויא זייא האבין איר גיזעהן אריבער גייענדיג איבער זייער וועג , דען זאנסט (אזו האבין זייא גיגלויבט) וועלין זייא זיך אומזאנסט בעמיהען אדער זייא וועלין דער טרונקען ווערין , אונ אן ביא שפילין האט זייא שוין ניט גיפעלט , דען וועלכעס אבערגלויבין האט ניט זיינע ריכטיגע בעווייזע

עס וואר ווינטער צייט , זייא נעכט ווארין דארט העכסט פינסטער אונ שטירמיש , דאס מער וואר העכסט אונרוהיג דאס עס האט אויס גיזעהן דאס עס

איז אים גיווארין איינג אונ צו הארט זיין אלטעס בעט, אונ וויל ווידער וויא אמאל אין דיא צייטין פון זינד פלוטה (מבול) ארוים שפאצירין אויף דאס טרוקענע לאנד, „א אין דיזער נאכט איז מיר שוין ניט צו ערווארטין זיך אויף געסט„ האט זיך אפ גירופין דיא ראדלאין צו איר אלטע דינסט וואס איז ניזעסין אונ גישפונען, אונ וואס אין גאס וואר זיא שטום אונ דום, אונ אין גרונד ווער זיא אירע מיט שפילערין אין אלע אירע פאר דארבענע שטרייכין (שטוקעס) „דען עס איז איין הונדעס וועטער דארויסען„ „ווער עס וועט ניט קומען„ האט זיך דיא אלטע אפ גירופין „דאך דער ענדעמא וועט דיזע נאכט אויך ניט אויסין לאזין, דען אים טרייבט איין מעכטיגער גאט, איך מיין עס דיא ליבע וואס דאס מעער איז איר צו קליין אונ דאס פייער צו קאלט„ „ווייסט דוא אבער ווער דיזער הער איז„? האט זיך אפ גירופין דיא ראדלאין מיט שטאלץ „איך גלויבע„ האט זיך דיא דינסט אפ גירופן „דאס ער איז אייערער איין פערוואנדטער (אקרוב), דען ער רופט אייך דאך טאנטע (מומע). „איי„! האט זיך דיא ראדלאין אפ גירופין, טאנטע רופין מיך דאך אלע, אונ אים בין איך איינע ווירקליכע טאנטע, דען זיין פאטער וואס וואר דער הערצאג פון מעדינא האט זיך פערליבט אין מיינער שוועסטערס אטאכטער שארא איין שיינעס מיידכען וואס האט ניט איר גלייכין אין גאנץ איינגלאנד, אונ האט מיט איר גיהאט דיזין ענדעמא, אלזו ווייס מען דא גאר ניט וואס פאר אפאמיליאנטקע איך בין, אונ דיזעס קינד איז וויא דער שפריך ווארט זאגט ניט וויט פאלט דער עפיל פון בוים, איז קאפינע (נאר) דער פאטער, ער האט אויך איין גישמאק צו וואס שיינעס איז, אונ איז אלזו פערליבט איבער דיא אויערין אין דיזע דאלארעס וואס איז דא איינגישפארט ביא מיר אויבין אין דער סיילקע, אונ מיר איז עס גראדע גאנץ דער ווידער, דען איך זעה אין דיזער ליבע קיין שפאר (איין צוועק), צוואר זיא איז שיין אונ ליבענס ווירדיג, ער וועט אבער גאר ניט אוים פירין מיט איר, זיא איז איינע פערביסענע בעסטיע, איר קאפ איז גאר פערדרייט שוין פון פריהער מיט איינעם אנדערין, עס וועט אים ניט העלפין אזו גאר דאס וואס ער האט דאס קינד ביא איר גינומען, זיא וועט בלייבין ביא דאס אירינע, אונ וויא דיא ווארהייט צו זאגין איז זיא נאך מער נאר אלם ער, ווארום זאל זיא ניט וועלין גיין פאר אים וואס איז איין שטיין רייכער הערצאג וואס ער איז אין שטאנד העכסט גליקליך צו מאכין!

קוים האט זיא בעענדעט דיזין גישפרעך איז אן גיפאהרין צום טיר איין עקיפאז אונ עס איז אריין צו איר אין שטוב דער ערווארטעטער גאסט אין איין טייערין לאנגען מאנטיל, דער אזו גינאנטער הערצאג ענדעמא מיט אפריינדליכין גערוס, אונ האט באלד דארויף גפרעגט „וואס עס מאכט דיא דאלארעס„? וואס זאל זיא מאכין? האט אים דיא אלטע גיענטפערט„ זיא איז דיא זעלביגע נארין וואס גיוועזין, אונ וויא איך זעה איין איז מיט איר גאר ניט צו מאכין „אונ ביא אלעם דעם פארלירע איך נאך ניט מיינע האפנונג„ האט ער איר גענטפערט, אונ מיין גידולד„ איז נאך ניט ערשעפט (צו ענדען) אונ ווען עס וועט ניט גיין

מיט

מיט גוטין וועט עס גיין מיט צוואנג, דער ווייל"ע אבער זאלט איר מיר זאגין צו וואר דא ביא אייך היינט אדער נעכטין איינע פארנעהמע דאמע דאס איר זאלט איר עפעם וואהר זאגין?" „געסטערין פון אווינד" האט זיא זיך אפ גירופין „ווארין ביא מיר צוויא דאמען, ביידע נאך גאנץ יונגע אונ פון גרויסין שטאנד, דען עס ווארין מיט זייא רייך גיקליידעטע בעדינטע, אונ איך וויים ניט וויא מען רופט זייא, וויא עס ווייזט אויס זיינען זייא ביידע שוועסטער טעכטער פון איינעם רייכין לארד" „אלזו וויא איך זעה שוין איין" האט ער זיך אפ גירופין צו איר וואר נאך דיא גראפינע מיט איר טאכטער ביא אייך ניט גיוועזען, אלזו הערט, דאס אין דיזין טאגען וועט קומען צוא אייך איינע שיינע הויבע דאמע וואס רעט גיבראכענע איינגילס (שלעכט). זיא איז אליין איינע שפאניערין, דיזע דאמע וועט קומען צו אייך אום צו וואהרזאגין איר איבער דיא צו קונפט, זאגט איר אלזו וואס עס וועט נור אייך ארויף קומען אויף דעם גידאנקען" „דאס וועט ניט גיין מיין קינד" האט אים דיא אלטע גיענטפערט „איך מוז זאגין דיא ווארהייט וויא עס וועט זיך ציינין פון דיא קארטען, דען זייא ווייסין דאס איך דיא אלטע ראדלאין האב שוין גיוואהרזאגט אין מיינעם לעבין פאר פירשטען, פאר קעניגע, אונ עס האט אלין גאנץ ריכטיג איינגיטראפען". „דאך מוזט איר מיר איינע גיפעליגקייט דער מיט צייגין" האט ער איר גיענטפערט, זאגט איר נור דאס אין דיזעם אווינד וועט זיא אן טרעפין איר גיליבטען אויף דעם בריק צעלזעיא, וואס פירט צו דעם פארק וואטערלא, זיא וועט גיוויס פאר לאנגען פון אייך צו בעשרייבין איר זיין אויס זעהען, זאגט איר דאס ער איז הויך, שטארק, אונ דאס מען רופט אים אלימפיא אגואדא, איר זאלט עס אבער אלץ גוט גידיינקען:

„דאפיר קימער דיך שוין גאר ניט" האט זיא אים גיענטפערט „מיין געדעכטניס (זכרון) איז נאך גינוג שטארק אום אזעלכע קלייניקייטין צו גידיינקען" „איזט גוט" האט ער זיך אפ גירופין נון האב איך נאך וואס צו ריידין מיט אייך, מיין קאמער דינער האט מיר גיזאגט, דאס דער אלימפיא ווייס דאס איין מיידכען איז איין גישפארט ביא אייך אויבין אין אסייל'קע, נור ער וויים ניט וואו איר וואוינט, ביא אלעם דעם מוזט איר זיין העכסט בעהוטזאם (אסטראזנע), אונ ענטדעקט ניט דיזע גיהיימניס אויף קיינער ארט אונ ווייזע פאר איינעם אנדערין, האלט אימער צו גישלאסין דיא טיר זייער פעסט, אונ לאזט ביא נאכט גימאנדען אריין צו אייך, דען וויא איך וויים האט דער אלימפיא שוין גישיקט אהער זיינע שפיאנעס, אונ וועט אלזו גיוויס ניט רוהען ביז ער וועט דער גיין וואו זיא איזט „אלזו מיין קינד" האט זיא זיך אפ גירופין צו אים „איצונד פאר שטייא איך שוין וואס דיין מיין איז מיט דיינע פריהעריגע רייד, דוא ווילסט אריין שפילין דעם אלימפען אין דיא ארעמס איינע אנדערע שיינע דאמע אום אפ צו פירין אים דורך איר פון דיינער דאלארעס וואס ער נמוז זיך אויך ליבין אין איר וויא דוא, אשיינעם גישעפט". „אזו איז עס" האט ער איר גיענטפערט „נור

איך

איך בעט אייך דאס איר זאלט זיין העכסט בעהוטזאם פאר דעם אלימפיא, אונ זאלט אייך ניט לאזין דורך געלט גיווינען (בעשטעכן), דען איך בין אין שטאנד אייך פיל מער צו בעלוינען אלס ער, אונ ווידער בין איך דאך אייער בלוט אונ פלייש. „זייא רוהיג מיין קינד" האט זיא אים גיענטפערט „איך בין פערטיג דיר צו דינען זעלבסט מיט טריינקליך וואס שלעפערין איין אויף אימער אונ אייביג, אונ אזו אויך מיט תלאריע פארעם, זייא נור רוהיג":

„אונ איך וועל וויסן וויא דאנקבאר צוא זיין דער פאר" האט ער איר גיענטפערט „אונ נאך בין איך ניט צו ענדע מיט מיינע אינטערעסין דא אין דיזין אווינד, איך וויל היינטיגע נאכט גיברויכין געגין דער דאלארעס דאס לעצטע מיטיל, אונ ווען דאס וועט שוין אויך ניט העלפין, דאן וועלין מיר שוין מוזין אנווענדין דיזע גיפעהרליכע מיטלען וואס איר לייגט מיר איצונד פאר" „איך וואר ניט לאנג בייא איר אויבין" האט זיך דיא אלטע אפ גירופין „זיא זיצט אונ יאמערט וואס מען האט בייא איר דאס קינד אוועק גינומען, דאס קריינקט איר זייער שטארק" „אונ גראדע דאס פרייט מיך" האט ער זיך אפ גירופין „דען עס קען זיין דאס דאס פאר לאנגען אים ווידער צו זעהן וועט איר צווינגען נאך צו געבין מיר":

נון איז שוין דיא העכסטע צייט מיינע לעזערין אום צו ערקלערין זיך וויא אזו קומט דיא דאלארעס אהער אונ צו זיין נאך דער צו איינגישפארט, דיא שיף אדער דער פאראהאד אויף וועלכעם ער האט ארויף גינומען דארט דיא דאלארעס מיט איר קראנקען אונ צו גיהארגעטין פאטער פון דעם טאמאזעם פאראהאד, וויא מיר ווייסין, וואר גידונגען פון דעם ענדעמא פאר גאנץ שווערעס געלד וואס האט איר צו גיפירט בייא נאכט צו דער וואונונג פון דיזער ראדלאין וואס זיא וואר שוין פון פריהער איין פערשטאנדען (בעשטעלט גיוואורין) מיט דעם ענדעמא, אונ וואר אלזו איין גישפארט גיווארין דארט אין דער סיילקע וואס האט גיהאט אין זיך נור איין קליין פענסטער מיט גראטעס, זיא אונ דאס וואס זיא האט מיט זיך גיהאט, איר פאטער קארטינא אבר איזט דארט אויף דעם פאראהאד באלד גישטארבין, אונ דיא דאלארעס האט אים צו גימאכט דיא אויגין, אונ האט אים בעוויינט פיל מעהר אלס איין אנדערעס קינד בעוויינט זיינעם פאטער. דען נאך איז קיין יתומה גיבליבין אזו עלענד אונ אונגליקליך נאך אירע עלטערינס טויט אלס זיא, אונ ווער קען בעשרייבין איר הערצענס לייד בייא דעם אראפ לאזין אים אינס מעער, עס איז צוואר נאך דעם בערעכענונג פון דעם קאלטין פאר שטאנד פיל גלייך צו מען ווערט בעגראבין אין דער ערד ציא אין וואסער, דען וואס איז דער אונטער שייד צו דער קערפער ווערט פאר צערט פון ווערים צו פון פיש, דאך אבער שמערצט עס גינוג דאס מען זאל ניט קענען בעזוכין קיין מאל דעם גראב, אונ דאס נאך פיליכט וועלין זיך נאך בלייבין דיא קנאכין אויף מאנכין ברעג וואס דיא וועלען וועלין אים דארט ארויס ווארפין:

דיא גאנצע דרייא טעג וואס האט גידויערט דיא רייזע פון שפאניען ביז איינגלאנד איז דיא דאלארעס גילעגין פאר זונקען אין איינעם טיפין טרויער דאס

זיא

זיא האט גאר ניט גישפירט דאס מען האט איר ארויס גיטראגין פון דעם פאראחאד אויף דער סיילקע, אונ אלס זיא איז דארט צו זיך גיקומען האט זיא זיך ערסט דער וויסט פון דעם גרויסין אומפאנג (גרעסע) פון איר טרויעריגע לאגע, דאס זיא איז אניפאנגענע, אונ האט פאר שאלטין איר לעבין אונ האט אן גיהויבין צו מורען (פערדריסליך צו ווערין) אויף דיא פאר זעהונג (געטליכע השגחה) אונ האט אזו אן גיהייבין צו וואנקען (צו ווערין שוואך) אין איר גלויבין:

איר גאנצע טראסט וואר דארט דאס קינד וואס זיא האט אים גיליבט וויא איר לעבין, אונ נור צו ליב אים האט דאס לעבין גיהאט נאך אווערט ביא איר אונ האט זיך אלזו צו רעכט גימאכט אין דיזעם קליינעם וואונונג, אונ האט זיך אלזו צו פרידין גישטעלט מיט דער צייט מיט איר איצטיגע לאגע, דען לבד דיא פרייהייט האט איר גאר ניט גיפעלט, דען עס וואר איר גיגעבין עסין אונ טרינקען דאס שענסט אונ דאס בעסט, אונ האט אזו פאר לעבט פילע מאנאטין דארטין אין שטילען ניט וויסענדיג וואו זיא איז דא אין דער וועלט, זיא האט דארט גיליטין נור פון דיא געוואלטיגע אונ צודרינגליכע בעזוכע פון דעם ענדעמאס בעזוכע, וואס זיא איז ביא גישטאנען געגין זייא, אונ זיך אפ גיווערט וויא איינע גרויסע העלדין, אונ איז גיבליבין טרייא דעם אלימפיא ניט האפענדיג אזו גאר דאס ער זאל אמאל אויס גילייזט ווערין פון דעם ענדעמאס גוואלטיגע הענד:

עס זיינען זיך אזו איבער גילאפין פילע טעג, פילע מאנאטען, אונ אויך גאנצע צוויא יאר בענאהע, אונ אין יעדין טאג האט זיא גימוזט אויס שטיין איינע הארטערע פראבע, אונ זיא איז שוין גיוואונט גיווארין דער צו וויא דער מוק פון דעם טיטום צו דעם הארטין האמער שלאג, אונ דאהער אלס דער ענדעמא האט איין גיזעהען דאס מיט רייד וועט ער גאר ניט אויס פירין געגין איר, האט ער זיך בעשלאסין דאס ער זאל ענטרייסין פון איר דיא לעצטע פריידע אירע, דאס ער זאל צו נעמען דאס קינד פון איר, אין אנפאנג האט ער איר נור געדראהעט (פאסטראסעט) דער מיט, דאס באם זיא וועט זיך אים ניט ערגעבין וועט ער עס איר טאן, אונ אם ענדע אלס ער האט איין גיזעהן דאס דאס העלפט ניט, האט ער עס ווירקליך גיטאן:

עס וואר איינע הערץ רייסענדע שצענע צו זעהן דאס שיידין זיך זייערע פון איינאנדער, דאס קינד וואס וואר אן גיבונדין אן איר וויא אן איינער מוטער האט ביטערליך גישריען, אונ זיא האט גישוואומען אין טרערין, אונ דער טיראן איז גיבליבין דער ביא גאנץ גלייכגילטיג, גאנץ אונגערירט, אונ האט אזו אויס גילאשן דורך דעם, דעם לעצטין פריידן שטראהל פון אירעם הערצין, אונ האט דארט פאר לעבט פילע קומער פאלע טעג, אן איין אויס זיכט אויף בעסערע צייטין, אונ אן דיא מינדיסטע האפענונג לויז צו ווערין פון דאנען, אדער זיך ווידער צו זעהן מיט דעם קינדע, דער צו נאך האט זיא אן גיהויבין צו האבין גראבע בעהאנדלונגען פון דער ראדלאין, האט איר גיזידילט, גישאלטן, גיגריזעט מיט אירע אונציכטיגע רייד, אונ דיא דאלארעס האט עס אלץ רוהיג ערטראגין:

מער אבער אלס אלע מאל האט זיא גיליטין פון אים אין דיזער נאכט בייא וועלכר מיר האלטן איצונד , פריער פר אלין האט ער איר געדראהעט (גישטראפעט) דאס אין פאל ווען זיא וועט זיך אים ניט ערגעבין וועט ער איר בריינגען דאס קינד אטויטין , אונ אלס דאס האט אויך ניט גיהאלפין , האט ער גיוואלט מיט גוואלד זיך בעמעכטיגין איבער איר , אונ האט זיך מיט איר גיראנגילט אויף טויט אונ אויף לעבין , אונ זיא האט אים דער ווילע אויס גיזידילט וויא איינעם פאר לארינעם , אונ עס איז שוין אזו וייט גיקומען דאס ער האט אן גיהויבין צוא דראהען איר (צוא שטראס'ן) דאס ער וועט איר דער שטעכין , אונ האט שוין ווירקליך ארויס גיצויגין איין קינזאל פון אונטערין בוזים , אונ זיא האט ענטבלעסט דיא ברוסט אונ האט צו אים גיזאגט „שטויס צו ! אדער וייז אהער (גיב מיר דעם קינזאל אונ איך ווערדע מיך זעלבסט בעפרייען וויא איינע לוקרעציע פון דיינע שענדליכע הענד" ! :

דיזער מוטה איהרער האט דעם ענדעמאן צום וואנקען (אונשליסיקייט) גיבראכט , אונ האט גילאזט דעם קינזאל ארויס פאלין פון זיין האנד , אונ אין דער זעלביגע מינוט האט מען אן גיהויבין צו קלאפין זייער שטארק אין טיר , וואס דאס האט דעם ענדעמא זייער שטארק איין גישיכטערט (ראזפלאכעט) , ער איז באלד אראפ אונטין אום צו זעהען ווער איזט עס , אונ אויס גרויס האסט האט ער שוין ניט פאספייעט צוא פערשליסין דיא סיילקע , אונ האט גילאזט שטעקין דארט דעם שליסיל אין טיר , אונ דאהער אלס דיא דאלארעס האט דער זעהן דורך דעם פענסטער (דען עס האט שוין דאן דער מאנד אויף גישיינט) , דאס עס איז אן גיפארין צום טיר איין טייערע עקיפאז מיט איינער פארנעהמע דאמע , אונ דאס דער שענדליכער ענדעמא האט זיך אויס פורכט פון שטויב גימאכט (אנטלאפין גיווארין) , איז זיא אראפ אונטין אין דער זעלביגע מינוט אלס דיא דאמע איז אריין אין שטוב , אום צו פאלין איר צו דיא פיס , דאס זיא זאל איר בעפרייען פון דיזער גיפיינגענים :

דיא דאמע איז גיקומען מיט צווייא לאקייען וואס ווארין גיקליידעט זייער רייך , אונ איז אויף גינומען גיווארין פון דער אלטער ראדלאינא זייער העפליך , דען זיא וואר איינע גרויסע גרעפין , זיא איז גיקומען צו איר אום געוויסעס צו וויסין דורך אירע וואהזאגרייא וועגין אירעם אגעליבטין , זיא וואר אבער באלד גישטערט אין אירעם פארהאבין (פערלאנג) דורך דיזע דאלארעס וואס זיא איז איר באלד אן גילאפין אנטקעגין מיט איר אפינעם בוזים אונ מיט אירע צערשטרייטע (צו רודערטע) האר אונ בלאסין גיזיכט אונ איז גיפאלין צו דיא פיס מיט איינעם הייסין טרערין נוס , אונ האט איר גיבעטין מיט קורצע אונ קרעפטיגע ווארטין דאס זיא זאל איר פון דיזער גיפיינגענים בעפרייען , דיא ראדלאינא אבער האט איר מיט איר אלטע דינסט אפ גישלעפט פון דער דאמע , אונ האבין איר ארויף גישלעפט מיט גוואלד אין דער סיילקע צוריק אונ האבין איר דארט פאר שלאסין :

„דאס איז מיינע אטאכטער" האט דיא ראדלאינא גיזאגט צו דער דאמע

אריין

אריין גייענדיג אין שטוב צוריק. אונ שוין מעהר אלס דרייא יאר דאס זיא איזט אויסין זינען, אונ שטייא אוים פון איר גרויסע ליידין, דען אויסער דעם וואס מיין מוטערס הערץ ליידעט דער בייא זייער פיל, בעאונרוהיגטע זיא דיא אלע פערזוינען וואס קומען צו מיר אום צו בעהעלפין זיך מיט מיינער געטליכין קונסט, אונ מוז איר דארום ווירקליך האלטין וויא איינע גיפאנגענע, זאנסט וואלט מיט איר דיא גאנצע שטעטיל אויף גיוועזן. אונ האט איר באלד דארויף אריין גיפירט אין אירע זאלין וואס וואר זייער שיין צו גיקליבין אום אויף צו נעמען אין אים די פארנעהמע געסטע וואס קומען צוא איר צו בעראטין זיך מיט אירע וואהזאגעריא:

3.

«אלימפיא»

נון איז שוין מיינע טייערע לעזערין דיא העכסטע צייט אום אומצוקערין זיך צו אונזערע דרייא גיפייערטע (וויכטיגע) קארליניסטעשע העלדין מארקיז דעמאנטאלאן, פיליפפא ביאנאוויטא פון איטאליען, אונ אלימפיא אגואדא, וואס וואר איין גיבארענער שפאניער, וויא מיר וויסין שוין פון פריער האט זיך דער לעצטער פונק פון דער אלטער ליבע אלימפיאס צו דער דאלארעס ווידער אויף גיגליהעט צו איינער לאהע (ליכטיגע) פלאמע, אזו ווייט דאס ער האט גישווארין דאס ער זאל זיך ניט אומקערין צוא זיינעם קריגעס דינסט (וואיענע סלוזבע) ביז ער וועט ניט אויף זוכין זיינע גיליבטע, אונ דיא אומשטענדען (אבסטאיאטעלסטוואס) פון דעם ליידיגען (פוסטען) קריג (מלחמה) ווארין איצונד זייער גינסטיג (פאסענד) דער צו, דען דיא ארמייע פון דעם דאן קארלאס איז גאר אין גאנצין צו שלאגין גיווארין, דאס עס וואר שוין מער קיינע האפענונג וואס צו טאן פאר דעם דאן קארלאס, אלזו האט שוין דער אלימפיא גיהאט גינונג צייט אום צו ערפילין זיין שוואור (שבועה) זייער לייכט, אונ וויל אוים דעם הערין אונ זאגין האט דער אלימפיא גיהאלטין פאר איינער גיוויסהייט דאס דער קארטינא אונ דאלארעס האבין אוים גיוואנדערט נאך פראנקרייך האט ער בערעדעט זיינע צווייא איבעריגע פריינדע דאס זייא זאלין מיט אם רייזין נאך פראנקרייך. אונ אלס זייא ווארין שוין ניט ווייט פון דעם גרענעץ פון שפאניען, איז גיפעלין גיווארין דעם אלימפיא אונטער וועגינס דארט אין איינער קרעצמע איין גיוויסער יונגער מאן פון איאר צוואנציג איין שפאניער, ער וואר אגאנץ שיינער אונ גאנץ פיפיג אונ זייער מוטהיג דאס ער וואלט אויף דעם פייער ניט גיבערענט, דיזער יונגער מאן האט גיהייסין וואלענטינא אונ וואר בלוט ארעם, דער צו נאך וואר ער אים האלב בעקאנט, דען ער האט גידינט אין דער ארמייע פון דעם דאן קארלאס, אונ האט זיך גיזוכט איין אונטער קומען, דאס הייסט איינעם הערין בייא וועמען צו דינען, אונ איבער הויפט בייא אזו איינעם וואס וויל נאך אויסלאנד ציהען, דען דא אין שפאניען וואר ער ניט גינוג זיכער מיט

זיינעם

זיינעם לעבען ווייל ער האטוגידינט אונטער דיא קארלינסקין. „גוט דיזער יונגע איז מיר וויא גירופין“ האט זיך דער אלימפיא אפ גירופין צו זיינע צווייא פריינדע „ער וועט מיר זיין איין גוטער דינער, „ אונ דער צו נאך איין גוטער שפיר הונד, ער וועט מיר גוט אוים שפירין דיא שפור (סלאד) פון דעם קארטינא אונ פון דער דאלארעם וואס דאס איז איצונד דער הויפט צוועק פון מיינער רייזע“ אונ האט אים אלזו אריין גינומען אין זיינעם דינסט, אונ וואר פון אים אין דיא ערסטע עטליכע טעג העכסט צו פרידין, דען ער האט זיך פאר שטאנען אויף דעם שטילין וואונק פון זיינעם העררין פיל מער אלס איין אנדערער אויף ווארטע, אונ אלס דער אלימפיא האט אים פאר גילייגט דאס זיין הויפט דינסט זאל בעשטיין אום אויף צו שפירין אים דיא פאר לארינע שפור (סלאד) פון דער דאלארעם וואר ער העכסט ענטציקט (ערפרייט) דר פון. „א! אין דיזע זאכין בין איך אמייסטער“ האט ער אים גיענטפערט „איך בין וויא גיבארין דער צוא, אונ איר מעגט זייער פיל דעכענען אויף מיך“. „אונ דאס זעלבינע דוא אויך אויף מיך“ האט אים דער אלימפיא גיענטפערט, דען איך בין איינער פון יענע גוטע העררין וואס פאר שטייען איינעם גוטין דינער צו לוינען:

דיזע צופרידענהייט מיט דיזעם וואלענטינא אבער, וואר ניט פון לאנגען דויער, דען אויף דעם זעקסטין טאג נאך זיינעם אן קומען צו דעם אלימפיא איז ער פאר פאלין גיווארין אויף עטליכע שטונדין אונ איז גיקומען צו זיינעם העררין גאנץ שפעט ביים נאכט, אונ האלב בערוישט (שכור), דער אלימפיא האט עס אים זייער דערבּ (גראב) אוים גירעטו, אונ האט אים שוין גיוואלט אפ שאפין פון זיך, נור דער וואלענטינא אבער האט אים באלד בערוהיגט „צירנעט ניט איבער מיך“ האט ער זיך צו אים אפ גירופין „איך האב אייך אין דיזע עטליכע שטונדין פון מיינער אבוועזענהייט (מיין ניט זיין ביים אייך) פיל מער דינסטע (פאסלוגאסין) גילייסטעט (גיטאן) אלס אין דיא גאנצע זעקס טעג פון מיין זיין ביים אייך, דען איך האב ענטדעקט אונ גיקומען אויף דיא שפור (סלאד) פון דעם קארטינא אונ זיינער טאכטער דאלארעם, דען איך האב מיך אין איינער טאווערנע (שיינקע) פון איינאנדער גירעט מיט אמאטראז ביים אבוטעלקע ווין האב איך ארוים בעקומען פון אים מעהר וויא פיל מען ברויכט פאר דער האנד צו וויסין פון דעם קארטינא אונ דער דאלארעם, ער האט מיר דער ציילט דאס אין דער אונ דער צייט זיינען גיקומען צום גרענעץ קיין סאנטאנדערע צווייא אנישע פערזונען, איינער וואר איין אלטער מאן פון איאר זעבציג, דיא אנדערע פערזון וואר איינע פרויא אדער אמיידכען פון איאר צוואנציג מיט איין קינד אויף דיא הענד, אונ האבין גיזוכט אשיף וואס זייא זאלין קענען אוועק אויף איר קיין פראנקרייך“. „איין קינד אויף דיא הענד“? האט זיך אפ גירופין דער אלימפיא פאר קנייצענד דעם שטערין“ ביים גאט דאס קען ניט זיין דיא העכסט קיסע (צניעדיקע) דאלארעם „אונ דאך וואר עס נור זיא“ האט זיך אפ גירופין דער וואלענטינא, זייא האבין זיך ארויף גיזעצט אין אשיף אין דעם

האפין

האפין פון סאנטאדערע, דיא שיף האט גיהייסין פאיארא אום זיך צו רעטיין פון איינעם גרויסין הערין וואס האט זייא פערפאלגט (פרעסלעדעוועט), דיזער גרויסער הער אבער האט זייא נאך געיאגט אונ האט זייא ארויס בעקומען פון דער שיף פאיארא אונ האט זייא אויף גיזעצט אויף איינע אייגענע שיף, ער ווייס עס ווייל דיא שיף פאיארא האט זיך אויף מארגין אום גיקערט אהער קיין סאנטאדערע, אונ דיזע צוויי פליכטלינגע (בעגליצע) ווארין שוין ניט אויף איר, דיזער גרויסער הער וואר איין געוויסער הערצאג מעדינא, אונ וויא עס ווייזט אויס האט ער מיט זייא אוועק גיזעגילט ענטוועדער קיין פראנקרייך אדער קיין איינגלאנד:

דיזע נאכריכט וואר דעם אלימפיאען פון גרויסער וויכטיקייט, ער וואר נור זייער שטארק בעקימערט וועגן דעם קינדע וואס דיא דאלארעס האט גיהאלטין אויף אירע ארעמס, זיינע בײדע פריינדע האבין אים אבער גאנץ אפ גישלאגין דער פון "עס מוז מיט דעם קינדע וואס גאנץ אנדערס זיין" האבין זייא אים גיזאגט אונ ער איז גיווארין בערוהיגט, אונ האבין באלד דארויף אפ גיזעגילט נאך פראנקרייך, אונ דארט אויך האט געגליקט דעם וואלענטינא צו דער גיין דאס איינע שפאנישע שיף וואס הייסט לא פלעחא וואס האט גיהערט צוא איינעם שפאנישען הערצאג ענדעמא האט אפ גיזעגילט קיין איינגלאנד, אונ אונזערע דרייא קארליניסטין האבין אפ גיזעגילט קיין איינגלאנד, זייא האבין בעזוכט מעהרע האפינס, אונ האבין קיין שפור דער גאנגען, אונ דאהער איז בייא זייא גיבליבין, דאס זייא זאלין זיך צו ליב דעם בעזעצין אין לאנדאן, דען פאר גיוויס וועט אזו איין לעבעמאן (בעל עולם הזה) וויא דער ענדעמא דארט ניט פעלין:

דיא דרייא פריינדע האבין זיך אוועק גילאזין אויף צו זוכין אים אין דיא גרויסע אריסטאקראציאנען אונ דער וואלאנטינא האט זיך אוועק גילאזין איבער דיא טאווערנען (שיינקען) וואו עס פערקעהרין דיא מאטראזין, אונ אזו אויך אין דיא קלובין וואו עס קומען צו זאמען דארט אלע שיפס קאפיטיינע אונ האט ארויס בעקומען דארטין פון איין מאטראז דאס איינע שפאנישע שיף שטייט ניט ווייט פון סושענדא אונ דאס וויא עס ווייזט אויס וועט זיא זיך דארט פערזאמען איבער ווינטער, דער וואלאנטינא וואר העכסט צו פרידין מיט דיזער נייע ענטדעקונג, דאך האט ער בייא זיך בעשלאסין דאס ער זאל זיינעם הערין דער פון ניט מעלדין ביז ער וועט מיט דער צייט דער גיין דיא זאך אין גאנצין, אונ דאן וועט ער עס אים צו איינער גילעגענער צייט בענאכריכטיגן:

קומענדיג אהיים האט דער וואלאנטינא דער וויסט זיינעם הערין דעם אלימפיא אגואדא אין זיינעם גאביטעט, אונ האט זיך אנגעהייבין צו באשעפטיגן מיט דער ווירטשאפט, באלד דארויף איזט אריין אין דער שטוב דער מארקיז דע מאנטאלאן אונ דער פיליפפא בענאוויטא, דער מאנטאלאן וואר העכסט אונרוהיג, אונ דער פיליפפא וואר אויך העכסט צו טראגן, אונ האבן ביידע געשוויגן ביז דער וואלענטינא איזט ארויס פון שטוב, אונ דאן האט זייא ביידן דער אלימפיא גיפרעגט וואס איז דיא אורזאך פון דעם וואס זיי זיינן אזו שטארק

פאר

פאר קימערט אונ גאנץ שווייגזאם (שטיל). „די אורזאך פון מיינע שווייגען“ האט זיך אפ גירופין דער פיליפפא איז גאנץ איינפאך, איך בין אוים גילאפין דיא גאנצע וועלט וויא איין שפיר הונד אונ האב קיין שפור דער וויסט פון דעם קארטינען אונ פון זיינער טאכטער, אונ בין דער צו נאך גאנץ הונגעריג, דאהער איז קיין וואונדער דאס איך בין אזו ענטמוטהיגט:

„אונ איך“ האט זיך אפ גירופין דער מארקיז דעמאנטאלאן, האב שוין איינע פיל גרעסערע אורזאכע אום אונצופרידין זיין איצונד מיט זיך זעלבסט, דען איך וואר ארויס גיפאדערט אויף איינעם צוויא קאמפף (פאעדינאק) מיט פיסטאלעטן„ו.“ „אונ פון וועמען זייעסט ארויס גיפאדערט דער צו“? האט אים גיפרעגט דער אלימפיא, פיליכט פון דעם הערצאג פון מעדינא? „א ניין מיין פריינד“ האט אים דער מארקיז גיענטפערט „נור פון דעם הערצאג פון אססונא, אונ הער אלזו וויא דיא זאכע איז גישעהן, אלס איך בין גיקומען קיין ווינדזאר אום ביא צו וואונען דאס פערד רענען (סקאצקע) וואס דארט האט גיזאלט זיין, האב איך בעמערקט פון ווייטין איין עקיפאז אין וועלכעם עס איז גיזעסין דיא גראפינע עווגעניע מיט איר מוטער טעבי מאנטיכע. „אזו איז דיא איזאבעלעס הויפדאמע היר“? האט זיך אפ גירופין דער אלימפיא „יא זיא וואונט דער ווייל אין לאנדאן, זיא איז אהער גיקומען מיט דעם הערצאג אססונע אונ מיט דעם בענעוועטע, איך וואר העכסט פארוואונדערט אן צו טרעפין היר דיא שיינע עווגעניע, איך האב מיט איר גישפראכין אונ האב מיך אריין גיזעצט צו איר אין עקיפאז, אונ דיזעס איז העכסט ניט גיפעלין גיווארין דעם הערצאג אססונא, דאך איך האב מיר גאנץ ווייניג גימאכט דער פון, אונ האב ווייטער גישפראכין מיט איר וויל אירע ערסטע פראגע וואר נור וועגן דיך“ „פיל עהרע“ האט זיך אפ גירופין דער אלימפיא גאנץ גלייך גילטיג“:

„דאך דיזע פראגע“ דער ציילט ווייטער דער מארקיז „האט דעם הערצאג אססונא נאך פיל מער גיקריינקט אלס מיין זיצין ביא איר אין עקיפאז, אונ דאהער וויא מיר זיינען נור אונטער גיפארין אין איינעם רוהיגערין ארט האט ער זיך אן גיהייבין אן צו בינדין (צעפין זיך) מיט מיר אין דיא אויגין פון דיזע ביידע דאמען, אונ איך האב אים אין אנפאנג צו גישוויגין, אונ אלס דיזעס גראדע האט אים נאך גימאכט מוטהיגער, האט ער אן גיהויבין אויס צו לאכין וואס מיר האבין ניט אוים גיפירט אין קריג, אונ האט אונז אלעמען גירופין שוואכע (פליכטלינגע) ביעגלעצי, דיזעס האט מיך זייער גיקריינקט דאס איך האב אים זייער דערב אן גיגריפין פאר דער האנד אונ האב אים גיזאגט „איר זייט ניט ווערט דאס איר זאלט גאר אונזער נאמען אוים שפרעכין, דען איר זייט נור איין ווייבער קנעכט, איין ראמאנען ריטער נור, פייג (פלאך) וויא איין האז, אונ מיר האבין שוין גינוג פראבין געליפערט (גיגעבין) פון אונזערע גרויסע העלדין טהאטען“:

דיזער גירוס האט אים אזו ווייט גיקריינקט דאס ער איז גיווארין בלייך וויא אטוך אונ האט זיך אפ גירופין מיט גרויס צארין „פאר דיזע בעליידיגענדע ווערטער

וועט

וועט איר איך מוזין מיט מיר אפּ רעכענען דורך איינעם צוייא קאמפּף (פּאעדיניק), אלזו בעשטימט דיא צייט, דעם ארט, אונ דיא וואפען. „גוט"! האב איך אים באלד דארויף גיענטפערט, אונ האב אים בעשטימט דיא צייט אויף דעם צעהענטין טאג, דעם ארט בייא דעם טויער וויקטאריא לעבין דעמ־פּארק האיאד, דיא וואפין זאלין זיין פּיסטאלעטין, אין איינער פערנע (ווייטקייט) פון צעהן טריט „א איך בעדויערע דעם אססונא" האט זיך דער אלימפיא אפּ גירופין, איך זעה שוין אין פאראויס דעם אססונא אלס איין ערקאסינעם, נור איך פירכטע, דאס ער וועט עס בערייען (חרטה האבין) אונ וועט גיוויס ניט קומען צו דער בעשטעלטע שטעלע אונ צו דער בעשטעלטע צייט, דען ער איז נור איין פּראהלער (בערימער), אונ בייא אלעם דעם איז ער בייא דער גרעפין טעבי מאנטיכע העכסט בעליבט וויל זיא מיינט אים צו בעקומען פאר איין איידים, אונ בעדויערע דער בייא דיא עווגעניע דאס זיא זאל גיין פאר אזו אמאן, אלזו האבין מיר דיא עווגעניע מאנטיכא אין לאנדאן, אונ פון דער דאלארעס האט איר דער ווייליע ניט גיהערט אזו פיל וויא איך ניט, אונ דאך האפע איך דאס מיר וועלין איר דא דער וויסין, דען איינע לויזע (שוואכע) שטימע זאגט מיר אין מיינעם הערצין דאס דיא דאלארעס איז אין לאנדאן:

עס וואר באלד דארויף דארט דער לאנגט עסין, טרינקען, אונ נאך דעהער האט מען זיך שלאפין גילייגט, דעם וואלענטינא אבער האט קיין שלאף ניט אן גינומען, אים האט זיך גיוואלט זיין אין סוטענד אום צו דער גיין אויף קלאר צו איז דיא שפאנישע שיף וואס ליגט דארט אין דעם קליינעם האפין, דיא זעלביגע וואס ער מיינט, דאס הייסט „לא פלעבא" עס וואר אים אבער אונמעגליך אהין צו פארין אן דעם וויסען פון זיינעם הערין, אונ דאס האט ער דאך וויא מיר ווייסין ניט גיוואלט, אונ האט אלזו גימוזט אפּ ווארטין איינע גוטע גילעגנהייט דער צו, אונ דיזע גילעגנהייט האט זיך ניט גילאזט ווארטין פיל אויף זיך, דען באלד דארויף זיינען דיזע דרייא פריינדע איינגילאדין גיווארין פון דעם לארד אמינגטאן צו פארין אויף איינער יאכט, וואס דאן איז דער וואלאנטין גיבליבין אליין צו הויז, אונ האט אלזו דיזע צייט בענוצט אויף איינער רייזע נאך סוטענדא, ער האט איבער גילאזין דעם שליסיל פון קווארטיר בייא דער ווירטין, אונ האט איר גיבעטין דאס אים פאל ווען זיין הער אלימפיא וועט זיך אומקערין פון דער יאכט פריער פאר אים זאל זיא אים אפּ געבין דעם שליסיל אונ זאל אים זאגין דאס ער איז אוועק קיין סוטענדע וועגין וויכטיגין אינטערעס אונ וועט בייא נאכט זיין צוריק אין לאנדאן, אונ האט זיך באלד דארויף אריין גיזעצט אין וואגאן אונ איז אוועק, ארום האלבין טאג וואר ער שוין אין סוטענדע, האט דארט גיפרישטיקט, אונ ארום איינס דעם זייגער האט ער שוין שפאצירט בייא דעם ברעג אום דורך צו זעהען דיא שיפין וואס דארט שטייען, אין סך הכל ווארין דארט נור זעקס שיפין, אונ דאהער וואר אים זייער לייכט צו דער קענען וועלכע איז דא פון שפאניען, אונ זיינע פריידע וואר ניט צו בעשרייבין אלס ער האט גיפונען אויף

איר

אִיר דִיא אוֹיף שְׁרִיפְט „לַא פְּלֶעכָא“ דֶען עֶס הָאט אִים שׁוֹין מֶער נִיט גִיפֶעלְט וִויא צוּ וִויסֶען אוֹיף קְלָאר צוּ גֶעפִינְט זִיךְ דֶער קַארְטִינָא מִיט זַיינֶער דָאלָארֶעס אִין לָאנְדָאן צוּ נִיט, אוּנ הָאט דַאהֶער בַּייא זִיךְ בַּאשְׁלָאסִין נִיט אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן דַאנֶען בִּיז עֶר וֶועט דִיזֶעס אוֹיךְ דֶער גֵיין אוֹיף קְלָאר, אוּם צוּ קוּמֶען צוּ זַיינֶעם הֶערִין מִיט אַיינֶער פָאלְקָאמֶענֶע (גַאנְצֶע) נַאכְרִיכְט, אוּנ הָאט אַלְזוֹ גִיוָואלְט אַרוֹיף גֵיין אוֹיף דֶער שְׁפַּאנִישֶׁע שִׁיף אוּם זִיךְ פוּן אַיינַאנְדֶער צוּ רֵיידִין דָארְט וֶועגִין דֶעם מִיט דִיא מַאטְרָאזִין וָואס זַיינֶען גִיזֶעסִין אוֹיף דֶעם פָּארְדֶעק, זַייא אָבֶּער הָאבִּין אִים נִיט אַפּוּם גִילָאזְט אַרוֹיף שְׁטֶעלִין אוֹיף אִיר אוּנ הָאט זִיךְ דַאהֶער גִיוֶוענְדֶעט צוּ דִיא מַאטְרָאזִין פוּן אַיינֶער אַנְדֶערֶע שִׁיף וָואס אִיז דֶער בַּייא גִישְׁטַאנֶען, עֶר הָאט גִימַאכְט מִיט זַייא אַרֵייד אִיבֶּער דִיא שְׁפַּאנִישֶׁע שִׁיף „לַא פְּלֶעכָא“ אוּנ אִיבֶּער אִיר אַייגֶענְטְהִימֶער (וָולַאסְטִיטֶעל) עֶנְדֶעמַא, עֶר הָאט אָבֶּער גָאר נִיט גִיקֶענְט וָואס צוּ דֶער גֵיין פוּן זַייא „דִיא שִׁיף לַא פְּלֶעכָא“ הָאבִּין זַייא אִים גִיעֶנְטְפֶערְט אִיז אַיין גִיהֵיימְנִיס פַאר אוּנְז, עֶרְסְטִינְס ווייל אִירֶע מַאטְרָאזִין שְׁפְּרֶעכִין נוּר שְׁפַּאנִיס, אוּנ מִיר פַאר שְׁטֵייעֶן נוּר אַיינְגְלִיש, אוּנ צְוֵוייטִינְס וֶוערְט קֵיינֶער אוֹיף דֶער שִׁיף אַרוֹיף גִילָאזִין, פִיל מֶעהְר פַאר אוּנְז קֶענֶען וִויסִין דִיא אַלְטֶע פִישֶׁער פְרוֹיעֶן וָואס וואוֹנֶען דָא דֶער בַּייא, אוּנ וָואס פִירִין זַייא צוּ זַייעֶר אָפְּט פַאר שְׁוֶוערֶעס גֶעלְד שֵׁיינֶע פְרֵיידֶען מֵיידְכֶען:

דִיזִין רַאטְה הָאט דֶער וַאלַאנְטִין זֵייעֶר גוּט בֶּענוּצְט, עֶר אִיז אַרַיין אִין אַיינֶער פִישֶׁער הִיטֶע אוּנ הָאט זִיךְ דָארְט פוּן אַיינַאנְדֶער גִירֶעט מִיט אַיינֶער אַלְטִין פְרוֹיא וָואס עֶר הָאט אִיר דֶער וִויסְט אוּיס בֶּעסֶערֶענְדִיג אַנֶעץ, אִין אָנְפַאנְג וַואר זִיא גַאנְץ אַיינְזִילְבִּיג (אוּנְגֶעשְׁפְּרֶעכִיג), עֶר הָאט אִיר אָבֶּער בַּאלְד אִיר מוֹיל גִיעֶפִינְט מִיט צְווייא הַארְטֶע טָאלֶער אוּנ מִיט אַבּוּטֶעלֶע רָאם, זִיא הָאט אִים אוֹיס דֶער צֵיילְט אַלֶעס וָואס זִיא הָאט נוּר גִיוואוּסְט „דִיזֶע שִׁיף“ הָאט זִיא זִיךְ אָפּ גִירוּפִין גִיהֶערְט צוּ אַיינֶעם שְׁפַּאנִישֶׁען הֶערְצָאג פוּן מֶעדִינָא וָואס הֵייסְט עֶנְדֶעמַא, עֶר הָאט אוֹיף אִיר גִיבְּרַאכְט אַיין שְׁפַּאנִישֶׁעס מֵיידְכֶען וָואס הֵייסְט דָאלָארֶעס, אוּנ הַאלְט אִיר דָא אַיין גִישְׁפַּארְט בַּייא אַיינֶער גִיוִויסֶע הֶעקְסֶע (מְכַשֵׁפָה) וָואס הֵייסְט רָאדְלָאִינָא, זִיא וואוֹינְט דָא נִיט וַוייט פוּן דַאנֶען הַארְט בַּייא דֶעם בְּרֶעג, דִיא דָאלָארֶעס אִיז אַיין גִישְׁלָאסִין אִין אַיינֶעם דַאכְשְׁטִיבְּכֶען (סַיילְקֶע). מֶען קֶען אִיר זֵייעֶר לַייכְט זֶעהֶן פוּן אָווינְד, דֶען דַאן אִיז אִיר עֶרְלוֹיבְּט צוּ עֶפִינֶען דָאס קְלֵיינֶע פֶענְסְטֶער וָואס אִיז מִיט גְרַאטֶעס, זִיא שְׁטֶעקְט אַרוֹיס דֶעם קְלֵיינֶעם קָאפּ אִירִין אוּנ זִינְגְט קְלָאג לִידֶער, זִיא בֶּעוֵוויינְט אִין זַייא עֶפֶּעס אַגִילִיבְּטִין אִיהֶרֶען וָואס הֵייסְט דַאכְט מִיר אַלִימְפְּיָא, דֶער עֶנְדֶעמַא בֶּעזוּכְט אִיר זַייעֶר אָפְט, אַלְזוֹ וֶוען אִיר ווִילְט קֶענְט אִיר אִיר זֶעהֶן פוּן אָווינְד, דָאךְ זָאלְט אִיר נִיט שְׁפְּרֶעכְן מִיט אִיר, דֶען זִיא וֶועט דוּרְךְ דֶעם זַייעֶר פִיל לַיידִין, דֶער עֶנְדֶעמַא אַלֵיין וואוֹינְט אִין לָאנְדָאן, אוּנ בֶּעזוּכְט אִיר אַלֶע אָווינְד:

„גַאנְץ וואוֹל“! הָאט דֶער וַואלֶענְטִינָא בַּייא זִיךְ גִיטְרַאכְט, מֶער וִויא דָאס דַארְף אִיךְ נִיט וִויסִין, עֶר הָאט אִיר גִישֵׁיינְקְט נָאךְ אַטָאלֶער אוּנ הָאט אִיר גִיבֶּעטִין

דאס זיא זאל קיינעם ניט דער ציילין דאס ער וואר ביא איר, אונ האט דארט באלד דארויף זיך גיזעצט אונ האט מיט איינעם בלייא שטיפט אויף גיצייכינט איין צעטעלע צו איר דאס אלימפיא איז אין לאנדאן אונ ער איז זיינער אדינער, ער איז אהער גיקומען אום נור אויף צו זוכין איר, אונ עס קאסטעט אים פילע מיהע ביז ער האט איין שפור פון איר ענטדעקט, אונ זיא זאל זיך אלזו האלטין בריט צו איינער באלדיגען בעפרייאונג, אונ ווידער דאס ער ווינצט צו האבין פון איר איינע שריפטליכע אנטוואורט:

אין דיזין צעטיל האט ער איין גיוויקילט אשטיינדיל מיט דעם בלייא שטיפט, אונ האט זיך ביא נאכט גילאזט צו פירין דורך דיא אלטער פישער פרויא צו דער וואונונג פון דער ראדלאינא, אונ האט אפ גיווארט ביז דיא דאלארעס האט אויף גיעפינט דעם פענסטער, אונ דאן האט ער אריין גיווארפן צו איר דעם צעטעלע, עס האט ניט לאנג גידויערט אונ ער האט בעקומען פון איר איינע שריפטליכע אנטווארט דאס זיא איז ווירקליך דאלארעס, אונ דאס זיא בעטעט דעם אלימפיא אום איינע באלדיגע בעפרייאונג:

עס איז ניט צו בעשרייבין דיא פריידע פון דעם וואלאנטינען דאס ער האט עס פון איר ארוים בעקומען, ער איז דער מיט אוועק אויף דעם אייזין באן אום וואס צום גיכסטין צו דער פרייען דער מיט זיינעם הערין, דאך דיזע פריידע וואר ניט פון לאנגען דויער, דען באלד דארויף האט ער איין גיזעהן דאס עס איז נאר איינע גיוויסע אונמעגליכקייט אויף צו זוכין איר וויא מיר וועלין דא באלד ווייטער דער ציילין, איצונד אבער מוזין מיר אונז צוריק קערין צו יענעם אווינד וואס דער ענדעסא האט אויף גיטראטין אזו ווילד נעגין דער דאלארעס, אונ וואס דיא פארנעהמע דאמע איז דאן אריין אין דער וואונונג פון דער ראדלאינע, אום צוא בענוצין זיך מיט אירע וואהזאגעריא:

פריער פאר אלין מוזין מיר דער ציילין דאס אין דער צייט וואס דער וואלענטינא וואר אין סוטענדא איז אן גיקומען אבריף צו דעם אלימפיא וואס עס וואר אין אים גישריבן מיט איינער ציהליכע (שיינע) האנד שריפט דיזער אינהאלט „איידעלער הער איינע גיוויסע פערזאן בעטעט אייך דאס איר זאלט זיינער עלף פריטיג צו נאכט זיך איינפינדען (גיפינען) אויף דעם צעלזייעסין בריק, זיא וועט אייך דארט מיט טיילין איינע פריילינע נאכריכט, פון דארט זאלט איר אריין שפאצירין אין דעם פארק (שפאציר גארטין) אטערזצא״ דיזער בריף וואר אן איינער אונטער שריפט:

אלם דיזע דרייא פריינדע זיינען גיקומען צוריק פון יאכט, האבין זייא דעם וואלענטינען ניט דער וויכט, דיא ווירטין האט זייא אפ גיגעבין דעם שליסיל אונ האט זייא גיזאגט וואס דער וואלענטינא האט איר גיבעטין זיא זאל זייא זאגן, אונ ביא אלעם דעם זייגען זייא גיוועזן העכסט בעזארגט וועגין אים, דען ער האט זיך צו פיל פאר זאמט, אונ האבין אלזו גימיינט דאס פאר גיוויס האט זיך וואס פאר איין אומגליק מיט אים גיטראפין דארט:

4. ד

״דִיא עֶווְגֶענְיֶע אוּנ דִיא וַואהְרְזַאגֶערִין״

דִיא פָּארְנֶעהְמֶע דַאמֶע וָואס אִיז אָן גִיפָארִין אִין יֶענֶער גְוַואלְטִיגֶע נַאכְט צוּ
דֶער וואזוּנְג פוּן דֶער רָאדְלָאִינָא וַואר עֶס דִיא גְרֶעפִין עֶווְגֶענְיֶע מַאנְטִיכֶע, אוּנ
דִיא רָאדְלָאִינָא הָאט בַּאלְד פַאר שְׁטַאנֶען דָאס דִיזֶע אִיז עֶס דִיא גְרֶעפִין וָואס
דֶער עֶנְדֶעמַא הָאט שׁוֹין פְרִיעֶר גִישְׁפְּרָאכִין מִיט אִיר פוּן אִיר, אוּנ בִּפְרַט דָאס
עֶר הָאט נָאךְ צַייט גִיהַאט פַאר זַיינֶעם אַנְטְלוֹיפִין פוּן דָארְט צוּ לִיבּ אִיר, צוּא צוּ
וִוינְקֶען אִיר דָאס זִיא אִיז עֶס:

נָאךְ דֶעם דִיא רָאדְלָאִינָא הָאט אַיין עֶטְוַואס בֶּערוּהִיגְט דִיא עֶווְגֶענְיֶען פוּן
אִיר שְׁרֶעק וָואס זִיא הָאט דָא גִיהַאט בַּייא אִיר אַרַיין טְרֶעטִין אִין שְׁטוּבּ פוּן דֶער
דָאלָארֶעס, הָאט זִיא אַרַיין גִיפִירְט אִין אִיר זַאל, אוּנ הָאט אִיר גִיבֶּעטִין זִיצִין
אוֹיף אֵיינֶעם אַלְטִין שְׁטוּל, אוּנ אַלְס דִיא גְרֶעפִין הָאט גְמַאכְט מִינֶע (וַואר בְּדֵעָה)
עֶס אוֹיס צוּ בְּרַאקִירִין, אוּנ הָאט זִיךְ אוּמְגִיזֶעהֶן נָאךְ אַנַייעֶרִין שְׁטוּל, הָאט זִיךְ
דִיא אַלְטֶע צוּ אִיר אָפּ גִירוּפִין ״זֶעצִין זַייא זִיךְ גְרֶעפִין אוֹיף דִיזִין נוּר, דֶען עֶר
אִיז אִין מַיינֶעם פְּרָאפֶּעטִישִׁין (נְבִיאָדִיקֶען) הוֹיז דֶער שִׁיקְזַאל טְרָאהֶן (וָואס עֶס
וֶוערְט אוֹיף אִים גֶעווַייזָאגְט דֶער שִׁיקְזַאל (מַעֲרָכָה) פוּן יֶעדִין פְרֶעגֶער), אוֹיף אִים
אִיז שׁוֹין גִיזֶעסִין דֶער הֶערְצָאג הַאמִילְטָאן דִיא פְּרִינְצֶעסִין קוּמְבֶּערְלַאנְד, אוּנ אוֹיךְ
דֶער לָארְד פַאלְמֶעסְטַאן אוּנ נָאךְ פִילֶע גְרֶעסֶערֶע הֶערְשַׁאפְטִין״. ״אַזוֹי?״ הָאט זִיךְ
דִיא גְרֶעפִין אָפּ גִירוּפִין ״וֶוען דִיזֶער שְׁטוּל אִיז שׁוֹין אֵיין מָאל בֶּעשְׁטִימְט בַּייא אַייךְ
צוּ דֶער וַואהְרְזַאגֶערַייא, וֶועל אִיךְ דַאבַּייא קֵיינֶע אֵיינְוֶוענְדוּנְג מַאכִן, דֶען אִיךְ בִּין
אוֹיךְ גִיקוּמֶן אַהֶער וִויא יֶענֶע גְרוֹיסֶע הֶערְשַׁאפְטִין אוּם צוּ בֶּענוּצִין זִיךְ דֶער מִיט״:

בַּאלְד דַארוֹיף הָאט זִיא זִיךְ גִיזֶעצְט אוֹיף דִיזֶעם שְׁטוּל אוּנ הָאט גִיבֶּעטִין
דִיא רָאדְלָאִין דָאס זִיא זָאל אִיר וַואהְרְזָאגִין אִיבֶּער אַלֶעס וָואס זִיא וֶועט אִיר
פְרֶעגִין ״אוּנ דִינֶעם זָאל אַייךְ בַּאלְד גִישֶׁעהֶן״ הָאט אִיר דִיא אַלְטֶע גִיעֶנְטְפֶערְט
אַרוֹיס נֶעמֶענְדִיג פוּן אֵיינֶעם טִישׁ קֶעסְטִיל אַטַאלְיֶע קָארְטִין ״דָא נִיט לַאנְג וַואר דָא
בַּייא אוּנְז אִין לָאנְדָאן אַיין בֶּעטְרִיגֶער וָואס עֶס הָאבִּין זֵייעֶר פִיל מֶענְטְשִׁין אִין אִים
גִיגְלוֹיבְּט, עֶר פְלֶעגְט צוּ צַייגִין דִיא גִישְׁטַאלְטִין פוּן לַיינְגְסְט פַאר שְׁטָארְבֶּענֶע
מֶענְטְשִׁין דוּרְךְ אַיין פוּקַאטִין גְלָאז, פְלֶעגְט צִיטֶערְן (בֶּעשְׁוֶוערִין) טוֹיטֶע גֵייסְטֶער,
אוּנ אַם עֶנְדֶע הָאט זִיךְ אַרוֹיס גִיוִויזִין דָאס עֶס וַואר נוּר טְרוּג אוּנ לוּג, אוּנ מֶען
הָאט אִים אַרוֹיס גֶעיָאגְט, אִיךְ אָבֶּער וֶועל מִיךְ מִיט אַזֶעלְכֶע זַאכִין נִיט בֶּעדִינֶען,
אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגִין נוּר גַאנְץ אֵיינְפַאךְ וִויא אוֹיךְ אִיךְ וַוייס נִיט וֶוער אִיר זַייט,
וָואס עֶס אִיז גִיוֶועזִן מִיט אַייךְ אוּנ וָואס עֶס אִיז אִיצוּנְד מִיט אַייךְ אוּנ וָואס עֶס
וֶועט זַיין מִיט אַייךְ, אַלְץ רִיכְטִיג וִויא דִיא קָארְטִין וֶועלִין צַייגִין, נוּר הָאט גִינוּג
מוּטְה אוּם אוֹיס צוּ הֶערִין גוּטֶעס אוּנ שְׁלֶעכְטֶעס, דֶען דָאס לֶעבִּן פוּן יֶעדִין מֶענְטְשִׁין
אִיז פַאר עֶנְדֶערְלִיךְ״. ״אָן מוּטְה פֶעלְט מִיר נִיכְט״ הָאט אִיר דִיא יוּנְגֶע גְרֶעפִין
גִיעֶנְטְפֶערְט ״זָאגְט מִיר גַאנְץ אָפִין פֶערְאוֹיס״. ״וֶוען אַזוֹי״ הָאט זִיךְ דִיא וַואהְרְזַאגֶערִין

אָפּ גִירוּפִין״ וּצִיהְט אַרָאפּ דִיא הַאנְדְשׁוּ פוּן דֶער לִינְקֶער הַאנְד אוּנ לֵייגְט מִיט אִיר פוּן אֵיינְאַנְדֶער דִיא טַאלְיֶע קָארְטִין אוֹיף דְרַייא טֵיילִין , אוּנ דִיא גְרֶעפִין הָאט עֶס בַּאלְד גִיטָאן , בַּאלְד דַארוֹיף הָאט זִיא אִיר גִיבֶּעטִין דָאס זִיא זָאל אִיר צֵייגִין דִיא אִינֶעוַוייניגְסְטֶע הַאנְד פְלֶעכֶע פוּן אִיר לִינְקֶע הַאנְד אוּם צוּ זָאגִין אִיר (אַלְס בֶּעוַוייז פוּן אִיר קוּנְץ) וָואס עֶס פַּאסִירְט אִין אִיהְרֶעם הֶערְצִין , דִיא גְרֶעפִין הָאט עֶס אוֹיךְ גִיטָאן , אוּנ קוֹים הָאט דִיא הֶעקְסֶע (צוֹיבֶּערִין) עֶס נוּט בֶּעטְרַאכְטֶעט , חָאט זִיא אַרוֹיס גִיפְּלַאצְט מִיט אֵיינֶעם טַייוֶועלְשִׁין גִילֶעכְטֶער ״דֶעם עֶרְשְׁטִין מָאל אִין מַיינֶעם לֶעבִּין״ הָאט זִיא זִיךְ אָפּ גִירוּפִין , זֶעה אִיךְ אַזוֹ פִיל פַאר עֶנְדֶערְלִיכֶע אוּנ הוֹיכְשְׁטַייגֶענְדֶע פְלֶעכֶע אִין אֵיינֶעם פְרוֹיעֶן הֶערְצִין וִויא אִין אַייעֶרִין , אוּנ זֵייא וֶועלִין דָאךְ קֵיינֶע נִיט פֶּעלְשְׁלָאגִין (דָאס הֵייסְט וֶועלִין אוֹיס גִיפִירְט וֶוערִין) , דֶער שְׁטְרִיךְ אִין אַייעֶר הַאנְד וָואס צֵייגְט אוֹיף דָאס לֶעבִּין אִיז לַאנְג אוּנ שְׁטַארְק , אַייעֶרֶע עֶלְטֶערִין בֵּיידֶע לֶעבִּין נָאךְ , אוּנ נִיט וִויא אִיר מֵיינְט דָאס אַייעֶר פָאטֶער אִיז טוֹיט , דָאס אִיז נוּר אַייעֶר פַאר מֵיינְטֶער פַאפַּא , אַייעֶר לַייבְּלִיכֶער אָבֶּער לֶעבְּט נָאךְ , אִיר הָאט נָאךְ אַשְׁוֶועסְטֶער , זִיא לֶעבְּט אָבֶּער וַוייט פוּן אַייךְ , אִיר הָאט אַזוֹן ? וֶוען נִיט שׁוֹין וֶועט אִיר עֶס בַּאלְד הָאבִּין , נוּר וִויא אִיךְ מֵיין הָאט אִיר עֶס שׁוֹין , וַוייטֶער , הָאט אִיר עֶפֶּעס אֵיינֶע בֶּעקַאנְטְשַׁאפְט מִיט אֵיינֶעם פְּרִינְצֶען וָואס הָאט הָאפֶענוּנְג אוֹיף אַטְרָאהֶן ? ״דֶער וַוייל נִיט״ הָאט דִיא עֶווֹגֶענְיֶע גִיעֶנְטְפֶערְט ״נוּא וֶועט אִיר עֶס בַּאלְד הָאבִּין״ הָאט זִיךְ דִיא הֶעקְסֶע אָפּ גִירוּפִין ״אוּנ וֶוען אִיר ווִילְט וֶועל אִיךְ אַייךְ צֵייגִין אוֹיף דִיא קָארְטִין״ :

דִיא גַאנְצֶע צֵייט וָואס דִיא אַלְטֶע הָאט גִישְׁפְּרָאכִן אִיז דִיא עֶווֹגֶענְיֶע גִיזֶעסִן שְׁוַוייגֶענְד אוּנ הָאט אַלְץ גִישִׁיקֶעלְט מִיט דֶעם קָאפּ , נוּן הָאט דִיא אַלְטֶע אָן גִיהוֹיבִּין פוּן אֵיינְאַנְדֶער צוּ לֵייגִין דִיא עֶרְשְׁטֶע קוֹפֶּקֶע קָארְטִין , הָאט בֶּעטְרַאכְטֶעט יֶעדֶע בֶּעזוּנְדֶער , אוּנ הָאט זִיךְ דַאן ווִידֶער אָפּ גִירוּפִין ״עֶס אִיז וַואהְר מַיינֶע טַייעֶרֶע דַאמֶע דָאס אַייעֶר פָאטֶר לֶעבְּט , אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער הָאט זִיךְ פֶערְהֵיירַאטֶעט מִיט אֵיינֶעם גְרוֹיסִין מַאן , אוּנ אִיר הָאט אוֹיךְ אוֹיף עֶרְצוֹיגִין לֶעבִּין אֵיינֶער גֶעקְרֵיינְטֶע פְּרִינְצֶעסִין , אוּנ אַייךְ בֶּעשְׁטֵייט פַאר פִילֶע קְרוֹינֶען אוּנ פִילֶע עֶהְרֶען עֶמְטֶער (צִינֶען) , אִיר הָאט גִיהַאט אֵיינֶע אוּנְגְלִיקְלִיכֶע לִיבֶּע , נוּר צוּ אַייעֶרֶע פְרֵיידֶע קֶען אִיךְ אַייךְ זָאגִין דָאס גְרַאדֶע יֶענֶער וָואס אִיז גִילִיבְּט פוּן אַייךְ אוּנ עֶר נַואר אַייךְ אוּנְטְרַייא אִיז גַאנְץ אוּנְגְלִיקְלִיךְ נִיט קוּקֶענְדִיג , דָאס עֶר גֵייט אָן גִיטָאן אִין אֵיינֶעם רַייכִין מוּנְדִיר , עֶר אִיז נָאךְ נִיט בֶּעוַוייבְּט , אוּנ וֶוערְט נִיט גִילִיבְּט פוּן יֶענֶער דַאמֶע אִין וֶועלְכֶער עֶר אִיז פַאר לִיבְּט״ :

״אִיר פַאר זֶעצְט מִיר אִין גְרוֹיס וואוּנְדֶער״ הָאט אִיר דִי עֶווֹגֶענְיֶע גִיעֶנְטְפֶערְט :

״דִיזֶעס אַלֶעס אִיז דַייטְלִיךְ גִישְׁרִיבִּין אִין דִיא קָארְטִין״ הָאט צוּ אִיר דִיא אַלְטֶע גִיזָאגְט , נוּן וַוייטֶער , אִיר זַייט אַהֶער גִיקוּמֶען פוּן אַוַוייטֶע לַאנְד , אִיר וֶועט שׁוֹין מֶעהְר אַייעֶר פָאטֶער לַאנְד נִיט זֶעהֶען , דִיזֶעס אַלֶעס הָאבּ אִיךְ אַייךְ גִיזָאגְט פוּן וָואס עֶס אִיז שׁוֹין מִיט אַייךְ גִישֶׁעהֶען , עֶרְשְׁט וֶועל אִיךְ אַייךְ זָאגִין וָואס דֶער מֶעהְר אִיז מִיט אַייךְ אִיצוּנְד אוּנ הָאט דֶער בַּייא אָן גִיהוֹיבִּין פוּן אֵיינְאַנְדֶער צוּ

לייגין

ליגין דיא צווייטע קופקע קארטין , אונ האט דער ביא ווידער אויס גיבראכין אין איינעם טייוולשין גילעכטער„ עס ליבין אייך זייער פילע יונגע אונ פארנעהמע ליטע, זייא פאר געטערין אייך , דיא רייכסטע פון זייא נעמט אייערע מוטער אויף זייער העפליך , אין דעם קומענדען פרייטיג צו נאכט אום זייגער עלף וועט איר אייך זעהן מיט איינעם אלטין גיליבטין ביא דעם צעלזייעסקין בריק „דארט אויף דעם צעלזייעסקין בריק„ ? האט זיך דיא עווגעניע אפ גירופין „ווער קען עס דארט זיין„? „א מאדאם„ האט זיך דיא העקסע (מכשפה) אפ גירופין „איר פאר לאנגט פון מיר צו פיל , דיא קארטין זאגין קיין נאמען אויס , אונ דאך ביא אלעם דעם קען איך אייך איין עטוואס דער פון אן וויינקען , דיזער אלטער גיליבטער האט איין נאמען פון איינעם גריכישען בארג , אויף וועלכעם עס האבין דא גיוואונט זייערע היידנישע געטער„ :

„אלזו זאל ער אלימפיא הייסין„ האט דיא עווגעניע אויס גישריען ווערענדיק בלייך אונ ציטערענד וויא איין בלאט. „זייט נור גידולדיג מאדאם„ האט זיך דיא העקסע (מכשפה) אפ גירופין „אונ לאזט מיך ווייטער ריידין„ איר האט אבארוף אין דער וועלט פאר אגרויסע שיינהייט , נור דיזער אלטער גיליבטער אייערער איז פאר ליבט אין איינעם מיידכען וואס איז נאך פיל. שענער פאר אייך , נור ער איז געשידין פון איר :

דיזע נאכריכט האט גיבלייכט אויף אווילע דאס גיזיכט פון דער גרעפין , נור דיא העקסע (מכשפה) האט זיך גימאכט ניט זעהענדיג אונ האט ווייטער גישפראכין „אויף אייער וועג ליגט בלוט , איר וועט באלד הערין וועגין איין צווייא קאמפף (פאעדינק) , נור איר וועט ניט זיין דער ביא , נוא ביז אהער האבין מיר גישפראכין פון דער איצטיגע צייט , נון וועל איך זאגין וואס עס וועט פאסירין מיט אייך אין דיא קומענדע צייט :

זיא האט אן גיהייבין פון איינאנדער צו ליגין דיא קארטין פון דער דריטע קופקע , אונ האט דער ביא באלד אויס גישריען מיט איינער גוואלטיגע שטימע „צייט איך לעב האב איך נאך אזו אקארט ניט גיזעהן , זייט וויסין דאס אייער הויפט וועט טראגין איינע קייזערליכע קראנע . זיא וועט אבער זיין אזו שווער דאס זיא וועט אייך ערדריקען , נוא אלזו זייט איר ניט אפט פארט בעקאנט מיט איינעם פרינצען עפעס ? זיין איר קענט אים נאך ניט , ער פארט צו אייך מיט זייטין וועגין אונ איר וועט אלזו ניט פאר בלייבין אין לאנדאן אויף לאנג , אייער שיקזאל וועט אייך פאר טראגין אין איינער אנדערע מעכטיגע שטאט , דארט וועט איר אייך מיט דעם פרינצען בעגעגענען אויף איינער יאכט , דיזע גוטע בעגעגניס וועט אייך אריין ברייגנען דיא קרוין , א מיין גאט , אלע וועלין אייך ליגין צו דיא פיס , אלעס וואס איר נור ווינצט וועט ערפילט ווערין , נור פערהאלט אייך נור מעסיג , ווען אבער איר וועט שטאלצירין אונ האפערדיג זיין , וועט איר דאן אלעס פאר לירין , איך זעה אויך איין פעלד שלאכט , אונ עס בעדראהעט אייך (אונראזייעט) גרויס גיפאהר , אונ דאס ענדע וועט זיין דאס איר וועט אין

גאנצין

נאנצין אונטער גיין , היטעט אייך פאר אין געוויסין אדלער וואס איז פיל מער ערגער פאר דעם אדלער וואס שיצט אייך , אין אפארלויף פון צוואנציג יאר וועט אייך דיזער מעכטיגער אדלער ארונטער שטירצען פון אייער הייך״ :

ניט אייזט אונז צוא ערגרינדען וויא עס וואר דאן דיא עוועגניא צו מוטה , הערענדיג דיזע וואונדערליכע ווייזאגונג , עס האט זיך דאן אין איהרעם הערצען געמישט זומער אונ ווינטער , נאכט אונ טאג אונ דיא אלטע העקסע וואר נאך אלץ ניט צו ענדע ״היטעט אייך פון דיזעם מעכטיגן אדלער״ האט זיא נאך אמאל געזאגט , ווען ניט וועט ער אייך בערויבען אייער קרוין , פערלאנגט ניט איבעריגעם אונ בלייבט רוהיג ביא דעם וואס איר האט , רייצט ניט אויף קיינעם אויף אייך , דיזער מעכטיגער אדלער אייזט שווארץ , אונ זיין קרוין אייזט פיל נידעריגער פאר אייערע , אונ דאך ווען איר וועט אייך ניט היטען פאר אים וועט ער אייך צו גרונדע ריכטען (באגראבין) .

״גינוג מיינע טייערע העלזעהרין !״ האט זיך דיא עוועגניא אפ גירופין צו איר, איר האט פיל וואהרעם געלייענט אין מיינעם שיקזאלס בוך , אונ דאנק אייך פר אייערע פריינדליכע וואהרנונג ״אונ האט איר דר לאנגט אויף שטייהענדיג אין זיידענעם ביטיל מיט דוקאטן, האט אלזו גינומען אבשייד פון איר אונ איזט זיך אוועק גיפארן , אונ דיא אלטע האט זיך גינומען אום איבער צו ציילין דיא דוקאטען , זיא וואר נאך ניט צו העלפט דער מיט וואר שוין געקלאפט ווידער אין טיר , זיא וואר דער ביא ניט ווייניג צו שראקין , אונ האט גיפרעגט זייער איינגסטליך ווער איז עס ? ״איך אייערע נאכבארין דיא פישערין בריגיטע״ האט איר איינע אלטע שטימע גיענטפערט פון דרויסין ״איך האב אייך וואס וויכטיגעם מיט צו טיילין״ דיא אלטע העקסע (מכשפה) האט איר גיעפינט דיא טיר , דיא בריגיטע איז ארין גאנץ קייכענד (שאפענד) , אונ האט איר דער ציילט דאס עס וואר ביא איר אין שטוב איין שפאנישער יונגער מאן וואס האט ביא איר אויס גיפארשט וועגין דאס מיידכען וואס איז איין גישפארט ביא איר אין שטוב , אונ דאס ער האט גישריבין דארט ביא איר אין שטוב אצעטילע אום עס ארין צואווארפען צו איר דורך דאס פענסטער , אונ פארגיוויס אים צו עמפאנגען איינע אנטווארט פון איר צוריק , אלזו מאדאם פערזאמען זייא זיך ניט , זייא קענען אים איצונד אן גרייפין

דיא אלטע האט איר זייער שטארק גידאנקט דער פאר אונ אויך זייער גוט בעלוינט , האט זיך וואס צום גיכסטן איין גיהילט אין אשווארצע טוך (פאציילע) אונ האט זיך ארויס גיחאפט דרויסין , אונ האט נאך פאספייעט צו דער זעהען דעם וואלאנטינען אוועק גייענדיג פון דער זייט שטוב וואו עס קומט ארויס דאס פענסטעריל פון דער סיילקע , אונ דיא פישערקע וואס איז מיט איר גיגאנגען האט אים דער קענט דאס ער איז עס וואס וואר ביי איר, אונ ביי אלעם דעם האט זיך די צווייבערין אפ גשטעלט אונ איז אים ניט נאך גלאפן , ערסטינס ווייל זיא האט זיך גיפירכטעט דאס ער וועט איר ווען זיא וועט אים נור אן האלטן מיט איינעם

האנד שטרייך (קלאפ) שטרעקין צום באדען (צו דער ערד), אונ וועם שוין ניט זובה זיין אום צו קערין זיך אין שטוב, דען ער וואר איין מעכטיגער קעריל, אונ צווייטינס האט זיא ניט גיוואלט לארעם מאכין, דען איר זאכע אין גאנצין פון דער דאלארעס איז דאך איין העכסט פערבאטענער גישעפט, אלזו קען זיא ווערין אין גאנצין אומגליקליך, זיא האט נור אויס גרויס צארין גימאכטופון אירע צעהן פינגער צווייא שטארקע פויסטען (קולאקעס), אונ האט זיך אום גיקערט באלד צוריק אין שטוב, זיא האט זיך אבער ניט גילייגט שלאפין, ניין, זיא האט נור נאך גידיינקט אפלאן וויא צו מאכין דאס עס זאל דעם וואלענטינעס זעהן זיך מיט דער דאלארעס בלייבין אן דיא מינדעסטעווירקונג, זיא האט נאך גידיינקט אונ גיפאלין אויף איינעם קלוגין איינפאל וויא מיר וועלין דא ווייטער דער ציילין, אונ האט אים אין דער זעלביגע נאכט אויס גיפירט.

5.

איינע גרויסע ליסט (חיטראסץ)

זיא האט באלד גישיקט איר דינסט רופין צו זיך איר גיהיימען שרייבער וואס האט גיוואונט אין סוטענדע איין גיוויסער סובערט וואס וואר אמאל אפאליציישקער סאקרעטער אונ וואר ניט ווייניגער פאר דארבין אלס זיא אליין, אונ וואר איין גיווייהעט (איין גיטרויט) אין אירע אלע גיהיימנים, דען ער וואר איר שטענדיגער קראספענדענט, אונ האט אים דיקטירט אין זיינער פעדער איין גאנץ קורצין בריף וואס זיין אינהאלט וואר אזו "ליבער הערצאג ענדרעמא! זייא וויסען דאס דער איבער ברייננגער פון דיזעם בריף וואס הייסט וואלאנטינע איזט איין בעדינטער פון דעם אלימפיא, וואס האט אין דיזער נאכט אויס געשפירט דאס דיא דאלארעס איזט בייא מיר, ער האט זיך נאך מיט זיינעם הערין ניט גיזעהען, אלזוי בענוצע דיזע געלעגענהייט וואס איך שפיל אים אריין אין דיינע הענט, דאס ער זאל זיך מיט אים שוין אויך ניט מארגין אונ זויא קיין מאל מיט אים זעהען, פון מיר גאדמאטער ראדלאין".

דיזעם בריף האט זיא פאר זיגעלט, אונ האט גילאזט פון אויבין אנשרייבן דיזען קליינעם אדרעס "דיא שטראזע אקספארט נומר 10, באלד דארויף האט זיא זיך אנגיטאן גאנץ איינפאך וויא איינע פון דיא ארעמע פרויען פון לאנדאן וואס ווערין אום גישיקט דארט אויף פאסילקעס אונ איזט אוועק אויף דעם באנהויף אום אוועק צו פארין קיין לאנדאן, דיזעם אלעם וואר איינע ארבייט פון איינער האלבע שטונדע, אונ האט נאך פאספייעט צו נעמען דארט אבילעט נאך לאנדאן, אונ האט נאך גידארפט ווארטין אגוטע פערטיל שטונדע ביז דער צוג איז אפ גיגאנגען, אונ האט דיזע קורצע צייט בענוצט אום אויף צו זוכין דארט אין וואגזאל דעם וואלענטינען וואס זיא האט אים נור איין מאל גיזעהען, אין דיזער נאכט נור בייא דעם מאנד שיין, אונ האט אים דארט אין וואגזאל אויס

געוויכען דאס ער זאל איר ניט זעהען, אונ האט אויך אוים געמידין צו זיצין מיט אים אין איינעם וואגאן:

דער צוג איז מיט זייא ביידין אוועק, אונ אין איינער האלבע שטונדע ווארין זייא שוין בייא לאנדענער וואגזאל, דען סוטענדע איז פון לאנדאן קוים זעקס־אייגגילשע מיילין (עפעס מער פאר אכט ווערסט), אונ דארט האט זיא באלד וויא זיא איז אהין ארײן געהייבין צו שרייען ווער איז דא איין געוויסער וואלענטינא איין דינער פון דעם אלימפיא! איין דינער פון דעם אלימפיא! צום דריטין רופין האט זיך דער וואלענטינא שוין פארגישטעלט איר, אונ האט איר גיזאגט דאס ער איז עס „זייט איר עס געוויס“? האט זיא אים גיפרעגט „איך בין עס“ האט ער איר געענטפערט, איך קום עבין פון סוטענדע. „איז גוט“ האט זיא אים גיענטפערט, אייער ווירטין האט מיך גישיקט דאס איך זאל אייך ערוואָרטין אויף דעם באנהויף אום אפ צו געבין אייך איין נייטיגין בריף צו אייערעם הערין אלימפיא אגואדא וואס ער איז איצונד ניט דא צו הויז, אונ גיפינט זיך איצונד בייא איינעם געוויסין הערצאג פון מעדינא אין דר שטראזע אקספארד נומר 10, דיזער בריף ענטהאלטעט אין זיך אגרויסעם געהיימנים, אונ דאס מוז דעם אלימפיען ארײן אין האנד נאך פאר האלבע נאכט. אלזוי קענט איר נאך עס פאספייען צו בעווייזין, דען פון באנהויף אהין איז נור אהאזין שפרונג (נאהענט), זאנסט ווען מען וואלט ווארטין ביז אייער קומען אויף דער קווארטיר, אונ דער נאך ווידער גיין אהין וועט ווערין דער ווײלע טאג, גישווינד שפודין זייא זיך:

דר וואלענטינא וואס ווייס פון גאר ניסט צו זאגין האט דעם בריף צו גינומען פון איר, אונ האט זיך בעאיילט צו לויפין צו דעם אן געוויזענעם ארט, קוים האט ער גיטאן צעהן שריט, האט ער זיך אן גיהייבין צו בעדיינקען, וויא אזו קומט מיין הער צו דעם ענדעמא? אונ איז גיבליבין שטיין, באלד אבער איז דיא פראגע גיווארין בייא אים גאנץ רעכט „עס קען גימאלט זיין“ האט ער בייא זיך גיטראכט „דאס מיין הער איז גיוואר גיווארין וואו דער ענדעמא וואוינט, אונ איז צו אים אריבער גיפארין, אונ דיזער בריף מוז פאר געוויס אין זיך ענטהאלטין אגרויסע פארזיכטיקייט פרעדאסטראזנאסט), אונ דאהער דיזע גרויסע בעאיילונג“ אונ האט דאהער שוין אויף גיהערט צו גיין נור צו לויפין, דען ער וואר שוין בעזארגט אוב זיינעם לעבין, „דען פאר געוויס וועט דארט קומען צו איינעם בלוטיגין אויפטריט“ האט ער בייא זיך גיטראכט, דען דער אלימפיא איז דאך פון איינעם היציגין געמיטהע, אונ איינע מינוטע צייט האט שוין פיל וואס צו זאגן, אונ איז גיפלויגן וויא איין אדלער, אונ איז באלד אהין גיקומען, ער האט דער ווימט בייא דעם פארטאל (פאראדנעם ארויף גאנג) איינעם שווייצער, אונ האט אים גיפרעגט צו גיפינט זיך דא ניט איין געוויסער הער אלימפיא אגואדא פון שפאניען „איך קען עס ניט וויסין“ האט ער אים גיענטפערט, דען עס זיינען דא אויבין מעהרערע הערין, אונ איך ווייס ניט ווער זייא זיינען“. „איך ברויכע אבער עס צו וויסען“ האט אים דער וואלענטינא גיענטפערט „דען איך בין זיין בעדינטער אונ האב צו

אים

אים איין נייטיגין בריף". "גוט זייא זאלין עס באלד וויסין" האט ער אים גיענטפערט, אונ האט באלד אציא גיטאן דעם גלאקין שנור, אונ עס איז ארויס איין באדינטער "פירין זייא דיזען מענטשין אריין צום הערען דען ער האט וואס נייטיגם צו איינעם פון זיינע געסט וואס זיינען איצונד דא בייא אים", האט דער שווייצער גיזאגט צו אים וואס ברויכט עפעם צו איינעם גרויסין הערען אלימפיא אגואדא איין שפאניער, אונ מער אלס ער זעלבסט קען נימאנד וויסין וועלכער איזט עס דער יעניגע:

דער בעדינטער האט אים ארויף גיפירט אונ האט אים פאר גישטעלט פאר דעם ענדעמא, אונ אלס ער האט אים גיזאגט דעם נאמען פון זיינעם הערן אונ האט אים גיצייגט דאס ער האט איין בריף צו אים, איז אים באלד איינע ליכט אויף גיגאנגען אין זיינעם הערצין, "גוט" האט ער בייא זיך גיטראכט דער גאט וואס שיקט צוא דעם שפינער זיינע פלאקס, אונ דעם שיינקער זיין ויין, האט מיר צו גישיקט אין מיינער האנד אזו אפערזון וואס וועט מיר פיל נוצליכער זיין אלס אלע מיינע ביז הערינע בעמיהונגען.

"יא דיין הער איז היר בייא מיר" האט ער אים גיענטפערט זייער פריינדליך "נון ווארטין זייא איך וועל עס אים מעלדין" אונ איז באלד דארויף אריין אין זאל, אונ האט גילאזין דעם וואלענטינען ווארטין אין דעם פאר צימער, אונ נאך איינער היפשע צייט איז ארויס צו אים אין פאדער זאל איין יונגעם מיידכען מיט איינעם זילבערנעם טעציל, אונ האט צו אים גיזאגט זייער פריינדליך, "אייער הער אלימפיא אגואדא איז העכסט פאר טיפט אין אגישפרעך מיט גרויסע הערשאפטין אונ קען דאהער ניט ארויס צו אייך, אונ האט דארום בעפוילין דאס מען זאל אים דעם בריף דער לאנגען אהין צו אים" די אנשטענדיקייט פון דיזער מיידכען, אירע אונשולד, אונ אירע שיינהייט, דער צו נאך איר שיינעם בענעמען גענין אים האט אויף דעם וואלענטינען אזו שטארק גיווירקט, דאס ער האט איר דעם בריף אפ גיגעבין מיט דעם גרעסטין צו טרויען, אונ באלד דארויף דאס הייסט אלס דער ענדעמא האט דיזין בריף איבר גילייענט, איז ער ארויס פון זאל צו אים (צו דעם וואלענטינען) דעם ענדעמענס אקאמער דינער איין איינגלענדער וואס וואר ניט וויינגער פאר דארבין אלס זיין הער אונ האט צו אים גיזאגט, אייער הער האט אייך בעפוילין צו ערווארטין אים ביז צווייא אוהר, דער ווייל קומען זייא ארונטער אין דער קיבע, אום זיך צו ערפרישין מיט אגלאז ראם אונ מיט איינעם צוביסין "אונ האט אים באלד דארויף אראפ גיפירט אונטין אין איינער סוטערענע (דאס איז אזו אהויז וואס איז האלב קעלער האלב שטוב) וואס וואר מיט קליינע פענסטער אונ מיט גראטעם, ער האט אים דארט בעווירטעט ווירקליך מיט אגוטע גלאז ראם מיט בראטין אונ דאס גלייכין, אונ אם ענדע אלס דער קאמער דינער איז ארויס מיט דעם אוים רייד צו ברייגען איינע בוטעלע איינגילישע ביר, האט ער פאר שלאסין דיא טיר הינטער זיך, דער צו נאך זייער גוט פאר ריגילט פון הינטין, אונ האט אים גילאזין זיצין אלס איין

גיפאנגיעם

גיפאנגינעם, עס האט ניט גיהאלפין זיין קלאפין זיין שרייען, זיין שטויסין דיא טיר, אונ האט שוין אלזו גיהאט גינוג צייט צו פאר שטיין דאס ער איז גיווארין פון דער אלטע פרויא בעטראגין, אונ וואר אלזו אויף זיך זעלבסט אויף גיבראכט וואס ער האט עס פאן פארין הערין (פריער) ניט פאר שטאנען, אונ וואס ער האט זיך גילאזט בערידין פון דעם מיידכינס וויכין מונד איבער צו געבין איר דעם בריף, וואס עס איז אין אים ווער ווייסט וואס גישטאנען, אונ האט אלזו בעדויערט מער זיינעם הערין אלס זיך זעלבסט, דען ער האט שוין זייער גוט פאר שטאנען דאס אלע זיינע ביז הערינע מיהע צו גיפינען דיא דאלארעס איז גאנץ פאר לארין, אונ האט אלזו גיהאט איינע גוטע גילעגינהייט צו וויסין וויא וואר עס איז דער אלטער שפריך ווארט „בערימע דיך ניט מיט אזו אקרזין וואס דוא האסט איר ניט שוין“:

אונ דער ענדעמא וואס ער האט איבער גילייענט דעם בריף פון דער אלטע וואס עס האט אים גיבראכט דעם וואלענטינע האטזיך גאנץ זאט אנגילאכט איבער דיזעם שפאס דאס ער האט באקומען דעם רענעקא פוקס (דעם קלוגין יונג) אין זיינעם האמען (נעץ) גאר אן מיהע, אונ האט באלד דארויף געשיקט אדאנק בריף צו דער ראדלאינע פאר איר גוטען איינפאל וואס עס האט איר געלונגען.

6.

„דאס אריין פאלין אין דער טעמזע“

באלד דרויף איז גישעהען דער צווייא קאמפף (פאעדינעק) צווישן דעם הערצאג אססונא אונ דעם מארקיז דעמאנטאלאן, זייא האבין זיך איינער דעם אנדערין פאר וואונדערט, דער מארקיז גאנץ לייכט, דער הערצאג אבער זייער שווער אונ דער צו נאך גאנץ גיפערליך, דאס דער דאקטאר האט אים גיהייסין מאכין זיין טעסטאמענט (צוואה), דיזע גישיכטע האט זייער לייד גיטאן דער גראפינע טעביא מאנטיכע אונ איר טאכטער עווגעניע, אונ האבין אים אלע טאג בעזוכט, בייא אלעם דעם וואר דיא עווגעניע זייער בעשעפטיגט מיט הויך טראבענדע (שטאלצע) גידאנקן, מיט ערהאבענע (גיהויבענע) האפענונגען, האט אימער גיטרוימט פון דיא ווערטער וואס עס האט איר גיזאגט דיא וואהזאגערין אונ האט גיגלויבט אין זייער ערפילונג, זיא האט עס מיט גיטיילט איר מוטער אונ זייערין גוטען (גוטין פריינד) קלארענדאן וואס האט זיך נאך ניט גישיידעט פון זייא, דאך דאס הויפט פון דיזער פראפעצייהונג (נביאות), (דאס הייסט דאס זיא וועט קייזערין ווערין), האט זיא גיהאלטין בייא זיך בסוד, דאך אום מאכין אקליינע פראבע צו האבין אירע רייד עפעס אהאפט, דאס זייא פאר דינען דאס מען זאל איין צוטרויען צו זייא האבין, איז זיא אוועק צו דעם בריק צעלזעא אום פרייטיג צו נאכט, אום צו זעהן צי וועט זיא דארט ווירקליך גיפינען אירין אגיליבטין, וואס דאס איז דער אלימפיא וואס זיא וואר שטערבליך אין אים פאר

לעבט צייט זיא האט זיך איבער צייגט (געוואוסט שוין אויף קלאר) דאס דער נארוואעץ איז גאר פאר ליבט אין דער קעניגין וויא מיר ווייסען עס פון פריער, זיא וואר אבער אין דיא פראפעצייהונג פון דיזער בענעגינעס ניט מינדער (ווייניגער) בעטראגין פון דער ראדלאינע אלם דער אלימפיא וואר בעטראגן פון דער זעלביגע העקסע (מכשפה), אונ פון דעם ענדרעמא דורך איין צידעליכין (שיינעם) בריף וואס ער האט בעקומען אן איינער אונטער שריפט אויף גלאנסע פאפיר דאס ער זאל זיך איין פינדן צו דיזר שטונדע אויף דר צעלזייעסין בריקע, דען עס וועט אים דארט ערוואורטין איינע פערזון וואס איז אים ליב אונ טייער, אונ וואס וועט אים מיט טיילין איינע פריליכע נאכריכט, אונ דאס פון דער בריקע זאל ער זיך ווענדן צו דעם פארק וואורטעסצא, דען דיזע ביידע זאכן, דאס הייסט דיא פראפעצייהונג צו דער עוונעניע, אונ דיזעס שרייבין צו דעם אלימפיא וואר נור איינע בלויזע מאכעריי פון דער ראדלאינא אונ פון דעם ענדרעמא אום דעם אלימפיאען אוועק צו שאפין פון דער וועלט, עס וואר דיזעס נור איינע פאללע (פאסטקע) פאר אים אין וועלכער ער איז אריין גינארט גיווארין:

זיינע צוויא פריינדע, דאס הייסט דער מארקיז קלוידע דעמאנטאלאן אונ פיליפפא ביאנאוויטא, האבין פון דיזעם צעטיל ניט גיוואוסט, דען אלימפיא האט עס זייא ניט גיוויזין, אונ ביא אלעם דעם האבין זייא גיוואוסט וואו הין ער איז אוועק אין דעם בעשטימטין פרייטאג צו נאכט, דאך בעפאר מיר וועלין דער ציילין פון זיינעם גאנג נאך דער בריקע, וועלין מיר איין עטוואס שפרעכין פון זיינעם דינער וואלענטינא, דער אלימפיא וואר העכסט בעזארגט איבער זיין פאר פאלין ווערין, אונ האט אויך ניט גישוויגין וועגין אים, ער האט עס אן גימעלדעט אין דער פאליצייא, האט עס גישריבין אין צייטונגען, האט אן גיבאטין איינע גוטע בעלוינונג דעם יעניגען וואס וועט אויף זיין שפור (סלאד) קומען, עס וואר אבער ניט צו זעהען אונ ניט צו הערין פון אים. אונ גראדע אום פרייטאג שוין נעגין אווינד איז גיקומען צו אים איין פאליצייסקער אונ האט אביזאוועט דאס מען האט נעכטין ביא נאכט גיפונען איין ערמארדעטין מענטשין אין דעם טונעל וואס גייט אונטער דער טעמזע, אונ האט פאר לאנגט פון אים דאס ער זאל גיין מיט אים זעהען פיליכט וועט ער אים דער קענען דאס ער איז זיין דינער, אונ ער האט עס העכסט גערין גיטאן, אונ איז אוועק מיט אים, דארט אין דעם טונעל וואס וואר נאך גאנץ דונקיל בעלויכטין, דען ער וואר נאך אין דער מאכע (אין דער ארבייט) האט ער דער וויסט פילע עלענדע אונ אפ גיריסענע מענטשין וואס האבין גישלאפין צווישין דיא זיילין אונ אין דיא פארמוגעס, ווייל זייא האבין קיין אנדער ארט וואו צו נעכטיגין, ניט אבער נור דארום ווייל עס איז קיינע ארעמע הייזער דא אין לאנדאן, ניין עס זיינען דא דארט מעהר אלס הונדערט, מיט אלע בעקוועמליכקייט (וויגאדעס), גוט גיהייצט אונ מיט בעטלאך וואס זיינען אויס גיבעטט מיט ריינע שטרויא זעקע, אונ דער צו ווערט נאך גיגעבין קארטאפיל גיבאקטע אונ גיזאדענע באהנען (באבעס), אונ עס ווערט גיצאלט דאפיר נור

דרייא

דרייא קאפייקען פאר איינעם נאכט לעגער, עס ווערין אבער אויף גינומען דארט נור גיכטערע אונ אזעלכע וואס דיא פאליצייא האט אויף זייא קיינעם פערדאכט (פאדאזרענע), דיזע אבער ווארין דער גענענזאץ (דער הפך) דער פון, אטייל בערוישטע אונ אטייל גאנץ פאר דארבענע אונ פאר ווארפענע, מענער, פרויען אונ קינדער, מיט שרעק אונ מיט גרויען איז דער אלימפיא דורך גיגאנגען מיט דעם פאליצייסקען דיזין טונעל וואס וואר נור וויא איינע פאר ריידע (הקדמה) אנטקעגין דעם פאליצייסקען זאל וואס וואר דארט בייא זיינעם אנדערין ענדע. עס האט אים פאר נומען זיין אטום אלס ער איז אריין, אונ זיינע האר האט זיך אים גישטעלט קאפויר פון שרעק, ער האט דארט דער וויסט מעהר אלס פופציג טישין וואס אויף יעדערין בעזונדער איז גילעגין איין טויטער קערפער וואס דיא פאליצייא האט זייא גיפונען אונ אויף גיקליבין פון פאר שיידענע ערטער, אטייל פון זייא ווארין דער טרונקענע וואס האבין זיך גיווייקט אין וואסער שוין מעהר אלס אמאנהייט, אטייל ווארין אויף גיהאנגענע, אטייל דער שטאכענע, אטייל אן קעפ. לעבין יעדין טיש איז גישטאנען אשטאלב מיט אטאבליצקע דארויף וואס עס וואר אויף גישריבין אויף איר וואו מען האט דיזין ערמארדעטין גיפונען אונ ווען ער בלייבט אזו ליגין גאנצע דרייא טעג, אונ דער נאך אין פאל ווען עס איז איבער דיזע צייט ניט דער נאמען גיווארין ווער ער איז, אונ ווער זיין מערדער וואר ווערט ער באגראבין, אום צו מאכין פלאץ פאר איינעם נייעם ערמארדעטין:

דער פאליצייסקער האט דעם אלימפיא צו גיפירט צו איינעם טיש אויף וועלכעם עס איז גילעגין איין ערמארדעטער וואס האט גיהאט צווייא שטעך אין איינער זייט, אונ וואס מען האט אים ערסט היינט גיפונען, אונ וואס גלייכט זיך זייער פיל צו דיא פרימעטעס וואס דער אלימפיא האט גישריבין אין צייטונג פון זיינעם דינער וואס איז בייא אים פאר פאלין גיווארין, אלימפיא האט דיזען טויטען קערפער בעטראכטעט, אונ האט אין אנפאנג אנגינומען אים פאר דעם וואלענטינען, אונ האט אים זייער שטארק בעדויערט, באלד אבער האט ער זיך שוין איבער צייגט (גיוואוסט אויף קלאר) דאס ניט ער איז עס, אונ האט זיך גיטרייסט מיט דער האפנונג דאס ער לעבט, אונ האט דעם פאליצייסקען בעלוינט פאר זיינער מיהע אונ איז ארויס דורך דעם עק טונעל אויף דער ליכטיגע וועלט, אונ דאן האט ער באלד זיך אריין גיזעצט אין איין רעמיזאווען עקיפאז אונ איז אוועק צו דעם צעלזייעסין בריק, אונ דארט איז ער ארויס פון וואגין אונ איז גיבליבין שטיין אום צו ערווארטין דיא פערזון וואס איז אים לויט דעם שרייבין וואס ער האט באקומען הויך אונ טייער, וואס דאס איז האט ער בייא זיך גיטראכט דיא עווגעניע, ווייל ער האט דאך גיהערט פון דעם מארקיז דאס זיא איז אין לאנדאן, אונ האט שוין אן גיהייבין צו פילין בייא זיך איינע שרעקליכע גיוויסענס פלאגע (גריזענע סאוועסט), דען ער פאר זינדיגט זיך דאך מיט דעם געגין דיא דאלארעס וואס ער אפפערט דא פאר איר אזו פיל צייט, געלט אונ

מיהע

מיהע, אונ וואר שוין אין בעגריף אום צו קערין זיך אהיים, אין דעם איז אן גיפארן איין עקיפאז וואס אין אים איז גיזעסין דיא עווגעניא, ער האט איר דער זעהען, אונ דער קוים אונ אקארסט פאר שטיקטער פונקען פון זיינע ליבע צוא איר האט ווידער אויף גיפלאמט אונ האט אלזוי אומגעווענדעט זיינע פיס וואס ווארין שוין געריכטעט צו דער היימוועגע, צוא דעם פארק ווארטעקצא וואו הין דער עקיפאז פון דער עווגעניא האט זיך פאר קערעוועט, וואס וואר אין דעם בריף פון איר צוא אים (וויא ער האט גימיינט) באשטימט צו זייער ראנדע וואו זיך צו זאמען קומען, אונ ווייל מען גלויבט ווירקליך צו זעהן וואס עס ווילט זיך זעהען, האט זיך אים גידוכט דאס דיא עווגעניע ווינקט אים ארויס פון איר עקיפאז דאס ער זאל אהין אונטער קומען:

קוים האט ער אן גיהייבן צו גיין אהין, איז אונטער גיקומען איין בעדינטער אנטקעגין, אונ האט אים גיזאגט דאס דיא גרעפין האט אים אונטער גישיקט צו אים דאס ער זאל אים ווייזין דעם רעכטין ארט (שטעלע) וואו זיא וועט אים ערווארטין דארט אין פארק, אונ דער אלימפיא האט זיך גילאזט פירין פון אים, דיזער בעדינטער וואר איין העכסט ריכטיגער (גיזונטער אונ שטארקער) קעריל, אונ וואר קיין אנדערער וויא דער דזאן דער קאמער דינער פון ענדעמא דורך וועלכין ער האט גילאזט גיפאנגען נעמען דעם וואלענטינא וויא מיר ווייסין, דער וועג וואס דער קאמער דינער האט אים גיצייגט איז גיגאנגען ביא דער נאבערעזנע פון דער טעמזע וואס וואר דאן זייער גרוים אונ שטראמיג, עס וואר דאן רעכט פינסטער אונ רעכט שפעט דאס עס וואר דארט אין דיזין אבגילעגינעם (זייטיגין) ארט פון שטאט שוין קיין מענטש צו זעהן, קוים זיינען זיא ביידע איין גיגאנגן עטליכע קלאפטער, האט דער דזאן גילאזט ארויס פאלין פון זיינער טאשע אביטיל מיט געלט, אום זיך דורך דעם אפ צו שטעלין זיך אויף צו זוכין עס, אונ דאס ביא זיינעם אן יאגין אים זאל ער אים אוים קומען (דעם אלימפיען) פון הינטין:

דער אלימפיא וואס האט קיין ביזעס דער ביא גימערקט איז זיך פאר אוים גיגאנגען זאכט אונ האט זיך דר ווייל בעטראכט דעם שפיל פון די וועלען, דען עס וואר דאן זייער שטירמיש, דער ווייל איז דער דזאן אונטער גילאפין זייער האסטיג צו אים איין עטוואס פון דער זייט אונ האט אים אריין גישטויסין מיט גרוים קראפט אין דער טעמזע, דער אלימפיא איז אריין גיפאלין וויא אשטיין אין וואסער, דען ער וואר איין גרויסער אונ אפולער מענטש, אונ דיא וועלען האבין אים אן גינומען פאר אגוטין ביסין, אונ האבין אים זייער גוט ארונטער גישלונגען, ער האט זיך אזו גאר זייער שטארק גיראנגילט מיט זייא, ער איז אייניגע מאל צו גישוואומען צו דעם ברעג, עס וואר אבער דארט אויך זייער טיף, אונ דער ברעג וואר זייער הויך אונ גלייך אוים גימויערט מיט קוואדערין (פיר קאנטיגע שטיינער), דאס עס וואר אים אונמעגליך ארויף צו קלעטערין, אונ איז גיווארין ווייטער איין שפילכעלע פאר דיא וועלען וואס האבין אים ווייטער פארט

גיריסין, אונ דער דזאן וואס האט עס גאנץ רוהיג פון ווייטין צו גיזעהן, אונ האט גימיינט דאס ער איז שוין מיט אים גאנץ פארטיג וויא מיט דיא אלען אנדערען וואס ער האט שוין אין זיינעם לעבין אריין גישטירצט אין דער טעמזע, איז באלד אוועק צו זיינעם העררין דעם ענדעמא, אום בעלוינט צו ווערין פון אים פאר זיינעם טרייען דינסט וואס ער האט אים איצונד גילייסטעט (גיטאן), דען ער האט דאך אזו איין ניפערליכין נעבענבוהלער (איין ליבעם קאנקערענט) אוועק גישאפט פון זיינעם האלז:

7.

"וואלענטינא"

דיא סוטערענע אדער דער פאדוואל וואס עס וואר איין גישפארט אין אים דער וואלענטינא וואר ניט בעסער אלס איין קאזעמאט פאר אים, דען עס וואר דארט דונקעל, קאלט, פייכט, אונ אויך אן איין שטיקיל מעביל. עס וואר דארט נור איין הילצערנער טיש מיט איינעם הילצערנעם ביינקיל, איין מאל אין מעת לעת נור פלעגט אים דער דזאן בריינגען עסין, גאנץ מאגערע קעסט, ארום צוועלפין ביי נאכט, ער פלעגט דאן אריין קומען צו אים מיט אגילאדעוועטין פיסטאלעט אונטערין גארטיל, אום אים באלד נידער צוא שיסין אויב ער וועט נור מינע מאכין (בדעה האבין) צו וועלין אנטלויפין, אדער וועלין זיך שלאגין מיט אים, דער צו נאך פלעגט דער דזאן אלע מאל ביי זיינעם אריין גיין פאר שליסין דיא טיר הינטער זיך אונ אריין לייגין דעם שליסיל צו זיך אין טאש:

וויא טרויעריג עס וואר צו מוטה דעם וואלענטינען, קען עס לייכט איין יעדערער פון אונזערע לעזערינע זיך פארשטעלין, דיא ערסטע צוויא דרייא טעג וואר ער העכסט אונרוהיג, ער האט זיך צובראכין דעם מוח נאך דיינקענד אויס וועלכעם גרונד האלט מען אים גיפאנגען, אונ וואס איז גישטאנען אין דעם בריף וואס דיא הארבולקע דיא אלטע האט אים גיגעבין, אונ האט זיך גיוואלט אליין אויף עסין וועגין זיינער דומהייט, דאס ער האט זיך גילאזט אזו לייכט אפ נארין, דער נאך אלס ער איז שוין ארויף אביסיל אויף דעם דרך, אונ האט זיך זעלבסט שוין גוט ערקלערט דעם גאנצין צו זאמען האנג (המשך) פון דיזער זאכע, האט ער ערסט אן גיהייבין צו דיינקען פון זיך, דאס הייסט וויא ער זאל זיך פון דאנען רעטין (אנטלויפין), פאר דער האנד האט עס אויס גיוויזין פאר איינער אונמעגליכקייט, ביי אלעם דעם האט ער דיא האפענונג ניט אויף גיגעבין אונ האט גיווארט אויף איינע גוטע גילעגינהייט, אונ דיזע גילעגינהייט האט זיך ווירקליך ניט פאר זאמט, דען אין דעם זעלבינין פרייטיג צו נאכט וואס דער דזאן האט אריין גישטויסין דעם אלימפיען אין דער טעמזע וואס דאס וואר אין אכט טאג ארום פון דעם וואלענטינעם גיפאנגענשאפט, האט דער ענדעמא גיפייערט זיין גיבורטס טאג, עס ווארין גילאדין פילע געסטע, עס האט דארט ניט גיפעלט אויך דיא ראדלאינא וואס זיא איז נאך גיקומן אהין גאנץ בעצייטן,

נאך פרייטיג ביא טאג, אונ דער דזאן האט איר צו גיפאדערט צו דער גראטע פון דער סוטערענע אום צו זעהן דעם וואלענטינען וואס זיא האט אהער אריין גילאקט (אריין גיבאוועט) וויא אפייגעלע אין קלעטקע, אונ זיא האט זיך גאנץ זאט אן גילאכט, אונ אזו אויך האט איר דער קענט דער וואלענטינא, אונ האט שוין אלנז גיוואוסט אויף קלאר, דאס זיא איז עס דיא ראדלאינא, דיא וועכטערין פון דער דאלארעס, וואס העלפט עס אבער, דער פאר שטאנד אונ דאס וויסין קומט על פי רוב נאך פיל שפעטער אלס דיא פאזארנע ראטע, אונ דער וואלענטינע האט זיך אין דיזין טאג בענאהע גאנץ פאר צערט אויס גראם (גריזאטע) אונ אויס קומער:

עס וואר אין דיזער נאכט זייער הויך גיפייערט, גישפילט, גיטאנצט, אין קארטין גישפילט, גישמויזט (גישפייזט), גיטרונקען איבער דיא מאסין, מער אבער פאר אלעם וואר גוטער דינגע (פריילי) דער דזאן, דען ער האט דאך בעוויזין איינע גרויסע דינסט זיינעם הערין אין דיזער נאכט, ער האט דאך דעם אלימפיען אין דער טעמזע אריין גישטירצט, אונ האט זיך אלזו זייער שטארק בעטרונקען, אונ אום צו בעקרייגען דיזין לוסטיגין אווינד מיט איינער גייסטיגין (רוחני) פריידע, איז ער זיך אריין גיגאנגען צו דעם גיפאנגענעם וואלענטינען, אום זיך לוסטיג צו מאכין איבער אים דארט, אונ דער ציילין אים צו גלייך דאס זיין הער אלימפיא לעבט שוין ניט מער, ער איז אריין צו אים אין דיזין אווינד מיט אבוטעלע ויין אונ מיט אשטיק בראטין אונ העבסט פריילי, דען ער וואר שטארק בערויסט, דאס ער האט זיך קוים גיהאלטין אויף דיא פיס, אונ האט אלזו פאר געסין צוא נעמען מיט זיך אפיסטאלעט, ארויס צו נעמען דעם שליסיל פון טיר וואס גראדע דיזעם האט וואלענטינא באלד בעמערקט:

דער דזאן האט אים טראקטירט מיט ויין, אונ האט דער בייזואליין אויך גיטרונקען, אונ האט אים דער ציילט דאס זיין הער אלימפיא גיהערט שוין ניט מער צו דיא לעבעדיגע, אונ האט אים גיוויזין איין הויפין שטערלינג וואס זיין הער ענדעמא האט אים איצונד בעלוינט דער פאר, אונ וואר אלזו וויא דער טייץ זאגט גוטער דינגע (לוסטיג), דער וואלענטין אבער האט זיך גיצייגט דער ביא גאנץ רוהיג אונ שלעפעריג, דער צו נאך גאנץ גלייך גילטיג, ער האט אים גיבעטין נור אום איינע בעפרייאונג, וואס דער דזאן האט אים גיענטפערט דארויף מיט איינעם שפעטעשין לאכין יא שוין אזו גיך ווילסט דוא ווערין בעפרייט? דיא טיר פון דיזער גיפיינגעניס איז פיל בערייטער צום אריין גיין אלס צום ארויס גיין, קענסט נאך דא פאר בלייבין ביז דיינע האר וועלין ערגרויען, אונ דיינע נעגיל וועלין אויס וואקסין וויא דיא אדלער קלאען, אלזו מיין פריינד בעוואפין דיך מיט גרויסע גידולד":

קוים האט ער דיזע ווערטער אויס גישפראכין, האט אים דער וואלענטינא דער לאנגט מיט זיינעם קולאק איין טיכטיגין שלאג אינם גיזיכט דאס דער דזאן איז גיפאלין צו דער ערד, דען ער האט זיך שוין אזו אויך קוים אויף דיא פיס

ניהאלטין

גיהאלטין פון שכרות , ער איז גיפאלין אהינטער אונ איז אפ גילאפין מיט בלוט ; אונ האט אים נאך דער צו גאנץ גוט צו גיקלאפט מיט דעם בייגקיל , דאס עס איז אים שוין פאר גאנגען דאס הערין אונ זעהן , אונ שרייען האט ער שוין אויך ניט גיקענט . דען עס איז אים צו גיפאלין אגרוים איבעלקייט אונ עס האט אים אויף גישטויסין , אלזו האט דער וואלענטינא גילאזט אים זיך וועלגערין דארט אין זיינעם בלוט אונ אין זיינעם ערברעכין אונ איז ארוים פון דער סוטערנע , אונ האט איר הינטער זיך פאר שלאסין , אונ האט גאט גיבעטין דאס ער זאל אים דורך פירין לשלום דורך דעם הויף :

אונ דיזעם האט אים אויך זייער גוט גילונגען , דען דיא אלע דינערשאפט וואריו העכסט בעשעפטיגט ארום דיא געסטע , אונ וואריו דער צו אויך האלב בעזויפין , אויסער דעם וואריו דארט פיל בעדינטע וואס זיינען גיקומען מיט דיא געסטע , אלזו האבין דיא דינערשאפט גימיינט דאס דער וואלענטינא איז איינער פון זייא , ער איז אלזו ארוים אין גאס נאר אן אשום מינע , אונ איז אוועק מיט שפארקע טריט אין דער וואטערלאע גאס אונ איז אריין אין דיא קוואטיר פון זיינעם הערען , דיא ווירטין האט אים דער זעהן אונ איז גיווארין פולער פריידע , „וואו האט איר אייך אזו לאנג פערוויילט (פר זאמט)״ האט זיא אים גיפרעגט.„איך וואר צו געסט אגאנצע וואך״ האט ער איר גיענטפערט לאכענד „אונ מען האט מיך דארט זייער ארענטליך צו גיזעהן״. „דאס גלויבע איך ניט״ האט זיך דיא ווירטין אפ גירופין ,„זאנסט וואלט איר פיל בעסר אויס גזעהן״ מיר וועלין שפעטר ביידין דאריבער״ האט ער זיך אפ גירופין „נור זאגט מיר וואו איז מיין הער , איז ער צו הויז״ ? „ליידער ניין״ ! האט זיא אים גיענטפערט זייער בעקימערט , צייט געסטערין פון אווינד איז ער ניט דא , אונ זיינע פריינדע זיינען העכסט בעקימערט וועגין אים , דען זייא גלויבין דאס עס האט אים גיוויס איין אונגליק גיטראפין. „וועגן אזו״ ? האט זיך דער וואלענטינא אפ גירופין טוענדיג אפאץ מיט דיא הענד „פירכטע איך שוין דאס עס זאל ניט וואר זיין וואס מיר האט גיזאגט דער דזאן , דאס מיין הער לעבט שוין ניט , אונ איז אריין גילאפין זייער האסטיג אין דער צווייטין צימער צו דיא צוויא פריינדע זיינע , צו דעם מארקיז דעמאנטאלאן אונ צו דעם פיליפפא ביאנאוועטע :

ער האט זייא דארט דער וויסט ביידין שפילענדיג אין שאך „אזו איר לעבט נאך״ ? האבין זייא זיך ביידע אפ גירופין מיט גרוים פאר וואונדערונג״ , דיין הער האט דיך שוין בעוויינט , אונ מיר האבין דיך שוין גינוג בעדויערט , נון גאט זייא דאנק דאס מיר זעהן דיך ווידער״ אונ האבין אים באלד דארויף איבערהייפט מיט טויזענדע פראגין , וואו ער איז גיוועו , אונ וואס עס האט מיט אים פאסירט , אונ צו וויים ער ניט וואס צו זאגין פון זיינעם הערען וואס ער איז פון נעכטין אן פאר פאלין גיווארין , ער האט זייא אלעם דער ציילט . אונ האט זייא זייער שוועד גימאכט זייער הערץ וועגין דעם אלימפיא , דען וויא ער האט גיהערט פון דעם דזאן לעבט ער שוין ניט מעהר.„א איך האב אים פריער ג ווארינט״ האט זיך אפ

גירופין

גירוּפִין דֶער פִּילִיפֶּפָּא בְּיָאנֶעוֶועטֶע ׳דָאס עֶר זָאל נִיט טְרוּיֶען דֶעם בְּרִיף וָואס הָאט אִים אַיין גִילַאדִין אוֹיף אַיין רַאנְדֶעוָואי (אוֹיף אַיין גִיפִינֶען זִיךְ) עֶלְף בַּייא נַאכְט אוֹיף דֶער צֶעלְזֵייעֶשֶׁע בְּרִיקֶע, אוּנ זָאל זִיךְ נִיט וַואגִין צוּ גֵיין אַהִין · עֶר אִיז אָבֶער אַגְרוּיסֶער וַואג הַאלְדְז, גִיוִוים וַואר עֶס גִישְׁרִיבִין פוּן דֶער עֶווְגֶענְיֶע, אוּנ וָואס נָאךְ אִיז גִיפֶעהְרְלִיכֶער אַלְס דִיא גִיקְרֵיינְקְטֶע לִיבֶּע פוּן אַזוֹ אַרַאמֶע ווִיא דִיא עֶווְגֶענְיֶע אִיז, אוּנ בַּייא אַלֶעם דֶעם, קוּם מִיט מִיר צוּ דִיזֶער בְּרִיקֶע, פִילַייכְט וֶועלִין מִיר נָאךְ קוּמֶען אוֹיף זַיין שְׁפּוּר (דָאס הַייסְט אַיין סְלַאד דֶער גִיין):

8.

דִיא רַאכֶע (נְקָמָה)

עֶס אִיז מִיט גִינַאנְגֶען מִיט זַייא אוֹיךְ דֶער מַארְקִיז דֶעמָאנְטָאלָאן, עֶס וַואר שׁוֹין הֶעלֶער טָאג, זַייא זַיינֶען גִיקוּמֶען צוּ דֶער בְּרִיק אוּנ עֶס וַואר נִיט צוּ זֶעהְן אוּנ נִיט צוּ הֶערִין פוּן אִים, אוּנ הָאבִּין זִיךְ אוּם גִיקֶערְט אַהֵיים מִיט נִיכְטְס, נוּן אִיז בַּייא זַייא גִיבְּלִיבִּין דָאס זַייא זָאלִין זִיךְ וֶוענְדִין צוּ דֶער פָּאלִיצַייא, אוּנ הָאבִּין דֶער מִיט אוֹיךְ גַאנְץ וֵוייניג אוּיס גִיוִוירְקְט דֶען ווִיא אוֹיךְ דִיא לָאנְדָאנֶער פָּאלִיצַייא אִיז זַייעֶר שַׁארְף זִיכְטִיג (זָארְקָא), דָאךְ קִימֶערְט זִיא זִיךְ גַאנְץ וֵוייניג וֶועגִין אֵיינֶעם אוּיס לֶענְדֶער, דַאהֶער הָאבִּין זַייא זִיךְ בֶּערַאטִין צוּ דֶער גֵיין דִיא קְוַוארְטִיר פוּן דֶער גְרֶעפִין עֶווְגֶענְיֶע, דֶען זַייא הָאבִּין אַלְץ גִימֵיינְט דָאס דֶער אַיינְלַאדוּנְגְס בְּרִיף צוּ דֶעם אַלִימְפִּיָא וַואר גִישְׁרִיבִּין פוּן אִיר, אוּנ דִיזֶעם הָאט זִיךְ אוּנְטֶער גִינוּמֶען דֶער פִילִיפֶּפָּא, אוּנ הָאט מִיט זִיךְ גִינוּמֶען דֶעם וַואלֶענְטִינַא, זַייעֶר עֶרְסְטֶער גַאנְג וַואר צוּ דֶעם אַדְרֶעסְנֶעם שְׁטָאל, זַייא הָאבִּין אָבֶער דָארְט אוֹיךְ גָאר נִיט גִימַאכְט, דֶען אִין לָאנְדָאן זַיינֶען דָא פִיל מֶער אַלְס אַיין אַדְרֶעסְנֶער שְׁטָאל, יֶעדֶער קְוַוארְטִיל הָאט אֵיינֶעם בֶּעזוּנְדֶערִין, אוּנ וַוארִין אַלְזוֹ אִין בֶּעגְרִיף (בְּדֵעָה גִיהַאט) צוּ פְרֶעגִין אַזוֹ אִין יֶעדִין בֶּעזוּנְדֶער, קוּים אָבֶער זַיינֶען זַייא פוּן דָארְט אַרוּיס צוּרִיק אוּם צוּ גֵיין אִין אַצְוֵוייטִין אַדְרֶעסְנֶעם שְׁטָאל, אִיז אָן גִיפָארִין אַנְטְקֶעגִין זַייא אַיין פְרֶעכְטִיגֶער עֶקִיפַּאז וָואס עֶס אִיז אַרוּיס אֵיינֶע פָארְנֶעהְמֶע דַאמֶע פוּן אִים, זִיא וַואר זַייעֶר שֵׁיין גִיוַואקְסִין, רַייךְ גִיקְלֵיידֶעט, אוּנ פֶערְהִילְט מִיט אֵיינֶעם בְּלָאנְדֶענֶעם ווָאוַאל, עֶס וַואר שׁוֹין דַאן אַזוֹ גָאר רֶעכְט דוּנְקִיל, אוּנ בַּייא אַלֶעם דֶעם הָאט דִיזֶע דַאמֶע דֶער קֶענְט אִים אוֹיף דֶער שְׁטֶעלֶע דָאס עֶר אִיז עֶס דֶער פִילִיפֶּפָּא ווִיא עֶר לֶעבְּט אוּנ לַייבְּט וָואס וֶוערְט פוּן אִיר גִיזוּכְט שׁוֹין פוּן פִילֶע צַייטִין אִין שְׁפַּאנְיֶען, אִין פְרַאנְקְרַייךְ, אוּנ אִיצוּנְד אִין לָאנְדָאן, אוּנ עֶס הָאט אִיר אַצוּפ גִיטָאן אִין הֶערְצִין.„נוּן הָאבּ אִיךְ דָאךְ מַיין צִיל עֶרְרֵייכְט„ הָאט זִיא צוּ זִיךְ זֶעלְבְּסְט גִיזָאגְט ׳נוּן וֶועל אִיךְ שׁוֹין דִיא גְלוּט פוּן מַיינֶער רַאכֶע (נְקָמָה) לֶעשִׁין, אוּנ וֶועל שׁוֹין מַיינֶע רֶעכֶענוּנְג שְׁלִיסִין מִיט גָאט אוּנ מִיט דֶער וֶועלְט וָואס אִיז מִיר שׁוֹין צוּ לַאסְט, גָאט זַייא דַאנְק עֶס וֶועט שׁוֹין אֵיינֶע עֶנְדֶע זַיין צוּ מַיינֶער טְרוּיעֶרִיגֶע רָאלֶע וָואס אִיךְ שְׁפִּיל מִיט מִיר צַייט אִיךְ הָאבּ גִיפְלִיכְטֶעט פוּן מַיינֶער עֶלְטֶערִינְס הוֹיז„ :

דיא דאמע וואר קיינע אנדערע אלס דיא „זואנא", זיא האט אים דער קענט נאך זיצענד אין דעם עקיפאז, איז ארויס פון אים. אונ איז דעם פיליפפען נאך גיגאנגען פון הינטין, ביז ער איז גיקומען צו דער טיר פון איינעם צווייטין אדרעסנעם שטאל, וואס ער האט אריין גישיקט אהין דעם וואלענטינען, אום נאך צו פרעגין זיך אויף דער עווגעניעס קוואַרטיר, אונ ער האט זיך אפ גישטעלט אליין, אונ דאן האט זיא אראפ גינומען פון זיך דעם וואוואל, אונ האט אים בערירט פון הינטין מיט איר האנט, ער האט זיך באלד אומגיקערט, אונ האט זיך ניט גיקענט גינוג אפ וואונדערין אלס ער האט דער זעהען דאס עס שטייט הינטער אים איינע בליהענדע שיינע דאמע וואס איז אים גאנץ אונבעקאנט, אונ האט איר גיפרעגט וואס ברויכט זיא צו אים „אזו וייט צו פאר געסין זיך אן מיר"? האט זיא זיך אפ גירופין צו אים אויף שפאניעס „דאס דוא ערקענסט מיך שוין ניט מעהר! איך בין דאך זואנא, דיינע גיוועזענע גיליבטע, אונ דוא נאך איצונד מיין גיליבטער, דען איך האב מיך נאך גיט אומגיענדערט, אזו ניט אום גייסט אונ ניט אום קערפער, דען איך בין נאך שיין וויא דאמאלס, דיא צייט האט מיך פאר שוינט, אונ מיין הערץ איז דיר נאך צו גטאן וויא אין דעם טאג וואס דוא האסט מיך ענטפירט פון מיינער עלטערינס הויז". „אזו גאר"! האט זיך פיליפפא אפ גירופין „דוא זואנא ביזט אין לאנדאן? אונ דיא לוינע (שגעון) פון דעם צופאל האט אונז צו זאמען גיבראכט"? אונ איז גיווארין בלייך וויא איין טוך דער ביא „א עס גישעהט מיט אונז מענטשין פיל מער אלס מיר בערעכענין אונז"! „עס איז פיל מער מיין ליבער פיליפפא" האט זיא אים גיענטפערט „אלס לוינע איינעם צו פאלס, מיינע ליבע צו דיר האט מיך ניט גילאזט רוהען אונ ראסין, איך האב אויס גיפרעגט אלע ווינטין אום צו וויסין וואו דוא ביזט, איך האב אויס גישפירט גאנץ שפאניען אום זו אויף דיין שפור צו קומען, איך בין דיר נאך גילאפין קיין פראנקרייך אונ האב דיך ניט גיקענט אויף פינדין דארט, איך הערטע דאס דוא ביזט אין לאנדאן, אונ בין גיקומען אהער, אונ וויא איין גוטער שפיר הונט האב איך דיך אויס גיזוכט אין אלע ווינקלאך, אונ אם ענדע האט מיך גיגליקט דאך איין מאל צו גיפינען דיך, אלזו מיין ליבער פיליפפא האב שוין מיט לייד מיט דיינער זואנא, וואס וואר דיר אמאל אזו ליב אונ טייער, אונ וואס איז דיר נאך איצונד ערגעבין מיט לייב אונ זייל, אונ וואס האט צו ליב דיר אויף גיאפפערט אירע עלטערין, איר נאמען, אונ אויס גיליטין נויט אונ עלענד, אונ ביא אלעם דעם בין איך נאך דיא זעלביגע שיינהייט, דיא זעלביגע טרייע פריינדין דיינע, אונ בין נאך אין שטאנד דיך גליקליך צו מאכין, פאר שטויס שוין מיך ניט מעהר פון דיר":

דיזע רייד פון דער זואנא האט אים גירירט ביז צו טרערין „בערוהיגע דיך מיינע ליבע זואנא" האט ער צו איר גיזאגט „איך ליבע דיך נאך, איך האב דיך גיט פאר געסין, דער שטורעם פון מיינעם קריגערישען (וואיענעם) לעבין האט צו וייט אריין גיוויהעט מיך אין דער גרויסע וייטע וועלט, נון בין איך דיין אונ

דוא

דוא ביזט מיין אונ פערצייהע מיר אויף דיא פערגאנגענהייט (עבר), אט פירע מיך אין דיינער וואונונג, אונ מיר וועלין אין דיזער נאכט דעם בונד פון אונזער ליבע בענייען, איין בונד וואס זעלבסט דער טויט זאל עס ניט קענען אויס איינאנדער בינדין״. „יא מיין גיליבטער״! האט זיא זיך אפ גירופין צו אים „אונ דיזע רייד דיינע זיינען פון הערצין גישפראכין, וואר וויא פון גאט אין דיינעם מונד אריין גילייגט, אונ שפרעכע דארויף אמן, יא גיוויס מיר בלייבין שוין פאר איינגט פון איצט אן אין דער אייביגקייט״. „אונ וואו הין ווילסט דוא מיך איצונד פירין״? האט ער איר גיפרעגט „נאך מיינער וואונונג״ האט זיא אים געענטפערט, „איך האבע איינע פראכט פאלע וואונונג, גאנץ איינגעריכטעט אונ צו גיקליבין וויא עס זיך אייגנעט (פאסט) פאר אזו איין היילינין צו זאמען קומען וויא אונזערע איצונד וועט זיין, איך האב עס נור דיינער האלב (צו ליב דיר) אזו שיין אויס גיצירט, דען איך וואר ביי מיר גיוויס דאס איך וועל דיך אויף צו זוכין אונ וועל דיך אהיים פירין״ „גוט איך בין דיר העכסט דאנקבאר דער פאר״ האט ער גיענטפערט „איך גייא מיט דיר פירע מיך, דאך אום צו קירצען דיא לאנג ווייליע פון אונזער פוס רייזע צו דיינר קווארטיר, ערצייליע מיר פון וואנען דוא גינעהרסט דיך אונ קליידעסט דיך אזו אנשטענדיג, אונ צווייטינס וואס איז גיווארין פון אונזער קינד, דו ביזט דאך שוואנגער גיוועזן אלס איך האב דיך פאר לאזין״:

„מיינע קאסטען (הוצאות)״ האט זיא אים גיענטפערט קוועלין ניט פון איינער אונרייניע קוועלע, עס איז קיין לוין פאר איינע צווייטער ליבע, דיינע זואנא פערשמעהעט אזעלכע שאנד געלד, ניט פאר נעם איך האב דאך גיהאט רייכע עלטערין, אונ אונזער קינד איז אויך גוט פערזארגט, אנגיטרויט גאנץ ערליכע הענט, פיל אין בעסערע אלס אין מיינע אדער אין דיינע הענד:

דער פוס גאנג האט גידויערט מעהר אלס אנדערהאלבין שטונדין אונ זייער גישפרעך האט נאך אלץ קיין ענדע גינומען, דען ווער האט נאך אזו פיל צו פרעגין אונ צו אנטווארטין זיך אלס צווייא גיליבטע וואס האבין זיך ניט גיזעהען אזו אלאנגע צייט, זייא זיינען גיקומען צו איינער פאראדנע טיר, דיא זואנא האט אציא גיטאן דעם גלאק שנור. אונ אדינסט מיידיל האט באלד גיעפינט, דיזע קאמער מיידכען האט גיהייסין ליוסיטע, דיא זעלביגע וואס האט זיך אמאל בעהאלטין פון דעם ענדעמא ביי קארטינען אין שטוב, דער פיליפפא האט זיך ניט גיקענט גינוג אפ וואונדערין איבער דיא ריינטליכקייט אונ צירליכקייט וואס ער האט דער וויסט אין דיזער וואונונג, עס ווארין דרייא צימערין מיט איינער שווינדיל טרעפ פון מאהאן פון דעם דריטען צימער אין אשיילקע, דיא מעביל דיא גארדינען, דיא פאטרעטין, דיא געשיר ווארין אלע עפעס וויא אויס גיזוכטע אונ פון דעם בעסטין קאליבער, אויך וואר דיא לופט דארט זייער מעסיג אונ דופטענד (שמעקענד), זיא האט אים דארט אויף גינומען וויא דעם בעסטין גאסט, האט אים באלד בעווירטעט (מכבד גיוועזן) מיט טייערע ציגארין, עס וואר דער לאנגט באלד סוקעלאדע, פריכטע, נאך הער טייערע שפייזין האבין זיך ביידע

ניטליך

גיפליך גיטאן , נאך הער וואר גיטרונקען גוטע ויין , אונ מען וואר נוטער דינגע (העכסט פריילך) , אונ דער פונקען פון דער אלטע ליבע האט אויף גילאדערט (אויף גפלאקערט) צו איינער לאהע (העכסט העלע) פלאמע , מען האט זיך צוא קוסט , מען איז ארין גיפאלין איינער דעם אנדערין אין דיא ארעמס , מען האט זיך ארין גיוויינט הייסע טרערין איינער אין דעם אנדערינס אויגין , מען האט זיך צו גישוואורין טרייהייט אונ אייביגע ליבע , אונ זיא האט דער בייא גישפילט דיא מעלאדי (נגון) פון דעם ראמעע , אונ יוליא אויף איר פארטעפיאן *) , אונ האט אים באלד דארויף גינומען פאר דער האנד אונ האט אים ארויף גיפירט אין דער שיילקע וואס דארט וואר איר שלאף צימער , אונ אלס זייא וואורין שוין דארט האלב אוים גיקליידעט , אונ וואורין אין בעגריף (בדעה) צו בעשטייגין דאס בעט , האט זיא אב גיקארקעוועט אבוטעלע לימאנאדע , זיא האט גיטרונקען איין גלאז דער פון ביז דעם דעק אלס איין דורסטלעסענדער טראנק , אונ האט אים אויך דער מיט טראקטירט , דיזער לעצטער טראנק אבער וואר פערגיפטעט (פערסאמט) מיט איינעם בלוט פערקילענדען גיפט , אונ זיינען ביידע גיבליבין טויט אין דיא ערסטע צעהען מינוטין פון זייער בעשטייגין דאס בעט , אונ זיא האט אלזו אוים גיפירט אירע ראכע (נקמה) אויף אים וואס האט איר ניט גילאזט רוען זינד ער איז איר גיוואורין אונטרייא , וויא מיר האבין בעשריבין שוין פריער :

9.

איין פעסט (יום טוב) אין דעם הויזע פון דער גרעפין מאנטיכע :

אין יענער צייט וואר לאנדאן איין זאמעל פלאץ ניט נור פון פאליטיצנע פאר ברעכער , ניין זעלבסט פון אלער האנד בעטריגער פון פילע באנקראטירער , אונ פון פאלש מינצער , אונטער דיזער צאל האט אויך ניט גיפעלט דארט לודוויג נאפאלעאן באנאפארטא , דער זון פון דער שיינע אונד רייצענדע הארטענזא באהארנא , וואס וואר נאפאלעאנס דעם ערסטין אשטיפטאכטער , אונ וואס נאפאליאן האט איר פערהייראטעט מיט זיינעם איינגערין ברודער לודוויג וואס וואר דאן קיניג פון האלאנד , אונ איר מוטער וואר דיא שיינע יאזעפינע דיא פרויא פון דעם נאפאלעאן דעם ערסטין , מען האט דאן גירעט אין דער וועלט דאס דער נאפאלעאן דער ערסטער האט פיל מער גיליבט דיא שטיפטאכטער אלס דיא מוטער , נור דאס בעלאנגט אונז גאנץ ווייניג , דיא הארטענזע האט דער לעבט מיט איר מאן צווייא קינדער , איינער איז אבער גישטארבין אלס קינד נאך , דער אנדערער אבער , דאס הייסט לודוויג נאפאליאן וואס איז גיוואורין מיט דער צייט קייזער פון פראנקרייך , אונ פון וועלכעם מיר ריידין דא איצונד , האט זיך איבער גיגעבין צו דיא שטירמישע פריידין פון דער גרויסער וועלט נאך

זיינער

*) דאס וואורען צווייא ליבענדע וואס האבין זיך אוים ליבע צו איינאנדער וואס דיא עלטערן האבען געשטערט זיך פערגיפטעט .

זיינער מוטערס טויט וואס איז גישעהען אין דעם יאר 1837 , אונ עס האט זיך אים אן גיהייבן צו דרייען דאן אין קאפ דער גיפערליכער אונ קיהנע (חוצפעדיקער) גידאנקען דס ער זאל דעם דאמאלדיגן פראנצויזישען קיניג לודוויג פיליפפען אראפ שליידערין פון טראהן , אונ ווערין קיניג פון פראנקרייך אלס דער איינציגער טראהנפאלגער (נאסלעדניק) פון דעם נאפאליאן דעם ערסטין וואס וואר אברודער פון זיינעם פאטער , דיזער פלאן האט אוים גזעהען דאן זייער פרעמדארטיג אונ וואהנזיניג (משוגע) , בפרט דאס ער וואר דאן בלוט ארעם , דען ער האט דעם גאנצין פערמעגין פון דער מוטער פערשוועגדערט אונ אוים גיבראכט אויף נאר נישט , שוין אין דעם יאר 1836 האט ער שוין גימוזט ווערין גישטיצט דורך די גוטע פריינד פון זיינעם פעטער נאפאליאן דעם ערסטין , אונ ביא אלעם דעם האט ער זיך גיוואגט צו מאכין איין בונד דארט אין שטראזבורג גענין דעם גוטין קיניג לודוויג פיליפ , אום אויף צו פלאנצין דיא באנאפארטישע פאנע אויף דעם פראנצויזישען טראהן , דיזע פרעכע פראבע (חוצפעדיקע) פראבע אבער האט אים ניט גילונגען , אונ האט אוים גיוויזין אזו וויט לעכערליך , דאס לואי פיליפ האט עס אנגיזעהען נור פאר איין קינדער שפיל , אונ האט אים פאר שיקט קיין אמעריקא , באלד דארויף אבער האט שוין דער לואי פיליפ גיהאט שוין גינוג אורזאך צו בערייען (חרטה צו האבין) אויף זיינע געלינדיקייט (סלאבאסט) גענין דיזען באנאפארטיסט , דען ער האט זיך באלד אומגיקערט פון אמעריקא , איז גיקומען קיין בולאנע אונ האט דארט גימאכט איינע צווייטע פראבע אום אומצושטירצין (אומצוווארפן) דעם זינקענדן טראהן פון דעם לואי פיליפ , אונ דיזעם מאל האט אים אויך ניט גילונגען (גיגליקט) אונ האט שוין אויך גיליטין דער פאר שוין פיל מעהר אלס דעם ערסטין מאל , דען מען האט אים באלד ארייין גיזעצט אין דער פעסטונג האם , אונ וואר איינגישפארט דארט פילע יארין , אונ האט זיך אם ענדע בעפרייט פון דארט נור דורך איין גימיינעם אנטלויפין , אונ ביא אלעם דעם וואר דער לואי פיליפ גאנץ רוהיג אונבעזארגט ווענין זיין פליכטען , אונ וואר ביא זיך אזו וויט זיכער דאס דער פראנצויזישער טראהן בלייבט איין איינענטוהום אין זיינער פאמיליע פיר אימער אונ אייביג , דאס ער האט זיך גיוואגט אזו גאר צו לאזין בריינגען דעם טויטין קערפער פון דעם נאפאליאן דעם ערסטין פון דער אינזעל סאנקטהעלענע קיין פאריז מיט גרוים פאראד , אונ האט אים אוועק גישטעלט דארט אין סאבאר פון דעם אינוואלידען הויז , וואס דאס הייסט וויא מען זאגט „מיט פולען הענדען דעם טייוויל ווייריך גיגעבין" אונ וואס דיזעם איז צו גלייך איין גוטער בעווייז דאס דיזער קיניג האט ניט גיוואוסט וויא אונשטאנדהאפט דיא פראנצויזין זיינען , אונ דאס זיין טראהן שטייט נור אויף זאמד , אונ איז באלד דארויף זייער שטארק גיווארין בעשטראפט פאר דיזעם פאר זעהען זיינעם :

באלד נאך דעם וויא נאפאליאן איז אנטלאפין האט ער זיך בעגעבין קיין איינגלאנד , ער האט זיך דארט בעזעצט , אונ ביא זיינעם לאנגען פערבלייבין

דארט , האט ער צו זאמען גיקליבין סוועדענעס פון דעם פאריזער הויף , דען ער האט דארט גיהאט גוטע פריינד וואס האבין אים אלץ בענאכריכטיגט , ער וואר דאן גאנץ ארעם , דאך האט ער זיך ניט ארוים גיוויזין דער מיט , אונ האט גימאכט בעקאנטשאפטין מיט גרויסע אונ רייכע הייזער , אונ האט דארט גישפילט דיא ראלע פון אפרינץ וואס האט נאך איין אנשפרוך (איין רעכט) אויף אטראהן , אונ וויא עס פאר שטייט זיך פון זעלבסט ווארין דארט שוין גרויסע לארדען אונ מיליאנערין וואס ווארין צו ליב דעם גרויסע בעלנים אויף אים אום צו בעקומען אים פאר איין איידים , דען וועמען ווילט זיך עס ניט צו מאכין זיינע טאכטער פאר איינע קייזערין , ווען ער האט נור איינע גילעגינהייט דער צו , ביא אלעם דעם האט ער זיך ניט פאר דרייט מיט קיינער פארטי (שידוך) וויל ער האט שוין אין פאראויס זייער גוט בערעכינט . דאס הייגט אדער מארגין וועט דער לואי פיליפ ארונטער פון דעם פראנצויזישען טראהן , אונ דאן האט ער אגרויסין אנשפרוך (פראווע) אויף דיא פראנצויזישע קראנע , אזו וויט אויסזיכטיג (קלוג) וואר דיזער פרינץ , אונ האט פאר שטאנען צו ווארטין , דער צו נאך האט ער גיהאט זייער פילע פריינדע אין דעם פראנצויזישען הויף וואס פלעגין אים שרייבן דאס מינדעסטע וואס דארט גישעהעט , אונ דאס דער לואי פיליפ ווינט זיך אויף זיינעם טראהן :

דער גרעסטער טייל פון די פארנעהמסטע פליכטלינגע (ביעגלעצי) פלעגין זיך אלע אווענדע פערזאמלען אין דעם האטעל פון דער גרעפין טעבי מאנטיכא , נור בעפאר מיר וועלין דיך אונזערע לעזערין איין פירען אין דיזעם קלוב , מוזין מיר דאך נאך איין עטוואס מער דער ציילין פון אונזערער הויפט גישיכטע :

דער מארקיז דע מאנטאלאן איז פון זיינער וואונדע (ראנע) וואס ער האט באקומען דארט ביא דעם דועל (פאעדיניק) אין דעם פארק הויז מיט דעם הערצאג אססונא , איז גיווארין גיך גיהיילט , אונ וואר אויך זיכער פאר דער פאליצייא , דען זיא האט ניט גיוואוסט פון אים , ניט אזו אבער וואר דער פאל מיט דעם הערצאג אססונא , דען ער איז פון דיזעם דועל (פאעדיניק) גישטארבין , אונ דיא פאליצייא וואס האט ניט גיוואוסט ווער עס וואר זיין געגנער , האט זיא גימאכט איבער דעם איין פראטאקאל (אקט) אונ האט גימאכט דער ביא איין קליינעם קרייז (נאמיעטקע) אויף פאמיליען נאמען פון דר גרעפין מאנטיכע , דען (די פאליציי) האט גוואוסט דס דר אססונא וואר פון איר קרייז , אונ דער הערצאג בענעוועטע האט דעם טויטין קערפער אפ גישיקט קיין שפאניען , אונ דיזעם אלעם האט דאך ניט גישטערט דיא פאריגע ארדענונג ביא דער גרעפין אין האטעל :

וויא פארהער אזו אויך איצונד האבין זיך אלע אווענדע פערזאמילט דיא פאריגע געסטע , עס ווארין דארט בעלע איבער בעלע , אין קארטין גישפילט , אונטער דיא געסטע האבין זיך גיפונען דיא שענסטע יונגע לייט פון דער לאנדאנער גילאנטע וועלט , קאוועלערין , ציגאוניקעס וואס האבין גישפילט דיא

ראלע פון מיליאנערין , וואס האבין צו ליב דעם בדלות גישטעלט דיא קאסעס וואס ווארין זייא אן גיטרויט פון דער רעגירונג , אונ וואס זייא האבין אם ענדע גינוג גיליטען דער פאר , קורץ דער פון , איר האטעל וואר איין מאגנעט וואס האט אנגיצויגין צו זיך פיל יונגע לייט פון באן טאן , אונ דיזע אנציהונגס קראפט וואר נור דיא שיינע אונד רייצענדע עווגעניע , אונ ביא אלעם דעם וואר זייער גענער (גוטער פריינד) דער לארד קלארענדאן וואס האט דיזע גרעפישע פאמיליע גישטיצט וויא מיר ווייסין שוין פון פריער זינד דיא טעבים מאן איז גישטארבין , וואר ער גאנץ גלייכגילטיג , דען ער האט דיזין שפיל אין מינדעסטין ניט גישטערט , וויל ער האט איינגיזעהען דאס ער וועט דיא טעבי ניט איבר מאכין , אונ איז גיבליבין איר גענער וויא פריער :

דיא מוטער מיט דער טאכטער ווארין דער צענטרום (דער מיטיל פונקט) וואס ארום זייא האט זיך גידרייט דיא לאנדאנער שיינע וועלט , לארדין , גראפין , פרינצין , אויסלענדער אונ אינלענדער , אלע האבין זיך גינייגט צו זייא וויא דיא נארבען פון דיא ברידער צו דעם נארב פון יוספין , דיא טעבי אונ עווגעניע האבין ניט אפ גיוויזין פון זיך זעלבסט רייכע בירגער קינדער אונ קליינע רייכע צינאוויניקעס , זייא האבין אן גינומען פון אלעם גישיינקע אונ אויך לויב שפריכע , אונ יעדערער פון דיא געסטע האט זיך גיפונען אונ גישפירט גליקליך דורך זייערין אלעבעלען צו אים אדער דורך אפריינדליכען הענדען דרוק :

נון פאר שטייט זיך דאס אזו אפירונג וואר פאר בונדין מיט גרויסע קאסטין , מען האט גיברויכט צו האבין דער צו איין פערמעגין פון צעהן מיליאן אויף רענטע (פראצענט) , אונ דיזעס וויא מיר ווייסין האט דיא טעבי ניט גהאט אויך קיין צעהן טייל דער פון , אונ ביא אלעם דעם האט אויך אלעם גיקלעקט , דען דיא גרויסע סומען וואס דיא געסטע פלעגין דער גרעפין מוטער צו געבין , האבין גידעקט אלע קאסטין נאך אין איבער פלוס (די והותר) , נור וויא אונטער אונז גיזאגט , מאכין דיזע גרויסע אפפער (גישיינקע) קיינע גרויסע עהרע צו דער האנד פון דער עמפפיינגערין (וואס האט עס אן גינומען) :

אונטער דעם צאל פון דער גרעפינס אנבעטער (פערגעטערער) אונ וואס האבין פלייסיג בעזוכט איר וואונונג , וואר איין גיוויסער צינאוויניק וואס וואר קאסירער אין באנק אונ וואס האט גיהייסין הענריך , דיזער יונגער מאן פלעגט דארט צו פאר שווענדין גרויסע מאסען געלט , גאנץ איינפאך ער פלעגט בדלות שטעלין דיא קאסע , אונ האט עס אפ גיגעבין דער גרעפין טעבי אין האנד , אונ פלעגט איין האנדלען ביא איר אונ ביא דער טאכטער דער פאר איין קניקס (איין קאפ פערבייגונג) איין לעבעלען , אונ אפט מאל נאך איין ווארעמען הענדע דרוק , דיזער הענריך האט גיהאט איינע אלטע מוטער וואס האט גילעבט מיט אים צו זאמען אין גרויסין נויט אונ מאנגיל אום איין צו היטין איר זון דאס ער זאל זיך דארפין פערגרייפין אן דער קאסע וואס עס איז אים אנגיטרויט , אונ איז גיווארין דאהער העכסט אונרוהיג אלס זיא האט אן גיהויבין צו מערקין דאס ער

האט

האט זיך אן גיהייבן צו קליידין פון טאג צו טאג פיל שענער אונ בלייבט אויסין פון דער היים גאנצענע נעכט, זיא האט עס אים אויס גירעט, כי וואר שוין אבער צו שפעט, אונ זיא מיט אים זיינן ביידע באלד גיווארין העכסט אומגליקליך. וויא מיר וועלין דא באלד דער ציילין:

דיזער העניריך האט זיך פערליבט אין דער עווגעניע איבער דיא אויערין, אונ וואר אזו פערבלענדעט, דאס ער האט אזו גאר גיגלויבט דאס זיא וועט אים מיט דער צייט הייראטהען, אונ וועט מיט איר אנטלייפין קיין אמעריקא אויס פורכט פאר דיא רעגירונג, אונ וויא דיא וואהרהייט צו זאגין האט דיא עווגעניע גאר ניט גיוואוסט אזו וייט פון דיא סומען געלט וואס ער גיט איבער דיא מוטער, אונ פשיטא שוין ניט פון וואנען ער נעמט עס, אונ נאך מער האט זיא ניט גיוואוסט פון זיינעם דומען אנזיכט (אויס זיכט) דאס ער מיינט איר מאן צו ווערין, דען זאנסט וואלט זיא אים שוין גיגעבין איין אטקאז. זיא פלעגט אים אויך נעמען פריינדליך אונ העפליך נור צו ליב איר מוטער וואס פלעגט אים אימער אנטקעגין קומען אונ טיף זיך פערנייגין נעגען אים, זיא האט עס גיהאלטן נור פאר איינע שטאלצע הערא בלאסענהייט (ענוות אדער שגיזהאזדענע) פון איר, דען דיא גרויסען ווילין זיך צייגין דאס זייא זיינען אויך בעשיידין (ניט גרוים בייא זיך) אונ זיינען קליין מיט דעם קליינעם, קורץ דער פון דיזער העניריך האט זיך גאנץ בעטראגין, אונ האט זיך מיט זיינער מוטער העכסט פעראונגליקט:

איין מאל אין דעם אווינד פון איינער נאכט וואס וואר בעשטימט פאר איין גרויסין פעסט (באל) דארט בייא דער גרעפין אין האטעל, האט מען איר אנגימעלדעט דאס עס איז גיקומען דער מארקיז דע מאנטאלאן וואס וואר מיט אפאר מאנאטע צוריק איין פליסיגער בעזוכער פון איר צירקיל (גיזעלינשאפט), דער נאמען פון דיזעם מאן האט זיך זייער שיין אפ גיקלונגען אין דיא אויערין פון דר מוטר אונ טאכטר, ערסטינס וייל ער איז איינר פון דיא שפאנישע העלדין, אונ צווייטינס איז ער איינער פון דיא גרעסטע שפאנישע רייכען, איין מיליאנער, אזו איינער איז זייא וויא מיר ווייסין איין העכסט ווילקאמענער גאסט. אונ האט אלזו ערלויבט אים אריין צו גיין צו איר אין זאל, אונ ער וואר אויך גינומען פון דיא ביידע דאמען אם העפליכסטען, נור וייל דיא מוטער האט זייער גוט גיוואוסט דאס דיזער מאן האט וואס וויכטיגעס צו שפרעכין מיט דער טאכטער, האט זיא אים גילאזין מיט דער עווגעניע אליין אונטער דעם אויסרייד דאס זיא איז איצונד זייער בעשעפטיגט מיט דער צו ברייטונג פון דעם באל וואס דארף זיין בייא איר אין דיזער נאכט, אונ האט זיך בעגעבין אין איינעם אנדערין צימער:

„איך פערשטייא אן אייער גיזיכט" האט זיך דאן דיא עווגעניע באלד דארויף אפ גירופין צו אים, „דאס אייער קומען אהער איז פיל מעהר אלס איין ליידיגער בעזוך, געווים האט איר מיר וואס גוטעס מיט צו טיילין פון אונזער פריינד אלימפיא וואס איך האב שוין ניט גיהערט פון אים אזו אצייט, אונ דיזער

איי־עלער

איידעלער מאן אינטערעסירט מיך זייער» . «א איך ווייס זייער גוט» האטזע איר גיענטפערט «איך בין אבער ניט גיקומען אום אייך וואס מיט צו טיילין פון אים , נור אום אייך צו בעפרעגין וועגין אים , איך וויל אייך פרעגין צו האט איר אייך ניט בעגעגינט מיט אים פאר אייניגע טעג צוריק» ?

דיזע אונגעריכטע פראגע , האט איר אין גאנצין צו מישט , זיא איז גיבליבין שטיין עטליכע מינוט וויא פערבליפט (וויא אן אזינען) , אונ דער נאך האט זיא זיך גיפאסט (בעדיינקט) אונ האט אים גיענטפערט יא איך ערינערע מיך דאס איך האב אים בעגעגינט עפעס אויף איינער בריקע , דאך ווייסע איך עס ניט אויף גיוויס , דען אין דיזער טומעל שטאט קען מען זיך זייער לייכט אירען «וואר עס ניט אום פרייטיג צו נאכט אום עלף אוהר» ? האט ער איר ווייטער גיפרעגט . «אזו איזט עס» האט זיא אים גיענטפערט . «אונ פיליכט נאך אויף דער צעלזייעשקער בריקע» ? האט ער ווידער גיפרעגט «דאס גידיינקע איך שוין ניט אויף קלאר» האט זיא אים גיענטפערט «איך בין דאן גיפארן אין איינעם עקיפאז» «צו זייט איר ניט ארויס פון דעם עקיפאז אין דעם באטערזייעשין פארק» ? «ניין איך בין גראדע פאר ביי גיפארין» וואר איר ענטפער «אונ אזו אויך קיין ווארט מיט אים גישפראכין» ? האט ער איר ווידער גיפרעגט «גיט איין ווארט האב איך מיט אים גיוועקסעלט» האט זיא אים גיענטפערט :

«ווען אזו» ! האט זיך דער מארקיז אפ גירופין «האבין מיר שוין מעהר קיין אלימפיא , ער איז גיוויס שוין פאר לארין , א ער איז גיוועזן צו דיזער שטעלע גילאדין דורך אייער שרייבין , אונ האט זיך פון דארט שוין ניט אומגיקערט» . «פון מיר איין שרייבין צו אים» ? האט זיא זיך אפ גירופין מיט גרויסער פאר וואונדערונג , אונ האט אפ גיטראטין דער ביי אהינטער אונ האט זיך דער ביי גאנץ ענטפערבט (גיווארין בלייך) , דא מוז פערגיוויס איין גרויסער אירטהום (טעות) זיין , אונ איז נאך ביז איצונד ניט דא מיך גרווילט עס צו הערן» «גרעפין» ! האט ער זיך אפ גירופין צו איר «מיר זיינען דא נור אונטער פיר אויגין , איך בעט אייך : מאכט פאר מיר קיין גיהיימניס , עס האנדעלט זיך דא אום אונזערען בעסטין פריינד , אום דעם אלימפיא , איך בעט אייך זאגט מיר דיא ווארהייט , צו האט איר צו אים גישריבין צו ניין» אונ האט איר אלזו באלד דארויף דער לאנגט דאס שרייבין וואס דער אלימפיא האט בעקומען צו דיזער אונגליקליכע איינלאדונג פון וועלכע ער האט זיך שוין ניט אומגיקערט , עס וואר גישריבין אויף איינעם עטיקעטין פאפיר מיט איינער צירליכען דאמען שריפט , «איך שווערע אייך ביי אלער הייליגקייט» האט דיא עווגעניע אים גיענטפערט «דאס דיזע שריפט איזט ניט מיינע , אונד אום עס אייך איבער צו צייגין אויף קלאר דאס איך בין ניט דיא שרייבערין פון דיזען צעטיל , קענט איר זעהען מיין האנד שריפט אין דיזען אלבום וואס איך שרייב אריין אין אים אלעם וואס עס איז מיר וויכטיג אונ ווערט צו גידיינקען , אונ פאר גלייכט עס צו דיזעם צעטיל :

זיא האט אים גיעפינט דיזעם אלבום . ער האט אים בעטראכטעט , אונ

אלם

אלס ער האט זיך איבער צייגט, דאס זיא וואר גיווים ניט דיא שרייבערין פון דיזען צעטיל, וואר אים אזו איינג אין קאפף דאס ער האט אויס גישריען ניט ווילענדיק אונ האט גיזאגט „וויא איך לעבע דאס דא ליגט צו גרונד איינע איבער נאטירליכע גיהיימנים, א עס גרווילט מיך דיזע גישיכטע, אונזער אלימפיא איז גיווים פאר לארין״. „ניין! פאר לירט נאך ניט אייער האפענונג״ האט זיך אפ גירופין דיא עוגעניע וואס האט זיך דער ווילע אויס גימארקירט ביי זיך אין הערצין, דאס דא איז גיווים אין שפיל דיא וואהרזאגערין וואס האט איר גיוואהרזאגט דאס זיא וועט זיך בעגעגינען מיט איר בעסטין בעקאנטין אויף דעם צעלזייעשין בריק, נור עס וואר איר העכסט אונפערשטענדליך וויא קומט זיא צו וויסין פון דעם אלימפיא „ניין, דיזער אלימפיא האט זיך אויס גידרייט פון גרעסערע אומגליקין, ער איז איין העלד, איין מאן אויף דעם פלאץ, ער איז ניט פאר לארין״:

„אונ מיר טוט זייער לייד אום דיזעם פריינד״ האט זיך דער מארקיז אפ גירופין, ער וואר פעסט אין זיינער פריינדשאפט וויא אין זיינער ליבע, פערטיג צו אפפערין (מקריב צו זיין) זיין לעבין פאר פריינד אונ גיליבטע. אלזו פאר לירין מיר ביידע איין גרויסין שאץ אין דיזעם מאן „אלזו ליבער מארקיז״ האט זיך עוגעניע אפ גירופין צו אים „פאר טרעטין זייא זיין שטעלע ביי מיר ביז זיין צוריק קומען, דען עס איז מיר נייטיג איינעם בעשיצער צו האבין וואס זאל מיך שיצען מיט זיין גוט אונ בלוט״. „אונ דיזעם זאלין זייא אין מיר האבין״ האט ער איר גיענטפערט „איך שטייא אייך צוא דינען מיט אלע מיינע קרעפטין, דען איר זייט דיא גיליבטע פון מיינעם פריינד״. „אונ פיליכט וועל איך עס ברויכין נאך אין דיזער נאכט״ האט זיא צו אים גיזאגט „פון מיינעט וועגין בין איך שוין בריט צו דינען אייך״:

„אלזו ליבער מארקיז דאנקע איך אייך פאר אייער גוט הארץ, דען איך ווייס דאס איר זייט איין מאן פון ווארט, אונ לאדע אייך איין אין דעם נאמען פון מיינער מוטער צו דעם היינטיגין באל וואס עס וועט זיין ביי אונז, אונ בעטע אייך נאך אמאל צו בלייבין מיין בעשיצער אין דער נויט״. „איך בלייבע טרייע מיינעם פערשפרעכין״ האט ער איר גיענטפערט „אונ פערבלייבע דא איבער דיזין באל״ דער ווילע האבין זיך צו זאמען גיקליבין פילע געסטע פון פאר שיידענע קלאסין, עס איז גיקומען דער מיניסטער בולקאוו, דער לארד סונפלאווער אונ אויך דער פרינץ נאפאליאן, א טייל פון זייא האבין זיך גיזעצט שפילין אין קארטין, א טייל האבין גישפראכין צווישין זיך פון דער פאליטיק, אנדערע האבין זיך דער ציילט אנדערע וועלט נייאיגקייט, דער מארקיז דעמאנטאלאן אבער איז זיך גיבליבין זיצין אליין גאנץ רוהיג אום איין צו הארכין זיך דאס גישפרעך וואס וואר צווישין דער גרעפין טעבי אונ איר טאכטער עוגעניע וואס זיינען גיזעסין ניט ווייט פון אים, אונ עס האט אים גילונגען (גיגליקט), דען

ער האט אלם זייער גוט אוים גיהערט , אונ דיזעם גישפרעך האט גימאכט איין גרויסען איינדרוק אויף זיין געמיטה :

"מיין ליבעם קינד" האט גיזאגט די מוטער צו א ר האלב לויט (האלב הויך) אין דער שפאנעשע שפראכע , וואס קיינער פון דיא געסטע האבין עם ניט פארשטאנען אויסער דער מארקיז דע מאנטאלאן , דיזער יונגער הער הענריך , איז ניט קוקענדיג דארויף דאס ער איז פון בירגערליכען (מעסצאנסקען) שטאנד איז אגאנץ ליבענסווירדיגער יונגער מאן , דא ניט לאנג האט ער מיר גיצייגט איינע גרויסע גיפעליגקייט , אונ האב אלזוי גינוג אורזאך אים דאנקבאר צו זיין , אלזו וואלט איך פערלאנגען פון דיר דאס דוא זאלסט זיך צייגין אים אויך פיל פריינדליכער אלם ביז אהער גאטע בענע (בפרט) דאס ער האט מיר שוין אוים גירעט דאס דוא ביזט געגין אים גאנץ גלייכגילטיג , אונ דאס זעלבסט דיין רייכען אים אפט דיא האנט אונ דיין לעכעלען אים אנטקעגין איזט עם מער גיצוואונגען אלם ערענסט

"א ליבע מוטער" ! האט זיא זיך אפ גירופין "איך קען דאך אים ניט אויף נעמען העפליכער אלם אנדערע געסטע" . "ביא אלעם דעם טוא מיר דיא גיפעליגקייט" האט זיך דיא מוטער אפ גירופין , דאס דוא זאלסט היינט ערפילין דיין וואונץ צו שפילין מיט אים אין דיזין קליינעם זייטין צימער איין שאך שפיל , ער האט מיך גיבעטין צו שפרעכין מיט דיר דאריבער , דען ער זאגט דאס ער האט וואס וויכטיגעם דיר מיט צו טיילין דער ביא" . "דיין וואונץ מוטער זאל דיר גישעהען" האט זיך דיא טאכטער אפ גירופין "אונ באלד דארויף האט דיא מוטער אוואונק גיטאן צו דעם הענריך וואס איז גישטאנען פון ווייטין אונ האט גיקוקט וויא זיא שפרעכט מיט דער עווגעניע , דאס ער זאל אונטער קומען צו זייא , אונ האט אים גיזאגט דאס איר טאכטער נעמט אן מיט עהרען זיין פאר לאנג . אונ ער האט איר באלד גינומען פאר דער האנד אונ האט איר אריין גיפירט אין דעם זייטען צימער , אונ האבין זיך גיזעצט דארט אויף איינע זאפקע לעבין ארונדין טישעל וואס איז גישטאנען אויף אים איין שאך שפיל , אונ דאן האט דער מארקיז דע מאנטאלאן זייער שטארק בעדויערט דיא עווגעניע וואס זיא לעבט אין אזו אשמוציגן לעבן אונ לידערליכן (אוים גילאסענם) קרייז (גיזעלינשאפט), אונ האט ביא זיך בעשלאסין צו בעפרייען איר פון דיזע ליידיגע אונ צודרינגליכע מענטשן מיט אלער מעגליכקייטין" אלימפיא אונ פיליפפא "האט ער צו זיך זעלבסט גיזאגט "וועלין מיר גיוויס בעהילפליך זיין אין דיזע גוטע זאכע" אונ האט זיך אזו ארוים גימאכט פון זאל מיט אגרויסין ווידער ווילען אונ פערראכטונג געגין דער דארטיגען גיזעלינשאפט ניט נעמענדיג אבשייד פון קיינעם , אונ איזט זיך אוועק אהיים ניט וויסענדיג , נאך וואס עם איזט גיווארין פון דעם אלימפיא אונ פון דעם פיליפפא :

01.

"דער שאך שפיל.

בעפאר מיר שיידין אונז פון דער גרעפינס האטעל וועלין מיר נאך אבליק טאן אין דעם קליינעם זייטען צימער אין וועלכעס עס האבין זיך בעפונדין דער העניריך אונ דיא עווגעניע אום צו שפילין אין שאך :

דער העניריך וואר דאן אלט איאר פינף אונ צוואנציג , זיינע לאנגע וואר דאן דיא שלימסטע אין דער וועלט , דען ער האט וויא צו זאגין גאנץ אונ גאר בדלות גישטעלט דיא קאסע וואס וואר אים אן גיטרויט . אונ וואר אלזו אין פאלער שרעקין , דאס מען זאל ניט היינט אדער מארגין זיך דער וויסין דער פון , אונ נור זיינע וואהנזיניגע (משוגענע) ליבע צו דער עווגעניע , אונ זיינע פאלשע אונ לעבערליכע האפענונג צו הייראטין איר האט אים זיין מוטה ערהאלטין , עס וואר ביא אים רעכט אויף צו אפפערין איר (מקריב צו זיין איר) זיינע מוטער , זיינע פאמיליע אונ זיינע עהרע , ווען נור זיא זאל איין וויליגין מיט אים צו פליהען קיין אמעריקא אום אויס צו טרינקען דארט דעם פולען בעכער פון דעם לעבענס פריידען ביז דעם דעק , אונ האט אלזו אויס גיוויילט דיזע נאכט אום צו הערין וואס גיוויסעס פון דער עווגעניע , דען עס וואר אים שוין אונמעגליך צו ווארטין וייל דיא רעוויזיע איבער דיא קאסע איז שוין וויא מען זאגט ביא דער טיר :

אלס ער איז אריין מיט דער עווגעניע אין דיזין זייטען צימער , האט ער גיהאט אין זיינער זייטין טאשע איין גילאדענעם פיסטאלעט , אין פאל ווען ער וועט האבין פון איר איין קארב (אטקאז) וועט ער זיך דער שיסין , דען קיין אנדער אויסוועג (ברירה) האט ער ניט גיהאט , דיא איינוויליגונג פון עווגעניע צו שפילין מיט אים אין שאך דארט אין דעם זייטען צימער , האט ער אן גינומען פאר אגוטין בעוויז אונ האט אלזו גיגלענצט פאר פריידע , זיא אבער האט זיך דער ביא גאר ניט גיפרייט , זיא איז גיגאנגען וויא אגיצוואונגענע , וויא איינע אראפייעשע גיפאנגענע פרינצעסין וואס ווערט גיפירט אין דעם שלאף-צימער פון דעם מאראקאנישען סולטאן , דער העניריך האט עס אבער גאר ניט גימערקט דען דיא ליבע איז אימער בלינד :

קוים האבין זייא זיך ביידע צו רעכט גימאכט ביא דעם שאך ברעט אונ דער אקט אדער דער פארהאנג וואס איבער דער טיר וואר ארונטער גילאזין , אונ זיינען אלזו גיוואריז ענטצויגין פון די ניידישין (קנאהדיקע) בליקין אלער אנדערין געסטע האט זיך דער העניריך אפ גירופין צו איר "א טייערע עווגעניע ווער איז נאך אזו גליקזעליג וויא איך איצונד בין , א מעכטע דיזע שפיל דויערין ביז דעם יונגסטען טאג (דעם לעצטין טאג פון דער וועלט)" . "צו וואס נוצט אייך אבער דיזע פארריידע (הקדמה)" ? האט זיא זיך אפ גירופין צו אים האלב פערדריסליך "שטעלט אויס דיא פיגורין , אונ גייט דעם ערסטין גאנג" העניריך איז גיגאנגען דעם ערסטין גאנג גאר אן אזינען , אונ דער צו נאך האט אים גיציטערט דיא

האנד „פאר געוויס זייט איר אן גיגריפין (אונפאס אדער ניט גיזונט) פון פילע נאכט וואכין אונ שרייבין אין אייער בירא (קאנצעלאריע) האט זיא צו אים גיזאגט, אום צו לאזין אים פילין זיין נידעריגין שטאנד" „ניין ליבע גרעפין" האט ער איר גיענטפערט" עס ציטערט מיר דיא האנד שוין פון מיינער קינדהייט אן, אונ צו דעם ערסטין גאנג ברויכט מען קיינע גרויסע חכמות:

נאך איז קיין מאל אזו שלעכט גישפילט גיווארין שאך וויא פון דיזעביידע פערזאנען וואס ביידע ווארין גרויסע שפילער, עס ווארין דיא פיגורין גירוקט דורך זייערע הענד נאר אן אשום איבער לייגונג, עפעס וויא מאשינילע, ווייל דיא ביידע פארטייען, האבין אין גרונט נאר ניט גימיינט דיא שפיל, עווגעניע וואר וויא מיר ווייסין שוין נור גיצוואונגען דער צו, אונ איר קאפ וואר פאר נומען גאר מיט דעם אלימפיא, מיט דעם מארקיז, אונ ער האט גיהאט דער ביא אויגין נור פאר דיא עווגעניע וואס וואר דאן אוים נעהמענד שיין וויא איינע געטין, דאך אבער אום צו בערוהיגין דעם הערציך דאס ער זאל ניט מערקין דאס זיא שפילט מיט אים אזו גלייך גילטיג נור אוים איר העלער פערשאכטין אים האט זיא זיך אפ גירופין „מיר שפילין זייער לענטע (סלאבע) נור אוים דעם גרונד, ווייל מיר האבין קיין אינטערעס דער ביא (דאס הייסט מען האט ניט איינגישטעלט וואס אין קאן), מיר האבין ניט וואס צו גיווינען אונ ניט וואס צו פאר לירין אין דיזעם שפיל עס מוז איבער וואס גישפילט ווערין". „גוט"! האט ער זיך אפ גירופין „איך שטעל איין מיין זייל אין שפיל". „פפוא"! האט זיא זיך אפ גירופין „איך בין קיין דעמאן (טייוויל) דאס איך זאל פאר לאנגען איינע מענטשין זיילע, אונ צווייטינס ווייס איך ניט צו וואס קען מיר אייער זיילע נוצין". „געליבט צו ווערין פון איינער מענטשין זיילע" האט ער איר גיענטפערט „איז מער ווערט אלס גאר דיא געלט פון דער גאנצער וועלט". „נון קומט דארויף אן" האט זיא אים גיענטפערט „פון וועלכער זיילע". „איר זאגט עס געוויס נור אין שפאס" האט ער איר גיענטפערט „ניין איך שפאס דער ביא גאר ניט" האט זיא זיך אפ גירופין איך זאג עס אין ערענסט, קוים האט זיא עס אוים גישפראכין איז ער גיפאלין אויף דיא קניא פאר איר אונ האט איר ערקלערט זיינע פייעריגע ליבע צו איר, אונ האט פאר לאנגט איינעם ענטשיידענעם (רעשיטעלנעם) אנטווארט פון איר:

דיא עווגעניע האט זיך גיפונען העכסט בעליידיגט דער פון אונ האט צו אים גיזאגט האלב ציטערנד „הער הערציך, איר האט מיך איינגילאדין צו איינער שאך שפיל אבער ניט צו איינער ליבעס ערקלערונג". „ניין גרעפין"! האט ער זיך אפ גירופין דא האנדעלט זיך פיל מעהר אלס אום איינער ליידיגין ליבעס ערקלערונג, דא האנדעלט זיך אום איינעם טויט אדער לעבין, איך מוז אייך צור פרויא האבין, אונ ווען ניט בין איך פאר לארין „איך פאר שטייא אייך ניט" האט זיא זיך אפ גירופין „איר מוזט פון זינען זיין, זאנסט וואלט איר עס ניט גירעט". „עס קען זיין" האט ער זיך אפ גירופין דאס אין אנפאנג האב איך מיך גאנין פאר אירט, איך בין שוין אבער אזו ווייט פאר קראכין דורך מיינע אונפארזיכטיגע
ליבע

לִיבֶּע צוּ אַייךְ, דָאס עֶס אִיז מִיר שׁוֹין אוּנְמֶעגְלִיךְ צוּ עֶנְטְזַאגִין מִיךְ פוּן אִיר, אִיךְ הָאבּ מִיךְ דוּרְךְ אִיר גַאנְץ רוּעֶנִירְט (צוּבְּרָאכִין) אַלֶעס פַאר לָארִין, דִיא עֶהְרֶע, דֶעם גִיוִויסֶען, אִיךְ הָאבּ קֵיין אַנְדֶערֶער אוֹיסְוֶועג (בְּרֵירָה) עֶנְטְוֶועדֶער אַייךְ בַּאלְד צוּ הַיירַאטְהֶען אוּנ פְלִיהֶען מִיט אַייךְ קַיין אַמֶערִיקָא אָדֶער..

דִיא עֶוְוגֶענְיָא הָאט זִיךְ דַארִיבֶּער זַייעֶר שְׁטַארְק פוּן אֵיינַאנְדֶער גִילַאכְט. "אָ צוּ פִיל פֶערְלַאנְגְט אִיר פוּן מִיר". הָאט זִיא אִים גִיזָאגְט. "נֵיין אִיךְ וֶועל צוּ לִיבּ אַייךְ נִיט אַנְטְלוֹיפִין פוּן אֵירָאפַּא אוּנ לֶעבִּין מִיט אַייךְ אִין נוֹיט אוּנ אִין עֶלֶענְד וִויא אַיין רָבִּינְזָאן, אַלְזוֹ קוּמְט צוּם זִינֶען, אוּנ דְרִינְגְט נִיט אִין מִיךְ מִיט אַזוֹ אַדוּמְהַייט". "דוּמְהַייט הַיינְט דוּמְהַייט מָארְגִין" הָאט עֶר זִיךְ אָפּ גִירוּפִין אִיר הָאט קַיין אַנְדֶערֶער אוֹיסְוֶועג (בְּרֵירָה) אִיר מוּזְט מִיט מִיר לֵייפִין שׁוֹין אוּנ בַּאלְד נָאךְ אַמֶערִיקָא, זָאנְסְט וֶוערְדֶע אִיךְ מִיךְ עֶרְמָארְדִין "אוּנ הָאט אַרוּמְגִיקְלַאמֶערְט (אַרוּם גִינוּמֶען) אִירֶע קְנִיא מִיט זַיינֶע בֵּיידֶע אָרֶעמְס וִויא מִיט צְוֵוייא אַייזֶערְנֶע רֵייפִין".

"אַוֶועק פוּן מִיר דוּא פֶערְוֶועגֶענֶער (מוּפְקָר)" הָאט זִיא צוּ אִים גִיזָאגְט "זָאנְסְט מַאכֶע אִיךְ אַיין גִיוַואלְד, דַאן וֶועט אִיר זַיין שׁוֹין צוּם שְׁפָּאט פוּן דִיזֶער גְרוֹיסֶער פֶערְזַאמְלוּנְג". "וֶוען אִיךְ הַאלְט מִיט אַייךְ שׁוֹין אַזוֹ וַוייט" הָאט עֶר זִיךְ אָפּ גִירוּפִין צוּ אִיר "אַלְזוֹ אִיז שׁוֹין אַיינֶע עֶנְדֶע מִיט מַיינֶע גָאלְדֶענֶע הָאפְנוּנְג, אוּנ נֶעהְמֶע אַלְזוֹ אֵיינֶעם אֵייבִּיגִין אָבְּשֵׁייד פוּן אַייךְ אוּנ פוּן דֶער וֶועלְט" אוּנ דִיזֶעם רֵיידֶענְדִיג הָאט עֶר אַרוֹיס גִינוּמֶען דֶעם פִּיסְטָאלֶעט פוּן זַיינֶער טַאשֶׁע אוּנ הָאט זִיךְ זֶעלְבְּסְט עֶרְשָׁאסִין לֶעבִּין דֶער עֶוְוגֶעניֶעס פִיס:

11.

"דֶער הֶער (מִים) הָאוַוארְד"

נוּן אִיז שׁוֹין דִיא הֶעכְסְטֶע צַייט דָאס מִיר זָאלִין אוּנְז אוּמְקֶערִין צוּרִיק צוּ דֶעם אָוִוינְד וָואס אַלִימְפִּיָא אִיז גִיוָוארִין אַרַיין גִישְׁטוֹיסִין אִין דֶער טֶעמְזֶע, דֶער דְזָאן הָאט צְוַואר זַיינֶעם הֶערֶען עֶנְדֶעמַא בֶּענַאכְרִיכְטִיגְט אוֹיף קְלָאר, דָאס דֶער אַלִימְפִּיָא אִיזְט שׁוֹין עֶרְזֵייפְט (דֶער טְרוּנְקֶען), אוּנ אִין דֶער טְהַאט (בֶּאֱמֶת) הָאט עֶס אַזוֹ אוֹיס גִיוִויזִין, דָאךְ אָבֶּער עֶס וַואר אִים נָאךְ נִיט בֶּעסֶערְט גִיוֶוען צוּ עֶנְדִין שׁוֹין זַיין לֶעבִּין, אוּנ וַואר גֶערֶעטֶעט וִויא דוּרְךְ אַוואוּנְדֶער, דֶען צוּ זַיינֶעם גְלִיק הָאט אָן אִים אָן גִישְׁטוֹיסִין אַשַׁאלוּפְּקֶע (אַשִׁיפֶעל) וָואס אִין אִיר אִיז גִיזֶעסִין אַיין גֶעוִויסֶער מִים (אַיין רַייכֶער הֶער) וָואס הָאט גִיהֵייסִין הָאוַוארְד וָואס וַואר אַיין נַאצַיילְנִיק אִיבֶּער דִיא דָאקֶען*), עֶס וַוארִין מִיט אִים עֶטְלִיכֶע מַאטְרָאזֶען, אוּנ הָאבִּין אִים אַרַיין גִיהֵייבִּין אִין דִיזֶער שַׁאלוּפְּקֶע, אוּנ אַלְס עֶר הָאט אִין אִים דֶער שְׁפִּירְט נָאךְ אַיין שְׁפּוּר (סִימָן) פוּן לֶעבִּין אִיז עֶר אַוֶועק מִיט אִים וָואס צוּם גִיכְסְטִין

אהיים

*) דָאס זַיינֶען שִׁיפֶע אוּנ קַיילֶעכְדִיגֶע וַואסֶער גְרָאבֶּענְס וָואס זַיינֶען אַרוּם גִינוּמֶען מִיט הוֹיכֶע מוֹיֶערִין, אוּנ דָארְט וֶוערִין גִיבּוֹיט שִׁיפֶען, דִיא סֶער וֶוערִין דוּרְךְ מַאסִינֶען גֶעשְׁטֵייגֶט אוּנ גִיפַאלִין וִויא מֶען וִויל

אהיים, והאט אים גילאזט ענטקליידין (אויס טאן) אריין לייגין ואין אוואראסע בעט, אונ האט באלד גישיקט נאך אדאקטער, וואס ער האט גיהאט גינוג מיהע ארום אים ביז ער האט אים אריין גירופין צוריק אינס לעבין:

דיזער האווארד וואר איין מיליאנער אונ דער צו נאך איין גרויסער מענשין פריינד, אונ ניט וויינינגער אלס ער וואר אויך זיינע פרויא איינע שיינע אונ העכסט געבילדיטע דאמע, אונ אזו אויך זיינע אייציגע טאכטער איין שיין בליהענדעס מיידכען פון איאר אכטצעהן וואס האט גיהייסין זאפיע, זייא אלע דרייא האבין דעם אלימפיען צו גיזעהען, אונ אפ גיהיט דיא גאנצע צייט וואס ער איז בייא זייא גילעגין מעהר אלס פיר וואכין מיט דער גרעסטער צערטליכקייט אין דער וועלט, אונ דער צו נאך מיט גרויסע קאסטין, אונ האבין זיך אלזו גיפרייט מיט זיינעם גיזונד ווערין מעהר אלס מיט איינעם גרויסין גיווינס, בפרט אלס זייא האבין זיך דער וויסט ווער ער איז, אונ איז גיווארין אלזו איין הויז פריינד, דאס אלס ער האט אן גיהייבין צו ווערין שוין בעסער פלעגין זייא אים איינצולאדען אין דעם קרייז פון זייערע קליינע אבערהעכסט ווירדיגע גיזעלשאפט, דען עס פלעגין צו פערקערין אהין, לארדען, גרויסע בעאמטע (ציגאווניקעם), מאנכער פירשט אונ אזו גאר לודוויג נאפאליאן וואס האט דאן אין לאנדאן גיהייסין פרינץ נאפאליאן, אונ האט גישפילט אגרויסע ראלע דאן אונטער דיא אריסטאקראטישע וועלט, אונ דאהער ווארין זיינע בעזוכע גערעכינט אין דיזעם הויזע פאר איינע גרויסע עהרע, אונ פלעגט אויף גינומען צו ווערין פון דער פאמיליע האווארד מיט גרויסער אכטונג אונ ליבע, בעזונדערס פון דער זאפיע, דען דער לודוויג נאפאליאן וואר דאן נאך יונג אונ זייער שיין אונ פון באן טאן (פון גוטין גישמאק) דער צו נאך העכסט קלוג, דאס ער וואר אין שטאנדע צו מאכין זיך בעליבט בייא דער העכסטע קלאסע מענטשין, קיין וואונדער אלזו דאס ער האט שוין גיקענט דיזע זאפיען איין נעמען פאר זיך אזו וייט דאס זיא איז גיווארין שטערבליך פאר ליבט אין איב אונ איז גיוועזן פערטיג (נאטאוו) צו אפפערין פאר אים פאטער אונ מוטער אונ זייער גאנצין פערמעגין:

נור צו וואר ער אין איר אזו וייט פאר ליבט וויא זיא אין אים וועט זיך עס ארויס ווייזין פון ווייטער, דער ווילע אבער האט ער גיהאט גינוג אורזאך צוא צייגין זיך איר העכסט פריינדליך אונ ליבליך צו שמייכלען איר מיט זיסע ווערטער אונ צו רימען איר וואוקס, איר פיזיגנאמע (גיזיכט), איר בענעמען, דען ערסטינס וואר זיא ווירקליך שיין דאס מען דארף קיין בעסערעס צייט פאר טרייב אלס מיט איר צו פאר בריינגען, צווייטינס וואר ער דארט בייא יעדין בעזוך זייער גוט בעווירטעט, מיט אגוטין פריסטיג אונ מיטאג, אונ דיזעס וואר אים דאן העכסט נייטיג, דען ער וואר אין גרויסע נויטין אין גרויסין געלט מאנגעל, נאך מער ער האט גיהאט איינע אויסזיכט צו בעקומען איינע הלואה בייא דעם האווארד, אונ האט טאקע דורך זיינע אפטערע בעזוכע אונ דורך זיין איין שמייכלען זיך בייא אים ווירקליך בעקומען צו לייען פון אים אגרויסע סומא וואס דאס האט אים ארויס

גינומען

גינומען פון אגרויסע קלעמע פון איינער גרויסין געלט נויט, דער פון אבער האט ניט גיוואוסט דיא פרויא אונ ניט דיא טאכטער, אלזו שוין קיין וואונדער, דאס דיזער שטאלצער נאפאליאן וואס האט גיהאט גוטע אוים זיכטען אויף דעם פראנצויזישען טראהן האט זיך הערונטער גילאזין צו ראמאנסירען מיט איינער טאכטער פון איינעם בעאמטען (ציגאווניק):

דיא מוטער וואס האט נאך דיא גרויסע וועלט מיט אירע גרויסע פאלשהייטין נאך ניט גיקענט, וואר העכסט צו פרידען פון דיזע ליבעלייען וואס צווישען איר טאכטער אונ דעם לודוויג נאפאליאן, דען זיא האט גימיינט דאס ער מיינט עס אין ערינסט, אונ האט שוין געטרייםט פון גאלדענע טרייםע, דאס איר טאכטער וועט ווערין איינע פרינצעסין, אונ פילייכט נאך איינע קייזערין ווערין, ניט אזו אבער האט גידיינקט דער פאטער דער קלוגער האוארד, ער האט איין גיזעהען דאס דיזער ליידיגער ראמאנס וועט צו גאר ניקסט פירין, אונ האט ביי זיך בעשלאסין צו בעשפרעכין זיך מיט זיינער פרויא דאריבער וואס ער האט אנגעשפירט אן איר, דאס זיא מיינט דאס זיא וועט דיא טאכטער גליקליך מאכין דורך אזו איינע אונגלייכע פארטי, דען ווען דר לודוויג נאפאליאן פלעגט נור קומן צו איין בעזוך, פלעגט זיא באלד אפ טרעטין פון צימער, אום ניט צו שטערין זייא אין זייער ראמאנסירין:

„הער צו מיינע ליבע פרויא" האט ער זיך איין מאל אפ גירופין צו איר נאך אזו אבעזוך, זייענדיק מיט איר אליין אין שפיילנע, „דוא ווייסט, דאס איך בין העכסט אונצופרידין פון דיזען פוילען ראמאנס, עס וועט צו ניכטס פירין, איך וויים נאך ניט צו ליבט ער איר, אונ ווען יוא איזט נאך שלימער":

„אזו גאר"? האט זיך דיא פרויא אפ גירופין „דיך פאר דריסט דאס אונזער טאכטער זאל אלייט ווערין, איך בין אין דיזע זאכין אביסיל מער ערפאהרין אלס דוא, עס זיינען טעכטער פון פיל נידעריגע גראדין אלס אונזערע איזט ארויף געפירט גיווארין פון גרויסע קרוין פרינצען אויף טראהנען אונ זיינען גיווארין וועלט בעהערשערינען, אלזו מיין מאן שטער עס ניט, אונ ענטצוויי דיך ניט (צו קריג דיך ניט) מיט דיינעם גיוויסען, אונ בפרט נאך דאס אונזער איינציגס קינד איזט שוין אין אים פערליבט איבער דיא אויערין, שטערסט דוא עס נור וועט זיא עס גיוויס ניט איבער לעבין". „ניין מיינע פרויא" האט ער זיך אפ גירופין „דוא ביזט ביי זיך גאנץ פאר אירט, איך זאג דיר אויף קלאר, דאס ער מיינט ניט אויף ריכטיג מיט אונזער טאכטער, דיא צייט דער וואונדער איזט שוין פאראיבער, אין אונזערע יארין ווערין פרינצעזינען נור אויף טראהנען גיזעצט, אבער קיינע בירגער טעכטער אדער בויער מיידכען, אונ ווען ער זאל שוין מיינען ערינסט מיט זיינער ליבע, אונ זאל זיא ווירקליך הייראטהען וועט זיא ערסט העכסט אומגליקליך זיין, דען פאר גיוויס אלס ער וועט דארפין קייזער ווערין וואס דאס איז ביי מיר מעהר אלס גיוויס וועט ער איר ניט בעסער בעהאנדלען אלס זיין פעטער נאפאליאן דער ערסטער האט בעהאנדעלט זיינע גיליבטע פרויא

יאזעפינע דער נאך אלס ער איזט קייזער געווארין, אדער זיא וועט אזו אויך אין גוט מוטה העכסט אומגליקליך פאר אים לעבין, דען וועט אים פאר געוויס קריינקען דאן וואס ער האט זיך מיט איר פאר בונדען, אונ וועט פאר לעבין פאר אים טרויעריגע יארין אונטער איינעם פאלשען גלאנץ, ניין אונזער טאכטער זאל נעמען אמאן פון אונזער גלייכין אונ ניט אנדערס, דען נור מיט אזו איינעם קען זיא גליקליך זיין, איי וואס דוא זאגסט דאס זיא וועט דיזע שטערונג ניט איבער לעבין מען קומט איבער גרעסערע צרות, זיא וועט אים ניט זעהען, עטליכע וואכין וועט זיא זיך אן אים פאר געסין, אונ וועט זיך צו ווענדין צו איינעם אנדערין חתן":

דיזער געשפרעך האט געדויערט מעהר אלס איינע שטונדע אונ האט זיך בעענדעט מיט דער נאך געבונג פון דער מוטער דעם פאטער, דען ער האט איר ווירקליך איין געלויבטען (פאר שטיין געגעבין) דאס דיזער ראמאנס איזט נור איין אומגליק פאר זייער טאכטער, ניט אזו אבער וואר עס איין צו ריידין דער טאכטער דאס זיא זאל זיך פון אים ענטציהען, ניין, זיא האט זיך דעם לודוויג נאפאליאן ערגעבין מיט לייב אונ לעבין טראץ (להכעיס) דעם ווילען פון אירע גוטע עלטערן אונ טראץ אירער אייגענעם איבער צייגונג (קלאר וויסין) דאס זיא מאכט זיך דורך דעם העכסט אומגליקליך, זיא האט אים אויף געאפפערט זיך זעלבסט, אונ אירע עלטערינס פאר מעגין, אונ איר ענדע וואר שרעקליך וויא מיר וועלין וויטער שרייבין, דען דיא געטליכע גירעכטיקייט האט איר בעשטראפט וויא זיא האט פאר דינט, זיא האט צוואר שפעטער עס שטארק בערייעט (חרטה געהאט) עס וואר שוין אבער שפעט:

12.

"דאס ווידער זעהען זיך"

נון מיינע טייערע לעזערין איזט שוין האהע (הויכע) צייט אום אומצוקערין זיך צו אונזערין אלימפיא, וויא נור ער איז געווארין אזו ווייט בעסער, דאס ער האט שוין געקענט קומען אונטער איינער מענשליכע געזעלשאפט, וואר זיין ערסטער פאר לאנג דאס מען זאל צוא אים רופין זיין פריינד דעם מארקיז דע מאנטאלאן אונ זיין בעדינטען וואלענטינע וואס זייא האבין נאך ביז אהער גאר ניט געוואוסט וואו ער איז אין דער וועלט, ער האט זיך פאר זאמט ביז אהער מיט דיזער מעלדונג אן זייא, וויל דער דאקטער האט עס אים ביז אהער פאר באטין, אוים פורכט דאס זיין ווידער זעהען זיך מיט זייא זאל ניט מאכין אגרויסין אפעקט (איין דרוק) אויף זיינע שוואכע געזונדהייט:

דיזע ביידע זיינען געקומען באלד צו פליהען צו אים וויא אויף אדלער פליגלען, נימאנד איזט אים שטאנדע צו בעשרייבין דיא רירענדע שצענע פון זייער זיך ווידער זעהען, רירענדער האט שוין ניט געקענט זיין דאס ווידער זעהען פון דעם יעקב מיט דעם יוסף, אונ ניט רירענדער וועט זיין דאס ווידער זעהען זיך פון עלטערין אונ קינדער אין דעם גרויסין אויפערשטייהונגס טאג (דער טאג

פון

פון תחית המתים) , מען האט זיך טויזענד מאל אום גיארעמט , גיקושט , הייסע
טרערין אריין גיוויינט איינאנדער אין דיא אויגין , עס האט דיא גאנצע
האוואורדעשע פאמיליע מיט גיוויינט , אונ אלס דער אלימפיא איז גיבליבין אליין
מיט דעם מארקיז אונ מיט דעם וואלענטינא , האט איינער דעם אנדערין דער
ציילט וואס עס האט מיט אים פאסירט איבער דיא גאנצע צייט פון זייער זיין
גישיידעט איינער פון דעם אנדערין , אלימפיא האט דער ציילט וויא מען האט
אים אריין גישטירצט אין דער טעמפע , וויא דער האוואורד האט אים גיראטעוועט ,
אונ אלע גוטעס וואס ער האט גינאכין בייא אים אין שטוב , אונ דער מארקיז
ווידער האט אים דער ציילט פון דעם אונגליק וואס איז גישעהען מיט דעם
פיליפפא , אונ פון זיינעם זיין בייא דער עוועגעניע , אונ פון זיינעם פערשפרעכין
איר ארויס צו העלפין איר פון איר מיסלעבע (שלעכטע) לאגע , אונ עס וואר ווידער
גיוויינט , אונ זיך ווידער גיקושט , אונ זיך ווידער גיפרייט דאס זייא זעהען
זיך איינאנדער :

דיזע רירענדע שצענע האט גידויערט מעהר אלס דרייא שטונדען , אונ
אלס זייא וואר שוין צו ענדע זיינען דיא ביידע פריינדע אריין צו דעם האוואורד
אום זיך צו בעדאנקען בייא אים פאר דיא אלע גוטעס וואס ער האט גיטאן מיט
דעם אלימפיען , אונ אום צוא בעצאלין אים אלע קאסטין וואס ער האט אויס
גיגעבין אויף איהם איבער דיא גאנצע צייט וואס ער וואר בייא אים , אונ צו נעמען
אבשייד פון אים אונ פון זיינער פאמיליע , דער איידעלער האוואורד אבער האט
ניט גיוואלט אן נעמען קיין דאנק אונ קיין געלט אונ אויך ניט הערין פון קיין
אבשייד „איך האב נור מענשליך גיהאנדעלט" האט ער זייא גיענטפערט „אונ ווען
איך וואלט מיך אנדערש בענאנגען וואלט איך ניט ווערט גיוועזען מענטש צו הייסין ,
אונ אבשייד וויל איך פון אייך ניט נעמען , דען איך וויל דאס איר זאלט בלייבין
מיינע הויז פריינדע , אונ פאר טערין דעם קליינעם קרייז פון מיינע אינטימע
(פערטרויטעסטע) פריינדע , אונ אזו אויך איצונד זייט איר ביידע מיינע געסטע
צו מיטאג , אונ וועל אייך אזו בעקאנט מאכין מיט איניגע גרויסע הערין וואס
וועלין דא בייא מיר צו טישע זיין" :

דיזע ביידע פריינדע האבין זיך ניט גיקענט גינוג אפ וואונדערין איבער
דיזעם איידעלען צוג פון דיזעם האוואורד , אונ האבין דיזע איינלאדונג אן גינומען
מיט פריידין , זייא זיינען פאר בליבען בייא אים צו מיטאג , אונ האבין אלזו
גיהאט דארט איינע גוטע גילעגינהייט צו בעקאנט צו ווערין מיט דעם פרינץ
נאפאליאן , אונ אויך אים העכסט צו גיפעלין , ער האט פאר בראכט מיט זייא
איניגע שטונדען , אונ האט זיך ניט גיקענט גינוג אפ וואונדערין איבער זייערע
בעקעבענהייטין וואס זייא האבין אים דער ציילט , אונ האט אלזו גיפונען אין
זייא צוויא וויכטיגע פערזאנען וואס קענען אים צו ניץ קומען מיט דער צייט אין
זיינע גרויסע פלענע , אונ האבין זיך גישיידעט אלס גוטע פריינדע מיט דער
פאר זיכערונג באלד זיך ווידער צו זעהען :

אונזערע

אונזערע ביידע פריינדע האבין זיך אומגיקערט מיט דעם וואלענטינען אויף זייער אלטע שטאנציע, דער אלימפיא האט זיך גישפירט גאנץ גיזונד און גינוג מוטהיג אום אוים צו פירין זיין אלטין פערהאבען (פלאן) וואס דאס איזט אויף צו זוכין זיינע אלטע גיליבטע דיא דאלארעס, און האט גימאכט שוין פארברייטונגען אפ צו רייזין נאך סוטענדע מיט דעם מארקיז צו זאמען, און דער וואלענטינא זאל זייא דינען אין דעם אלס פראוועדניק אום צו צייגין זייא דאס הויז פון דער ראדלאינע וואו עס איז דארט איין גישפארט דיא דאלארעס, אום ארוים צו בעקומען איר פון דארט ענטפער דורך ליסט (היטראסץ) אדער אזו גאר מיט גוואלד, און האבין זיך בעשלאסין אפ צו רייזין אהין באנאנד, ווייל דיא דונקעלהייט בעגינסטיגט (מאכט לייכטער) פיל מעהר אלס דאס טאגע ליכט יעדעם איינעמענטיגע (גוואלטיגע) אונטער געהמונג, און האבין אלזו גימיינט זייער לייכט אוים צו פיהרין זייער אונטער נעמען, דאך האבין זייא זיך שטארק פאר אירט אין זייער רעכענונג:

יא זייא האבין זיך גאנץ פאר רעכינט, דען דער ענדעמא און דיא ראדלאינא האבין אין דעם זעלבינין טאג וואס דער אלימפיא האט זיך אומגיקערט צוריק אויף זיין קוואר טיר ווינט בעקומען (גיוואר גיווארין) דאס דער אלימפיא האט זיך ניט דער טרונקען, און דאס ער איז גיראטעוועט גיווארין דורך דעם האוואהד, און איז שוין העכט גיזונט, און דאס אזו גאר דאס דער אלימפיא וויים דאס דער דזאן וואס האט אים אריין גישטויסין אין דער טעמזע, איזט איין בעדינטער פון אים (פון דעם ענדעמא), און דיא אלטע פרויא וואס האט גינעבין דעם וואלענטינען איין בריף צו דעם אלימפיא איזט עס דיא ראדלאינא, אויף דיזעם שפור (סלאר) האט זייא ארויף גיבראכט אלץ דער וואלענטינא וואס וואר איין גישפארט איינינע טעג ביי דעם ענדעמא, אלזו האט זיך שוין דער ענדעמא ניט זיכער גיפונען צו פאר בלייבין אין לאנדאן, און וואר אלזו העכסט בעזארגט וועגין זיינע אייגענע פערזוין, און נאך מעהר וואר ער שוין ניט זיכער מיט דער דאלארעס, און האט זיך דאהער העכסט בעאיילט צו אנטלויפין מיט דער דאלארעס אין דער זעלבינע נאכט פון סוטענדע:

אונזערע צווייא נוטע פריינדע מיט דעם וואלענטינען זיינען אן גיקומען אהין גראדע אין דער זעלבינע מינוט אלס דער ענדעמא וואר שוין מיט דער דאלארעס אין איינער שאלופקע (שיפעלע) וואס האט זייער שנעל גירודערט פון ברעג מעער צו דעם פאראהאד זיינעם, וואס איז גישטאנען שוין פון איינינע מאנאטען דארט פאר אנקערט, זייא האבין נאך דער וויסט דיא שיפעלע אזו נאהענט דאס זייא האבין דער קענט דיא דאלארעס, און דיא דאלארעס זייא, זייא האבין איינער צו דעם אנדערין צו גישריען, דער אלימפיא האט זיך גיוואלט אריין ווארפין אין וואסער און צו שווימען צו איר, דער מארקיז האט אים אבער ניט דער לאזין „וואהנזיניגער (משוגע)" האט ער צו אים גיזאגט „פאר זוכט ניט נאך אמאל, גינוג דאס ער האט דיך איין מאל גירעטעט פון וואסער" ער

האט

האט גיוואלט שיסען: אויף דעם ענדעמא, האט אים דער מארקיז אויך ניט דער לאזין "מיר ווילין אונז קיין טובה טאן דער מיט" האט ער צו אים גיזאגט "מיר ווילין אלס מערדער אן גיקלאגט ווערין" :

עס וואר הערין רייסענד צו צו זעהען וויא דיא דאלארעס האט אוים גישטעלט אירע הענט אונ האט גישריען "אלימפיא א רעטע מיך! רעטע מיך איך בין פאר לארין"! שרייא היינט שרייא מארגין, עס וואר איר ניט צו העלפין, אונ וויא דער אלימפיא האט איר ווידער צו גישריען פון ברעג "א דאלארעס בלייבע מיר טרייא אונ האפע דאס איך וועל דיך נאך פון דעם רויבערס הענט בעפרייען, איך וועל דיך אין עק וועלט אויף זוכין, אונ וועל דיך הייראטהען" מען האט זיך אזו צו גישריען ביז דיא שאלופקע האט צו גירודערט צו דעם פאראחאד, אונ דאן האבין זייא זיך אלע דרייא צוריק גיצויגין פון דעם ברעג מיט פאר וויינטע אויגין, אונ האבין זיך צו גיווענדעט צו דער ראדלאינעס הויז, אונ האבין איר דער וויסט זיצענדיג בייא דעם טיש אונ ווארפט אוים קארטין, דער וואלענטין האט באלד אין איר דער קאנט דיא אלטע וואס האט אים בעטראגין מיט דעם בריף אונ האט איר גיוואלט צו רייבין וויא אמאן, דער מארקיז אבער האט אים אפ גיהאלטין האב גידולד מיט איר האט ער צו אים גיזאגט עס וועט נאך זיין גינוג צייט אום אפ צו רעכענען זיך מיט איר, מיר זיינען ניט גיקומען אהער אום צו בעשטראפין איר, נור אום צו פרעגין וואו הין איזט דער ענדעמא אוועק מיט דער דאלארעס :

דיא ראדלאינע האט זייא דער זעהען איז זיא גיווארין בלייך וויא אטוך. דען זיא האט גלייך דער קאנט דעם וואלענטינען אונ האט אלזו גימיינט דאס עס האט שוין גישלאגין אירע לעצטע שטונדע. אונ האט אנגעהייבן צו ציטערין וויא אבלאט, "שרעק דיך ניט אלטע העקסע (מכשפה)" ! האט זיך דער אלימפיא אפ גירופן "צוואר האסט דוא פאר דינט בייא מיר דאס איך זאל דיך מיט דיין רויב נעסט (וואזנונג) שוין אין פייער פאר ברענען, דען איך בין עס דער אלימפיא אנטקעגין וועלכין דוא האסט זיך זייער פאר זינדיגט, דאך ניט דאס איז אונזער קומען צו דיר איצונד, מיר ווילען נור פרעגין בייא דיר וואו הין האט דער ענדעמא פאר פירט איצונד דיא דאלארעס, זאגסט דוא אונז דיא ווארהייט ווערסט דוא בעלוינט פון אונז קיניגליך, אונ ווען ניט וועסט דוא אונז בעצאלין מיט דיינער שווארצע זיילע" :

אין אירעם גאנצין לעבין וואר נאך ניט דיא אלטע אין אזו אקלעמע, נאך האט זיא ניט גיזעהען אזעלכע צווייא פירכטירליכע העלדין שטייען גיגין איר אזו פיינדליך גיוואפינט ביז דיא ציין, אונ נאך האט זיא ניט גיהערט אזו איינע שרעקליכע דראהונג, אונ איז גיזונקען אין דיא קניא פאר זיי, "א מיינע טייערע הערען" ! האט זיא זיך אפ גירופין צו זייא "עס איז וואר דאס איך האב מיך נאך ניט אזו שווער פאר זינדיגט אין מיינעם גאנצען לעבין וויא אנטקעגין אייך, אונ בייא אלעם דעם בעט איך אייך אום שוינונג, וועיל דער טויט איז מיר

שרעקליכער

שרעקליכער אלס איינעם אנדערין, דען איך ווייס דאס דארט איז נור דיא העלע פאר מיר ברייט, אונ דאס מיין פיין ווערט דארט אין דער אייביגקייט דויערין, דאהער איין טאג פון לעבין איז ביא מיר איין שאץ, איין קיניגליכעס פערמעגין, בערויבט עס מיר ניט. אונ בין אלזו פערטיג אייך צו דינען פאר דיזע גיפעליגקייט מיט לייב אונ לעבין אהנע דיא מינדעסטע בעלוינונג, נור ניט מיט דיזעם קליינעם דינסט וואס איר פאר לאנגט פון מיר נור אוים דעם גרונד ווייל איך ווייס ניט, ער האט עס מיר פאר היימליכט ווייל ער האט גיפירכטעט איך ווער אים פערראטין (אוים געבין), אונ וואס אונמעגליך איזט זאלט איר שוין ניט פאר לאנגען פון מיר, דען איך ווייס ניט, איך שווערע עס אייך ביא אלער היילינער דעמאנען (גייסטער):

דיא צוויא פריינדע וואס האבין איר ווייניג גיגלויבט האבין גיפרובירט עפענען איר מונד מיט אבייטיל געלט, אונ אלס זייא האבין גיזעהען דאס דיזעס העלפט אויך ניט, האבין זייא איר אשפייא גיטאן אינם גיזיכט. אקלאפ גיטאן מיט דער טיר אונ זיינען זיך אוועק פון דארט מיט דעם פעסטין בעשלוס אויף צו זוכין דיא דאלארעס אין קרייא סוועט:

13.

זואן איין קליינער לאנדאנער נאסען אינגעל פון זעקס יאר:

דארט ביא דעם הויזע פון דער מאדאם מאריא גאל וואס וואר וויא מיר ווייסין איינע אנשטאלט (זאוועדענע) פון פאבאצנע (נע זאקאנע) קינדער ערציהונג, איזט גישטאנען אין עטליכע מאנאטע ארום נאך יענער גישיכטע וואס איז דארט גישעהען מיט דעם ענדעמא איין גיוויסער דאקטאר אונ אפאראטאר, דאקטאר ברוין וואס וואר קוראטער פון דיזער בלוטיגע זאוועדעניע, אונ ביא אלעם דעם האט ער גישפילט איינע העכסט היילינע ראלע אין לאנדאן. ער וואר איין פלייסיגער בעזוכער פון דיא קירכען, אונ איין מיטגליד אין יעדער פרומע גיזעלינשאפט (אבצעסטווא), ער האט אוים געמידען יעדען דאמען צירקיל, אונ אוים גיוויכט דעם טעאטער, אויך וואר ער גיקליידעט זייער שליכט (פראסט) אונ טיף געבייגט וויא איין אלטער מאן, אויב וואול ער וואר ערסט עטליכע אונ פערציג יאר, אונ האט אלזו אוים גיזעהען וויא ער וואלט שוין גיזאגט וואלעט (אדיו) צו אלע וועלט פריידען:

ער איז גישטאנען דארט ביא דער טיר העכסט פאר דריסליך אונ גיקריינקט, דער צו נאך העכסט אונגעדולדיג, דען ער האט שוין עטליכע מאל אן גיקלונגען דארט אזו גאר מיט גרויס האסט, אונ מען האט אים נאך אלץ ניט גיעפינט, אונ ערסט קוים אין איינער האלבע שטונדע ארום האט זיך אויף גיעפינט דיא טיר אונ עס איז ארוים צו אים דיא אלטע באב וואס וואר וויא מיר ווייסין פון פריער דיא אויפזעהערין דארט, אונ האט זיך פאר אים ענטשולדיגט אויף איר פאר זאמען זיך אריין צו לאזין אים, "איך וואר בעשעפטיגט אונטין אין קעלער" האט זיא אים גיזאגט "אונ האב אלזו ביז איצונד ניט גיהערט דאס מען

קלינגט

קלינגט, נון טוט מיר לייד דאס אייערע היילינקייט האט גידארפט אזוא לאנג ווארטן״ :

דיא וואהרע אורזאך אבער פון דעם פאר שפעטען זיך אום אריין צו לאזין אים, וואר דאס דיא מאדאם גאל וואס האט אים דער זעהען דורך דעם פענסטער גייענדיג צו איר וואר זייער אונצופרידין מיט זיינעם לעסטיגין בעזוך, אונ וואר אלזו אין בעגריף (בדעה) אים צו לאזן שטיין ביא דער טיר וויא איין אונגיבעטענעם אדר לעסטיגין גאסט ביז עם וועט אים ווערין פאר האלעסט דיא פים, אונ וועט אפ ציהען מיט איינער לאנגען נאזע (שאנדע), „וואס וויל ער פון אונז האבין דיזער אונערזעטליכער גייץ״ ! האט זיא זיך אפ גירופין צו איר טאוואַרעסץ פולטאן וואס איז גיזעסן לעבן איר „עם איז נאך ווייניג די בלוט וואס ער האט אונז אוים גיזויגין אין דיזען מאנאט ? זאל ער שטיין דארט אין קאלויסע אונ פרירען ביז עם וועט דיא אייבינקייט גרויען״. „ביא אלעם דעם לוינט זיך ניט איין צו רייסין מיט אים״ האט זיך אפ גירופין דער עדוארד פולטאן, צוואר מיר האבין זיך ניכט צו פירכטען פאר אים, דען ער איז בעטיילינט (זאמישייעט) אין אלע אונזערע בלוטיגע גישיכטען, אונ מיר ווייסין אזו גאר פון מאנכע בלוטיגע פאר ברעכין וואס ער בעגייט ביא זיך צו הויז אויף זיין אייגענעם רעכענונג, דאך דארפין מיר אן קומען צו זיינע אטטאסטען אונ צו רעקאמאנדאציעס, מען מוז אלזו דיזען בלוט הונט אריין לאזין, אונ צווייטענס הערט זיך שוין דער לארעם פון דעם לומפענפאק (שוואלצעס) וואס זיינען שוין ניט וויים פון שטוב, אלזו וועט מען דאך שוין מוזין עפענען דיא טיר זייא וויא עם זייא, דאהער מוז מען אים אריין לאזין״ :

דיזער דעבאט (ויכוח) האט גידויערט מעהר אלם איינע האלבע שטונדע, אונ אלם ער וואר צו ענדע אונ עם איז גיבליבין דאס מען זאל אים דאך אריין לאזין, אונ דער צו נאך אויף נעמען אים מיט עהרע, האבין זייא גיהייסין דיא אויף זעהערין באב דאס זיא זאל אים עפינען דיא טיר אונ צו גלייך זיך אויך פאר ענטפערין וואס מען האט אים גילאזט אזו לאנג ווארטין, קוים אבער איז דער ברוין אריין איז אן גיקומען דער לומפענפאק וואס עם האט פון אים גשפראכן דער עדוארד פולטאן, אונ דאס זיינען גיוועזן צעהען אדער צוועלף זעקם אונ זיבין יאריגע קינדער וואס ווארין בעהאנגען אויף דיא העלדזליך מיט קערבעליך אונ מיט שאכטעליך וואס ווארין פול מיט צוקער גיבעקם, מיט באנבאן, מיט בלומען שטרויזען (בינדלעך), מיט צאהן שטעכערם אונ דאס גלייכין, זייא זיינען אן גיקומען זינגענד אונ פייפענד אונ מיט גרוים לארעם העכסט פריילין טראץ דעם (ניט קוקענדיג) וואס זייא ווארין האלב פאר פרארין אונ גאנץ פערהונגערט אונ פאר שמאכט, אפ גירימין, אפ גישליסין, אוים גימאנערט אונ פערשמאכטעט וויא אהונט אין פאסט, דען דיא קינדהייט פערשמערצט אלע ליידין (קימערט זיך ניט אום אלע צרות) :

דיזע עלענדע וואס ווארין גענאענט פון דעם פולטאן מיט דעם ליבען נאמען

נאָמען לוסְפּענפּאַק (שְׁוָאלְצֶעס) וואַרִין עֶס דיא אונגְלִיקְלִיכֶע צֶעגְלִינְגֶע (וואסְפִּיטַאנִיקֶעס) פון דיזֶעם בְּלוּטִיגֶען אַנְשְׁטַאלְט (זַאווֶעדֶענֶע) וָאס זֵייעֶרֶע גִיהַיימֶע עֶלְטֶערִין האבִּין גִיצָאלְט פאר זֵייא גְרוֹיסֶע סוּמֶען גֶעלְט דֶער מַאדַאמֶע נַאל וָואס עֶס וַואר אִיר נאךְ צו וֶוינְצִיג, דָאס זִיא פְלֶעגְט נָאךְ אַלֶע פְרִיא מָארְגִין זֵייא אַרוּיס שִׁיקֶען בְּעהַאנְגֶען מִיט דִיזֶע קֶערְבֶּעלִיךְ אונ שַׁאכְטֶעלִיךְ מִיט צוּקֶערְקֶעס אונ בְּלוּמֶען שְׁטְרוֹיזִין אוּם צוּ בֶּעטְלֶען אִין דִיא לָאנְדָאנֶער גַאסִין אוּיף אַייִנְגֶעלְשִׁין מַאנִיר*), אונ פְלֶעגִין זִיךְ אוּמְקֶערִין צוּ אִיר עֶרְסְט שְׁפֶּעט אִין אָווִינְד מִיט דֶעם אַיין גִיבֶּעטִילְטֶען גֶעלְט, עֶס וַואר דַאן אַיין שְׁטְרֵיינְגֶער רֶעכֶענוּנְג מִיט זֵייא גִיהַאלְטִין, אונ וַוייהֶע דֶעם קִינְדֶע וָואס הָאט זֶעלְבְּסְט אוּיף גִינַאסְט אַצוּקֶערְקֶעלֶע, אָדֶער וָואס הָאט אַגְרָאסִין פון דִיא עֶרְבֶּעטֶעלְטֶע גֶעלְט אוּיס גִיגֶעבִּין אוּיף זַיין פאר הוּנְגֶערְטֶע נְשָׁמָה:

דֶער הֶער בְּרוּין אִיז אוּיף גִינוּמֶען גִיוָוארִין זֵייעֶר פְרֵיינְדְלִיךְ פון דֶער מַאדַאם נַאל אונ פון אִיר פָאמָאצְנִיק עֶדוּאַרְד פוּלְטַאן, הָאבִּין אִים גִיבֶּעטִין זִיצִין, אונ הָאבִּין אִים הֶעכְסְט גִידַאנְקְט וָואס עֶר בֶּעעֶהְרֶעט זֵייא אָפְטֶער מִיט זַיינֶע בֶּעזוּכֶע, „נֵיין נֵיין מַיינֶע פְרֵיינְדֶע“! הָאט עֶר זִיךְ אָפּ גִירוּפִין צוּ זֵיי זֵייעֶר עֶרְנְסְטְהַאפְט (סִירְיָאזְנֶע), „נֵיין אִיצוּנְד בִּין אִיךְ נִיט גְקוּמֶען אוּם נוּר צוּזַמַאכִין אַייךְ אַיין לַיידִיגִין בֶּעזוּךְ, נוּר אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען אוּם וָואס וִויכְטִיגֶערְס, אוּם אָן צוּ קְלָאגִין אַיינֶעם פון אַייעֶרֶע צֶעגְלִינְגֶע (פִּיטָאמְצֶעס), אַיין גֶעוִויסִין זוּאַן קַארְטִין וָואס הָאט מִיךְ אִיצוּנְד הֶעכְסְט בֶּעלֵיידִיגְט, אונ וָוען עֶס וָואלְט זִיךְ נִיט אָן גִירֵייט אַיין פַּייעֶטָאן (פָאַיאזְד) מִיט פִיר ווִילְדֶע סִיוָואקֶעס וָואס הָאט פון אַיינַאנְדֶער גִיטְרִיבִּין דָאס גִיזֶעמִיל וָואס עֶס אִיז גִיוָוארִין אַרוּם מִיר מִיט אִים, וָואלְטִין מִיר, אִיךְ אונ אִיר גֶעוִויס דוּרְךְ דִיזֶעם לָאזִין בּוּבֶּע גֶעשְׁטִירְצְט אִין דִיא גְרֶעסְטֶע גִיפַאהְר, גֵייעֶנְדִיג זִיךְ אַזוֹ דָא נִיט לַאנְג פון דֶער קִירְכֶע וואו אִיךְ הָאבּ גִיהֶערְט אַיינֶע הֶעכְסְט פְרוּמֶע פְּרֵיידִיגְט (דְרָשָׁה) וָואס וַואר אִין אִיר זֵייעֶר אֵייפֶערִיג (הִיצִיג) גִישְׁפְּרָאכִין גֶעגִין דִי זִיטֶענְלָאזִיגְקַייט (אוֹיסְגִילַאסֶענְהַייט) וָואס הָאט אַיין גִירִיסִין זִיךְ (גֶעשְׁטֶערְקְט) אִין לָאנְדָאן, אונ וָואס זִיא הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גִיוִוירְקְט אוּיף מַיין גֶעמִיטְה, הָאבּ אִיךְ גְרַאדֶע צוּ מַיינֶעם אוּמְגְלִיק אָן גִיטְרָאפִין דַאן אַיין אָרֶעמֶעס מֵיידְכֶען פון אַיאַר עֶלְף וָואס אִיז גִישְׁטַאנֶען מִיט אַשַׁאכְטֶעלֶע מוּסֶעלֶען וִויא אַלֶע אַנְדֶערֶע בֶּעטְלֶער קִינְדֶער אונ וָואס וַואר הֶעכְסְט הִיפְּשׁ, שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט אַיינֶעם פון אַייעֶרֶע צֶעגְלִינְגֶע (פִּיטָאמְצֶעס) וָואס הֵייסְט זוּאַן קַארְטִין, עֶס וַואר אָבֶּער מֶעהְר אַלְס אַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל, עֶס וַואר נוּר אַיין אוֹיסְגִילַאסֶענֶער רָאמַאן, נוּן הָאט עֶס אַזוֹ וַוייט גֶעווִירְקְט אוּיף מַיינֶע אַקָארְסְט גִיוָוארֶענֶע פְרוּמֶע שְׁטִימוּנְג דוּרְךְ דִיא פַייעֶרִיגֶע

פריידיגט

---

*) אִין גַאנְץ אֵיינְגְלַאנְד אִיז פַאר בָּאטִין צוּ בֶּעטְלֶען, דָאךְ אִיז עֶרְלוֹיבְּט יֶעדִין אָרֶעמֶען אוּם צוּ גֵיין אִין דִיא גַאסִין מִיט אַלֶער הַאנְד קְלֵיינִיגְקַייט אַלְס הוֹיזִירֶער (קַארֶעבֶּעלְנִיק) אונ בָּאט עֶס אָן יֶעדִין צוּ קוֹיפִין, אונ יֶעדֶער אַיידֶעלֶער קוֹיפֶער בֶּעצָאלְט דֶער פַאר פוּפְצִיג מָאל וִויא עֶס אִיז וָוערְט, נוּן הֵייסְט עֶס גִיבֶּעטִילְט קוֹיפְמַאנִישׁ:

פריידיגט (דרשה) דאס איך האב מיך ניט גיקענט איין האלטין, אונ האב אן גינומען דיזעס מיידכען פאר דער האנד אום אפ צו פירין איר צו מיר אהיים, אונ רעכט דורך מוראלעזירען (דורכמוסטערען) איר, דא איז דער זואן קארטין איבער גיפאלין איבער מיר וויא אביסיגער הינטעל מיט זידלערייא, האט מיך גירופין קינדער פרעסער, מיידכען פאר פירער, אונ אזו אלע אנדערע בעטלער קינדער מיט אים, האבין אויף מיר גיווארפין שטיינער אונ קויט, אונ עס איז גיווארין אגרוים גיזעמיל ארום מיר אונ אים, אונ באלד זיינען שוין אן גיקומען איינגע פאליסמענער, דיא פאליציייסקע שפיר הונדע, אונ וויא דער אלטער שפריכווארט זאגט וואס גרויסע שפייען דאס טוען דיא קליינע קייען, וואלט זייערע רייד פאר גיווים גיווארין אגוטער ביסין פאר דיזען לייטין, זייא וואלטין פון דיא קינדער אוים גיפארשט אונ דער גאנגען וואס עס וואלט אונז גיווים קיינע גרויסע עהרע גימאכט, אונ דער צו נאך אין איינער גרויסע גיפאהר גישטירצט, ווען עס וואלט ניט אן גילאפין דער פייעטאן אונ וואלט גיט צו שטויבען דאס גאנצע גיזעמיל, עס וואר דיזעס איין וואונדער גאטעס:

נון פאר שטייט זיך דאס דער זואן וואר באלד אריין גירופין אונ גיפרעגט גיווארין פון זיינע ביידען פייגינער, פון דער מאדאם גאל אונ פון דעם עדוארד פולטאן ווארום האט ער עס גיטאן "איך האב עס גיטאן" האט ער זיך אפ גירופין ווייל דיזער הער ברוין, איז שוין פון לאנגע דאטין (צייטין) איין שרעק אונ איין גרויל פון אלע לאנדאנער בעטלער קינדער, וויא זייא נור דער זעהען איםפאלט זייא איין דיא בלוטען אזו וויא דיא הונדע אלס זייא דער זעהען דעם היצעל, אונ גיפינען זיך קיין ארט וואו צו בעהאלטין, דען זייא ווייסין דאס ער מאכט איינע יאבט אויף זייא, אונ פאנגט זייא וויא דיא ווילדע פייגעלאך אמאל דורך נאסערייען, אמאל דורך גוטע רייד אונ אמאל מיט גוואלד, אונ קיינער קערט זיך שוין ניט אום פון דארט, מען זאגט דאס ער מאכט אויף זייא אלער האנד אפעראציאנען, דען ער איז איין אפעראטאר, אונ איבט זיך אלזו אויף זייא וויא אראפ צו נעמען אגליד, וויא אצאן אוים צו ציהען, אונ שנייט זייא אויף אום צו זעהען וויא דאס בלוט לייפט אריין אונ ארוים אין הערצין, ער לאזט מאנכע אום קומען פון דורשט, פון הונגער, פון צאד, פון גיפט, אונ דער נאך צו שניידעט ער זייא אום צוא וויסען אונ צוא ערקענען דער נאך ביי איינעם פאלמעשען פון וואס מאנכער איז גישטארבין, קורץ דער פון דיזער הער ברוין איז איין שרעקען פון אונזערע ארעמע קינדער, דאס ווען איינער וויל שילטען דעם אנדערין זאגט ער "זאל דיך האלען דער הער ברוין":

דיזעס אלעס האט גישפראכין דיזער קליינער זואן וואס וואר קוים זעקס יאר אלט מיט איינער קינדעשין איינפאלט (אונשולד) אונ מיט איינעם שוידערין וויא איין לאם וואס שטייט לעבין דעם וואלף, דען עס וואר אים העכסט אונהיימליך לעבין דעם הערין ברוין, אונ איז גיזונקען אין דיא קניא פון פאטעקייט אונ הונגער:

נון פאר שטייט זיך פון זעלבסט דאס גירעכט איז גיבליבן דער הער ברוין, דאס איז אביסיל איין וועטער מויל· האט זיך דיא מאדאם גאלאפ גירופין, דאס איזט עס איינע בלוטיגע בעליידיגונג, איך וועל אים שוין זיין מויל ריין וואשין, אלזו זייט רוהיג מיין העהר, ער וועט שוין זיין לוין האבין, עס איז מיר נור שאדין דיא גרויסע סומא וואס איך בעקום פאר אים פון דעם הערצאג ענדעמא, זאנסט וואלט איך אים אויף דער שטעל דיא צונגע פון דעם האלדז ארויס גיריסען, נון זייט זיכער דאס ער וועט שוין אויף דער ווייסע וועלט מער ניט קומען, ער בלייבט איין גישפארט אין מיינעם הויז ביז דעם לעצטין טאג פון זיין לעבין, דאס הייסט בית איך וועל נאך איינע גוטע צאלונג פאר אים באקומען :

דער הער ברוין וואר דארט גוט טראקטירט אונ איז זיך אוועק בערוהיגט אהיים, אונ דער זואן וואר זייער שטארק גישמיסען אונ איין גישפארט אין איין שווין שטאל, אונ גענערט מיט קנאפין ברויט אונ מיט קנאפין וואסער, דיזער קנאבע אבער וואס וואר העכסט קלוג אונ אויך גאנץ בויקע (פריש אונ גיזונד) האט זיך דארט ניט לאנג פאר זאמט, ער איז אין עטליכע טעג פון דארט אנטלאפין דורך אקליינע לאך וואס דיא שווייגען האבין דארט אונטער דעם זרוב גימאכט, אונ איז ארויס אין דער ליכטיגע וועלט וויא איין פרייער פויגיל, אונ האט גיזאגט איין אייביגין אדיו צו דיזעם בלוטיגען אנשטאלט, ער איז ארויס אזו מאגער וויא אמויז פון איינער קירכע, אונ איז זיך אוועק צום בריק וואס דארט איז דער זאמעל פלאץ פון פילע נאקעטע קינדער וואס זיינען אזו עלענד אונ אן אדאך וויא ער, אונ האט צו זיינעם גליק אן גיטראפין אויך דאס מיידכען מילי וואס ער האט זיך פאר איר אן גינומען אונ צו גלייך נעליטען, זיא האט אים אויף גינומען העכסט ליבליך אונ פריינדליך, אונ האט זיך גיפרייט אים ווידער צו זעהען, ער האט איר דער ציילט וואס עס האט זיך מיט אים פאסירט, זיא האט אים בעדויערט, אונ צו גלייך גיטרייסט, האט אים גיגעבין אשטיק ברויט מיט קעז, האט זיך זאט אן גיגעסן דעם ערסטין מאל אין זיינעם לעבין :

דיזע מילי האט אים שוין ניט אוועק גילאזין פון זיך, זיא האט אים גיקויפט אבערסטיל מיט שוואקס אונ אפאר טיכער אום צו ריינינגין דיא שטיוועל פון דיא העררין אונ דיא שיך פון דיא דאמען וואס ווערין בעשמוצט גייענדיג אין גאס אונ וואס בעלוינען דער פאר זייער גוט, אונ דיזע פראפעסיאן וואר אים העכסט איינטרעגליך, מען האט אים פיל מעהר גיברויכט אלס אלע אנדערע קינדער, נור צו ליב דעם וייל ער וואר דער קלענסטער אונטער זייא אונ צו גלייך דער שענסטער, פילע האבין אים אזו אויך זייער גוט בעשאנקען אויס פורעם מיטליידין, אונ דער זואן האט זיך גישעצט העכסט גליקליך, דען ער האט אימער דעם גראסין, אונ פלעגט מיט שוידערין דער מאנען אן דיא צייט וואס ער האט פאר לעבט אין דעם בלוטיגין אנשטאלט פון דער מאדאם גאל וואס ער האט אויס גיליטען דארט, קלעפ, הונגער אונ קעלט, נאכט לעגער האט ער גיהאט אין איינעם פון דיא פריוטען וואס זיינען געגרינדעט אין לאנדאן פאר דיא גאסין

קינדער, פאר צוויא קאפייקען א נאכט, עס איז דארט ליכטיג, ציכטיג און ווארעם, מען שלאפט דארט אויף נארעם מיט פרישען שטרויא אונטער דיא אויפזיכט פון דער פאליציא, דאס איינער זאל ביא דעם אנדערן ניט וואס שטוילין, און דאס עס זאל דארט זיין אלץ אין ארדענונג, מיידכען שלאפין דארט באזונדער, און קנאבען באזונדער, און אויך גייט דארט ארום א נאנצע נאכט, אין דעם זעלבינין פריוט פלעגט צו נעכטן אויך דיא מילי. און פלעגין זיך אלזו גלייך אהין קומען און גלייך אוועק גיין, דיזער זואן קארטינא וואר עס וויא מיר ווייסין זואגעס זון וואס זיא האט אים גיהאט פון דעם פיליפפען, וואס זיא האט אים גילאזין ביא דער דאלארעס, און וואס דער ענדעמא האט אים אנגעבראכט אין דעם בלוטיגין אנשטאלט פון דער מאדאם גאל.

וואס מיט אים איז ווייטער גיווארין, דאס וועלין מיר דער ציילין אין דיא ווייטערדיגע קאפיטלעך, דער ווילע אבער וועלין מיר דער ציילין וואס פאר איין ענדע עס האט גינומען מיט דיא מאדאם גאל, איר פאמאצניק עדואהרד היפטאן, און איר גאנצע בלוטיגע זאוועדענע, דען זאנסט וועלין מיר שוין ניט האבין איינע גילעגינהייט צו ריידין פון איר, ווייל זיא האט שוין איר ראלע אויס גישפילט אין אונזערע ערציילונג:

אין דעם יאר 1870 האט זיך דיא פאליציא דער וואוסט וואס עס טוט זיך מיט דעם ערציהונגס אנשטאלט פון דער מאדאם גאל, און איזט אים איבער פאלען אין איינער נאכט מיט אגרויסע וואך, און מען האט דארט דער וויסט וואס קיין גוטער מענטש עס וויסען זאל, קינדער פון פערשיידענעם עלטער, מיידכען און קנאבען פון גיהיימע רייכע עלטערין, פאר מארעט, פאר הונגערט, אין דער גרעסטע אונצוכט. א טייל פון זייא ווארן צו קיילט, צו ביילט, צו קניפין, מאנכע האבין דיא אויס צערונג, ריב קוכינס, זייא האבין עס בעקומען פון דעם אום טראגין זייא איבערין שטאט, אפ צו זייגין קינפעטארינס*), מען האט דער וויסט דארט אגאנצין קינדער בית עולם אין דעם צארנעם דוואר, מען האט זיך דער וויסט אין איר זורנאל פון פייגיל מילך, וויא פיל קינדער עס זיינען שוין דורך גיגאנגען אונטער איר בלוטיגע האנד, זינד זיא האט געגרינדעט דיזען מערדערישין אנשטאלט (זאוועדענע), און ווער זייערע גיהיימע עלטערין זיינען, און וואס פאר איין רייכטום זיא האט איין גיזאמילט דורך דעם, און וואס פון דיא קינדער איז גיווארין:

דרייא טעג וואר דיזער אנשטאלט (זאוועדענע) זייער שטרייננ בעוואכט,

און

*) צו אונזערע שאנדע ווערט אונז אידין ניט בעסער געווירטשאפט מיט אונזערע פאבאצנע קינדער, דער גרעסטער טייל ווארין ערווירגט ביא דער גיבורט, און דיא וואס בלייבין לעבין שטארבין איין לאנגווירינען טויט אונטער דיא הענט פון דיא אמען וואס טראגין זייא איבער קינפעטארענס אום אפ צו זייגין זייא, איינע זינדע וואס נימאנד קימערט זיך ניט אום איר, מען זוכט מילבען אין דיא גרויפין?

און דיא מאדאם גאל און איר פאמאצניק עדוארד הופטאן, און דיא אויפזעהרין באב און דיא איבעריגע בעדינטע ווארין דאן העכסט שטריינג עקזאמענירט, עס ווארין געבראכט אהין פילע קופלעריגען (מאטרעסענפאקטארקעס) וואס האבן גיהאט איין פערקער מיט דער מאדאם גאל, עס וואר געבראכט אהין אויך דער דאקטאר ברוין, עס וואר דארט עקזאמענס איבער עקזאמענס, און דיא גאס וואר דארט בעלעגערט פון נייגעריגע מענטשין וואס האבין גיוואלט אלץ זעהען דיא פערזוינען וואס מען ברייגגט אהין אונטער צו אצגע שטאווקעס. דען עס ווארין געבראכט גאנצע באנדען פון דיא גאסין, קינדער וואס זיינען צו לאפין פון דיזעם בלוטיגען אנשטאלט, און פילע פראפעסארקעס אדער הייבענס, עס האט דער מיט גאנץ לאנדאן אויף גיפויקט:

דאס ענדע דער פון וואר דאס מען האט דיא מאדאם גאל און איר פאמאצניק פאר אורטיילט אויף איינער לעבענס לייבגליכע צוכט הויז און צוואנג ארבייט, איינע שטראפע וואס איז פיל ביטערער אלס דער טויט, דען עס ווערט דארט גאנצע זעכצעהן שטונדען אין טאג זייער שווער גיארבעטעט אונטער דעם שטאק פון דעם צוכט מייסטער (אויף זעהער), דאס הויז פון דיזער זאוועדענע וואר פערוואנדעלט אויף איין פריוט, דער גרויסער פאר מעגין פון צוייא מאל הונדערט טויזינד שטערלינג איז אנגיוועגדעט גיווארין אום צוא ערציהען דיא עלענדע קינדער וואס מען האט דארט דער וויסט, דיא איבעריגע חברה וואס זיינען גישטאנען אין פאר קעהר מיט דער מאדאם גאל זיינען אויך ניט ארויס טרוקין דער פון, יעדע פערזוין האט בעקומען איר פאר דינטע שטראפע:

פילע קאמעדיען שרייבער און שריפטשטעלר (מחברים) האבין פאר פאסט (מחבר גיוועןן) איבער דעם זייער פיל טעאטער שטיק, קאמעדיען און טראגעדיען (טרויער שפילע), א אזו איינע ענדע זאלין נעמען אלע דיא יעניגע וואס בעפלעקין זייערע הענדע מיט דעם בלוט פון אזעלכע עלענדע קינדער וואס זייער לעבין איז ניט ווייניגער טייער און וויכטיג אלס דיא קינדער וואס ווערין ערצויגין בייא זייערע עלטערין*):

14

„דיא פאר פירונג"

אין דיזער צייט וואס לודוויג נאפאליאן האט זיך אויף גיהאלטין אין לאנדאן וואר קיניג אין פראנקרייך וויא מיר ווייסין לואי פיליפ פון ארלעאנס, איינער פון דיא בעסטע מענטשין און איין פריידין ליבענדער קיניג, און דאך וואר מען מיט אים דארט העכסט אונצופרידען, דיא הויפט אורזאכין דער פון

וואר

*) אונזער גמרא זאגט „ממזר תלמיד חכם קודם לכהן גדול עם הארץ", דער מדרש זאגט אויף דעם פסוק „וראיתי דמעת העשוקים ואין להם מנחם אלו ממזרים, אמר ר' יהודה בן פזי אפילו ממזר בא לעולם הבא, און פשיטא שוין ווער עס ווערט גיבארין פון אפגויה, עס איז הימעל שרייענד:

וואר ערסטינס דיא אונשטאנדהאפטיקייט פון דער פראנצויזישען נאציאן • אונ צווייטינס דיא אויפוויגלונג (דיא רוהע שטערונג) פון דעם נאפאליאנס גרויסין אנהאנג (צד) וואס ער האט גיהאט אין פאריז , צוא בעשרייבין איז ניט דא דער ארט , אונ עס איז אונז ניט אזו שטארק נייטיג צו אונזער גישיכטע , אונ עס איז דארט אזו וייט גיקומען דאס דער לואי פיליפ איז גיווארין ארונטער גישטירצט פון דעם פראנצויזישען טראהן , אונ אן שטאט אים איז גיווארין איינע פראוויזארישע (טרעמענע) רעגירונג פון איינינע צלענעם וואס איינער פון זייא וואר אויך ר׳ יצחק קרעמיו , אונ נאפאליאן וואס האט זיינע אויגין שוין לאנג אוים גיקוקט אויף דיזען מאנארכען שטורץ , וואר העכסט ערפרייט אויף דיזער באטשאפט (נאכריכט) וואס ער האט איר עמפפאנגען פון זיינע פריינדע אין דער זעלביגע שטונדע אלס דער לואי פיליפ איז אן גיקומען שוין קיין לאנדאן מיט זיינער פאמיליע אלס אנטלאפענע , אונ וואר דורך דעם העכסט גישטארקט אין זיינער האפענונג אונ אין זיינער אוים זיכט צו בעשטייגין אמאל דעם פראנצויזישען טראהן וואס שוין מעהר אלס איינער האט זיך ארונטער גיגליטשט פון אים , אונ בייא אלעם דעם האט ער נאך ניט גיוואלט שוין ערשיינען אין פאריז , דען ער האט שוין עטליכע פראבין גימאכט דאריבער אונ איז בייא יעדער מאל גיקומען צו ריק קיין לאנדאן אלס אנטלאפענער „ניין" האט ער בייא זיך גיטראכט „דער טראהן איז צוואר ליידיג , דאך מוז איך דארט האבין פריער איינע גרויסע פארטייא פיר מיך , מעהרערע שטימען , אונ דער צו ברויכט מען צו האבין געלט , אונ דיזעס פעלט מיר נאך" :

בייא אלעם דעם איז ער זיך ניט גיזעסין ליידיג אין לאנדאן , פון דארט אויס האט ער אן גימאכט דורך זיין אנהאנג (צד) גרויסע אינטריגען אין פאריז , אונ האט אזו וייט גיבראכט דאס עס איז גיווארין אין פאריז אגרויסע בלוט באדע (בלוט פערגיסונג) , אונ מעהר וויא דאס האט ער ניט גיוואונצין , דען ביי דר אונצופרידענהייט פון דער נייער פראוויזארישע (ווערעמענע) רעגירונג וועט ער אויף גינומען ווערין פון דעם פאלק אלס איין רעטירער אין דער נויט וויא אמאל זיין פעטער נאפאליאן דער ערסטער איז אויף גינומען גיווארין דארט אין דער שרעקענס צייט קומענדיג פון עגיפטען :

אזו האט דיזער מענטש בעצייכינט זיין ערסטין שריט צום טראהן מיט בלוט , אונ אבלוט שטראם בעפלעקט אזו זיין גאנצין לעבענס וואנדיל , אונ האט אזו בעזודעלט זיינע לעצטע פוסטאפען (טריט) ביז אין גראב , נוא מען ברויכט געלט , אונ געלט וואר אים זייער שווער גיוועזן צו באקומען , דען ניט איינער פון זיינער פריינדע האט אים ניט גיוואלט גיטרויען איין פוסטין נוס , ער האט אן גימאכט שולדין איבערין קאפ , אזו איינע געלד קלעמע אין אזו איינינע צייט וואס האנדילט זיך אום איינע קראנע וואלט עס איינעם אנדערין גיבלייכט דיא האר , ניט אבער בייא אים וואר דיזער פאל , דען אזו אמענטש וואס עס האט גילאזט פליסין מענטשין בלוט וויא וואסער אום אוים צו פירין זיין אונגירעכטין

פלאן

פלאן , וואר שוין ביא אים גאר קיין געוויסען צו פאר אומגליקען צו ליב דעם איינע גליקליכע פאמיליע וואס ער האט ביא איר גיהאט דיא בעסטע אויף נאמע אונ פיל גוטעס גינאסין , אונ דיזע וואר עס דיא פאמיליע האוואָרד וואס ער וואר איר שולדיג שוין אסומע געלט :

ער האט זיך אן גיהייבין פיל מעהר צו ראמענסירין מיט זייער טאכטער זאפיע , ער האט איר פארגישפינעלט דעם טראהן פון פראנקרייך וואס ער וועט זיך מיט איר טיילין , דאס הייסט ער וועט איר פאר איינע קייזערין מאכין "ויא איך וועל נור בעשטייגין דעם טראהן וואס איז איצונד שוין ליידיג" האט ער איר גיזאגט "וועל איך דיך הייראטען , אונ דאס איז מעהר אלס גיוויס" , אונ מעהר וויא דיזעס האט דיזעס פערליבטע מיידכען ניט פאר לאנגט צו הערין פון אים , דען ביז אהער האט זיא עס פון אים ניט גיהערט , זיא האט עס באלד דער ציילט דיא עלטערין מיט פריידין , דען זיא האט גימיינט דאס איצונד וועלין זייא גיוויס איין ווילגין , זיא האט זיך אבער גאנץ בעטראגין , דען דיא עלטערין זיינען גיבליבין ביא זייער פאריגין פעסטין ניין , אונ האבין אזו גאר גיגעבין דעם נאפאליאנען קלוגע וינקע דאס ער זאל זייא שוין גאנץ פאר שוינען מיט זיינע גיפערליכע בעזוכע :

עס וואר שוין אבער צו שפעט , דער נאפאליאן האט צוואר אויף גיהערט שוין צו קומען צו זייא , דאך האט ער זיך ניט אויף גיהערט צו זעהען מיט דער טאכטער אנדערס וואו , אונ ביא יעדין זיך ווידער זעהען איז זיא אים גיווארין אלס מער ערגעבענער אונ איין גיטרויטער , אונ עס איז אזו ווייט גיקומען דאס אלס זיא האט נור איין עטוואס פון אים גימערקט דאס ער איז אין אגרויסע געלט קלעמע וואס דאס הינדערט אים צו זיינעם גרויסין פלאן , האט זיא זיך שוין אליין אן גיבאטין צו בעהילפליך צו זיין אים פון איר אייגענעם קאפיטאל וואס זיא האט בירושה פון אירע איינע עלטערע שוועסטער וואס איז גישטארבין , אונ איבער וועלכעם זיא אליין אופראוולייעט מיט איינער האלבין מיליאן פראנק , אונ האט עס אים אפ גיגעבין ביא איינער ראנדעוואו (צוזאמען קומען) אין סוטענדע דארט ביא דער העקסע ראדלאינא , זיא האט עס אים אפ גיגעבין צוזאמען מיט איר יונגפרייליכין קליינאד (ערליכקייט) , אונ זיא האט באקומען דער פאר פון אים אהאלב טוצענד (קוסענגען) אונ ליבעס שווירע (שבועות) איבער ליבעס שווירע , אונ מיט איינעם הייליגין פאר שפרעכין צו נעמען איר מיט אומגיזאמט קיין פאריז :

דיזע זאכע איז אבער קיין גיהיימנים גיבליבין פון דיא עלטערין , דער באנקיא וואס האט איר אפ גיגעבין דאס געלט האט עס באלד בענאכריכטיגט דיא עלטערין , אונ זייא האבין גידרונגען אין דער טאכטער דאס זיא זאל זייא זאגין וואס פאר איין גיברויך זיא האט דער פון גימאכט , אונ זיא האט זייא באלד גישטאנען (מודה גיוועזן) דאס זיא האט עס אפ גיגעבין דעם נאפאליאן אום אים צו פירין זיין גרויסין פלאן , אונ האט זייא דער ביא אויך ניט פאר לייקנט

דאס

דאס זיא איז אין בעגריף (בדעה) אפ צו פארין מיט אים קיין פאריז :

דיזע שרעקליכע נאכריכט האט זייער שטארק געווירקט אויף דעם פאטער דאס ער האט פון גרויס גראם אונ פאר דרוס באלד אויף ארט אונ שטעלע דיא שלאק באקומען, פלוכענד זיינע טאכטער, אונ איז אין אפאר טעג זיך אוועק געשטארבין, אונ ביא אלעם דעם איז זיא ניט אפ געשטאנען פון אידעם בעשלוס אום מיט צו פארין מיט איר געליבטען לואי נאפאליאן קיין פאריז, אונ איז אוועק פון לאנדאן מיט אים ניט נעמענדיג אפ שייד פון איר אונגליקליכע מוטער וואס איז אויך באלד נאך איר אפ רייזע געשטארבין, זיא איז אוועק מיט איר געליבטען אלס איינע רייכע ערבין, איינע מיליאנערקע, אונ דאהער וואר זיא פון אים העכסט געצערטילט אונ געשמייכילט וויא איינע וואהרע געליבטע אזו לאנג וויא זיא וואר אים נאך נייטיג צו ליב איר ליבען געלט, ער איז מיט איר פאר פארין דארט אין דעם רייכען האטעל, אונ האט מיט איר פערלעבט דארט איניגע יאר אין זויז אונ אין ברויז (דאס הייסט אין פאר טומעלטע פריידין), אונ זיא וואר אויסער זיך פון פריידין אלס ער איז געווארין דעם צעהנטין דעקאבער 1848 אוים געקליבין געווארין פאר איין פרעזידענט פון פראנקרייך, די נארין אבער האט ניט פאר שטאנען וואס ער שטייגט העכער זינקט זיא אלץ נידעריגער, ערסט שפעטער האט זיא זיך ארום געזעהען וויא בעטראגין זיא איז פון אים, וויא העכסט אומגליקליך זיא איז, אונ וויא דיא געטליכע שטראפין, אונ דעם פאטערס פלוך פערפאלגען איר (זיינען איר רודף) שריט אויף שריט, זיא האט דאן שוין גינוג בערייעט (חרטה גיהאט) אויף איר אונגיהארכזאם זיין אנטקעגין דעם קלוגין ראטה פון איר פאטער, עס וואר שוין אבער צו שפעט דאן אונ איז אזו געבליבין איין שרעקליכער ביא שפיל פאר אלע אונגיהארכזאמע טעכטער וויא מיר וועלין דא ווייטער שרייבין :

15.

•דיא פאלשע האנט•

דער ווילע מינע טייערע לעזרין וועלין מיר אונז אום קערין צו אונזערין אלימפיא, צו דעם מארקיז דע מאנטאלאן, אונ אונזער דאלארעס, דיא אלע בעמיהונגען פון דיא ביידע פריינדע אויף צו זוכין דיא דאלארעס וואר גאנץ אומזאנסט, בעסער פאר זייא ביידין אבער איז עס גיגאנגען אין דיזער נאך פארשונגען דעם וואלענטינען, דען ער האט זיך דער וואוסט דארט אין סוטענדע פון דיא דארטיגע מאטראזין, דאס דער שטייער מאן (שטירניק) פון דעם פאראחאד לא פלעבא וואס האט געהערט צו דעם ענדעמא, אונ וואס ער איז אנטלאפען אויף איר מיט דער דאלארעס הייסט קאנגעל איז אליין אין לאנדאנער, אונ האט דא אין שטאט אברודער וואס איז אגרויסער זויפקעריל, אונ אום אפ צו האלטין אים פון דיזעם פעלער, האט אים דער קאנגעל געוואלט מיט נעמען אויף זיין פאראחאד •לא פלעבא•, אונ האט אים פאר שפראכין אזו גאר אגוטע

זאלעוואנע

זאלעוואנע , ער איז אבער ניט גיקומען אויף דעם פאראחאד צו דער רעכטער צייט , אונ ער האט אפ געזעגעלט אן אים , אלזו דיזער זויפקערעל וויים אויף קלאר וואו הין דיזער פאראחאד האט זיך געווענדעט , אונ עם וועט זיין לייכט עם אוים צו פארשטין פון אים :

דיזער קאנעל (דאם הייסט דער ברודר וואם הייסט אויך קאנעל) , האט זיך אויף גיהאלטין גאנצענע טעג ביי טאג אין אגעווייסין קאבאק , אונ ביי נאכט גינעכטיגט אין איינעם פון דיא נארארנע פריוטען וואם זיינען גימאכט אום נור צו נעכטיגין דארט , דיזע פרייליכע נאכריכט האט דער וואלענטינא גיבראכט צו דעם מארקיז מאנטאלאן , דען זיין הער אלימפיא וואר דאן ניט אין שטאט , ער וואר איין גילאדין אויף איינער יאכט , דער מארקיז וואר העכסט ערפרייט וועגין דעם , אונ האט זיך בעשלאסין צוא גיין שוין אויף צוא זוכין דיזען קאנעל , דעם וואלענטינען האט ער גיהייסין דאם ער זאל אים אויף פאסין אין שיינק , אונ ער האט זיך אונטער גינומען אויף צו פאסין אים דארט אין פריוט , דער מארקיז האט זיך אומגיקליידעט גאנץ אנדערש , ער האט זיך אן גיטאן אזו וויא איינער פון דיא נעסטע וואם בעזוכין אונ נעכטיגין אין אזעלכע פאלקם הייזער , דען זאנסט ווען ער וואלט גיקומען אהין גיקליידעט וויא איין גרויסער רייכער מאן וואלט ער גיווארין דארט באלד אויף פאלענד (זנאצנע) אונ וואלט ניט ערדייכין דארט זיין ציל , דער ביי האט זיך אים גיוואלט וויסען אונ קענען אביסיל דעם לאנדאנער פעביל (צארנא נאראד) מיט אלע זייערע ביינער , אונ דיזעם קען מען ניט דער גיין וואו מען זאל זיך ניט אומקליידין אונ אוים זעהען וויא איינער פון זייא , אונ אום צו שפילין דיא ראלע אין גאנצין פון איינעם איינפאכין מענטשין , האט ער זיך שוין ניט אריין גיזעצט אין איינעם פאיעטאן וויא איין מארקיז נור אין איינעם גימיינעם אמניבום (אגרויסער פאלקם וואגאן וואם פארט אום אין שטאט נור איבער גיוויסע גאסין) , אונ האט זיך אלזו דארט ביי דעם בריק פון וואטערלא זיך גישיידעט פון דעם וואלענטינען :

אין אזו איין ארט וואגאן אדער קארעטע וואם בעפארט עטליכע אונ צוואנציג מאל אין טאג , נור איינע גיוויסע שטרעקע (מרחק) וואם צווישן לאנדאן אונ איינער פארשטאט , ווערט בעלוכטין ביי נאכט מיט איינער דונקעלע לאמפע נור , אונ איין ארעמער נאראד זיצט גיפרעסט איינער לעבין דעם אנדערין אויף דיא הארטע הילצערנע ביינק וואם שטייען דארט אין דער לייננ , אונ איז אלזו דער בעסטער ארט פאר טאשענדיבע (קעסעניקעס) אונ ביטיל שניידער , עם איז אקרן פאר זייא ארוים צו שטוילין אציגאר , אשנופטוך , איינע אוהר , אונ ווער רעט שוין פון אפארטעמענע , פון אפולארעס , אלזו מוז מען דארט זיין העכסט אויף דער הוט (אשטראזנע) , אונ בפרט דאם דער קאנדוקטער זעלבסט איז נאך מיט זייא אין בונד (יד אחד) , פון דיזעם אלעם האט דער מארקיז ניט גיוואוסט אונ איז זיך גיזעסין גאנץ רוהיג , אונ צו זיינעם גליק וואר נאך גאנץ גיראם אין דיזעם אמניבום אין וועלכין ער האט אריין געשטיגין , ער האט דער

וויסט

ויסט דארט נור צוויא מענער וואס זיינען זיך גיזעסין ווייט איינער פון דעם אנדערין, אונ אנטקעגין זייא איז זיך גיזעסין אויף איינער אנדערין באנק איין ארעמער איינגעל (קנאבע), אונ דיזער וואר קיין אנדערער אלס אונזער זואן וואס איז היינט גיפארין אליין אן דיא מילי אום צו פאר זארגין זיך בעצייטין אגוטין ארט אדער נאכט לאגער אין דעם קינדער פריוט הויז, אונ וואר זיך גוטעס מוטה, דען ער האט גיהאט אגוטין טאג היינט, ער איז זיך גיזעסין אין וואגאן אונ האט זיינע איינגעלאך ניט אראפ גינומען פון דיזע ביידע מענער וואס האבן אים בענאהע גאר ניט גיוואוסט-אונ ניט בעמערקט, דען ער וואר נאך גאנץ יונג אונ קליין:

דער מארקיז האט זיך אוים גיקליבין אפלאץ אויף דער זעלביגע באנק וואו עס זיינען דיזע צווייא מענער גיזעסין, וואס דאס איז אוים גיקומען גראדע אנטקעגין דעם זואן, וואס ער איז אים העכסט אויף פאלענד (זנאצנע) גיוואהרין, וועגין זיין שיינעם אונ קלוגעס געזיכט, אונ דער צו נאך וועגין זיינע מאגערקייט אונ נאקעטקייט, ער האט אים העכסט בעדויערט ביא זיך אין הערצין, אונ האט ביא זיך גידיינקט "דאס אזו איינער וועט דאך היינט מארגין געווים פאר שמאכטען, קוים אבער האט זיך דער מארקיז דארט צו רעכט גימאכט אונ זיך איינגימיעסצעט, האבין זיך "דיזע ביידע מענער צו גירוקט צו אים פון ביידע זייטין, אונ אלס ער האט זייא גיפרעגט ווארום זייא טוען עס, זייא האבין דאך בענוג פלאץ פאר זיך? האבין זייא אים גיענטפערט "וויא עס זעהט אוים מוזט איר זיין איין פרעמד לענדער, זאנסט וואלט איר עס ניט פרעגין, דען דיא גיזעצע איז אין דיא אמניבוסען, דאס וויא אויך וויניג מענטשין עס זיינען אין זייא מוז מען זיצען איינער לעבין דעם אנדערין" דער מארקיז האט עס אן גינומען פאר איינע ריכטיגע אנטווארט אונ איז זיך גיבליבען זיצין גאנץ רוהיג, אונ אזו דאס גלייכין דיא ביידע זייטיגע מענער אן גיטאן אין ברייטע מאנטלען, האלטענדיג זיך דיא הענט אן גיטאן אין שווארצע זעמסענע הענצקעס אויף זייערע קניא:

דיזע רוהיגקייט האט אזו גידויערט ביז דער אמניבוס איז אן גיפארין שוין צו דעם נאכט פריוט וואס דער מארקיז האט גידארפט האבין צו אים, אונ אלס ער האט זיך אויף גיהייבין ארוים צו גיין פון דעם אמניבוס, האט ער דער הערט עפעס וויא אצופ פון דער לינקער זייט, ער האט באלד אבליק גיטאן אויף דעם מאן וואס עס איז אים ביא דיזער זייטע גיזעסין, אונ האט אין אים גאר ניט גימערקט, דען ער האט אים דער וויסט זיצענדיג אזו רוהיג מיט ביידע הענט אויף דיא קניא גאנץ וויא פריער, נור באלד דארויף האט ער זיך אויך אויף גיהייבין אום אויך ארוים צו גיין פון דעם אמניבוס, דער קליינער זואן אבער וואס וויא מיר ווייסין האט פון דיזע ביידע מענער קיין אויג אראפ גינומען, האט דיזען מאן דער האלטין פאר זיין מאנטעל, אונ האט גיטאן אגישרייא צו דעם מארקיז "איי ליבער הער, דיזער מאן האט אייך בעשטוילען":

דער ווייל אבער ביז דער מארקיז האט ארום גיזעהען זיינע טאשען, האט זיך אויף גימאכט אויך דער צווייטער מאן וואס איז אים גיזעסין פון דער

רעכטע

רעכטע זייטע, אונ האט געוואלט ארויס שטויסען פון וואגאן דעם ערסטען אונ ארויס שפרינגען אליין אויך מיט איהם צו גלייך, עס האט איהם אבער ניט געלונגען, דען דער מארקיז האט זייא ביידען דער האלטען מיט זיינעם קרעפטיגען ארעם, אונ עס איז געוואָרען דארט צאנק איבער צאנק, לארעם איבער לארעם, דער מארקיז אבער האט זייא געענטפערט „איך ביטע אום פערצייהונג, איך בין בעשטוילען, איך קען אייך אלזא ניט אוועק לאזען ביז דיא גנבה מוז געפונען ווערען, אונ ווייל אויסער אייך ביידען איז דא קיינער ניט דא אין וואגאן, האב איך פולען רעכט עס פון אייך צו פאדערען:

„א דיזע בלאמאזא (בעליידיגונג)“ האבען זיך יענע ביידע אפ געריפען צו דעם מארקיז וועט אייך גינוג טייער קאסטען, ווען עס וועט זיך דאקאזען דאס מיר ווייסען ניט דער פון, דאס איהר טראכטעט אויס איינע ליגע נור, איהר האט עס פילייכט אזוי אפ גערעט מיט דיזעם נאסען בובע, שווינט אייער געלט, אייער צייט אונ אייערע עהרע, לאזט אונז לויז מיר זיינען פאר נומענע מענטשען:

„אונ פילייכט האט דער נאסען בובע אליין געשטוילען? האט זיך אריין געמישט דער קאנדוקטאר וואס איז אריין אין וואגאן אויף דיזעם לארעם א דיזע קאנאליען טרייבען אימער זייער האנד ווערק אויף אלזוי איינע ארט (שפאסאב) אין דיא אמניבוסען, דאס עס איז זיך שוין ווירקליך צו פאר שווערען דאס מען זאל דיזען לייטען מעהר ניט אויף נעהמען אין דיא וואגאנען, מען האט נור שאנדע פון זייא, א וויא איך לעבע א ליגט איין בייטעל מיט געלט ניט ווייט פון איהם, געוויס האט ער עס אפ געווארפען:

דער קאנדוקטאר האט אויף געהייבען דיא בייטעל, אונ האט אן געהייבען צו שלאגען דעם זואן גאנץ אן ערבארעמען, „איך ביטע“! האט זיך דער מארקיז אפ גערופען זייער שטרייננ, שלאגט מיר ניט דיזע קינד, איך וייס דאס ניט ער האט עס געשטוילען אונ ניט ער האט עס אפ געווארפען, דען איך האב איהם דיא גאנצע צייט פון מיין זיין דא געהאלטען פעסט אין אויג, „נוא אלזוי מיינט איהר ניט אנדערש דאס נור איינער פון אונז האט אייך בעשטוילען“ האבען זיך יענע ביידע אפ גערופען, ווען אזוי וועלען מיר אייך אונ אזוי אויך דעם נאסען בובע ניט לויז לאזען, מיר מוזען מיט אייך ביידען גיין צוא דעם פאליסמאן, איהר האט אונז בעליידיגט, מיר זיינען ערליכע לייט אונ איהר מאכט אונז פאר דיבע, איהר מוזט בעשטראפט ווערען, „גאנץ רעכט מיינע העררען“ האט זיך דער מארקיז אפ גערופען, „איך קען שווערען פאר דיזען קנאבען דאס ניט ער האט עס געשטוילען, נור איינער פון אייך, אונ איהר האט עס אפ געווארפען“:

באלד דארויף זיינען זייא אלע פיר ארויס פון וואגאן אום צו גיין צו דעם דארטיגען פאליסמאן, דיא צווייא אונבעקאנטע מענער זיינען גינאנגען פאראויס אום צו ווייזען וואו דער פאליסמאן וואוינט, אונ דער מארקיז מיט דעם קליינעם זואן זיינען זייא נאך גינאנגען אוויסלאד, אונ ווייל זייא האבען געהאט איינע גרויס שטרעקע פאר זיך צו גיין ביז זיין וואוינונג (וויא יענע צווייא האבען גיזאגט)

האט

האט דער מארקיז גיהאט גינוג צייט אוים צו פרעגין דיזען זואן וויא ער הייסט, אונ ווער ער איז, אונ וואו ער האלט זיך אויף, אונ דיזער קליינער האט אים אלין דער ציילט וואס מיר ווייסין פון אים, ער האט עס אים דער ציילט זייער קורץ אונ העכסט רירענד, דאס דער מארקיז האט אין שטילען גיוויינט אונ געווישט זיך דיא אויגען:

דער ווייל וויא זייא גייען נאך יענע צווייא אונ ריידין צווישען זיך, האבין זייא דער זעהען וויא עס איז עפעס וואס ארויס גיפאלין פון זייא, דער מארקיז האט אויף גיהייבין אונ האט דער זעהען דאס דאס איז נור אפאר זעמסענע שווארצע הענצקעס וואס זיינען אויס גישטאפט מיט וואטע, אונ האט באלד דער קאנט דאס דאס זיינען עס גיוועזען דיא הענד זייערע וואס זיינען זיך גילעגין גאנץ רוהיג אויף זייערע קניא, ווערענד (בשעת) זייערע ווירקליכע הענדע וואריען בעשעפטיגט ארום דעם דיב שטאל, דער מארקיז האט עס בעהאלטין ביי זיך אין קעסענע וויא איין אבן טוב אום עס צוא צייגין דעם פאליסמאן צו וועלכין זייא פירין אים:

אין גרונט אבער האבין זייא אים מיט דעם זואן נאר פאר פירט אין אשטאלע אונ דונקעלע זייטין געסיל וואס איז באוואונט נור פון אזעלכע לייט וואס זיינען זייער גלייכין, גזינער (בעטריגער) אונ באנדיטען, אום אוים צוא רויבין זייא דארט אונ צו ערמארדין, צו זייער גליק אבער וואר שוין דיזעס געסכען גאנץ בעקאנט דעם קליינעם זואן, אונ האט גיווארינט דעם מארקיז דאס ער זאל זיך ניט וואגען צו טאן נאך אטריט אין דיזער גיפערליכע געסכען „א זאיי רוהיג מיין קינד‟ האט זיך דער מארקיז אפ גירופין צו אים „איך בין שוין בעשטאנען גענין גרעסערע העלדין אלס גזינער אונ דיבע זיינען, איך וועל זייא צו רייבין וויא מאן‟. „א זאגט עס ניט‟ האט זיך דער קליינער זואן אפ גירופין „זייא דארפין נור איין פייף טאן האט איר שוין הונדערט מייכעל מערדער (גיהיימע מערדער), אונ הונדערט איז דאך ניט איינער, דא וואונט גאר ניט איין פאליסמאן, זייא האבין אונז נור פאר פירט אהער‟. „גוט מיין קינד דוא האסט רעכט‟ האט זיך דער מארקיז אפ גירופין, איך דאנק דיר זייער פיל דער פאר, אונ עס פרייט מיך דאס דוא נאך אזו יונג ביזט אונ ווייסט אזו פיל „א ליבער הער‟ האט אים דער זואן גיענטפערט „דיא נויט לערינט אלץ אויס‟:

קוים אבער האט דער מארקיז גימאכט מינע (אתנועה) זיך אום צו קערין, האבין ביידע מענער פאר לאפין אים דיא וועג אונ האבין אים ניט גילאזט מאכין אשריט צוריק „לאזט מיך לויז‟! האט ער זיך צו זייא אפ גירופין „איך ברויך ניט צו גיין מיט אייך צו קיין פאליסמאן, דען איר זייט גיוויסע גזינער‟:

קורץ דער פון זייא האבין אן גיהייבין צו שוויסצען ג, אונ דער מארקיז האט ארויס גינומען איין רעוואלווער (איין דרייא רוריגען פיסטאלעט), אונ האט זייא גיזאגט „ווער איר באם טאן נור נאך איין פייף שיס איך אייך טויט, דא האט איר אייערע פאלשע הענדע (ער האט זייא צוא גיווארפין דיא הענצקעס),

קלארע בעווייזע דאס איר זייט גוינער, איך האב מיין געלט, אונ איר שוינט אייער לעבין׃

דאס ענדע וואר דאס זייא זיינען צו לאפין אונ דער זואן האט אפ געפירט דעם מארקיז צו דעם פריוט וואס וואר אים גייטין, אונ האט אים דארט אויך ניך אונ באלד אוים גיזוכט דעם מאטראז קאנעל, דען ער האט אים גאנץ גוט גיקאנט וויא אבייזין שילינג, אונ דער מארקיז האט זייער לייכט הערויס באקומען פון אים וואו הין עס האט אפ גיזעגעלט דער פאראחד לעפלאחא. ער איז אוועק׳ האט ער אים גיזאגט קיין האוואר, אונ פון דארט וועלין זייא זעגלען נאך פאריז. אונ דיזעם האט זיך אפ גירופין דער זואן צו דעם מארקיז. האט איר דאך גיקענט דער גיין פון מיר אויך, דען איך וויים עס אזו גוט וויא ער, אונ וואלט אלזו פאר שפארט אריין צו גיין אין דיזען פריוט. אונ פון וואנען ווייסט דוא עס.? האט אים דער מארקיז גיפרעגט, ווייל דיא מאטראזין פון דיזעם פאראחאד וואס ווארין שפאניער פלעגין מיר צו גיברויכין אלם איין דאלמאץ, דען איך קען רידין שפאנים, אונ פון וואנען איך פאר שטייא עס וויים איך גיט, אלזו וואר איך איין גרויסער איין גייער אויף זייער שיף, אונ האב גיהערט הונדערט מאל זייא ריידענדיג דאס זייא וועלין אפ זעגלען קיין האוואר, אונ פון דארט נאך פאריז׃

א דוא גיפעלסט מיר העכסט מיין קינד׳ האט זיך דער מארקיז אפ גירופין צו אים. נוא זייא וויסין איך בין אויך איין שפאניער. איך בין איין שפאנישער מארקיז אונ הייס קלאד דע מאנטאלאן, קום מיט מיר אויף מיין קווארטיר. אונ איך וועל דיך האלטין וויא מיין אייגענע קינד, ווילסט דוא עס׳׳? זייער גערין׳ האט זיך דער קליינער זואן אפ גירופין, אונ דער מארקיז האט זיך אריין גיזעצט מיט אים אין איין פאיעטאן, אונ איז אוועק מיט אים אויף זיין קווארטיר׃

16.

דער ברילאנטענער קרייץ׳

נון איז שוין האהע (הויכע) צייט אום צו קערין זיך צו אונזערע עווענייע. דער טויט פון דעם הערצאג אסכונא וואס איז גישעהען וויא מיר ווייסין דורך איין דועל (פאעדינעק), אונ דאס זעלבסט מארד פון דעם קאסירער העגריך אין איר צימער, אונ צו גלייך דער גרויסער דעפעציט (דאס געלט פעלין) וואס וואר דער ווייסט נאך זיינעם זעלבסט מארד, אין דער קאסע איבער וועלכע ער האט פערוואלטעט (אופראוולאיעט), האבין זייער וייט אויף גירסען דיא אויגין פון דער לאנדאנער פאליצייא, אום איין צו דריינגען זייער טיף אין דיא אויף פירונג (פאוועדעניע) פון דער גרעפין טעבי מאנטיכע, אונ אלם זיא (דיא פאליצייא) האט איין גיזעהען דאס איר האטעל איז נור איין זאמעל פלאץ פון דיא רייכסטע ראמאנען ריטער (וואס זיינען אריין גיטאן נור אין ליבשאפטין), וואס גייען דארט אונטער צו זאמען מיט זייערע גרויסע קאפיטאלען, האט זיא (דיא פאליצייא)

גיגעבין

גיגעבין דער גרעפין גאנץ ניהיימע אונ קלוגע ווינקע דאס זיא זאל שוינען אירע גרעפישע עהרע אונ זאל מיט איר טאכטער אפ ציהען פון לאנדאן, אונ וויא אויך עס וואר איר זייער ביטער דיזען שווערען שריט (טריט) צו טאן צו שיידין זיך פון אזו איינע בורלאנטענע אונ איינטרעגליכע געזעלענשאפט וואס זיא האט זיך דא פערשאפט אין לאנדאן, וואר זיא דאך גענוג קלוג אום זיך ניט צו לאזין שטארק בעטין פון איר (פון דער פאליצייא), אונ האט זיך אן גיהייבין באלד איין צו פאקין אום אפ צו פארין קיין פאריז:

גוט, איין פאקען זיך לאזט זיך זייער לייכט, ניט אזו אבער אויס פאקין, מען מוז דאך פריער באשטעלין דארט אין פאריז איין גרויס ארטיגען האטעל מיט טייערע מעביל, אום איין צו פירין דארט אזו איינע בורלאנטענע גיזעלינשאפט וויא אין לאנדאן, אונ דיזעם דארף קאסטין פיל מעהר אלס צווייא פייעס, נון וואו נעמט מען דיא קאסטין דער צו? צוואר דער לארד קלארענדאן וואר נאך איר גענער (גוטער פריינד) וויא גיוועזן, אונ האט איר אריין געשיקט טויזענד שטערלינג אום צו טילינגען (צו בעצאלין) אירע קליינע שולדין וואס זיא האט גימאכט אין לאנדאן, דאך קען מען ניט קומען אין פאריז מיט ליידיגע הענט:

איינעם אנדערין וואלט פאר גיוויס אזו איינע געלט קלעמע, אזו איינע פערלעגינהייט (זאמישאטעלסטווא) צום באדין (צו דר ערדע) געבייגט, ניט אזו אבער אונזערע גרעפין טעבי מאנטיכע, זיא האט גיוואוסט וויא זיך גיך אונ באלד ארויס צו העלפין פון דיזעם געלט מאנגעל, זיא האט גימאכט איין אבשיידס באל אויף וועלכעם זיא האט איין גילאדין אלע איהרע ביז העריגע בעזוכער, פריינדע אונ בעקאנטע. עס ווארין זייערע מעהר אלס צווייא הונדערט. אלע פון גרויסין שטאנד אונ העכסט רייכע לייטע, יעדערער וואר פון איר אונ פון דער שוונגינע העכסט פריינדליך עמפפאנגען, אונ דיזער שיידונגס מאלצייט האט איר איין גיטראגין שוין נאך פיל מעהר אלס זיא האט גיברויכט צו איר איבער קלייבין זיך קיין פאריז, דען יעדערער פון דיא איין גילאדענע האט איר בייא שיידין זיך גילאזין איין טייערין פרעזענט פון אגרויסין ווערט, אונ מאנכע אזו גאר נאך בארעס געלט דר צו, אזו האט איר געשיינקט איין ניוויסער רוסיסער מיליאנער איין טייערין בוקעט בלומען וואס וואר אין אים פערשטעקט בילעטין אויף איינגע טויזינד שטערלינג, איין געוויסר קארעל מאלבארוג האט בעשאנקן דער מוטער מיט דער טאכטער מיט צווייא טייערע האלדז באנדען, איינער וואר בעזעצט מיט בורלאנטען אונ מיט סמארגעדען, אונ דער אנדערע וואס וואר פאר דיא טאכטער וואר בעזעצט מיט פעריל, אונ אין דער מיטען וואר איין טייערער קריין וואס וואר דורך אויס פון גרויסע בורלאנטן, אונ אזו האבן זייא עמפפאנגען נאך פילע טייערע פרעזענטער וואס ווארין גיגעבין גאר אן איין נאמען, קורץ דער פון דיזער אוועגד האט זייא זייער גוט בעמיטעלט דאס זייא האבין זיך שוין גיקענט זייער לייכט איין צו ארדענען זיך אין פאריז מיט דעם העכסטין עלעגאנץ (פוץ) אין דער וועלט, וויא פירשטינען אדער פרינצעזינען:

זייא ווארין שוין ריינע פערטיג, האבין שוין גינומען אפשייד פון אלע בעקאנטע, אונ אלס די מוטר וואר שוין אין בעגריף (בדעה) צו זעצין זיך אויף דעם בעשטעלטין פאראחאד אום צו זעגלען נאך פאריז מיט איר טאכטער, האט איר דיא עוועגניע אפ גיהאלטין אויף נאך איינינע טעג אונטער דעם אויסרייד, ערסטינס דאס עס פעלט איר נאך אפאר מאדע קליידער וואס עס איז אקארסט ארויס אין דיא נייע זורנאלין, אונ צווייטינס וועט געשפילט וועריו אין דעם גרויסין טעאטער צווייא נעכט נאך אייגאנדער צימבעלינע, איין העכסט בערימטע שטיק פון סעקספער, אין גרונט אבער האט זיא גיוואלט אין דיזע עטליכע טעג אויף זוכין דעם אלימפיא, דען עס וואר איר זייער לייד אפ צו פארין פון לאנדאן ניט נעמענדיג אפשייד פון אירנהערצענס געליבטען, אונ צו וויסען וויא האלט עס מיט זיינע ליבע צו איר, איז ער איר טרייא וויא זיא אים, בלייבט זיא שוין זיין אויף אימער אונ אייביג, אונ האט שוין מעהר קיין הערץ צו פערשייגקען איינעם אנדערין, דען דער פרינץ וואס דיא ראדלאינע האט איר פאר שפראבין איז דער ווילע גאנץ אויסען געבליבען, אונ דער אלימפיא איז דער ווילע דער איינציגע פון אלע מאנעס לייטע וואס האט איר הערץ גערירט, אונ צו אירעם גליק האט זיא אים אנגיטראפין אין דער ערסטע נאכט אין דעם גרויסין טעאטער אין אלאזע וואס וואר גראדע איר געגען איבער, זיא האט זיך צו אים אנייג ניטאן מיט איינעם פריינדליכען לעכעלען, אונ דאס גלייכין האט זיא עס בעקומען פון אים, אונ האבין זיך איינער דעם אנדערין אן גיקוקט איבער דיא גאנצע צייט פון דעם טעאטער שפיל זייער פריינדליך אונ ליבליך, אונ דיא עוועגניע וואר שוין אלזו בייא זיך געוויס דאס נאך דעם אפ שפילען וועט ער אריין קומען צוא איר אין דער לאזע אום אראפ צו פירין איר פון דער טרעפ אונ צו בעגלייטין איר אהיים, זיא האט זיך אבער גאנץ געאירט אין דעם, ער איז ניט אריין צו איר אין דר לאזע, אונ זיא האט גיווארט איינע היפשע צייט, ביז ער האט זיך אויף גיהייבין צוא גיין, אונ דאן האט זיא זיך בעאיילט אויך ארויס צוא גיין אום אמווייניגסטען צוא זעהען זיך מיט אים אויף דיא טרעפ, אונ אלס זיא האט בעמערקט דאס ער מאכט זיך ניט זעהענדיג איר, אונ האט איר גילאזט גיין פאראויס וויא איינע פערזוין וואס איז אים שוין גאר גלייך גילטיג, האט זיא וואס צום ניכסטען אפ גישפילעט איר טייערין בורלאנטענעם האלדז באנד אונ האט אים גילאזט ארונטער פאלין אויף דעם דיוואן וואס וואר אויס גילייגט דארט אויף דיא טרעפ, ער איז ארונטער גיפאלין אן איינעם מינדעסטין קלאפ, אונ זיא איז זיך אוועק גיגאנגען גאנץ רוהיג, אלימפיא האט עס אבער באלד בעמערקט, דען דיא בורלאנטען האבין אים פאר בלענדעט דיא אויגין, אונ האט עס גלייך אויף גיהייבין, אונ האט נאך גיזוכט איין בורלאנט וואס עס איז ארויס גיפאלין פון אים. עס איז אבער באלד אן גישוואומען אגרויסער נאראד, דאס עס וואר שוין אונמעגליך עס צו גיפינען, האט ער שוין אויף גיהערט צו זוכין, אונ האט זיך אלזו בעאיילט אן צו יאגין דיא עוועגניע אונ אפ צו געבין איר דעם האלדז באנד,

ער

ער האט איר אבער שוין פאר זאמט, דען זיא האט זיך שוין אריין גיזעצט אין אפאיעטאן אונ איז אוועק גיפארין, אום צו פערלאקען (אריין צו באוועגען) אים אין איר האטעל, אונ ער וואס האט ניט פאר שטאנען איר מיין, האט זיך באלד אויף גיזעצט אויף איינער דראסקע אונ איז אוועק גיפארין צו דער עוועגעניע, ער האט זיך גילאזט אן מעלדין צו איר, אונ זיא וואס האט זיך קוים דער ווארט אויף וואס זיא האט גיהארט, האט גיהייסין אריין פירען אים אין איר עמפפאנג צימער (אין דעם צימער וואס זיא נעמט אויף אירע געסט), אונ דער ווילע האט זיא זיך צו רעכט גימאכט ביא דעם שפיגעל מיט אירע לאקין אונ מיט איר אנצוג וואס ווארין איין עטוואס אין אונארדענונג אונ איז ארוים צו אים שיין אונ בעצויבערענד וויא איינע געטין מיט איינער הייטערע (ליכטיגע) אונ פריילעכע מינע:

„גאט זייא דאנק" האט זיא זיך אפ גירופין צו אים „דאס מיר זעהען אונז ווידער, איך האב זייא שוין פילע טאגע בעווינט אין שטילען, דען איך מיינטע דאס זייא זיינען שוין ניט מעהר אונטער דיא לעבענדיגע, דער מארקיז האט גימאכט איינע נאך פראגע ביא מיר וועגין אייך. צו וויים איך ניט וואו איר זייט פאר שוואונדען, אונ האט אייך זייער שטארק בעדויערט אונ בעטרויערט, אונ איך האב אים צוואר גיטרייסט, דאך אין הערצין ווארד מיר פיל מעהר לייד אום אייך אלס ביא אים אין הערצין, דען מיר ליבטען אונז דאך איינסט, וואס איצונד איז דער פון גיווארין וויים איך ניט, איך גלויבע דאס איך בין אייך שוין גאנץ גלייך גילטיג גיווארין, איר לעבט איצונד וויא איך וויים פאר איין ארעמעס מיידכען וואס טראגט אקינד אויף אירע ארעמס, פאר דיא דאלארעס דעם קארטינעס טאכטער, אונ דיזעס איז פיל מעהר אלס געווים, דען זאנסט העטין זייא מיר מעלדין לאזין דאס איר לעבט, דאס איר זייט גיזונד, אונ וואלטין מיך זייער אפט בעזוכט, נאך מער בעוויז דאס איך האב רעכט, דאס איר האט דאך מיך גיזעהען אין דער לאזע, מיר האבן אונז איינאנדער אזו גאר געוויטעט, אונ דאך האט איר מיך ניט געווירדיגט צו בעגלייטין נאך הויזע, אלזו מוז אייערער איצטיגער קומען צו מיר פאר געווים מעהר זיין אלס איין לייטיגער בעזוך, דען זאנסט וואלט איך אייך ניט בעקומען צו זעהען איצונד אויך פאר מיין אפ פארין פון היר, אלזו גוטער אלימפיא ניט געלייקענט, הערויס מיט דער שפראכע, איך בין געפאסט (גאטאוו) אויף אלעם:

דער אלימפיא איז גישטאנען איבער דיא גאנצע צייט פון אירער פריידיגט (דרשה) וויא איין גערייכטעטער, עס וואר אים ליבער גיבראטען צוא ווערין דאן אין דער העלע (גיהנום) אלס אוים צו הערין פון איר אזו איין גירעכטין פארוואורף (תוכחה), אונ ביא אלעם דעם איז ער איר אויך קיינע אנטווארט שולדיג גיבליבן:

„ניין מיינע ליבע עווגעניע"! האט ער איר גיענטפערט, „זייא פערקענען מיך (קענען מיך ניט וויא מען בעדארף), איך ליבע זייא נאך איצונד וויא פארהער, אונ מיינע נייגונג צו דיא דאלארעס איז נור הוילע מיט לייד אבער קיינע ליבע, אלזו האבין זייא שוין ניט צו זיין איפערזיכטיג אויף איר, איך וויל איר נור

בעפרייען

בעפרייען פון איר רויבערס האנד , זיא איז דורך מיינע יוגענד שטרייכע (הולטייסטוועע) אומגליקליך געוואָרין , נון איז מיינע שולדיגקייט עס ווידער גוט צו מאכין , איך האב זייא ביז אהער ניט בעזוכט וייל ביז מיינעם טרינקען זיך אין דער טעמזע האב איך גאנץ חייניג געוואוסט פון זייער זיין אין לאנדאן , אונ נאכהער אלס איך בין געוואָרין געזונד , האב איך געמיינט דאס זייא זיינען שוין פאר געוויס אפ געפאָרין פון לאנדאן , אונ אונזער צו וויטען זיך איינער דעם אנדערין אין טעאטער וואר ניט אוים דעם גרונד , ווייל איך האב אייך דער קאנט דאס איר זייט עווגעניע , ניין איך האב מיך געוויטעט צו אייך נור ווייל איר האט אייך פריער געוויטעט צו מיר , אונ האב געמיינט דאס איר זייט נור מיינע אבעקאנטע , אבער ניט דאס איר זייט עווגעניע , דען מיינע אויגין זיינען מיר זייער געשוואכט פון מיינער קראנקהייט אן , אונ ווען איך וואלט אייך ניט דער קאנט אויף דיא טרעפ פון הינטען דאס זייא זיינען עס דיא שיינע עווגעניע , וואלט איך איצונד אויך ניט געוואוסט דאס זייא זיינען נאך אין לאנדאן , איך וואר אבער אין דיזער מינוט בעשעפטיגט אויף צו הייבין אייער טייערין האלדז באנד וואס איך האב געזעהען דאס עס איז פון אייער האלדז אראפ געפאלין , אונ אויף צו זוכין דעם בורלאנט וואס עס איז פון אים ארויס געפאלין , אונ דער ווייל זייעט איר אוועק געפאָרין , אונ האב אלזו מיך בעאיילט עס אייך אפ צו ברייגגען , אונ האב אלזו איינע גוטע געלעגענהייט אום מיך ווידער צו זעהען זיך מיט אייך :

דיזעם ריידענדיג האט ער איר דער לאנגט דעם האלדז באנד אונ האט זיך זער בייא זייער מיף פערנייגט פאר איר , אונ זיא האט אים זייער פריינדליך אונ הייפליך געדאנקט דער פאר , אונ האט אים אן געבאטין דעם בורלאנטענעם קרייץ אלס פרעזענט צום אייביגען אנדיינקען פון אים, "נעמען זייא עס אן פון מיר ליבער ריטער (קאוואלער)" האט זיא צו אים געזאגט "אלס איין אבשיידס אנדיינקען , דען איך אונ מיינע מוטער רייזין אפ נאך פאריז , געדיינקען זייא מיינער (אן מיך) אונ בלייבין זייא מיר טרייא אין אייער ליבע צו מיר , (ווען אנדערס וואר איז דאס זייא ליבען מיך נאך) אויף אימער אונ אייביג" :

"דאס בין איך אונ וועל עס אזו פאר בלייבין מיינע טייערע אונ ליבע עווגעניע" האט ער איר געענטפערט , אונ האט אן גענומען פון איר דעם קרייץ ווידער מיט איינער טיפען פערבייגונג , אונ האט איר פאר שפראָכין דאס צוליב איר וועט ער אויך אומגעזאמט פאָרין נאך פאריז :

קורין דער פון ער האט זיך פון איר געשיידעט מיט הייסע טרערין אונ מיט דער גרעסטע צערטליבקייט וויא פון איינער היים געליבטע אונ מיט דער פאר זיכערונג צו זעהען זיך מיט איר באלד אין פאריז :

17.

"דער פרינץ פרעזידענט"

נון מיינע טייערע לעזערין לאדע איך דיך איין קיין פאריז אום צו זעהען

וואס עס טוט זיך דארט מיט דעם פרינץ לודוויג נאפאליאן וואס איז געווארין דארט פרעזידענט פון דער פראנצויזישע רעפובליק :

דיזער פרינץ נאפאליאן האט זיך איינגעקוואטירט נאך דעם וויא ער איז גיווארין פרעזידענט אין דעם עליזייעשין דווארעץ וואס איז איינער פון דיא שענסטע פאלייען פון פאריז , אין דיזעם פאלאץ איז איין גישטאנען אויך אלכסנדר דער ערסטער וואס וואר רוסישער קייזער , אונ האט דארט גילעבט אין גרויס פראכט וויא איין גרויסער מאנארך , אונ העטע זיך דיזער מאן דארט רוהיג פערהאלטין , האט ער גיקענט מאכין גליקליך זיך אונ דיא פראנצויזישע נאציאן , ניין אבער עס וואר אים צו ווייניג פרעזידענט צו זיין , עס האט זיך אים גיוואלט נור קייזער ווערין , וויא עס איז אזו אמאל גיווארין זיין פעטער נאפאליאן דער ערסטער פון איין רעפובליקאנישען קאנזול איין קייזער :

אונ וויל אזו איין געוואלטיגער שריט (צוא מאכען זיך פון איינעם רעפובליקאנישען פרעזידענט פאר איין קייזער) , איז העכסט האלדז ברעכעריש (גיפערליך) אונ צוא גלייך איין גרויסעם פערגייהען (זינדע) געגין דער גאנצע נאציאן , האט דיזער בלוטיגער פלאן גימוזט בעארבייט ווערין העכסט גיהיים , אונ מיט גרויסע בעשטעכונגען , דאהער קיין וואונדער , דאס עס וואר בייא דעם נאפאליאן אלע אווינד גרויסע גיהיימע סעסיאן , דיא צלענעם דער פון ווארין דיא גרעסטע מענטשין פון זיינעם אנהאנג (צד), די גרעסטע יענעראלין , גובערנאטארן , מען וואר דארט אוף גאנצענע נעכט , אונ דער בייא זייער גוט גישפייזט אונ גיטרונקען , אונ נימאנד האט גיוואוסט איבר וואס עס ווערט דארט פערהאנדעלט :

דיא גרעסטע סעסיאן אבער וואר בייא אים אין איינער העכסט נאכט אין דעם יאר 1851 , עס וואר גילאדין צו איר דער הערצאג מארני וואס וואר איין האלב ברודער פון דעם נאפאליאן (דאס הייסט ער וואר מיט אים נור פון איינער מוטער אבער ניט פון איינעם פאטער , דיא הארטענזע האט אים גיהאט נאך איר מאנס טויט פון איינעם געליבטין יענעראל פלאנאאוט) , דיזער הערצאג האט געפירט איין העכסט לידערליכעם (אויס גילאסענעם) לעבין , אונ וואר העכסט פעררופין (בעליידיגט) אין פאריז , נור איצונד אלס זיין האלב ברודער איז גיווארין פרעזידענט , האט מען זיך שוין געפירכטעט צוא ריידין אשלעכט ווארט פון אים , דען איינע גיהיימע פאליצייא האט זיך צייט נאפאליאן איז גיווארין פרעזידענט פערצווייגט איבער גאנץ פאריז , אונ פיסקאלין ווארין פול אין אלע ווינקעלאך , דאס מען האט געפירכטעט זעלבסט צו טריימען (חלומען) וואס שלעכטעס פון דעם פרעזידענט אונ פון זיין פאמיליע אדער פון זיינעם אנהאנג (צד) , דער נאפאליאן האט אים געליבט , אונ אויך זייער שטארק בענוצט צוא אלע זיינע געוואלטיגע אונ בלוטיגע פלענע , דען ער וואר איין געוויסענלויזער מענטש , דער צו נאך אגרויסער קארטין שפילער , אגרויסער שולדען מאכער , דאס ער האט גימוזט אן קומען זייער אפט צו דעם האלב ברודערס הילפע , אונ דער נאפאליאן פלעגט אים אויס צו העלפין מיט גרויסע סומאן וואס דער פאר

וואר

וואר אים דער מארני פערקויפט מיט לייב אונ זייל, אום צו טאן אלעס וואס פאר באטין צו ליב אים:

עס וואר דאן דארט אויך קארלע דער אויבער פאליצייא מייסטער פון פאריז, עס וואר דאן דארט אויך דער יענעראל פערסיני וואס וואר אמאל איין וואכמייסטער אונ האט דאן גיהייסין פיאלין, איין העכסט פאר וואורפענער מענטש אין אנעווייסען, אונ וואר אלזו איינע גוטע ווערקצייג ביי דעם נאפאליאנען אין האנד אום אוים צו פירין מיט אים דיזען גוואלטיגען שטרייך (שטוקע), אונ אזו וואורין דארט דיא גרעסטע יענעראלין פון דער ארמייא וואס ווארין אים אליך העכסט גייטיג צו זיינעם שטאטס שטרייך, (צו דעם אבמאן פון דער מדינה), עס וואר דארט אין דיזער נאכט העכסט גיקנייצט דיא שטערין, אונ פערהאנדילט גיווארין איבער דיא פרייהייט פון דער גאנצע פראנצויזישע נאציאן, אונ איבער דעם טויט אונ לעבין פון טויזינדע מענטשין וואס וועלין מוזין ליידין אונ אונטער גיין ביי דיזעם גוואלטיגען שטאטס שטרייך (פאליטיצישקע אבמאן), מיר אבער וואס מיר האבין אין אויג נור אונזער אינטערעסע, דאס הייסט אונזערע ערציילונג וועלין מיר דא פון דיא אלע זייערע בעשפרעכונגען גאר ניט ריידין, מער ניט וויא פון דעם געהיימען גישפרעך וואס וואר צווישען דעם הערצאג מארני אונ דעם האלב ברודער זיינעם נאפאליאן ביי זיך אין נאבינעט אין דיזער נאכט:

„איך האב נעכטין צו גיבראכט איין העכסט פריילכען אווינד" האט זיך אפ גירופין דער מארני טרינקענדיג אגלאז טייא. „קיינע ערגערע זאלסט דוא ניט האבין", פאר געווים האסט דוא גינוג טייער בעצאלט" האט זיך דער נאפאליאן אפ גירופין צו אים לאכענד „פערגעווים"! האט זיך דער מארני אפ גירופין „וואס גוטעס קאסט גוטעס געלט, דער קליינער שפאנישער פרינץ קאמעראטא האט מיך פאר גישטעלט פאר איינע דאמע וואס האט ניט איר גלייכין אין פאריז, אונ דאס ערסטין מאל אין מיינעם לעבין האבע איך אזו וואס שיינעם גיזעהען". „אונ ווער איז זיא"? האט אים נאפאליאן גיפרעגט מיט דער גרעסטע ניינגירדע, „דיזע דאמע איז דיא גרעפין פון מאנטיכע, זיא לאזירט אין דער שטראזע סענט אנטואן נומער 10, האט זיך אפ גירופין דער מארני, „אונ צו דיזער ערציילונג וויל איך ביילייפיג (אגב) אויך וואס בעטין":

„פון דיזער גרעפין האב איך שוין דוכט מיר גיהערט דא אין פאריז" האט זיך אפ גירופין נאפאליאן אונ פערשווייגענד דער ביי דאס ער קען איר שוין פון איינגלאנד. „אונ איך וויל דיך בעטין דאס דוא זאלסט איר שיצען נעגין מאנכע פיינדע" האט גיזאגט דער מארני „דען דער פאלקאווניק סורווילע איז איר ניט גוט, זיא איז איינע שפאנערין, אונ איהרע טאכטער איז נאך פיל שענער אלס זיא, איינע מייסטער ווערק נאטעס, איך העטע דיר געוואונצין איהרע בעקאנטשאפט. „דער צו מוז איך האבין איינע גוטע גילעגינהייט" האט אים גיענטפערט דער נאפאליאן „זאנסט פאסט עס ניט פאר מיר וואס מיליאנען פיינדע לויערין מיך אויף ביי יעדין טריט, אונ וואלטין גערין געפינען מיט וואס צוא

בעליידיגען מיך״. ״ווען דוא האסט שוין יזא פחד פאר איינע בעליידיגונג״ האט זיך דער מארני אפ גירופין צוא אים ״איז דאך מיר אגרויס וואונדער וואס דוא האלסט דיך אזו פעסט אן דאס מיידכען האווארד? די גאנצע שטאט וויצעלט זיך דאך דארום איבער דיך״. ״אזו מען זאגט גאר פילייכט דאס איך בין אין איר פערליבט ?״ האט אים נאפאליאן גיפרעגט גאנץ אונרוהיג, ״א מען זאגט נאך מער אלס דיזעס״ האט אים דר מארני גיענטפערט ״מען גלויבט גאר דאס דוא האסט איר פערשפראכין צו הייראטהען״. ״נון דאנקע איך דיר מארני דאס דו האסט עס מיר צו וויסען גיגעבין״ האט זיך דער נאפאליאן אפ גירופן, ״אלזו זייא וייסין״ האט זיך אפ גירופין דער מארני ״דאס איך בין נור דער איינציגער וואס קען דיר דיא רויע ווארהייט זאגין, נון צוריאבע (צו אונזער אינטערעס), נאך אין אפאר וואכין קענסט דוא האבין איינע גוטע גילעגינהייט צו זעהען זיך מיט דער גרעפין מאנטיכע אונ מיט איר טאכטער, דען דער שפאנישער פרינץ קאמעראטא ווערט זייא איינלאדין אויף איינער יאכט אין דעם וואלד קאמפען, דארט קענסט דוא זייא אן טרעפין אלס פערצופאל אונ וועסט ווערין בעפריינדעט מיט זייא :

דיזע רייד פון דעם מארני האבין ניט פאר פעלט זייער ווירקונג אויף דעם נאפאליאן וואס דיא זאפיע האווארד וואס ער האט איר שוין אויס גיזויגין באלד דעם גאנצין גרויסין פערמעגין, האט שוין אן גיהייבין פון לאנג אן צו פאלין אים צו לאסט, אונ בפרט נאך איצונד דאס דער מארני האט אים גיקופעלט (גישאדכענט) דיא גרעפין מאנטיכע אונ דיא עווגעניע וואס זיינען פיל שענער פאר איר אונ פיל נאך גיהייבענער אלס זיא, אונ האט אלזו בייא זיך בעשלאסין לויז צו ווערין פון איר וואס צום גיכסטין אויף אזו איינער ארט אונ ווייזע (אופן), דאס עס זאל ניט זיינע עהרע ליידין דער בייא, אונ דאהער אלס דיא סעסיאן וואר שוין צוא ענדע, האט ער בייא זיך דער האלטין דעם אויבער פאליצייא מייסטער וואס וואר שוין לאנג איינגעווייהעט (איין גיטרויט) אין זיינע אלע בלוטיגע פלענע, אונ האט צו אים גיזאגט ״פאר געווים איז אייך בעקאנט איינע געוויסע איינגלענדערין זאפיע האווארד וואס וואונט אין דער שטראזע רישעלע נומער 21, אונ פערמוטהליך (מן הסתם) ווייסט איר אויך אין וואס פאר איינע בעדירונג (אטנאסענא) זיא שטייט מיט מיר, מיינע עהרע ליידעט דער פון זייער פיל, דאס דיזע נערין מיינט גאר דאס איך זאל אויף דעם פראנצויזישען טראהן ארויף זעצין, איך בעט אייך מאכט מיר לויז פון דיזעם שטאלצין ווענין, נור טוט עס זייער קלוג אונ געשיקט דאס אונזערע ביידינס עהרע זאל בלייבין פאר שוינט דער בייא, איך וועל אייך העכסט דאנקבאר זיין דער פאר :

״א זייט רוהיג״ האט זיך דער קארעל אפ גירופין צו אים ״איר מעגט אייך פאר לאזין אויף מיר, איר מעגט איר שוין רעכענען וויא ניט אגיוועזענע, מיר האבין טויזינד וועגין אום ארויס צו פירין איר פון דער ווייסע וועלט, רעכינט אויף איערין טרייען דינער״ :

נאפאליאן האט אים דער פאר געדריקט פריינדליך דיא האנד, אונ האט

אים אליין ארוים גילאזין דורך דער טיר , אונ וואר אלזו העכסט צו פרידען דאס ער וועט באלד פטור ווערין פון דער זאפיע האוואַרד וואס זיא האט אים גיאפפערט (מקריב גיוועזן) איר גאנצע צוקונפט (איר שפעטערעס לעבין) , איר שיינעס בערוף (שם טוב) , אירע עלטערין , אירע יונגפערשאפט , אונ איר פאר מענין :

18.

·פערדעאר·

דארט הינטער דיא מויערין פון פאריז , אויף דעם וועג פון באבלאנוויל , לעבין דעם בולאנסקען וואלד איז זיך גישטאנען איין ארעמזעליגער הויפעלע , גאנץ איינזאם (אליין) , נידעריג אונ האלב איין גיזונקען אין דער ערד בענאהע (כמעט) ביז דיא פענסטער , אונ איבער דעם טויער וואס וואר צו זעהען דורך אים שטאלין אונ וואזאונעס וואר אן גישלאגין איין שילד (וויווויאסקע) וואס וואר אוים גימאלט אויף אים איין ווייסער בער , אונ האט אלזו אוים גיזעהען וויא איין ארעמזעליגעס איינפאר הויז , אונ ביא אלעם דעם פלעגט מען זייער אפט צוא זעהען דאס עס שטייען ארום אים טייערע עקיפאזין , אלזו איז אונז שוין זייער לייכט צוא פאר שטיין דאס דיזעס הויז וואר פיל מעהר אלס איינע ארעמע אכסניא , עס וואר איין גיהיימער זאמעל פלאץ (סבארישצע) פון פאליציייסקע אגענטין (פיסקאלין) וואס וואריין זייער פאר מערט צייט נאפאליאן איז דארט גיווארין פרעזידענט אין פראנקרייך , אונ גלייך אויך וואר עס (דיזעס הויז) איינע פאלע (פאסטקע) פאר פערדעכטיגע (פאדאזריטעלנע) פערזוינען וואס פלעגין זייער אפט אהין פאר קערין , מערדער , רויבער , דיבע , פאליטישע פערברעכער , אונ פרויען , וואס האבין באנקראטירט מיט זייערע ווייבליכע ערליכקייט :

דערווירט פון דיזעס הויזע וואר איין גיוויסער פראנצויזע וואס האט גיהייסין פערדעאר , ער וואר אמאל איין איינפאכער (פראסטער) מערדער , אונ איז נאך איצונד אויך העכסט בעפריינדעט (מקורב) מיט אלע באנדיטען אונ פאלש מינצער , צעהען יאר איז ער גיזעסין פעסטונג , אונ וואלט פאר געווים נאך ביז יעצט דארט געפוילט ווען נאפאליאן וואלט ניט גיווארין פרעזידענט . דען אין דער גאנצער צייט פון זיינער פרעזידענסטווא האט דיא גיהיימע פאליצייא נייטיג גיהאט צו פאר מערין דיא צאל פון אירע פיסקאלין , אונ האט אלזו צו ליב דעם בעפרייט מאנכען פאר ברעכער אום צו מאכין פון אים איין גיהיימען אגענט , נון וואר דער פערדעאר דער ערסטער וואס איז אוים ערוויילט גיווארין פון דער גיהיימע פאליצייא דער צו , דען ער וואר זייער ליסטיג (חיטרע),העכסט מוטהיג (בויקע) , שיינהייליג (פערצבועוועט) . העכט פאלש אונ דער צו נאך העכסט פערשוויגען , גאנץ וויא געשאפין צו זיין איין גיהיימער אגענט , אונ איז עס גיווארין , אונ האט נאך בעקומען פון דער גיהיימע פאליצייא דיזעס הויפעלע פאר אוואונונג , אום עס זאל דארט אין אים יהאלטין ווערין גיהיימע סעסיאנען

פון

פון דיא פיסקאלין , אונ זאל זיין צו גלייך איין איינפאר הויז פאר אלע פערדערבטינע לייטע , אום זיא (דיא גיהיימע פאליצייא) זאל קענען זייער לייכט איר נעץ דארט אויס ווערפין אונ פאנגען דעם וואס עס איז העכסט נייטיג צו האבין , דען דער פערדעאר וואס זיינע געסטע (אורחים) האבין גיהאט דעם גרעסטין צוטרויען צו אים , דאס זייא האבין שוין קיין גיהיימנים נהאט פאר אים וואר דער ערסטער וואס פלעגט זייא פאר ראטען (אויס געבין) פאר דיא גיהיימע פאליצייא , אונ זיא האט גיהאט אלזו איין דאפעל נוצין פון אים אונ פון זיינער וואוהנונג , אונ ער וואר דאהער פון איר גיאכטעט פיל מעהר אלס אנדערע פיסקאלין , אונ בייא אלעם דעם האט ניט איינער פון זיינע געסטע גיהאט אויף אים דעם מינדעסטין פערדאכט (חשד) דאס ער איז איר אויס געבער :

אין עטליכע טעג ארום נאך דער גרויסע סעסיאן וואס וואר אין דעם פאלאץ פון דעם פרעזידענט . אין איינער פינסטערע נאכט זיינען זיך גיגאנגען צווייא ארעמע פרויען פון דער גאס סענטאנארע וואס דארט איז דער פאלייא ראיאל פון וועלכעם מיר וועלין דא שפעטער ריידין , איינע וואר נאך גאנץ יונג , א נ דיא אנדערע וואר שוין גירוקט אין יארין , אונ וואר גיקליידעט וויא איינע פארנעהמע דאמע וואס איז שוין לאנג ארונטער גיקומען (געפאלין) פון איר פריערינען גוטין שטאנד , דען אירע מלבושים ווארין פון אלטין זיידענעם שטאף , צוואר גילאטעט , דאך גינוג קענטיג דאס זייא ווארין אמאל גאנץ אריסטאקראטעס געניית :

דיזע צווייא ארעמע פרויען ווארין גאנץ אונבעקאנט צווישין זיך , זיי האבין זיך צוזאמען גיטראפין ערסט בייא דעם פאלייא ראיאל , אונ האבין זיך דארט באלד בעפריינדעט אזו ווייט דאס דיא אינגערע וואס האט גיהייסין מאריאן היידא האט דער ציילט איר לעבענס גישיכטע צו דער עלטערע, איינע גישיכטע וואס עס לוינט דיר מיינע טייערע לעזערין עס אויס צו הערין בעפאר זייא וועלין איין קערין אין דעם איינפאר פון דעם פערדעאר :

"איר שיינט מיר מאדאמע גיוועזין צו זיין אמאל פיל גליקליכער אלס איר זייט איצונד" האט זיך אפ גירופין דיא אינגערע צו דער עלטערע "איך זעה עס אייך אן פון אייערע קליידונג אונ פון אייערין איידעלין בענעהמען" . "געוויס איז עס אזו" האט איר אפ גיענטפערט דיא עלטערע "איך בין איינע גיבארענע מארקיזין , אונ בין יעצט איינע פאר ארעמטע נעמי" . "אונ איך" האט זיך דיא אינגערע אפ גירופין "בין דיא טאכטער פון דעם פאריזער שארף ריכטער (תליון) , מיין פאטער איז ניט ארעם אונ איך מוז מיך שלעפין איבער דיא ווייטע וועלט אונ גערעכט איז ער . אונ ווען איר ווילט אייך פאר טרייבין דיא לאנגע ווייליע ביז מיר וועלין קומען אין דעם איינפאר פון דעם ווייסין בערען , זאלט איר אלזו אויס הערין מיין גישיכטע וואס וועט אייך העכסט אינטערעסירען" :

העכסט גערין האט זיך יענע אפ גירופין , דען וואס איז נאך ליבער אונ

אנגינערמער

אנגיגעהמער פאר איינער עלענדע וויא איך בין, וויא אום צוא הערין דיא לעבענס גישיכטע פון איינער צווייטע עלענדע:

„איר זעהעט דאך“ האט זיך דיא מאריאן היידא אפ גירופין דאס איך בין האלב גיבלענדעט, מיט זעקס יאר צוריק וואָרין נאך מיינע אויגין גאנץ גיזונט, איך האב זייא גישוועכט דורך איינע אונגליקליכע ליבע. דען איך האב בעגאנגען איינע דומהייט צו פאר ליבען זיך אן מיין פאטערס וויסין אין איין סאלדאט, ער וואר שוין צוואר מער ניט יונג, און דאך וואר איך וויא בעצויבערט פון אים, ער הייסט פיאלין, ער פלעגט מיר צו געבין געלט, פרעזענטער, און האט מיר פאר שפראכין צו הייראטען, „אזו דיזער גוטער פיאלין וואר דיין גיליבטער“? האט זיך אפ גירופין יענע מיט איינע לאבענדע שטימע, „איך האב אים דאן אבער גאנץ ווייניג גיקאנט“ האט איר דיא מאריאן היידא גיענטפערט, אין איינע מאנאטין ארום איז מיין פאטער גיוואר גיווארין פון דיזער גיהיימע ליבע, און האט אים פאר באטין זיין שטוב, עס וואר שוין אבער צו שפעט, דען ער (דער גיליבטער) איז מיר שוין גיווארין פיל טייערער אלס מיין פאטער, און האב גיטרויערט און גיוויינט אין שטילען וואס איך קען מיך ניט זעהען מיט אים אזו אפט וויא פריער, און האב ניט גירוט ביז איך האב אים אב גיאכט ווידער צו מיר אין איינעם גיוויסען אווינד וואס מיין פאטער וואר בעשעפטיגט אין אסטראג, און איך בין גיבליבען אליין צו הויז, עס וואר מיר ליב זיין קומען צו מיר, נאך ליבער אבער וואלט מיר גיוועזן זיין אוועק פון מיר בעצייטין בעפאר מיין פאטער האט גידארפט קומען צוריק, עס וואר מיר אבער אונמעגליך לויז צו ווערין פון אים ביז גרויסין טאג, דען ער וואר העכסט בערוישט (שכור), און מיין פאטער האט אים בייא מיר דער וויסט, עס פעלט מיר מיינע פריינדין אן ווערטער אום צו שילדערין (צו דער ציילין ריכטיג) אייך דיא בלוטיגע שצענע וואס וואר דאן בייא אונז אין שטוב אלס מיין פאטער האט אים דער וויסט בייא מיר, פריער וואר איין העלעשער קריג, און דער נאך איז גיקומען צוא איינעם בלוטיגען גישלעג, דען דער פיאלין האט ארויס גיצויגין זיין זעביל און האט גיוואלט מיינעם פאטער דער שטעכין, און ווען איך וואלט ניט ארויס געריסין עס פון זיינער האנד וואלט שוין מיין פאטער מער ניט גילעבט, איך האב דעם זעביל (שווערד) ארויס געריסין פון זיינער האנד און האב צו גלייך דעם געליבטין ארויס גישטויסין פון שטוב, דען מיט דער נויט וואקסין דיא קרעפטין, און דאן איז דער פיאלין גלייך אנטלאפין, און האט מיך איבער גילאזין אליין אויף דעם פרייען ווילען (פראיזוואל) פון מיינעם פאטערס צארין, מיין פאטער אבער האט מיך ניט גישלאגין נור גיפלוכט און ארויס געיאגט מיך פון זיין שטוב מיט דער דראהונג (שטראסוניק) מיך צו ערשטעכין ווען איך וועל מיך נור וואגען ווידער צו קומען צו אים, און האט דיא טיר צו גימאכט הינטער מיך אויף אימער און אייביג, און איך האב גימוזט ערגרייפין דעם וואנדער שטאב (בעטלער שטאק) און אוועק שלעפין זיך איבער גאטעס וועלט:

„און וואס איז געווארין מיט דעם פיאלין„ ? האט איר יענע געפרעגט, „דעם פיאלין„ האט איר גיענטפערט דיא מאריאן היידא, האב איך שוין מער ניט גיזעהען, וויא מען זאגט, האט ער פערלאזין פאריז. און האט זיך גיגעבן גאר איין אנדערין נאמען, ער הייסט גאר איצונד פערסיני און איז געווארין אגרויסער יענעראל בייא דעם פרעזידענט נאפאליאן, צום אונגליק בין איך נאך פון דיזען געוויסענלאזין מענטשין שוואנגער גיבליבין, און אלס איך האב גידארפט שוין נידערקומען (געווינען) בין איך אריין אין אספיטאל, און האב דארט גיבארין אטויטעס קינד, און האב דער פון גוט צו גיקריינקט, איך בין אפ גילעגין דארט מעהר אלס איין פערטיל יאר, און דער נאך אלס איך בין געווארין שוין גיזונט, האט מען מיך דער האלטין דאס איך זאל דארט זיצין און נייען אום איך זאל בעצאלין אלע קאסטין פון קינפעט און פון דער קראנקהייט, איך האב גינייט טאג און נאכט ביז איך בין גיבליבין וויא צו זאגין אן אויגין, און דער דאקטאר האט מיר פאר באטין צו נייען, דען זאנסט האט ער גיזאגט וועל איך ווערין בלינד אין גאנצין, און בין אלזו שוין געבליבין איינע אייביגע בעטלערין :

אונטער דיזע ערצייהלונג, פראגען און אנטווארטען, זיינען זייא אן גיקומען צו דעם איינפאר פון דעם ווייסין בערין, און דיא עלטערע האט גיהייסין געבין פאר זייאביידין ווייס ברויט, וויין, קעז, און האבין זיך גיזעצט דארט עסין, און בעפאר זייא זיינען נאך אויף גישטאנען פון טיש, איז אן גיקומען אין דיזען איינפאר נאך דרייא פאסאזירען מיט דרייא פערד, איין מאנס פערזון מיט צווייא דאמען, זייא זיינען גיקומען רייטענדיג, ער (דער הער) וואר איין אלטער מאן אביסעל הארבעוואטע, האט אוים גיזעהען עפעס וויא איין ציגיינער, אן גיטאן אויף דעם קאפ איין טירקישען טורבאן (היטעל) וואס וואר אים איבער דיא אויגין, אונטער דיא צווייא דאמען וואר איינע שוין גאנץ אלט, און דיא אנדערע נאך גאנץ יונג און זייער שיין פון וואוקס, ביידע גיקליידעט אויך פאציגיינסקע און טיף איין גיהילט (איין געוויקעלט) אין גרויסע און ברייטע שלייערס. און האבין גירעט צווישען זיך אין איינער פרעמדע שפראכע, און זיינען זיך גיזעסין מיט אראפ גילאזענע קעפ, און וויא עס האט אוים גיזעהען ווארין זייא ווילקאמענע (גוטע) געסט בייא דעם ווירט, דען ער האט זייא בעהאנדילט זייער הייפליך, און דארט בייא דעם העלין שיין פון איינער לאמפע, האט שוין דיא מאריאן גיהאט איינע גוטע גילעגינהייט צו בעטראכטין זייער גוט אירע גיזעלינשאפטערין וואס האט זיך אן גירופן מארקיזין, זיא האט אין איר גיפונן נאך שפורען (סלאדין) פון יוגענדליכער שיינהייט, אויב וואול זיא וואר שוין אאר פערציג, און ווידער דאס עס וואר איר זייער לייכט אן צו זעהען (צו דער קענען) דאס זיא האט אין איר יוגענד צו פיל גינאסט פון דעם קעלך (בעכער), דער לעבענס פריידען (צוא פיל גינאסין עולם הזה), וואס דורך דעם איז זיא ארונטער גיזונקען אזו טיף פון איהרען הויכין שטאנד, זיא וואר פון נאטור העכסט איידיל, דען זיא האט בעצאלט פאר זייא ביידין פאר דעם אווענד ברויט, און אויך זייער ווייט געבילדעט,

דֶען זִיא הָאט פַאר שְׁטַאנֶען אַיינִיגֶע שְׁפְּרַאךְ , אוּנ הָאט זִיךְ דַאחֶער זֵייעֶר גוּט אַיין גִיהָארְכְט דִיא קוּרְצֶע פְרַאגִין אוּנ אַנְטְווָארְטִין וָואס עֶס וַואר אוּנְטֶער דִיא דְרַייא אוּנְבֶּעקַאנְטֶע גֶעסְטֶע וָואס הָאבִּין אוּיס גִיזֶעהֶען פוּן זֵייעֶר גַאנְצִין בֶּענֶעמֶען פַאר אַיינֶע צִיגַיינֶער פַאמִילְיֶע , זִיא הָאט זִיךְ אַיין גִיהָארְכְט , אוּנ הָאט אָן גִימֶערְקְט דָאס זֵייא שְׁפְּרֶעכִין אוּנְטֶער זִיךְ אַלְט שְׁפַּאנִיס וָואס זִיא הָאט עֶס זֵייעֶר גוּט פַאר שְׁטַאנֶען , אוּנ הָאט זִיךְ אַלְזוֹ גִיפְּרוּבִּירְט אַרַיין צוּ לָאזִין זִיךְ אִין אַגִישְׁפְּרֶעךְ מִיט זֵייא , דֶען זִיא וַואר הֶעכְסְט נַייגֶערִיג (צִיקַאוֶוע) אוּם צוּ וִויסֶען וֶוער זֵייא זַיינֶען :

קוּים אָבֶּער הָאבִּין זֵייא בֶּעאַנְטְווָארְטֶעט אִיר עֶרְסְטֶע גַאנְץ גִיוואוֹנְלִיכֶע פְרַאגֶע ״פוּן וָואהֶער קוּמֶען זֵייא מַיינֶע טַייעֶרֶע דַאמֶען״ ? מִיט אַיינֶער קוּרְצִין אַנְטְווָארְט , אוּיס זִידֶען (פוּן דָרוֹם) , הָאבִּין זֵיי זִיךְ (אוּם אוּיס צוּ מַיידִין אַיינֶעם וַוייטֶערִין גִישְׁפְּרֶעךְ מִיט אִיר) , שׁוֹין אוּיף גִיהַייבִּין פוּן טִישׁ אוּנ זַיינֶען אַרַיין אִין שְׁטַאל וואוּ עֶס אִיז גִישְׁטַאנֶען זֵייעֶרֶע פֶערְד אוּנ הָאבִּין זִיךְ גִילֵייגְט דָארְט שְׁלָאפִין , אוּנ דִיא צְוַוייא פְרוֹיֶען וָואס זֵייא זַיינֶען גִיוָוארִין דוּרךְ דֶעם נָאךְ מֶעהְר נַייגֶערִיג צוּא וִויסֶען וֶוער זֵייא זַיינֶען אַלְס פְרִיהֶער , זַיינֶען אַרַיין אוּיךְ שְׁלָאפִין אִין דֶעם זֶעלְבִּיגֶען שְׁטַאל אוּנ הָאבִּין זִיךְ גִילֵייגְט אַנְטְקֶעגִין זֵייא אוּיף שְׁטְרוֹיא , אוּם צוּא זֶעהֶען זֵייעֶרֶע נֶעזִיכְטֶער בַּייא דֶעם אוּיס טָאן זִיךְ , אוּנ צוּ הֶערִין וָואס זֵייא וֶועלִין דָארְט שְׁפְּרֶעכִין צְווִישֶׁען זִיךְ , אוּנ עֶס אִיז זֵייא אִיצוּנְד שׁוֹין פִיל בֶּעסֶער גִילוּנְגֶען אַלְס פְרִיהֶער , דֶען זֵייא הָאבִּין דָארְט גִיזֶעהֶען פַאר דֶעם שֵׁיין פוּן אַיינֶער לַאנְטֶערְנֶע וִויא דֶער אַלְטֶער לִיגְט מִיט אַיינֶעם אָפֶענֶעם גִיזִיכְט , עֶס וַוארִין אִין אִים (אִינְם גִיזִיכְט) טִיפֶע שְׁפּוּרִין (סְלַאדִין) פוּן אַיינֶעם הַארְטֶן עֶלְטֶער , אוּנ פוּן אַיין אוּנְרוּהִיגֶעם לֶעבִּין , אוּנ דָאךְ וַואר אִין אִים גִיוֶוען צוּא לֶעזִין עֶפֶּעס וָואס גִיהַייבֶּענֶעס , מַאיֶסְטֶעטֶעשֶׁעס (קִינִיגְלִיכֶעס) גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט גִיוֶוען גִישַׁאפִין נוּר צוּא גֶעבִּיטֶען אוּנ צוּ הֶערְשִׁין , עֶר הָאט גִישְׁלָאפִין רוּהִיג אוּנ הָאט גִיהַאלְטִין אַיין קְרַייץ אִין הַאנְד , אוּנ הָאט אוּיס גִיזֶעהֶען עֶפֶּעס וִויא אַיין זֶעלִינֶער (פְרוּמֶער) וָואס בֶּעטֶעט גָאט זֶעלְבְּסְט פַאר זַיינֶע פַיינְדֶע :

דָאס מַיידְכֶען וַואר זֵייעֶר שֵׁיין אוּנ יוּנְג, בְּלִיהֶענְד אוּנ רַייצֶענְד , גִיקְלַיידֶעט זֵייעֶר רַייךְ אוּנ אַיין גָאלְדֶענֶער קְרַייץ וַואר אוּיף אִיר הַאלְדְז , דִיא אַלְטֶע וַואר שׁוֹין גַאנְץ ווִי פֶערְוֶועלְקְט (צוּ וְוַיאנֶעט) , דָאךְ נָאךְ גַאנְץ בַּייא דֶעם פַאר שְׁטַאנְד , אוּנ וַואר פִיל מֶעהְר גֶעשְׁפְּרֶעכִיגֶער אַלְס פְרִיהֶער מִיט דֶער עֶלְטֶערֶע פְרוֹיא וָואס הָאט אִיר אָן גִישְׁפְּרָאכִין אִין דֶער שְׁפַּאנִישֶׁע שְׁפְּרַאכֶע , אוּנ בַּייא אַלֶעם דֶעם וַואר נִיט צוּ דֶער גַיין פוּן אִיר וֶוער זֵייא זַיינֶען :

דִיזֶער גִישְׁפְּרֶעךְ הָאט נִיט לַאנְג גִידוּיֶערְט , דֶען זֵייא וַוארִין אַלֶע מִידֶע פוּן דֶע רַייזֶע אוּנ זַיינֶען בַּאלְד אַיין גִישְׁלָאפִין , דֶער וִוירְט אָבֶּער דֶער פֶערְדֶעאַר וַואר נָאךְ אָבֶּער אוּף , דֶען אַלְס פִיסְקַאל אִיז עֶר גִישְׁטַאנֶען אוּיף יֶענֶער זַייט שְׁטַאל אוּנ הָאט אַרַיין גִיקוּקְט דוּרךְ אַזַייטִיגֶע לֶעכִיל אִין אִים אוּם צוּ זֶעהֶען אוּנ צוּא הֶערִין וָואס עֶס טוּעֶן אוּנ וָואס עֶס רַיידִין דִיא פִינְף גֶעסְטֶע , אוּם צוּ הָאבִּין וָואס צוּ עֶרְטְרָאגִין דֶעם אוֹיבֶּער פָאלִיצַייא מַייסְטֶער , אוּנ וָואלְט פִילַייכְט גֶעבְּלִיבִּין

שטיין

שטיין דארט ביז טאג, דען דיזע אלע פינף וואַרין אים איין רעטזעל (חידה), אונ האט אזו גיוואלט וויסען וויא צו זאגין אזו גאר וואס זייא טרייטען, עס וואר אבער באלד דיא דיזע פינף זיינען איין גישלאפין האט מען אן גיקלאפט אין טיר, אונ דאן איז ער באלד אוועק פון דארט אונ איז גיגאנגען עפינען דיא טיר, ער האט איר אויף גימאכט אונ עס זיינען אריין צו אים צוויא פאליצייסקע אגענטין, מאניע אונ גריצעל, דער פערדעאר האט זייא אויף גינומען זייער העפליך אונ פריינדליך. האט זייא אריין גיפירט אין אשיינעם אויסמעבלירטען צימער, האט אן גיצונדין צווייא גרויסע לאמפען, אונ האט זייא צו גלייך גיבעטין זיצען, אונ האט זייא גיפרעגט וואס גוטעס האבין זייא אים צו זאגין:

"הערין זייא פערדעאר" האט זיך אפ גירופין דער אינגערער פון זייא דער מאניע "זאגן זייא מיר וויא הייסט איר בייא אירעם ווארען נאמען*)"? "איך הייס שארעל כאטע" האט אים דער ווירט גיענטפערט, "יא יא גאנץ ריכטיג" האט זיך אפ גירופין דער מאניע, "מיר זיינען גיקומען צו אייך פרעגין צו וועט איר ניט אן נעמען דיא שטעל פון איין גיהיימען קאמיסאר, איך וויים דאס איר טויגט זייער פאר אזו אסלוזבע, אונ האב אייך פארגישטעלט פאר דעם פרעפעקט (אויבער פאליצייא מייסטער) קארלע, אונ ער וויל אייך דיא שטעלע געבין, האט איר פאר שטאנד נעמט עס אן מיט פריידין". "וואס זאגט איר מיין הער"? האט זיך אפ גירופין דער פערדעאר "איר מוזט שפאסין פון מיר, געוויס וועל איך דיזע שטעלע אן נעמען מיט פריידין ווען איר מיינט עס אין ערינסט, דען עס איז אזו אסלוזבע וואס איז העכסט איינטרעגליך". "מיר זיינען ניט גיקומען שפאסין" האט זיך אפ גירופין דער מאניע, אונ איר וועט אויך דער בייא נאך פיל וויניגער ארבייט האבין אלס היר אין דעם ווייסין בערען, נור זיך פינקטליך האלטין אן דיא פארשריפטען וואס מען וועט אייך געבין". "אונ וואס וועט דא זיין מיט דעם ווייסין בערין וואס איז אונז פון גרויסין נוצען" האט אים גיפרעגט דער פערדעאר דאס איז שוין ניט אייער זארג" האט אים גיענטפערט דער מאניע "מיר וועלין ים איבער געבין אזו איינעם וואס האט אוים גישטודירט דיא זעלבינע שולע אין עלכער איר האט גישטודירט, אונ וועט ניט שוואכער אופראוולאיען אין דעם ייסין בער אלס איין פערדעאר, אלזו האבין מיר אייך שוין גיזאגט וואס מיר אבין גיהאט אייך צו זאגין, נון זאגט איר אונז עפעס גוטעס מיט וואס מיר זאלין ונז ניט שעמען צו ווייזין זיך פאר אונזער פראפעקט הער קארלע". "איך האב ייך צו מעלדין עפעס איין וואונדערדינג" האט זיך דער פערדעאר אפ גירופין אין דיזער נאכט האבין איין גיקערט אהער דרייא פערזוינען וואס זיינען מיר יין רעטזעל (רעטענעס) איינע זעלטינהייט, איין אלטער מאן, מיט אפרויא אונ יט אטאכטער, איך האב זייא אן גינומען פאר ציגיינער, דען אזו זעהען זייא

אוים

*) דער נאמען פערדעאר איז אים גיגעבין גיווארין נור וועגין איינער גרויסע בה וואס ער האט גימאכט בייא איינעם גראפען וואס האט אזו גיהייסין:

אוים פון זייערע קליידער, אונ פון זייערע פערד, אונ אם ענדע אלס איך האב אים גיפרעגט ווער ער איז האט ער מיר גיענטפערט קורץ אונ בינדיג דאס ער איז גאר דער אינפאנט (פרינץ) בארצעלאני, איך האב מיך איין גיהאלטין קוים פון לאכען. „א שיינער האטעל דער ווייסער בער פאר אזו איין פרינץ" האט זיך אפ גירופין דער גריצעל לאבענד. „נון הערט אבער ווייטער" האט זיך אפ גירופין דער פערדעאר „עס איז מעהר אלס איין שפאס, ווען עס איז ניט וואהר דיא זאגע (גאוואר) פון דעם „שווארצין שטערין, מוז דא ליגען צוא גרונדע עפעס איין פאליטישע בעטרוג (אבמאן)":

„אונ וויא קומט איר צוא דיינקען פון אים דאס ער איז דער שווארצער שטערען"? האט אים גיפרעגט דער גריצאל, „ווייל זייא זעהען אוים אזו ריכטיג וויא מען שילדערט זייא, אונ דער צו נאך ווארר ביא דעם אלטין פאר דעקט אלץ דאס אויבערסטע האלבע געזיכט, געוויס אום מען זאל ניט דער זעהען ביא אים דעם שווארצין שטערין, דיא זאגע (גאוואר) גייט דאס ער איז פערדינאנדס אברודער, ער איז שוין טויט אלזו דרייא הונדערט יאר, אונ ער האט דארט קיינע רוהע, אונד וואנדערט אלזו מיט זיינער קליינע פאמיליע פון איין לאנד אין דאס אנדערע לאנד, אונ שפרעכט נאך דער צו אלט שפאניש". „אונ איך גלויב ניט אין דיא אלטע סקאזקעס" האט זיך אפ גירופין דער גריצעל, אונ דאהער איז דאס גלייכסטע דאס איר זאלט אים ארעסטירין ביז מארגין זייגער צוועלף, מיר מוזין עס דאלאזען דעם אויבער פאליציא מייסטער, אונ אלזו ווען איר האט אונז שוין ניט מעהר וואס מיט צו טיילין גייען מיר שוין אוועק:

באלד דארויף האבין זייא גינומען אבשייד פון דעם פערדעאר אונ זיינען זיך אוועק פון אים, אונ אומקערענדיג זיך אין שטאט האבין זייא איין גיקערט אין פערשיידענע קאווארנעס, אין טראקטירין, אום אוים שפירין דארט וואס מעגליך איז, אונ ארום זיבין אין דער פריא זיינען זייא אריין צו דעם אויבער פאליציא מייסטער אום אפ צו געבין אים ראפארט פון דיזער נאכט, זייא האבין אים צום ערסטין גימעלדעט דאס דער פערדעאר האט אן גינומען דיא אנגיבאטענע שטעלע מיט פריידין, דער נאך האבין זייא אים דער ציילט פון דער וואונדערליכע פאמיליע וואס עס האט איין גיקערט אין דעם ווייסין בערען, „איך וויים פון דיזער פאמיליע" האט ער זייא גיענטפערט „אלס זייא איז אריבער דעם שפאניסען גרענעץ, אונ מיר האבין אונז ניט וואס צו שרעקין פאר איר, מען קען זייא גאנץ זיכער לאזין פרייא, איך האב שוין גיוואוסט פון פריהער דאס זייא וועלין קומען אהער, אלזו זאגט מיר פון וואס וויכטיגערעס". „וויכטיגערעס האבין מיר ניט וואס מיט צו טיילין אייך" האבין אים גיענטפערט דיא צווייא אגענטין „אלזו האב איך וואס וויכטיגערעס פאר אייך" האט ער זיך אפ גירופין צו זייא „איך וויל אייך איבער געבין איינע פארוצענע וואס זייא איז אזו גאר ניט גאנץ אנגינעהם (גישמאק), דאך האפע איך דאס איך וועל עס דורך אייך אוים פירין". „אונ מיר זיינען בריט אייך צו דינען מיט אונזערין לעצטין טראפין געווויסין" האבין זייא

אים

אים גיענטפערט „איז גוט" האט ער זיך אפ גירופין ערסטינס זאלט איר מיר געבין קלארע נאכריכטען פון אלעם דעם וואס עס פאסירט אין דעם עלזייעשין פאליצייא, צווייטינס זאלט איר ווייסין וואו דער פרעזידענט פאר ברייננט יעדין אווינד, דאס מוז אבער געשעהן מיט גרויסער בעהוטזאמקייט (אסטראזנאסט), איך וועל אייך צו געבין דעם אגענט מיעם, דאך זאלט איר אייך היטין פאר אים אויך צו ריידין איין איבעריגין ווארט, דען דא האנדילט זיך איבער איינע וויכטיגע פאליטישע אינטערעס:

צו דיר מאניע האב איך נאך איינע פיל איידעלע פארוצענע, „זאג מיר דוא האסט אפרזיא"? „ניין איך האב עס ניט" האט ער אים גיענטפערט „מיין גיהאלט איז דר צו צו קליין". „נוא פאר שטייסט דוא אם וויינינגסטען וויא צוא בעגיין זיך מיט אפרזיען צימער, איך מיין וויא צו מאכין זיך בעליבט בייא איינעם שיינעם מיידכען? איך גלויבע דאס דוא ביזט וויא גאנץ גישאפין דער צו, דען דוא ביזט דאך איין היפשער קעריל, איין העכסט בליהענדער יונגער מאן, אלזו פרוביר דיך צו מאכין גיפעליג בייא איינער איינגעלשין מיידכען וואס וואונט אין דער שטראזע ריוואל אין נומער 10". „איך בין צוואר ביז העער נאך קיין ראמאנען ריטער גיוועזן" האט זיך דער מאניע אפ גירופין „דאך וועל איך מיך פרובירין אונ איך האפע דאס איך וועל עס באווייזין" איז גוט! „האט זיך אפ גירופין דער פאליצייא מייסטער" האב נור מוטה אונ שרעק דיך ניט אפ פאר איר שטאלץ אונ גלאנץ, דיזעם מיידכען הייסט זאפיע, אום צו פערליכטערין דיר דעם ערסטין צו טרעט צו איר וועט שוין דער מאקיארד דער סעקרעטער פון דעם פרעזידענט דיך פארשטעלין פאר איר, אונ נאכהער וועט שוין גיין וויא גישמירט, דוא זאלסט מיט איר אזו וייט אריין האנדלען אונ מאכין זיך איר בעליבט דאס דוא זאלסט שוין קענען בעקומען פון איר איין ליבעס שרייבין צו דיר, אונ מעהר וויא דיזעם ברויכע איך ניט, „איך וועל דער בייא אלע מיינע מעגליכקייט אנווענדן" האט אים דער מאניע גיענטפערט „אונ ווען דוא וועסט עס ארויס בעקומען פון איר" האט זיך אפ גירופין דער אויבער פאליצייא מייסטער „וועסט דוא בעקומען פון מיר דער פאר פינף טויזינד פראנק, אונ וועל דיך נאך דער צו מאכין פאר איין אדיל מאן (דווארענין), איך גלויבע דאס דוא וועסט דער בייא קיינע גרויסע מיהע האבין, דען דאס מיידכען איז קיינע לוקרעציע (דאס הייסט קיינע צנועה), אונ איז זייער שיין, אלזו וועסט דוא דער בייא אויך קיינע לאנג ווייליע האבין" „אלזו מיין העער" האט זיך דער מאניע אפ גירופין „איר מעגט אויף מיר רעכענען, עס איז גלייך וויא שוין אוים גיפירט":

דער פראפעקט האט אים דער פאר גידריקט ווארעם די האנט אונ האט אים אליין ארויס גילאזין פון טיר, אונ גיוואונצען אים גליק אין זיינעם אונטער נעהמען:

19.

•דאס אירענהויז (משוגעים שטוב) פון דעם דאקטער לואזאנא•

אין פאריז געפינען זיך צוויא אירען הייזער, איינס אין דער פאר שטאט שארענטאנע, דאס בערימטעסטע פון פראנקרייך, דאס צווייטע איז אין פאריז גופא ניט וייט פון דער ארלעאנעשע שטראזע וואס האט אין דעם יאר 1851 געהערט צו איינעם געוויסען דאקטאר לואזאנא וואס האט געשיינט צו זיין איינער פון דיא ערליכסטע אונ בעסטע מענטשין, דיזעס אירענהויז וואר ארום גענומען מיט אהויכין מויער וויא איין קליינער פעסטונג וואס וואר אין אים איין קליינער נידעריגער טויער, וואס ווארין אין אים אריין געלאזין נור יענע פערזוינען וואס האבין געהאט איין בילעט פון דעם דאקטאר לואזאן, אין עטליכע טעג ארום נאך דיזער ערצ״לונג וואס איז פאר געקומען אין דעם פאריגען קאפיטיל איז אן געפארן צו דיזער פארטעצקע איינע קארעטע וואס עס איז ארויס פון איר איין הער פון איאר פופציג מיט אבלייכין געזיכט וואס וואר שווארץ געקליידעט, אונ דיזער וואר דער הער לואזאן, דיזער הער וואר גראדע דער געגענטהייל (דער הפך) פון זיינעם אייסערען (אוים ווייניגען) אוים זעהען, ער האט געשיינט צו זיין איינער פון דיא ערליכסטע לייט, אונ איז געוועזן גראדע איינער פון דיא פארווארפענסטע מענטשן פון פאריז. ער האט זיך געצייגט זייער פרום, העכסט רעליגיעז (נאבאזנע), אזוי צום ביישפיל ווען מען האט אים גערופין צו אקראנקען, האט ער געלאזט זאגין דורך זיין בעדינטען דאס ער בעטעט יעצט, אונ האט ניט געהאט אין זיך איין פונק פון גאטעס פורכט:

ער האט אן געצויגין דארט דעם גלאקין שנור, איין אלטער וועכטער האט דיא פארטעצקע געעפינט, אונ ער איז אריין אין הויף מיט אפריינדליכע מינע, האט פריינדליך געגריסט דעם אלטין וועכטער. האט אים געמאכט קורצע פראגין, אונ האט אן געהייבין צו גיין צווישען דיא דארטיגע אלייען וואס עס זיינען דארט אומגעלאפין פילע משוגעים הין אונ הער מיט דיא הענד אין דיא קעסינעס, דיזע אומגליקליכע לייטע ווארין דארט זייער שלעכט בעהאנדילט, דאס יעדערער פון זייא האט נאך דארט פאר לארין דעם לעצטין גראד פאר שטאנד וואס ער האט אריין געבראכט אהין:

בעפאר מיר וועלין בעטראכטין ריכטיג דיא פערשיידענע קראנקע וואס ווארין דאן דארט אונטער וועלכע מיר וועלין דער וויסין איינע בעקאנטע פערזוין. וועלין מיר איין עטוואס בעשרייבין דיזען אנשטאלט (זאוועדענע):

ער האט פון דרויסין אוים געזעהען עפעס וויא איינע קאזארמע, אונ איננווייניג וואר ער פאהאזע מעהר צו איין אסטראג אלס צו איין שפיטאל, קליינע צעלעס מיט קליינע פענסטער וואס ווארין מיט גראטעס, דיא קארידארין ווארין שמאל, נידעריג אונ דונקיל, עס וואר דארט נור איין זאל וואס מען האט אים מיט רעכט געקענט רופין מיט דעם נאמען העלע (גיהנום), ווייל אין אים ווארין

דיא

דיא אירזיניגע (משוגעים) גימאטערט וויא דיא פאר דאמטע (פאר משפעטע) אין דער פיעקלע, יענע אירזיניגע וואס ווארין באזענד (אונרוהיג), אטייל פון זייא ווארין אן גיטאן אין דיא משוגעים העמדער*), אטייל ווארין צו געשמיט מיט לאנגע קייטן אן אייזערנע שטולין וואס ווארן צו גענווינטעוועט צו דער פאדלאגע, אנדערע ווארין גאנץ איינפאך גישלאגין, אונ אזו ווייטער, וואס דיזעס אלעס האט זייא נור רוהיגער גימאכט ווייל זייא זיינען גיווארין שוואכער אבער ניט קלערער גימאכט, דער צו וואר דארט נאך אנארטין מיט אלייען וואס פלעגין אום שפאצירען דארט דיא אירזיניגע מיט אוים גיבלייכטע גיזיכטער אונ איין גיפאלענע אויגין:

נון בלייבט אונז איבעריג צו בעשרייבין איין עטוואס דיא דארטיגע קראנקע, עס ווארין אונטער זייא זייער פיל סארטין פון משוגעים, דאס עס פעלט אונז אן פלאץ אום עס ריכטיג צו בעשרייבין, דאהער וועלין מיר דא אונז מוזין מיט פיל ווייניג זיך בעגעניגענען, עס ווארין פילע דארט וואס זיינען אראפ פון פערשטאנד דורך גרויס התמדה פון לערנען, פון טיפין קלערין, פון בעטראגענע ליבע, פון דעם וואס ווארין פעראונגליקט אין קארטין שפיל, נאך מער פון דיא וואס האבין זיך גיטוישט (גינארט) אין זייערע גליקליכע האפענונג:

אזו האט זיך דאן דארט גיפונען איינע דאמע וואס איז אום גינאנגען אליין מארש הין אונ צו ריק צווישין דיא אלייען (שפאציר גייעגע) מיט אגרינעם צווייגיל אין האנד אן שטאט איינעם פאכער, אונ האט אלץ אוים גיטיילט בעפעלע צו איר ניט גיזעהענע סוויטע, זיא האט זיך גיהאלטין פאר איינע הערצאגין, האט גישפראבין אימער פון זילבערנע קרעדענצין, פון קאמער מיידכען, אזו וואר אויך איין פרידווארנער שניידער פון לואי פיליפ וואס האט זיך איין גירעט דאס ער איז דער היגעזעשער קייזער, ווידער איינער האט זיך איין געבילדעט דאס ער איז אגרויסר אלכעמיסט אונ האט אימער גישפראכן פון מיליאנען, א גרויסר נאט בעהיטע יעדין גוטין מענטשין פון אזעלכע קראנקהייטין וואס איין מענטשליכעס וויסען (חכמה) איז ניט פערמעגענד עס אוים צו קורירען, א וואס זיינען מיר אונ וואס איז אונזער פאר שטאנד:

מער אבער פאר אלע אנדערע אונגליקליכע וואס ווארין דארט איין גישפארט וועט אונז אינטערעסירען איין גיוויסע שפאנישע מיידכען וואס וואר שיין וויא איינע געטין, אונ וואס וואר ביי דעם גאנצין פארשטאנד, זיא איז גיזעסין גאנץ סעקרעטנע, אונ קיינער פון דיא בעדינטע האט ניט גיהאט דעם מינדעסטין צו גאנג צו איר, דער לואזאן זעלבסט פלעגט איר צו געבין עסין, אן צינדען איר לאמפע אונ אזו אויך איר נאכטקאן ארויס טראגין אונ ארייז טראגין, אונ האט אלזו דעם שליסעל פון איר צעלע נימאנדען אנגיטרויט, עס האט איר גיבראכט

אהער

---

*) דאס זיינען העמדער מיט לאנגע ארבעל וואס ווערין אן גיטאן אויף דיא הענד אונ ארום געדרייט ארום קערפער אונ פאר בונדען:

אהער איין גיוויסער רייכער הער אונטער דעם אוים רייד אוים צו קורירען איר פון מאנכע קליינע שגעונות (פיקסע אידעען), ער האט בעצאלט דעם דאקטאר לאזאן איינע גרויסע סומא געלט פאר זיין אוים קורירען איר, נור מיט דעם בעדינג דאס ער זאל האבין איינעם פרייען צו גאנג צו איר ווען ער וועט וועלין, אין דער ווירקליכקייט אבער וואר זיא גאר אן שגעונות. אונ תאר דא אלזו איין גישפארט שוין פון אלאנגע צייט:

דיזעם מיידכען וואר קיין אנדערע חיא נור דיא אונז שוין פון לאנג בעקאנטע דאלארעס, אונ דער רייכער הער וואס האט איר אהער פאר שלעפט וואר אויך קיין אנדערער אלס דער פאלשער הערצאג ענדרעמא, וואס האט מיט דעם דאקטאר אפ גימאכט פאר שווערעס געלט, דאס ער זאל איר ארין נעמען אין זיין אירענהויז אלס איינע וואהנזיניגע (משוגענע), ער זאל איר האלטין סעקרעטנע אונ זאל איר צווינגען מיט אלע מעגליכקייט דאס זיא זאל זיך אים ערגעבין אונ זאל איר שוין ארוים טרייבין פון איר גידאנקען דיא טרייע ליבע צו דעם אלימפיא:

דיזע אונגליקליכע איז דארט אלאנגע צייט שוין גיוועזן איין גישפארט, פילע ליידען אוים גישטאנען, דאך ניט פאר לארין פון איהרער שוינהייט אונ ניט פון אירע אייזערנע טרייהייט צו דעם אלימפיא וואס דער ענדרעמא האט עס אן גיגעבין דעם דאקטאר פאר איינע פיקס אידעע (שגעון), נון מיינע טייערע לעזערין לאמיר אונז אפ שטעלין אונטער דער טיר פון איר צעלע וואס דער דאקטאר איז איצונד ארין אין איר, אום אוים צו הערין וואס עס ווערט דארט צווישין זייא ביידין גישפראכין:

"איך בין נאך גאר ניט ווייט איין גיפארין מיט אייך" האט ער זיך צו איר אפ גירופין "איר זייט נאך אלץ ביי אייערע פיקסע אידעען (שגעונות), אייער וואוילטעהטער דער הערצאג וואס טוט פאר אייך גאר דיא גוטעס, אונ וואס וויל אייך אוים קורירען פון אייערע שגעונות מיט דיא גרעסטע קאסטין אין דער וועלט, האט זיך געבעטין גיקלאגט פר מיר דם וואס איר האט אים פאר איינע טעג צוריק זייער שלעכט אויף גינומען ביי זיינעם בעזוכין אייך דא אין דער צעלע, איר האט גאר גוואלד גישריען, אלס ער האט אייך גיוואלט אלס איין געליבטער בעריהרען, איר האט גישריען אום הילפע, אונ האט אים פורט נעיאגט וויא איינעם הונט". "אונ איך האב עס גיטאן" האט זיא אים גיענטפערט "וויל ער איז ניט מיין געליבטער, איך געהערע איינעם אנדערין, אונ חייל איך האב לעבין מיר קיין רעטער גיהאט האב איך גימוזט מאכין איין גוואלד, אונ וועל עס מוזין טאן אויך ביי איינעם צווייטין פערזוך וואס ער וועט וואגען געגין מיינער ערליכקייט, אונ איין וואולטעהטער וואלט ער גיוועזן מיינער, ווען ער וואלט מיך לויז לאזין פון דאנען, "בלייבין זייא דאך איין עטוואס רוהיגער" האט זיך דער דאקטאר אפ גירופין "איר זייט שוין אזו אויך גינוג אן געגריפין, אייער פולס איז ניט וויא גיהעריג, אונ ווען איר וועט אייך נאך מעהר ערהיצען וועל

איך

איך מיך געפינען געניטיגט צו געברויכען געגען אייך אַלע משוגעים מיטעלען אום צוא בערוהיגען אייך״. ״אונ איר מיינט עס גאַנץ ערינסט״ ? האט זיא זיך אָפּ גירופין צו אים ״דאס איר וועט מיך אָן טאָן איין משוגעים העמד, נור אויס דעם גרונד דאס איך זאל מיך ערגעבין צו דער וואהל לוסט (תאוה) פון דיזעם אויס גילאַסענעם ענדעמאַ וואס פאַר ביטערט מיר מיין לעבין שוין יארין לאַנג״ ?

״אַ אַזו שפּרעכין אַלע וואהנזיניגע דאַמען וויא איר״ האט ער גיענטפערט ״איין ווארט זייא זאגן דאס מען פערפאלגט זייא (פּרעסלעדעוועט), דאס איין גוואלטיגער ליב האבער האט זייא דא איין גיזעצט, אונ אם ענדע ווערין זייא גיהיילט דורך דיא משוגעים העמדיל, אונ וויא איך זעה וועל איך עס מוזין גיברויכין אויך געגען אייך, דאהער פאלגט מיך אונ ווארפט אַוועק אייערע לויגען (שגעונות), טרוימט שוין ניט מעהר פון איינעם אַלימפּיאן, אונ נעמט אים אָן מיט אָפענע אָרעמס אַלס איין וואַרעמען געליבטען אַלס ער וועט צו אייך קומען מיט איינעם בעזוך״. ״אונ ווען אַזו גרויסער נאט״ ! האט זיא אַרויס גיפּלאַצט מיט איינעם ביטערין לאַכין ״האב שוין מיט לײַדין מיט מיר אונ בעפרייע מיינע ריינע זעלע (זייל) דורך דעם טויט פון דיזעם פיינדליכען געפיינגנים, איך וועלכעם איך בין וויא איינע לעבענדיגע בעגראבענע, בעפרייע איר בעפאר זיא וועט ווערין בעפלעקט פון דיזע אונמענשין, וואס ווייסין ניט פון דיר אונ פון קיין ערבארעמען, איך האב שוין פיל מעהר אויס געליטין אין מיינעם לעבין אַלס איך האב מיך פערשולדעט געגען דיך, דוא האסט מיך גינוג אויס גיפּרובירט אונ האסט מיך ריין גיפונען נון לאז מיך ריין שטארבען, דען איך האב שוין מעהר קיין אַפּעטיט צום לעבען אונ צו פאַר זאמען מיך אין דיזער גרויסען וועלט וואס איזט העכסט איינג פאַר מיר :

דיזעם גישפּרעך וואר פיל מעהר אַלס מיר האבען אים דא בעשריבען, דען ער (דר דאקטאר) וואס דר בראטין האט אים אויך אַזו גוט פערשמעקט וויא דעם ענדעמאַ האט איר זיינע ליבע צו איר גאַנץ פייערליך אָן גיבאטין, אונ זיא האט איר (דיא ליבע זיינע) מיט נאך פיל גרעסערע פעראַכטונג אַלס צו דעם ענדעמאס ליבע צוריק געוויזען (אַטקאַזעט) אַלזו פאַר גיוויס האט איין ראַמאַנען אָנגבאט, אָדער וויא מיר רופען עס איינע ליבעס ערקלערונג פיל מעהר געווערט אַלס איינ׳גע מינוטין, מיר האבין עס אָבער דא פאַר קירצט נור אויס מאַנגעל (וויל עס פעלט דא) צייט אונ אָרט (פּלאַץ) אום אַלעס צו בעשרייבין, אונ מיר ענדען דער מיט, דאס דיזעם געשפּרעך וואר איין לאַנגער פאלטער (מאַטערנעס) פאַר דיא אונשולדיגע דאַלארעס, אונ וואלט נאך דויערין פילייכט ביז איצונד נון עס וואלט ניט גיוואָרן אַגרויסער לאַרעם אויף דעם הויף צווישען דיא וואהנזיניגע (משוגעים) אונ דיא שטראַזין, דאס דער לואַזאן האט זיך בעאיילט אַרויס צוא גיין פון דער צעלע :

20.

•דער פרינץ קאמעראטא•

אין אפאר וואכין ארום ווארין גילאדין צו דער גרויסר יאכט וואס דער פרינץ קאמעראטע האט גילאזט אויף זיינע קאסטין מאכין אין דעם וואלד קאמפען. ער האט גילאזט בריינגען פר אלע גרויסע הערשאפטין וואס ווארין דאן אין פאריז, אהין פילע הירשען גרויסע, ווילדע שווייגען, וועלף, אונ נאך אנדערע ווילדע טהירען אויף וועלכע מען זאל יאכטין, אונטער דיא גילאדענע וואר אויך דער פרעזידענט לואי נאפאליאן, זיין האלב ברודער מארנע וואס האט אים גיקויפעלט (גימעקלערט) ביי זיך דארט דיא עווגענא וואס איז גיקומען אהין מיט דעם קאמעראטע וואס וואר אויך איין שפאניער, אונ וואר העכסט בעפריינדעט מיט איהר, אשטיק הינטער דעם נאפאליאן איז נאך געדיטין זיין שטאל מייסטער פלער, אונ איין געוויסער באציאשי וואס וואר דאן דער גלאוונער קאמיסינער זיינער שפעטער אבער דער גלאוונער קאזנאצייא פון טיולער, אונ ווייל מיר האבין דיזע פערזאן שוין דער מאנט דא. וועלין מיר שוין דא איין עטוואס מעהר שפרעכין, ווייל ער האט דער נאך געשפילט אגרויסע ראלע אין פאריז אלם גראף מיט איינעם גיהאלט פון הונדערט טויזינד פראנק איאר:

אין דעם יאר 1848 האט ער גיוואונט אויף דער אינזעל קארסיק ביא איינעם וויין גערטנער ניט ווייט פון באסטיאי, איין גיבארענער איז ער פון איאציא וואס דארט איז גיווארין גיבארין נאפאליאן דער ערסטער, ער איז אבער אוועק קיין באסטיאי איבער קליינע שולדין וואס ער האט אן גימאכט דארט איינע הונדערט פראנק, אונ אלם לואי נאפאליאן איז גיווארן פרעזידענט אין פראנקרייך, האט זיך דיזער ארעמער מענטש אוועק גישלעפט קיין פאריז, האט זיך פארגישטעלט פאר אים אלם איין ניט ווייטער פערוואנדטער (קרוב), אונ האט אלזו אוים גינומען ביא אים זייער ווייט. מעהר אבער אלם פיינער יונג וואס קען אים צו נוצען קומען אין זיינע פלאנען אלם פערוואנדטער, ער האט אים דער האלטין ביא זיך אונ האט אים איבער גינעבין פיל קליינע פארוצענעם וואס ער האט זייער ריכטיג אוים גיפירט (איספאלנעט), אונ נאך הער אלם דער באציאזע איז גיווארין איין גלאוונער קאזנאצייא האט אים נאפאליאן גימאכט פאר איין אויבער צינאווניק איבער דיא בריקען, איבער דיא האוועגם, איבער דיא טעאטערין, איבער דיא פאצטין, אלין אזעלכע עמטער (סלוזבעם) וואס זיינען העכסט איינטרעגליך, אונ דיזער ארעמער מענטש וואס האט ניט גיקענט שרייבין אונ ניט לעזין איז גיווארין איין מיליאנער אונ דער צו איין גרויסער ראלען פיהרער אין פאריז, מעהר אלם איין מיליאן האט ער באקומען פון דעם גרויסין באנקיר מיראס (איין יודע) פאר דיא קייזערליכע ערלויבנים צו שטרויען דיא איינזענבאהנען אין פראנקרייך:

דיזער באציאשי האט מיט זיך גיבראכט קיין פאריז איין קנאבען (אאינגעל)

פון

פון קארסיקע וואס איז גיבארין גיווארין פון איינער דינסט וואס וואר בייא דעם זיין גערטנער, דיזער קליינער יונגע פלעגט אים פוצין דיא שטיוועל, אויס בערסטן דיא קליידער, אם ענדע האט ער אים גימאכט פאר זיין סעקרעטער, אונ האט באקומען איין ארדער פון עהרענלעגיאן, אט אזלכע לייטע פון דיזעם שלאג (מין) האבין אומרינגט (אקרוזאעט) דאן דעם פראנצויזישען פרעזידענט, וואס נאך הער אויס אים גיווארענער קייזער, פון דעם שטאל מייסטער פלערי וועלין מיר ווייטער ריידין, אויך האבין זיך דארט גיפונען בייא דיזער יאכט דער גענעראל פערסיני, דער הער אלימפיא, דער הער קארמער, דער גענעראל סענטארנא, קאנראבערט, עספינאס, דער מארקיז דע מאנטאלאן, מארני, פלער, דער פרינץ קאמעראטא, אונ נאדופילע גרויסע הערשאפטין וואס ווארין העכבט רייך גיקליידעט, מער וויא פאר אלעמען וואר דיא עווגעניע אינטערעסירט פאר דעם אלימפיא וואס האט דאן גיטראגין איר בורלאנטענעם קרייץ, זיא האט זיך צו אים זייער פריינדליך געווענדעט אונ ער צו איר, אונ אלס דר אלימפיא וואר שוין אין בעגריף (ברעה) צו צוריידין צו איר אונ גראטעלירן (ווינטשעווען) איר אויף דעם פראנצויזישען באדען, האבן דאן אן גיהייבן שוין צו שאלין דיא יאכט הערנער (טרובעס), אונ אלע האבין זיך אלאז גיטאן רייטענדיג אויף זייערע פערד אין וואלד אונ מען האט אן גיהייבין צו יאכטין, עס איז גיווארין איין גילאף דורך איינאנדער, אונ יעדער באזונדער האט געצילט אויף איין אנדערעס טהיר, דער אויף אוואלף, דער אויף איין הירש, נאפאליאן אבער האט גימאכט יאכט נור אויף דיא עווגעניע, אונ אזו אויך זיא אויף אים, דאס הייסט זייא האבין זיך דארט אין וואלד איינער דעם אנדערן אויף גיזוכט, אונ האבן ערנייערט זייערע אלטע פליכטיגע בעקאנטשאפט, מען האט זיך גערייכט דיא האנד זייער פריינדליך, מען איז זיך העכסט גיפעלין, באלד דארויף פערליבט, גיקוקט זיך וועקסעל זייטיג (איינער דעם אנדערין אין דיא אויגין), אונ מען האט זיך גישיידעט מיט דעם פערשפרעכין דאס מען זאל זיך באלד ווידער זעהען, דאס הייסט דאס נאפאליאן זאל איר באלד בעזוכין אין איר קווארטיר, דיזעס אלעס וואר דיא ווערק פון איינער קנאפע שטונדע, אונ עס וואלט נאך פילייכט נאך מעהר גיווערט, ווען עס וואלט ניט אן גערייטין דער פרינץ קאמעראטא וואס איז איר נאך גיגאנגען אימער וויא דער שאטין דעם שטאק, אונ וואס וואר איר פלייסיגסטער בעזוכער, אונ וואר אלזו העכסט אייפערזיכטיג אויף דעם נאפאליאנען פון דיזער צייט אן:

צוריק רייטענדיג האט נאפאליאן זייער פריינדליך געגריסט אונזערע צווייא, דעם מארקיז דע מאנטאלאן אונ דעם אלימפיא, אונ האט זייא גיבעטין דאס זייא זאלין אים בעזוכין, דיזע ביידע לייטע זיינען גיקומען קיין פאריז אום נור אויס צו זוכין דיא דאלארעס, זייא האבין אן גיווענדעט דארויף זייער פיל מיהע, זייא אליין אונ.אויך דער וואלענטינא, עס וואר אבער גאנץ אומזיסט, אויף דיזער יאכט האט זיך העכסט אויס גיצייכינט דער פרעזידענט, אונ אזו אויך דיא עווגעניע, דען זיא האט ערשאסין איין הירש וואס ער וואר העכסט היציג, אונ

עס

עס האט ניט ווייט גיפעלט דאס ער זאל איר דער שטעכין מיט זיינע שפיציגע הערנער, אונ נאפאליאן האט איר גירעטעט מיט זיינעם הירש פיינגער (שפיז), אונ האט זיך אלזו העכסט פאר דינט גימאכט דורך דעם ביא דער עווגעניע וואס וואר אויך העכסט שטאלץ דארויף דאס דער פרעזידענט איז גיוועזן איר רעטער, וואס דיזע האט גראדע העכסט גיקריינקט דעם קאמעראטא:

דיזער פרינץ קאמעראטא וואר העכסט אויף גיטראגין מיט דעם הערען קאלאס (אויבער פאליצייא מייסטער פון פאריז), ער וואר זייער רייך, אויך העכסט געבילדעט אונ פון איידעלעם חאראקטער, ער האט גיהאט מעהר אלס איין מיליאן פראנק איינקינפטע (דאחאד) פון זיינע גיטער אלע יאר, אונ האט דעם גרעסטין טייל דער פון פאר לעבט אין פאריז וואס ער האט זיך אין איר אויף גיהאלטין נור צו ליב דער עווגעניע וואס ער האט איר געליבט וויא זיין לעבין, דאס ער וואלט אויף גיאפפערט (מקריב גיוועזן) זיך זעלבסט אונ זיין גאנצין פאר מעגין פאר איר, אונ וואר אלזו ביא זיך געוויס דאס ער וועט איר מיט דער צייט הייראטהען, אלימפיא אבער וואס האט דיזעם מיידכען פיל בעסער גיקענט אלס דער קאמעראטא, וואר ניט דיזער מיינונג, ער האט שוין גוט פאר שטאנען דאס וויא נור דיא ערגייציגע (כבוד ליבענדע) אונ פראכט ליבענדע עווגעניע וועט נור דער שמעקין דיא מינדעסטע צו נייגונג פון דעם נאפאליאן צו איר, וועט שוין ווערין דיא האפענונג פון דעם קאמעראטא צו וואסער (גאר ניט), אונ וואס דיזעם וועט פירין צוואר צו זייערין ביידענס אונגליק, אונ איצונד אלס זיא האט שוין ווירקליך גיהאט איינע גוטע גילעגינהייט צו גיפעלין דעם נאפאליאן וואס שטייט איצונד אזו הויך, האט דער אלימפיא אונ אזו אויך דער מארקיז וואס וואר ניט ווייניגער קליגער אלס ער זייער העכסט בעדויערט דעם קאמעראטא, וואס ער האט זעלבסט מיט דער יאכט איין גרויסעס אומגליק זיך צו גיצויגין:

דער פרינץ קאמעראטא אבער האט פון דיזער גיפאהר נאך אמאל ניט געטרוימט, ער איז זעלבסט נאך דער יאכט גיבליבן איר פערטרויטער ליבהאבער וויא פריער, מיט איר צו זאמען גישפייזט, מיט איר צו זאמען גיזונגען, גישפילט, אונ אביין גיקוקט איר טיף אינס גיזיכט, אונ זיא דאס גלייכין האט זיך גיצייגט צו אים אזו פריינדליך וויא פריער, אונ האט זיך גיהיט צו שוועכין אים (מאכין סלאבע) אין זיינעם וואהן (טעות) דאס זיא וועט זיך פאר הייראטהען מיט אים, וויא דער שפריך ווארט זאגט מען גיסט ניט אויס דיא אומריינע וואסער וואו מען האט שוין ניט גיוויס ריינערע, דאך דיזער גליקליכער וואהן (טעות) פון דעם פרינצען האט ניט לאנג גידויערט, וויא מיר ווערין דא שוין באלד דער ציילין:

אין אקורצע צייט ארום אלס דער מארקיז איז גיקומען צו פארין פון גאס אין זיין קווארטיר העכסט פערשטימט (פאר קימערט) דורך איינע בייזע בעגעגנעס וואס ער האט גיהאט פארענדיג, דאס זיינע אמאל אים העכסטע גיליבטע פרויא אדעלי דע מאנטאלאן, וואס ער האט פאר איר גיאפפערט (מקריב גיוועזן) זיין לעבין אונ זיין העכסטענס גליק, אונ וואס ער האט איר פון זיך פאר שטויסין

שוין נאנצע פופצעהן יאר וועגן איינער גרויסין אונטרייהייט געגין אים , האט זיא אים איצונד אן גישפראבין (גיבעטין) אלס איינע בעטלערין אום איינע מילדע גאבע (נדבה) , נוד בעפאר ער האט צייט גיהאט צו וועקסלען (צו בייטין) איין ווארט מיט איר , האט זיא שוין אים דער קאנט אונ האט זיך פערלארין אין דעם גידרייננ פון דעם ארעמען נאראד , אונ דיזעס האט גימאכט אויף אים אזו איין טרויעריגין איינדרוק דאס ער האט זיך קומענדיג אהיים איין גישלאסין איין זיין נאבינעט :

איזט גראדע דאן אריין אין דעם קוואטיר פון אונזערע ביידע פריינדע דער פרינץ קאמעראטא , אונ האט אלזו דער וויסט נור דעם אלימפיא אליין וואס איז דאן גיוועסין , אונ האט זיך אונטער גיהאלטין מיט זיינעם בעדינטען מאלענטינא וועגין דיא דאלארעס וואס זייא האבין זיך שוין גאנץ ערמידעט אויף צו זוכין איר , אונ עס וואר אלץ אומזאנסט , דיזער פרינץ וואר העכסט בלייך , גאנץ אויפגערעגט (טרעוואזעט) , דאס עס וואר שוין איינעם יעדין לייכט צו פאר שטיין דאס עס האט אים פאר געווים איין אונגליק גיטראפין , אונ פשיטא שוין וואר עס לייכט צו פאר שטיין דעם אלימפיא וואס וואר גיוואונט צו זעהען אים אימער פרייליך אונ מונטער , אונ וואס ער אונ דער מארקיז ווארין אים דיא בעסטע פריינדע נאך זייענד מיט אים אין שפאניע , אונ האט אים אלזו באלד גיפרעגט "ליבער פרינץ איר זייט מיר עפעס גאנץ פאר קימערט , גיוויס האט אייך עפעס איין אונגליק בעגעגינט" ? :

"אונ וואו איז אויך דער מארקיז מאנטאלאן" ? האט זיך אפ גירופין דער פרינץ "דען איך בין גיקומען צו אייך ביידען ווייל איך האלט אייך ביידען פאר מיינע בעסטע פריינדע , אונ האבין אלזו אין דיזעם מיר פרעמדין לאנדע קיינע טרייערע אום זיך מישב צו זיין מיט זייא אין איינער נויט צייט אלס מיט אייך , אלזו זייט אזו גוט מיין בעסטער אונ לייענט איבער דיזעם בריף וואס איך האב אים אקארסט בעקומען , אונ וואס ער איז אן איינער אונטערשריפט , אונ נאך העד וועט איר שוין הערין וואס איך וועל אייך ווייטער זאגין" :

אין דיזעם בריף וואר גישריבין אזו: "איינער פון אייערע בעסטע פריינדע , וואס האלט זיך דא פאר איינע גאנץ איבעריגע אונ ניפערליבע פערזאן , ראטעט אייך דאס איר זאלט באלד פאר לאזין דיא שטאט פאריז , זאנסט וועט איר ווערין איין אפפער (אקרבן) פון איינער אינטריגע (ליבעס העגדעל) אונ פון איינער אייפערזוכט (קנאה אדער ליבעס פערדרוס) , אונ אייער געגנער איז פיל מעכטיגער אלס איר , לויפט וואס צום גיכסטין , איבער הויפט זאלט איר אייך היטין פאר דאס הויז וואס גיפינט זיך אין דער שטראזע סענט אנטואן נומער 10 " :

"מיר דוכט" האט זיך אפ גירופין דער אלימפיא "דאס דארט וואונט דיא גרעפין מאנטיבע" ? "אזו איזט עס" האט זיך אפ גירופין דער פרינץ, "אונ איך וועל שוין אייך אויך ערראטין ווער עס איז אייער געגנער" האט זיך אפ גירופין אלימפיא "עס איז קיין אנדערער אלס דער פרעזידענט" . "געווים איז אזו" האט

אים

(עווגעניע)

אים גיענטפערט דער פרינץ „נון הערט מיך ווייטער אויס, איך האב דיזעס שרייבען אן גינומען אין אנפאנג פאר איין שפאס נור פון איינעם גיוויסען הערען וואס האט זיך מיט מיר בעגעגנט דא ניט לאנג ביי דער גרעפין אין זאלאן, אונ בין מיט דיזעם שרייבען באלד אוועק צו איר קווארטיר אונ האב זיך גילאזט אן מעלדין צו איר, איך בין אבער ניט אן גינומען גיווארין". „אונ מיך וואונדערט עס גאר ניט" האט זיך אפ גירופין דער אלימפיא „דען איך קען דיזע דאמע פריער פאר אייך, זיא איז העכסט פערענדערליך אין אירע ליבשאפטין, אונ איר זייט שוין ביי איר ניט דער ערסטער אונ וועט ניט זיין אויך דער לעצטער ביי איר וואס זיא האט אים גאנץ פערדרייט דעם קאפ מיט אירע ליבליכקייט אונ גינייגהייט צו אים, אונ דער נאך זיך גאנץ פערגעסין אן אים, אזעלכע דאמען דארף מען גוט קענען, אונ וויסען וויא אום צו גיין מיט זייא"

„אלזו האב איך גימוזט אוועק גיין פון דארט" האט דער פרינץ ווייטער דער ציילט, „אונ האב נאך גיהאט דער צו דיא ערגערניס צו זעהען לעבן דעם פארטאל דעם עקיפאז פון דעם פרעזידענט, מען האט מיך אפ גיפערטיגט פון דארט מיט דער אנטווארט דאס דיא גרעפין איז אויף איניגע מאנאטין אפ גיפארין פון פאריז, מען האט מיר גיזאגט דאס זיא האט מיך גילאזט גירישען, אונ צו גלייך גילאזט זאגין האס ביי איר צוריק קומען וועל איך זיין דער ערסטער וואס זיא וועט זיך מיט אים ווידער זעהען, אלזו מיין בעסטער פריינד וואס זאגט איר דער צו" ? „מיין ראטה איז" האט זיך דער אלימפיא אפ גירופין „דאס איר זאלט באלד אפ פארין פון דאנען, דען דיזע גרעפין האט שוין גינוג בלוט גיקאסט, עס ווארין שוין גינוג דועלען (פאעדינקעס) וועגין איר". „אונ איך בין ניט אין דיזר מיינונג" האט ער אים גיענטפערט „איך גיהער ניט צו דיא האזען פיסע (שלימעזאלניקעס) וואס לאזין זיך איין שיכטערען (אפ שטראסין) דורך איינעם אונאונטער גיצייכינטען בריף, אונ וועל פאר גיוויס דיזע דאמע ווידער בעזוכין אין איר זאלאן ביי איר אום קערין זיך צוריק, דען איך ליבע דיא עוועניע מעהר אלס מיין לעבין, אונ גלויבע דאס זיא ליבט מיך נאך איצונד גאנץ אויף ריכטיג, אונ וועל אלזו אויף קיינער ארט אונ ווייזע דולדען קענען דאס איין אנדערער זאל איר ענטפיהרען פון מיר". „אלזו מיין ליבער פרינץ" האט זיך אפ גירופין צוא אים דער אלימפיא „וויא איך זעהע איין מוזט איר ערסט דעם ערקסטין מאל ווערין בעטראגין פון איינער געליבטע, אונ דאהער קלעמט עס אייך אזו שטארק, ניט אזו אבער איך, איך בין שוין דער צו גיוואונט, אונ פערשטערין (פערליידע) אזעלכע דומהייטין זייער לייכט". „נאך אבער האט איר ניט געליבט איינע עוועניע" האט אים דער פרינץ גיענטפערט „זיא איז ווערט דאס מען זאל צעהען לעבינס אפפערין פאר איר, אונ וועל צו ליב איר אלם וואגען אין קאן צו שטעלין פערמעגין, עהרע אונ לעבין". „ביי אלעם דעם ראטע איך אייך" האט זיך אפ גירופין דער אלימפיא אביין לאכענד זיך אין בוזעם „דאס איר זאלט אוועק פון פאריז, אונ פאר וועגדעט אייער גוט אונ בלוט אויף וואס בעסערעס". „פערגעווים

מיינט

מֵיינְט אִיר דָאךְ״ הָאט זִיךְ אָפּ גִירוּפִין דֶער פְּרִינְץ צוּא אִים ״דָאס דִיא עֶווגֶענִיֶע אִיז גָאר נִיט אַזוֹ פִיל וָוערְט דָאס אִיךְ זָאל מִיךְ אָפְּפֶערִין פַאר אִיר , וַוייל זִיא פִירְט אַיין צוּפְרַייעֶס לֶעבִּין , גֵיין זִיא אִיזְט רֵיין אוּנ אוּנְשׁוּלְדִיג וִויא אַיין גוּטֶער אֵיינְגֶעל , שׁוּלְד אִין דִיזֶעם אַרְט לֶעבִּין אִיז נוּר דִיא מוּטֶער , אִין מַיינֶעם הוֹיזֶע אָבֶּער וָועט זִיא זַיין דִיא בֶּעסְטֶע פְרוֹיא אִין דֶער וָועלְט , אוּנ פַאר דִינְט אַלְזוֹ בַּייא מִיר דָאס אִיךְ זָאל פַאר אַלֶעם וַואגֶען״ :

אִין דֶער זֶעלְבִּיגֶע צַייט פוּן דִיזֶעם גִישְׁפְּרֶעךְ וָואס וַואר צְווִישִׁין דֶעם פְּרִינְץ קַאמְפֶּערַאטָא אוּנ אַלִימְפִּיָא אִין דֶעם קְוַוארְטִיר פוּן דֶעם מַארְקִיז , הָאט זִיךְ גִילָאזְט אָן מֶעלְדִין צוּא דֶער זָאפִּיֶע הָאוַוארְד דֶער אַגֶענְט מַאנִיֶע צוּ זַאמֶען מִיט דֶעם מַאקַארְדָא וָואס וַואר דֶער גִיהַיים סַאקְרֶעטֶער פוּן דֶעם פְּרֶעזִידֶענְט נַאפָּאלְיָאן , דִיזֶעם מֵיידְכֶען וַואר עֶרְגֶעבִּין דֶעם נַאפָּאלְיָאן מִיט לַייבּ אוּנ לֶעבִּין , נִיט דַארוּם שׁוֹין וַוייל עֶר הָאט וַוייטֶע אוֹיס זִיכְטֶען אוֹיף אַטְרָאהְן אוּנ נִיט וַוייל עֶר אִיז שׁוֹין פְּרֶעזִידֶענְט , גֵיין נוּר וַוייל זִיא הָאט אִים אַלֵיין אוֹיף רִיכְטִיג גִילִיבְּט , אוּנ וָואלְט אִים גֶעלִיבְּט זֶעלְבְּסְט וֶוען עֶר וָואלְט בֶּעטְלֶער גִיוָוארִין , אוּנ עֶר וַואר אַלְזוֹ בַּייא אִיר דִיא אֵיינְצִיגֶע שְׁפִּינְדֶעל אוּם וֶועלְכֶער עֶס הָאט זִיךְ אִיר גִידַאנְקֶען פָאדֶעם גִיוִויקֶעלְט , אוּנ הָאט אַלְזוֹ אִין אִיר אוּנְשׁוּלְד נִימַאלְס גִידֵיינְקְט דָאס עֶס זָאל מֶעגְלִיךְ זַיין דָאס נַאפָּאלְיָאן זָאל אִיר אַוֶועק וַוארְפִין אוּנ פַארְגֶעסִין אַלֶעם וָואס זִיא הָאט פַאר אִים גִיאָפְּפֶערְט , נוּר צוּ הָאט אִיר גֶעפְּלָאגְט אִיר גֶעווִיסִין פַאר דֶעם וָואס זִיא הָאט זִיךְ אַזוֹ שְׁלֶעכְט בֶּעגַאנְגֶען גֶעגֶן אִירֶע עֶלְטֶערְן , דִיזֶעם בְּלַייבְּט אוּנְז אַיין גִיהַיימֶענִיס , פֶערְמוּטְהְלִיךְ (בְּוַדַאי) הָאט אִיר הֶערְץ נִיט וַויינִיג גֶעלִיטִין דֶער פוּן , דָאךְ וַואר עֶס נִיט אָן צוּ זֶעהֶען אִיר אוֹיף אִיר גִיזִיכְט , דֶען דִיא לִיבֶּע פֶערְשְׁמֶערְצְט אַלֶעם לֵיידִין , בִּפְרַט נָאךְ אַיין מֵיידְכֶען וָואס נֶעמְט אָן מִיט דֶעם שְׁלַייעֶר אוֹיךְ אַיין אַנְדֶער נָאמֶען :

בִּיז דֶער נַאפָּאלְיָאן הָאט זִיךְ פַאר לִיבְּט אִין דֶער עֶווגֶענִיֶע , פְלֶעגְט עֶר צוּ בֶּעזוּכִין דִיא הָאוַוארְד אַלֶע אָווינְד , נָאךְ הֶער אָבֶּער וַוארִין זַיינֶע בֶּעזוּכֶע שׁוֹין פִיל זֶעלְטֶענֶער , אוּנ וֶוען עֶר פְלֶעגְט צוּ אִיר קוּמֶען פְלֶעגְט עֶר צוּ זַיין אַלֶץ צוּא טְרָאגִין , פַאר קִימֶערְט אוּנ פְלֶעגְט זִיךְ הַיילִין אַוֶועק צוּ גֵיין , אוּנ וַואר נָאךְ דֶער צוּ גַאנְץ אֵיינְגֶעזִילְבִּיג (וַויינִיג גִירֶעט) , אוּנ אַלְס זִיא פְלֶעגְט אִים צוּ פְרֶעגִין וָוארוּם זֶעהֶעט עֶר אוֹיס אַלֶץ אַזוֹ מִירֶעשׁ (אוּנְצוּפְרִידִין) אוּנ קוּמְט צוּ אִיר זֶעלְטֶענֶער אַלְס פָארְהֶער , גִוואר אִימֶער זַיין אַנְטְוָוארְט דָאס עֶר אִיז הֶעכְסְט בַּאשֶׁעפְטִיגְט אוּנ הֶעכְסְט בֶּעלַאסְטֶעט מִיט דִיא גִישֶׁעפְטִין פוּן דֶער רֶעגִירוּנְג אוּנ פוּן דֶער פָּאלִיטִיק , אוּנ זִיא וָואס זִיא הָאט עֶס אָן גִינוּמֶען פַאר אֵיינֶע וַוארְהַייט , הָאט אִין אִיהְרֶעם הֶערְצִין גִיוואוּנְצִין דָאס עֶר זָאל בֶּעסֶער וִוידֶער וֶוערִין אַיין פְּרִיוַואט מַאן (דָאס הַייסְט קַיין פְּרֶעזִידֶענְט זַיין) , אוּם עֶר זָאל נוּר אִיר אַלֵיין גִיהֶערִין אַלְס קֵייזֶער זַיין , אוּנ דֶעם לַאנְדֶע אוּנ דֶער פָּאלִיטִיק גִיהֶערִין :

אַלְס מֶען הָאט אִיר אָן גִימֶעלְדֶעט דָאס עֶס אִיז גִיקוּמֶען דֶער מַאקַארְדָא אִיר אַלְטֶער בֶּעקַאנְטֶער אוּנ צוּ גְלַייךְ דֶער גִיהַיים סַאקְרֶעטֶער פוּן אִיר גִילִיבְּטֶען .

איז זיא דאן געזעסין בייא איר שרייב טיש אונ האט גישריבין איין צעטעלכען צו דעם נאפאליאן וואס זיא האט אים שוין פון עטליכע טעג ניט גיזעהען, אונ וואר דאהער זייער צו פרידין מיט דיזער אנמעלדונג, דען זיא האט גימיינט דאס ער קומט צו איר פאר גיווים גישיקט פון איר געליבטין מיט אגיוויסע פארוצענע אונ איז אים ארויס ענטקעגין, אונ זיא האט זיך ניט גיקענט גינוג אפ וואונדערין אלס זיא האט דער זעהען לעבין אים שטייענדיג איין שיינעם יונגען מאן וואס וואר איר גאנץ אונבעקאנט "פאר ציהען זיא מאדאמזעל האווארד" האט זיך אפ גירופין דער מאקארד צו איר "דאס איך נעם מיר דיא פרייהייט איך פאר צו שטעלן דיזען יונגען הערען וואס ער איז איינער פון מיינע בעסטע פריינדע אונ צו גלייך פון איינער גרויסין פאמיליע וואס איז אין בעגריף (האט בדעה) אפ צו רייזין קיין לאנדאן, וויא ער איז נאך יונג אזו איז ער נאך גאנץ אונערפאהרין (אונגעניט), אלזו איז מיין וואונש דאס בעפאר ער וועט אפ פארין אהין בעקאנט צו מאכין אים מיט אייך, דאמיט איר זאלט אים קלאר מאכין מיט דעם גייסט (מאנירען) פון לאנדאן, אונ מיט אירע גרעסטע הייזער, אונ דאס גלייכין געבין אים איינע רעקאמאנדאציע צוא אייערע דארטיגע בעקאנטע, אונ איך האפע דאס דיזער יונגער מאן וועט אייך דארט קיינע שאנדע מאכין, דען ער איז הויך גיבילדעט, זייער רייך, אונ פון אונזער גרעסטין אדעל, ער הייסט אליווער דע מאנע". "אונ איך" האט זיך אפ גירופין דער אליווער דע מאנע זיך טיפער בייגענד "העטע פאר גיווים זיך ניט אונטער גישטאנען עס אייך דיזעס אן צו טוהען ווען ניט מיין פריינד מאקארד וואלט מיך ניט ארייין געפירט צו אייך, אונ וועל אייך אלזו העכסט דאנקבאר זיין דער פאר":

"אונ מיך פרייט עס העכסט" האט זיך דיא זאפיע האווארד (וואס האט ניט גידיינקט פון קיין בייזעס) דאס איר פאסט (האט) אזו איין איידעלין צו טרויען צו מיר, אונ וועל אייך אין דעם דינען וויא ווייט מעגליך איז, אונ איך האפע דאס איך וועל אייך זיין דער מיט פון גרויסין נוצין בייא אונזערע איינגלענדער וואס זיינען זייער שטארק אפ גינייגט פון פרעמד לענדער" אונ האט גיבעטין זיא ביידין זיצין, האט זיא בעווירטעט (מכבד גיוועזן) מיט וויין, האט זיך איינע היפשע צייט אונטער גיהאלטין מיט זיא, אונ דער מאנע וואר גינוג געשיקט אום זיך אזו ווייט צו בעפריינדין מיט איר בייא זיינעם ערסטין בעזוך, דאס ער האט באקומען פון איר דיא ערלויבענים צו בעזוכין איר זייער אפט, אויב וואול זיא האט נאך ב' ז אהער קיין ווארט גיוועקסילט מיט איינעם אנדערין יונגען מאן אלס מיט איר גיליבטען, אונ דיזער בעטריגער האט דיזע ערלויבינעם בענוצט אום אוים צו פירן דעם שעלמענשטרייך (שטוקע) וואס דר קארלאס האט אים פארוצעט:

ער האט איר בעזוכט גאנצע זעקס וואכין, אונ דיזע זעקס וואכין האט דיא זאפיע האווארד ניט איין ווארט גישפראכין מיט דעם נאפאליאן וועגין דעם מאנע, ניט וייל זיא האט גיוואלט מאכין איין גיהיימענים דער פון פאר אים, נור וייל זיא האט גיהאט מיט וואס נייטיגערעס אוים צו פילען דיא קורצע אונ

דיא

ריא זעלטענע צייט פון זיין בעזוכין איר , אונ וואס מעהר וויינגער ער פלעגט צו איר קומען , פלעגט זיא אלץ מעהר שרייבין צו אים צעטעליך וואס זיא האט אין זייא אים ערקלערט אלץ וויא פייעריג עס איז אירע ליבע צו אים , וויא זיא שמאכטעט נאך אים , איינינע מאל האט דיזער מאנע געהאט געלעגענהייט דיזע צעטלאך צו לעזען , דען ער פלעגט זייא זייער אפט דער וויסין ליגענדיק אפין אויף איר שרייב טיש אלס זיא וואר בעשעפטיגט אין קיך , אדער ביא דער טאלעטע (ביא דעם פוץ טיש) אין איר גאבינעט , ביא אזו איינער גילעגינהייט האט ער דער וויסט אויף איר שרייב טיש אזו איין גישריבענעם צעטיל צו דעם נאפאליאן , אין וועלכעם זיא לאדעט אים איין פייערליך צו זיך אויף דעם מארגידיגין אווינד , אונ וואס אין אים וואר ניט דער מאנט ניט איינמאל דער נאמען פרינץ נאפאליאן , דאס עס וואר זייער לייכט צו דייטען דאס דיזער צעטיל מיט דער העכסט גליהענדע איינלאדונג צו זיך אויף דער מארגענדען אווינד עס איינעם אנדערין גילט אזו גאר אים זעלבסט (דעם מאנע) , אונ דער צו נאך וואר ער אונטער צייכינט „פון מיר דיינע היים גיליבטע זאפיא האוואַרד״ , אונ מער וויא דיזעס האט אונזר אגענט ניט גידארפט , ער האט אים אריין גיליינט אין איינעם פון איהרע קאנווערטלאך וואס זיינען דארט גילעגין אונ האט אים ביא זיך באהאלטין , אונ אום דאס זיא זאל זיך ניט באלד אום זעהען אום דיזען צעטיל , איז ער פערבליבין ביא איר ביז האלבע נאכט , ער האט זיך אריין גילאזין מיט איר אין איינעם אינטערעסאנטין גישפרעך , אונ אלס ער איז אוועק פון איר איז זיא אריין אין שלאף צימער אונ האט זיך גיליינט שלאפין , אונ האט זיך ארום גיזעהען אום איר צעטיל דאס ער פעלט ערסט מארגין אין דער פריא :

זיא איז גיווארין דורך דעם העכסט אונרוהיג , האט אים אוים גיזוכט אלע ווינקעלאך , האט אוים גיפרעגט אלע אירע דינערשאפט צו ווארין זייא ניט ביא דעם טישעל , קיינער אבער פון זייא האט ניט גיוואוסט פון וואס צו זאגין , אונ ביא אלעם דעם איז איר ניט ארויף גיקומען אויף איר גידאנקען דאס עס דער מאניע זאל אים גינומען האבין , דען צו וואס זאל ער עס קענען גאר גיברויכין , אונ דיזער מאניע האט באלד וויא ער האט באקומען דעם צעטיל אים אפ גינעבין דעם אויבער פאליציא מייסטער קארעל וואס האט אים באלד נאך זיינעם איבער לייענען אים העכסט גידאנקט אונ ווארעם דיא האנד גידריקט , אונ אויך בעפוילין דאס לויט דיזער איין לאדונגס קארטע וואס קען זייער לייכט גידייטעט ווערין דאס דיא איין לאדונג גילט (איז גימיינט) נור אים זאל ער זיך מארגעדיגין אווינד איין גיפינען ביא איר , אונ האט אים דער ביא נאך אמאל פאר שפראכין איינע גרויסע בעלוינונג ווען ער וועט דיזער ראלע זייער גוט אוים שפילין :

באלד דארויף האט דער קארלע איבער גינעבין דעם צעטיל דעם מאקארד וואס וואר דער גיהיים סאקרעטער פון דעם נאפאליאן , אונ דיזער האט אים איבער גינעבין זיינעם הערען נאפאליאנען וואס ער האט נאך פון דער גאנצער אינטריגעם גאר ניט גיוואוסט , (אדער בעסער צו זאגן גימאכט זיך ניט וויסענדיג),

דען

דען ער האט אזו גאר דעם אגענטין מאניע ניט גיקאנט , און אויך ניט גיהערט פון אים , „דיזען צעטיל האט מען גיפונען" האט אים דער סעקרעטער גיזאגט איבער געבענדיג אים דיזע שריפטעל „אין דער טאשע פון איינעם גיוויסין מאניע וואס דיא גיהיימע פאליציי האט גיהאט אויף אים איין פערדאכט דאס ער האנדילט מיט פאלשע סיגנאציעס , און וייל דיזער צעטיל איז איין שרייבין פון זאפיע האווארד , גיב איך עס איבער אייך דאמיט איר זאלט וויסין וואו איר האלט מיט איר אין דער וועלט" :

אזעלכע קלוגע בעאמטע (ציגאווניקעס) האט דער נאפאליאן ארום זיך גיהאט , דאס זייא האבין פאר שטאנען צו בעדינען זיך מיט דיא גרעסטע פאר ברעכער אום אויס צו פירין אלע בלוטיגע פלאנען פון זייער הערען , וואס זאלין דאך ביי אלעם דעם מיינען דאס ער אליין (נאפאליאן) ווייס גאר ניט דרגפון , און וועלין אלזו ניט האבין וואס שלעכטעס צו ריידין פון אים , נאפאליאן האט דיזען צעטיל דורך גילעזין און האט דער ביא שטארק גיקנייצט דעם שטערין :

„ווען איר ווילט וויסין אויף קלאר וויא עס האלט מיט דער זאפיע האווארדס ערליכקייט" האט זיך דער סעקרעטער ווייטער אפ גירופין צו אים „זאלט איר בעזוכין דיא האווארד היינט ביא נאכט , דאן ווען דיזע זאכע איז וואהר דאס זיא איז פאר ליבט אין דעם מאניע , און דיזע איין לאדונגס קארטע איז ווירקליך גישיקט פון איר צו אים , וועט איר דעם מאניען דארט דער וויסין ביא איר , און ווען ניט מוז זיין דאס גיפינען פון דעם צעטיל ביא דעם מאניען אין דער טאשע נור איין שפיל פון דעם בלויזין צופאל (דאס הייסט פיליכט האט עס דער מאניע נור גיפונען) און ווייטער גאר ניסט" . „איך וועל שוין וויסין" האט ער אים אפ גיענטפערט „און ווען עס וועט קומען אהער איין בעדינטער פון דער האווארד , זאלט איר אים זאגן דס איך בין דיזין אווינד פר נומען אין אבציסטווא :

פון דיזער אבציסטווא האט דער קאנלע פיל בעסער גיוואוסט אלס דער סעקרעטער , דאס וואר נור דער זאלאן פון גרעפין מאנטיבע וואו עס וואר אים פיל ליבער צו גיין אלס צו דיא זאפיע האווארד :

21.

„דער זאלאן וואס איז אין דער שטראזע סענט אנטואן נומער 10"

אין דער שטראזע סענט אנטואן וואס איז איינע פון דיא פאראדאסטע שטראזין פון פאריז , האט דארט אין נומער 10 לאזירט (איין גישטאנען) דיא גרעפין מאנטיבע , און האט גיפירט איין שטאט (איין רייכעס לעבין) וויא פארהער אין מאדריד און דער נאך אין לאנדאן , און איר זאלאן וואר וויא דארט איין זאמעל פלאץ פאר דיא גרעסטע אריסטאקראטין (אדעל) , און פאר דיא גרעסטע מיליאנערין און גילערינטע , און אזו אויך וויא דארט האט זיא גילעבט און גידעקט דיא גרויסע קאסטין פון אזו איין הויז האלטונג נור פון גרויסע פרעזענטער ,

און

אונ הילפסגעלדער (וואספאמעהייגעס) וואס זיא האט בעקומען פון דיא רייכע בעזוכער, דען נימאנד פלעגט צו קומען אין דיזעם הויז מיט לידיגע הענט, אונ וואר דער פאר בעלוינט פון דער מוטער אונ פון דער טאכטער מיט איינעם פריינדליכין ניקען, מיט איינעם גיפעליגין בליק, אדער מיט איינעם האלדען ליבליכין לעכעלין, איינער פון דיא פארנעהמסטין אונ איינטרעגליכסטין בעזוכער פון דיזעם זאלאן וואר וויא מיר ווייסין שוין דער קאמעראטא, עס וואר וועסט אזו גאר בעשלאסין דאס מען זאל דיזען שפאנישען פרינץ גאנץ פערדריינגען אים פון דארט צו ליב דעם פרעזידענט נאפאליאן וואס איינע קראנע (קרוין) שוועבט איבער זיין הויפט, דאך אבער דיא קלוגע מוטער דיא טעבי מאנטיכע וואס וואר נאך ניט איין גיטרויט אין דיא ליבע זיינע צו איר טאכטער, אונ וואס וואר אימער אין איינער גרויסין געלט נויט, אונ ווידער ווען עס וועט ניט אויס גיפירט ווערין מיט נאפאליאן האט זיא פאר איר טאכטער קיינע בעסערע פארטי אלס דעם פרינץ קאמעראטא, האט ניט צו גילאזין דער צו, האט דיזעם שפאנישען פרינץ ווידער פריינדליך אויף גינומען אין איר זאלאן, ניט קוקענדיג דארויף דאס זיין צוריק אריין טרעטין אין איר קרייז (גיזעלינשאפט) קען פאר אורזאכין (אן מאכין) צאנק אונ האדער (קלאפאט) אין אירעם הויזע, נון לאמיר צו טרעטין צו אונזער ערציילונג, אין דיזער נאכט וואס דיא זאפיע האווארד האט גיזאלט איבער ראסט ווערין (איבער גיפאלין) פון דעם נאפאליאן וויא מיר ווייסין פון פריער, האט גיזאלט אויך דער נאפאליאן צוזאמען קומען דאס ערסטע מאל מיט דעם שפאנישען פרינץ קאמעראטא אין דעם זאלאן פון דער גרעפין, אלזו האט גידארפט זיין דיזע נאכט פון גרויסער וויכטיגקייט:

דיא עוגעניע אבער וואר אנדערס גיזאנען (גידיינקט) אלס איר מוטער, זיא וואר גאנץ אבגיניינט פון קאמעראטא, אונ וואר צוגיטאן נור דעם נאפאליאן וואס איז שוין פרעזידענט פון פראנקרייך, אונ האט נאך דיא בעסטע האפענונג צו בעשטייגין אויך דעם פראנצויזישען טראהן, אונ האט אלזו אין אים איין גיזעהען דעם קרוין פרינץ וואס דיא ראדלינע האט איר אין אירע קארטין אויס ווארפין פארגעשפיגעלט, דאהער האט זיך דיא עוגעניע אין דיזעם אווינד וואס וואר זייער הויך גיפייערט (פאראד גימאכט) ביא איר מוטער אין זאלאן, אונ וואס ווארין איין גילאדין דארויף גרויסע פערזוינליכקייטין, אונ דיא ביידע פרינצען נאפאליאן אונ קאמעראטא, גאנץ אויס גיקראמט (אויס גיפוצט) מיט אירער שיינהייט, אום צו בעצויבערין דעם נאפאליאן מיט אירעם עלעגאנץ, אונ עס איז איר ווירקליך גילונגען (געגליקט), דען אין דיזעם אווינד האט ער זיך אזו וייט פאר ליבט אין איר דאס ער האט זיך בעשלאסין ניט אנדערס דאס עוגעניע מוז בלייבין זיינע, אונ מוז אלזו לויז ווערין פון צווייא פערזוינען וואס קענען שטארק הינדערין (שטערין) אין דיזער זאכע, איינע פון דיא ביידע פערזוינען ואר שוין ביא אים וויא פערניכטעט (גאר ניסט גיווארין פון איר), אונ דאס איז יא האווארד, דורך דיא אינטריגע פון דעם מאנען, אונ פון דר צווייטע פערזוין

דאס

דאס הייסט פון דעם קאמעראדא , מוז ער נאך ערסט אויס דיינקען וויא לויז צו ווערין פון אים זעלבסט אין דיזער נאכט , אונ דיזעם האט שוין אלימפיא פאראויס גיזעהען , אונ האט העכסט גיווארינט דעם קאמעראדא דאס ער זאל דיזען זאלאן אויס ווייכין וויא דיא פעסט , עס וואר אבער גירעט נור פאר טויבע אויערין , ער האט עס גאר ניט גיהערט , אונ וואר אלזו דארט אין זאלאן דער ערסטער פון אלע געסטע , אונ האט גיהאט צו זיינעם אונגליק נאך דארט דעם ווארעמסטין עמפפאנג (אויף נאהמע) פון דר עווגעניע וואס האט עס גיטאן מיט אבזיכט אום צו מאכין דעם נאפאליאן העכסט אייפערזיכטיג (פערדריסליך) אויף אים , אום דאס ער זאל ארייין צייכענען אין דיא ליסטע (רייסטער) פון יענע הונדערטע פערזוינען וואס ער מוז זייא איבער טראנספפאטירין אין איינער אנדערין וועלט פון וועלכער מען איז נאך ביז העער ניט גיקומען צוריק , אום זייא זאלין אים ניט הינדערין (שטערין) אין זיינעם שטאט שטריך (דאס הייסט אום צו ווערין קייזער אין פראנקרייך מיט גוואלד) :

עס זיינען אין דיזעם אווינד אהין גיקומען זייער פיל געסטע פון דעם גרעסטין אדיל , עס וואר דער האלב ברודער פון נאפאליאן דער הערצאג מארני , דער פרינץ פון מאנטאנעגרא , דער אלימפיא , דער מארקיז מאנטאלאן , אונ אם ענדע איז גיקומען אויך דער פרעזידענט נאפאליאן וואס איז גיווארין העכסט אויף גיבראכט ביא זיינעם ערסטין אריין טרעטין אין זאלאן אלס ער האט דער זעהען דאס דער קאמעראדא פירט זיך אום מיט דער עווגעניע אונ קוקט איר טיף אינם גיזיכט , אונ האט אלזו אקוק גיטאן אויף אים מיט ביסטרען אונ פאר אבטעטין בליק וואס האט דייטליך אויס גידריקט דיא פראגע "אזו ! וואס טוט דא ווייטער דיזער לעסטיגער גאסט" ? דיזער קאמעראדא האט דיא בעדייטונג פון דיזעם דורך דרינגענדען בליק זייער גוט פאר שטאנען , אונ וואר דער פון זייער גיקריינקט , נאך מער אבער האט ער זיך גיפונען בעליידיגט דורך דעם וואס דיא עווגעניע האט אים דאן אויף דער שטעלע פאר לאזין אונ האט זיך צו גיווענדעט זייער הייפליך אונ העכסט פריינדליך אונ גאנץ ליבליך צו דעם נאפאליאן , אונ דיא ביידע פרינצען האבין זיך אלזו העכסט פיינדליך אן גיקוקט וויא צוויא גרימיגע לייבין וואס טרעפין זיך אן ביא איינער שאפע , אונ אלע אויגין האבין גיקוקט אויף זייא ביידין :

דיא עווגעניע וואס וואר דורך דיזע שצענע אין דער גרעסטע קלעמע , אונ האט גיוואלט אפ ציהען פון דעם זאלאן וואס עס זיינען דארט טויזינד אויגין אויף איר גערעכטעט מיט עהרען , האט זיא אן גינומען דעם נאפאליאן פאר דער האנד אונ איז מיט אים ארייין אין איינעם אנדערין זאל וואס האט גיהייסין דער גריינער צימער , אונטער דעם אויס רייד דאס עס איז דארט פיל לופטיגער אלס אין זאלאן , דען דיזער צימער וואר גאנץ ליידיג פון מענטשין אונ זיינע אפענע פענסטער ווארין גיווענדעט אין איינעם בליהענדען לוסט גארטין , אונ זייענדיג דארט גאנץ אליין האבין זייא זיך העכסט לוסטיג גימאכט איבר דעם קאמעראדא .

אונ

און באלד ארויס גיפלאצט אין איינעם שאלענדין (הויכין) גילעבטער וואס דאס האט העכסט גיקריינקט דעם שפאנישען פרינץ וואס איז גישטאנען ביא דער טיר פון דיזעם צימער אום צו הערין וואס זייא ריידין דארט, דער צו נאך האט ער צו זיינעם ליידוועזען (פערדרוס) בעמערקט דאס נאפאליאן קוקט אים אן פון דיזעם גרינען זאל ארויס מיט שפאט אונ פעראכטונג, אונ האט נאך דער צו אים בעטיטעלט (גינאענט) זייער לויט (הויך) פאר דער עווגעניע (אום דר קאמעראטא זאל עס הערין) מיט דעם פעראכטעטין נאמען „האזענפוס" (טרוס) „ווייבער העלד". „פרינץ אן האפענונג" אונ מיט נאך אזעלכע לעכערליכע טיטולען וואס עס האט דעם קאמעראטא אזו ווייט אויף גיבראכט דאס ער האט אריין געשריטין אין דעם גרינען צימער אונ: זיך אפ צו רעכענען מיט אים דער פאר:

קוים אבער האט ער גיטאן דעם ערסטין שריט, האט אים אן גענריפין דער מארנע נאפאליאנס האלב ברודער וואס איז גישטאנען ניט ווייט פון אים, אונ האט אים אפ גיהאלטין פון צו גיין ווייטער, אונ האט צו אים גיזאגט „פאלגין זייא מיך אונ מאכין קיין שריט ווייטער, דען וואו דער פרעזידענט פון דער רעפובליק בעשפרעכט זיך מיט איינער צווייטין פערזאן, דארף קיין דריטער זיך וואגין אריין צו גיין":

„ווען אזו ליבער מארני" האט זיך דער קאמעראטא אפ גירופין „זיינען זייא אזו גיפעליג אייערין ברודער צו זאגין, דאס ער האט מיך העכסט בעליידיגט, ער האט מיך גענאענט האזענפוס, ווייבער העלד, נון האב איך רעכט אים צו צייגין דאס דיזעם בין איך ניט, אונ פאדערע אים ארויס אויף איין דועל (פאעדיניק)":

„ניין מיין ליבער פרינץ דיזעם וועט ניט גיין" האט אים דער מארני גיענטפערט „דען ער איז דאך פרעזידענט פון פראנקרייך, אונ אזו איינע פערזוין נעמט קיין דועל אן". „אלזו איז ער איין האזענפוס (טרוס) אונ ניט איך, אונ וועל עס אין אלע צייטונגען בעקאנט מאכין", דער מארני איז גיווארין דער פון אויף גיקאכט דאס ער האט אוים גרויס צארין ניט אווארט גיקענט ריידין, האט זיך נור פערנייגט פאר אים אונ איז אריין צו דעם נאפאליאן אין דעם גרינען צימער, אונ האט אים דער ציילט פון זיינעם גישפרעך מיט דעם קאמעראטא:

נאפאליאן האט אים גידאנקט פאר זיין אפ האלטין אים, אונ פאר זיין אנטווארט וואס ער האט אים גיגעבין אויף זיין פאר לאנג דאס ער זאל זיך מיט אים דועלירען (גיין אויף פאעדיניק), דען ער האט אלזו דורך דעם גאנץ בעזייטיגט (אוים געמידין) מאנכען סקאנדאל (בעליידיגונג), וואס עס וואלט דער מיט גאנץ פאריז אויף גיווען, אונ האט אלזו באלד דארויף גינומען אבשייד פון דער עווגעניע מיט דער גרעסטין צערטליכקייט אונ איז זיך ארויס גראדע פון דעם גרינען צימער אויף דיא טרעפ אונ ניט דורך דעם זאלאן אום זיך ניט צו בעגעגענען מיט דעם קאמעראטא. האט זיך אריין גיזעצט אין זיין פאעטאן אונ איז אוועק גיפארין אהיים אויף אקליין ווילע, אום צו וויסען צו וואר ער גילאדין צו דער האווארד, אונ וואס דער סעקרעטער האט איר בעדינטען גיאנטווארט,

און

אונ אום נאך מאנכע פאליטישע זאכין צו פאר ריכטין, אונ דער נאך וועט ער בעזוכין אדער בעסער צו זאגין איבער פאלין דיא זאפיע האווארד:

באלד וויא נאפאליאן איז אוועק, איז דיא עווגעניע ארויס פון גרינעם זאל, האט פריינדליך געגריסט דעם קאמעראטא, אונ האט זיך אים גיצייגט פריינדליך וויא פריער, דען אזו לאנג מען איז נאך ניט גיוויס מיט איינעם מוז מען ביידין האלטין אויף דעם שנירעל, אונ דער קאמעראטא האט איר גירייכט דעם ארעם זיינעם אונ האט אומשפאצירט ווידער מיט איר איבער דעם זאלאן וויא פריער, דען דיא ליבע בלענדעט אימער דאס אויגע פון דעם פאר שטאנד, אונ האט אלזו אין דער זעלביגע מינוט אויס גישוויצט (שוין פאר געסין) גאר דיא קריינקונג וואס ער האט דא איבער איר גיהאט גאר דא ניט לאנג, אונ האט אלזו גאר ניט גיהערט וואס דער אלימפיא האט אים ביא זיינעם שיידין זיך מיט אים גיווארינט, דאס ער זאל זיך נעמען גוט אין אכט; אונ היטין זיך פאר נאפאליאן, אונ אויס מיידין דיא עווגעניע, צוואר ווארין שוין דיזע ווארנונגען שוין צו שפעט, ער האט אבער דיא פאריגע אויך ניט גיהערט:

ארום צווייען דעם זייגער ביא נאכט האבין אן גיהייבין דיא געסטע אויס אייננאנדער צו פארין, דער קאמעראטא וואר דער לעצטער וואס האט גינומען אבשייד פון דער עווגעניע, דען עס האט זיך אים גיוואלט אויס צו טרינקען דעם ליבעם קעלך (קעליסאק) ביז דעם דעק, אונ האט זיך דער נאך ארין גיזעצט אין זיין פאיעטאן מיט דער בעסטין האפענונג דאס דיא עווגעניע בלייבט נור זיינע אויף אימער אונ אייביג, קוים אבער איז ער אפ גיפארין דרייסיג אדער פערציג קלאפטער, איז דער פאיעטאן זיינער אן גיהאלטין גיווארין פון דרייא פאליצייסקע וואס ווארין גיוואפינט פון דיא פיס ביז דיא ציינער, איינער פון זייא האט זיך אנידער גיזעצט אויף דיא קאזלעס לעבין דעם קוטשער, אונ דיא איבעריגע צווייא האבין זיך ארין גיזעצט אין פאיעטאן פון דעם קאמעראטאס ביידע זייטין, דיזעס אלעס איז גישעהען מיט אזו איינער שנעליקייט דאס דער פרינץ האט גאר קיין צייט גיהאט זיך צו וועהרין, אונ אזו גאר צו פרעגין ווער זייא זיינען, זייא האבין אים בערוהיגט. זייא האבין אים מער ניט וויא געוויזין דאס זייא האבין איין בעפעהל דער צו פון דעם מארני, אונ האבין גענייטיגט דעם קוטשער צו פארין אין דער שטראזע לאראקעטע וואס דארט איז שרעקליכסטע גיפיינגעניס הויז (טורמא) פון גאנץ פראנקרייך, וואס האט דעם זעלביגען נאמען פון דיזע שטראזע "לאראקעט", אונ דארט וואר דער פרינץ ארין גיזעצט אין איינעם פון דיא דארטיגע קאזעמאטען. אן איין דאפראס, אן איין פריגאוואר, אונ וויא עס איז אונז בעקאנט איז דארט נור איין אויסגאנג (וויחאד) (דאס הייסט פון דיזער טורמא) וואס ער פירט נור צו דער קווילענטינע (עשאפאט):

22.

„דער הער דע מאנע"

אין דער זעלביגע נאכט וואס אלעס דיזעס ערצײלטעס איז גישעהען אין דעם זאלאן פון דער גרעפין מאנטיכע, האט דיא זאפיע האוואַרד גישיקט איר בעדינטען אין דעם עליזייעסין פאלאץ וואס דארט האט גיוואונט נאפאליאן, אום איין צו לאדין אים צו איר אויף דיזער נאכט, דען עס וואר שוין מעהרערע וואכין פאר גאנגען דאס ער האט איר ניט בעזוכט. קיין קליינעס גישײנק גימאכט. אונ אויך אזו גאר קיינע בלומע צו געזענדעט:

דער באדינטער האט אבער נאפאליאנען ניט דער וויסט, אונ האט זיך אלזו גימוזט ווענדין צו זיין סעקרעטער מאקארדאם, מיט דיזער פארוצעגע דאס זאפיע האוואַרד לאדעט דעם הערען צו זיך אויף דיזער נאכט, אונ האט פון אים בעקומען דיא זעלביגע אנטוואָרט וואס נאפאליאן האט אים גילײגט אין מונד, דאס ער איז אין איינער פאליטיצנע אבשעצעסטווא, אונ וועט דארט פאר בלייבין ביז טאג, אלזו איז איר שוין ניט צו ערווארטין אים אין דיזער נאכט:

זיין אוים מײדין איר שוין אזו אצייט, אונ דער צו נאך דיזער אנטוואָרט וואס דער סעקרעטער האט גיגעבין איהרעם בעדינטען, האט איר העכסט בעאונרוהיגט דאס זיא האט שוין אזו גאר אן גיהײבין צו צווייפלען (צו ווערין מסופק) אין דיא שטאנדהאפטיקײט פון זיינער ליבע צו איר, אוויילע האט זיך איר גידוכט דאס ער וויל שוין פון איר לויז ווערין, אונ אין אווײלע ארום האט זיא אים ווידער פאר ענטפערט בײא זיך דאס ער בעזוכט איר אזו זעלטין נור ווייל ער איז בעשעפטיגט אלץ אין דיא רעגירונג גישעפטין, אין דעם וויא זיא וואר דא אזו מיט זיך זעלבסט ניט איינינ, וואר איר אן גימעלדעט דאס דער הער דע מאנע איז גיקומען אונ פאר לאנגט אויף גינומען צו ווערין פון איר, זיא וואר העכסט אונצופרידין מיט דיזער מעלדונג. דען דער מאנע וואר איר שוין פון לאנג גיפאלין צו לאסט מיט זיינע הייפיגע בעזוכע, אונ בפרט נאך איצונד בײא נאכט, אונ וואס איז איר זייער ניט גוט צום מוטה, אונ האט אלזו גיוואלט אים לאזין זאגין דורך איר קאמער מײדכען, דאס זיא קען אים איצונד ניט אויף נעמען, אונ דער צו נאך אים געבין דערבע (הארטע) ווינקע דאס ער זאל איר שוין ווייטער פערשוינען מיט זיינע בעזוכע, אונ זאל שוין מעהר ניט קומען צו איר עס וואר שוין אבער צו שפעט, דען דיזער לעסטיגער גאסט האט זיך ניט דער ווארט אויף אנטוואָרט אונ האט זיך אליין גיוויזין צו איר אין צימער אן ערלויבינג אונ האט זיך טיף פערנייגט פאר איר אין טראץ (פראטיוו) איר אונצופרידעניס גיזיכט וואס זיא האט גימאכט בײא זיינער ערשיינען, האט ער זיך אב גירופין צו איר זייער פריינדליך רייבענדיג זיך דיא הענד „פאר צייהען זייא מיר מאדאמזעל האוואַרד וואס איך בעאונרוהיגע אייך אין דיזער שפעטין שטונדע מיט מיינעם אנצייטיגען בעזוך, דען איך טוא עס ניט אום צו פאר קירצין מיר דיא צייט אויף

אייער

אייער רעבענונג , איך בין צו דיזעם בעזוך וויא גיצוואונגען , איך האב בעקומען בעפעהל פון דער רעגירונג דאס איך זאל ביז מארגין שוין ניט זיין אין פראנקרייך ווייל איך בין אן גיקלאגט גיווארין דאס איך גיהער צו דער פארטייא פון דעם לואי פיליפ , אונ קען אלזו שעדליך זיין צו דער נייע גיבאקענע רעפובליק . אונ אוועק פארין ניט נעהמענדיג אבשייד פון אייך , אונ אן איין ווארעמען גרוס צו אייערע פריינדין וואלט עס גיוועזען דיא גרעסטע גראבהייט פון מיר , דען מעהר אלס זעקס וואכין וואר מיר אייער הויז אפין , איך האב אין דיזער צייט גיהאט דיא בעסטע אויף נאהמע ביי אייך , איר האט מיך בלעהרענט וויא איך זאל מיך בעגיין אין איינגלאנד . אונ וואלט נאך אלזו איצונד איינע ראקעמאנדאציע פון אייך בעקומען אן דעם הערען האמילטאן וואס וואר איינסט אמאל אין הויז פריינד פון אייערע עלטערין :

דיזע ענטשולדיגונג האט אוים גיקנייצט באלד אונ אוים גיגלעטעט איר גיזיכט וואס וואר גירונצילט ניפאלבט צייט איינינע שטונדע פון פאר דרוס אונ קריינקונג . אונ איר פארינער אונוויליגען צו אים האט זיך פאר וואנדילט אין מיטלייד , אזו זייא זיינען גיצוואונגען צו פר לאסין אייער פאטער לאנד ? האט זיא זיך אפ גירופין צו אים , אונ שוין ביז טאג זאלט איר שוין אפ גירייזט זיין ? „אונ ווארום האבין זייא עס מיר פריער גימעלדעט , איך העטע דעם פרעזידענט דארום גיבעטין„ „ניין מיינע טייערע מאדאמזעל„ האט ער זיך אפ גירופין „ער זעלבסט האט דיזען בעפעהל אונטער שריבין , אונ מוז אלזו שוין ארוים פון פאריז„ „אונ צו מיינעם בעדויערין„ האט זיא זיך אפ גירופין בין איך גראדע ניט אויף געלויגט (בין ניט שפאסאבנע) איצונד אזו גאר איינע צײלע צו שרייבין , אלזו מוזט איר אייך גידולדען דאהער איינע מאנכע האלבע שטונדע ביז איך וועל מיך זאמלען (בערוהיגין) , אונ דאן וועל איך אייך דער מיט בעזארגין :

אונ אונזער מאנע וואס האט עס גיוואונצין פון הערצין האט זיך ניט גילאזט בעטין , אונ איז ביי איר פאר בליבין נאך מעהר אלס איינע גאנצע שטונדע וואס וואר פאר שוואונדין אונטער איינעם פאליטישען גישפרעך אונטער זייא וויא איינע מינוטע , אונ דיזע גישפרעך וואלט נאך פילייכט לייננער גידויערט , ווען עס וואלט ניט ווער אן גיצויגין דעם גלאקין שנור פון טיר , דען קוים האט דער מאנע דער הערט דעם קלאנג איז ער אויף גישטאנען אונ האט זיך אן גיהייבן צו זעגענען מיט דער זאפיע האווארד „אלזו בלייבט מיר גיזונד אונ לעבט וואול מאדאמזעל האווארד„ האט ער צו איר גיזאגט , איך מוז שוין אוועק ניט נעהמענדיג פון אייך דיא רעקאמענדאציע , דען איך האב מיך דא פיל פאר זאמט , אונ ווידער וויל איך ניט האבין דאס איינע דריטע פערזאן זאל מיך ביי אייך זעהען , איך בין דאך שוין פון היינט אן איין גיקלאגטער אלס אפאליטישער פארברעכער , זיין שיידין זיך מיט איר האט איר איר הערץ גערירט , האט אים דיא האנד גירייכט , אונ ער האט איר בעדעקט מיט פייערדיגע קיסע (קושונגע) :

אין דעם איז אריין גילאפין מיט גרוים האסט דיא דינסט מיידכען אונ האט

אן

אן גיזאגט דער האוואַרד דאס נאפאליאן איז עס דער וואס האט אן גיקלונגען, און ער איז שוין אין פאר צימער, דיא האוואַרד האט זיך העכסט ערפרייט, דען זיא האט זיך דאך ערווארט אויף וואס זיא האט גיהארט, און האט גיוואלט ארויס גיין אים אנטקעגין, דער מאנע אבער וואס האט נאך ניט לויז גילאזין איר האנד, האט איר אפ גילאזין און האט איר באשווארין ביא אלע היילינגקייט דאס זיא זאל אים פריער ערגעץ וואו באהאלטין, דען ער פירכטעט זיך פאר נאפאליאנען, "אום גאטעס ווילין בלייבט רוהיג" האט זיא אים גיזאגט "איר זייט גאנץ זיכער ביא מיר אין שטוב עס וועט אייך קיין בייז גישעהען". "מיין ליבע האוואַרד" האט ער איר גיענטפערט "ער דארף מיך דא ניט זעהען אלזו צייגט מיר אם ווייניגסטען איין ארט וואו איך זאל מיר קענען איבער זיצין זיכער ביז ער וועט אוועק גיין פון דאנען", און ניט דער ווארטענדיג זיך אויף אירע ווייטערע ראספרעזענע האט ער זיך ארונטער גיחאפט אונטער דעם פארהאנג פון דער שפאלנע אירע און האט זיך דארט טיף פאר שטעקט אונטער אגרויסין שפיגעל, דיא האוואַרד האט זיך גיפונען דורך דעם זייער בעליידיגט און גיקריינקט, און האט אלזו גיוואלט ארויס האלען אים פון דארט, קוים אבער האט זיא גיטאן דעם ערסטין שריט צו דער שפאלנע איז אריין דער נאפאליאן און האט איר דער וויסט העכסט אויפגערעגט (טריוואזעט) און האלב וויא צו מישט, דער צו נאך ארויס נייגענדיג זיך האסטיג פון דער שפאלנע, און אזו האט זיא אן אים אויך אן גימערקט דאס ער איז ניט ביא גוט ערלוינע (שטימונג) און העכסט אונרוהיג, ביא אלעם דעם האט זיא אים עמפפאנגען העכסט פריינדליך און ליבליך, און האט זיך גיפרייט מיט אים וויא איין אונשולדיגע מיידכען מיט איר היים גיליבטען, און האט זיך אין דיזער אויגענבליק פאר געסין אן אלע אירע קימערונג און טרויערקייט, און אויך אן דעם מאנע וואס ליגט באהאלטין ביא איר אין שפאלנע, דיזער ווארעמער עמפפאנג אבער האט גאנץ ווייניג גיווירקט אויף דעם פינסטערין הומארג (גייסטעס שטימונג) פון דעם נאפאליאן, און זיינע בייזע געזיכטס מינען זיינען דורך דעם ניט גיווארין פריינדליכער, און דיא זאפיע האוואַרד איז דורך דעם גאנץ און גאר פערניכט גיווארין, דען נאך האט זיא אים ביז העהר ניט גיזעהען אין אזו ראזסטרויסטווא (צערשטרייאונג):

"וויא עס ווייזט אויס" האט ער זיך אפ גירופין צו איר "האט איר מיך ניט דער ווארטעט אויף דיזען אווינד". "גאנץ געווים אזו" האט זיא אים גיענטפערט, און דאהער איז מיר איצונד דיא פריידע גרעסער אייך צו זעהען ביא מיר. "און איר מיינט עס ערינסט" ? האט איר נאפאליאן גיפרעגט "איך האב נאך קיין מאל איין ליגען גיזאגט" האט זיא אים גיענטפערט "און בפרט נאך אייך". "עס איז מעגליך" האט ער זיך אפ גירופין "דאס ערסט אין דיזער נאכט האט איר אן גיהייבין ליגין צו זאגין "און זאלכעס האב איך מיך ניט גיריכט צו הערן פון אייך" האט זיא אים גיענטפערט "וויא איך זעה זייט איר אין דיזין אווינד נאר און גאנץ ניט אויף גיראמט, און איך האב עס אן אייך בעמערקט ביא אייערע

ערסטין

ערסטין ארין טרעטין אהער". „אונ דאס זעלבע קען איך עס זאגין אויף איך" האט ער זיך צו איר אפ גירופן, „ווען איך האב איך דער וויסט אין דער גרעסטע פערוווירונג (ראזסטרויסטווא) דאס עס האט איך שוין פיל מיהע גיקאסט אום זיך זעלבסט צו בעצווינגען אום צו ערהייכלען (צו ערפאלשען) איינע פריינדליכע מינע נעגין מיך, פערגיוויס בין איך איך גיקומן ניט צו איינער נוטין גלעגינהייט, איך שטערע איך פיליכט מיט מיינעם ערשיינען היר ? „ניין מיין ליבער פרינץ" האט זיא זיך אפ גירופין „איר שעפט אויף מיך איין אומזיסטען פערדאכט (חשד), איך בין ריין וויא איין איינגעל, גאט אין הימעל ווייס דאס איך בין איך העכסט ערגעבין. אונ קיין איינציגער פערבאטענער גידאנקען האט זיך ווען פערקראכין אין מיין אונשולדיגע הערץ, „אונ ווען אזו וויא קומט אלזו איין ליבעס שרייבין פון איך אין דער האנד איינעם אנדערין" ? „אויך דיזעס איז נור איין ליידינגער ליגען" האט זיא אפ גיענטפערט מיט גרויס פאר דרוס, „אזו זאפיע האווארד" ? האט ער זיך אפ גירופין מיט איינער נאך פינסטערער מינע, „אונ ווער איז דיא שרייבערין פון דיזעס ליבעס צעטיל, אדער בעסער צו זאגין פון דיזער איינלאדונגס קארטע" ? (ער האט איר דער ביא גיצייגט דעם צעטיל וואס דער מאנע האט צו גיצופט פון איר שרייב טיש וויא מיר ווייסין שוין), בעקענען זייא מאדאמאזעל איז עס אייער שריפט אדער ניין ? :

זיא האט דיא שריפט בעטראכט, אונ האט באלד דר קענט דס עס איז איר האנד שריפט, אונ האט עס ניט פאר לייקענט „יאווירקליך עס איז מיין שריפט" האט זיא אים גיענטפערט „איך האב אים אבער גישריבין נור צו איך". „אונ וויא אזו האט ער זיך (דער צעטיל) פעאירט אין דער טאשע פון איינעם אנדערין וואס וואר רעוועדירט פון דעם אבער פאליצייא מייסטער, וויל ער וואר אין פערדאכט דאס ער האנדילט מיט פאלשע סיגנאציעס, אונ ער (דער פאליצייא מייסטער) וואס וויים פון אונזערע פערהעלטניסע מיט איינאנדער (דאס הייסט דאס מיר ליבען אונז), האט עס מיר אפ גיגעבין דאמיט איך זאל וויסען וואו איך האלט מיט איך אין דער רעכענונג פון אונזער ליבע" :

דיזעס אלעס האט דער נאפאליאן גישפראכין העכסט גריטיג אונ קאכענד וויא איין זידענדער קעסיל, אונ דיא זאפיע איז גיבליבין שטיין וויא איינע פאר ניכטעט, זיא איז אזו גאר באלד גיקומען אויף דער גאנצער אינטריגע, דאס הייסט דאס דער מאנע איז דא אין שפיל, זיא וואר אבער אזו ווייט געלעמט (אין אונמאכט גיוועזן), דאס זיא האט ניט גיקענט אים באלד איינע אנטווארט געבין דארויף, אונ עס וואר איר אונמעגליך אויך צוא האלטין זיינע פראגענדע בליקען וואס האבין איר וויא דורך גיבויערט :

עס זיינען מעהר אלס צוואנציג פינליכע מינוטין אזעלכע איבער גינאנגען אין איינעם טוידעס שווייגין איבער דיא זאפיע האווארד וואס זייא ווארין פאר איר איינע אייביגקייט ביז זיא האט דיא שפראכע גיפונען, אונ האט זיך דאן אפ גירופין „בייא אלעם דעם וויים איך ניט פון קיינעם אנדערין, אונ ווען זייא ווען זיך

זיך איין עטוואס גידולדין וועל איך איך שוין ערקלערין אויף וועלכען וועג מיין צעטיל צוא איך האט זיך פעראירט צוא איינעם אנדערין׃

„הערען זייא האאווארד״! האט ער זיך אפ גירופין צו איר „לאזין זייא מיך שוין צו פרידין, אונ אין רוהע מיט אייער פאר ענטפערין זיך אונ פאר לייקענען זיך, ווען אייערע אונטרייהייט איז שוין גאנץ דייטליך בעוויזין איך ווייס אזו גאר, דאס דיזער גיהיימער געליבטער איז איצונד אויך דא ביא איך, דען איך האב דאך שוין גיזעהען ליגענד אין דעם פארינגין צימער איין פלאסץ אונ איין היטעל, אלזו האאווארד ארויס מיט דער ריינער ווארהייט, בעקענט איך אונ צייגט מיר וואו ער איז ביא איך בעהאלטין״׃

אונ אלם דיא זאפיע איז גיבליבין ביא דיזער פארדערונג גאנץ פערלעגין (צו מישט), האט דער נאפאליאן זעלבסט ענגריפען דיא לאמפע אונ האט אן גיהייבין צו זוכין איר געמיינטין געליבטין אין אלע צימערין, ביז ער האט אים דער וויסט דעם מאנע ביא איר אין שפיילגע, אונ האט אים ארויס גיפירט אין זאל, אונ גישטעלט אים גראדע איר אנטקעגין, אום איבער צו צייגין (אבליצען) איר דאס זיא איז איינע פאלשע, איינע ליגנערין, זיא איז גישטאנען דער ווילע וויא איינע גערעכטעטע (פערמישפטע) אויף דעם עשאפאט אונ האט גיבראכן די הענד, אונ ערסט אלם זיא האט גיזעהען דאס נאפאליאן קלייבט זיך צו אוועק צו גיין, האט זיא אוים גיבראכין אין איינעם שרעקליבען וויינ׳, אונ האט אים אן גיהאלטין אן זיין מאנטיל דאס ער זאל זיך גידולדין אום אוים צו הערין פון איר דיא גאנצע פערקיטונג (צעפוחא) פון דיזער גישיכטע, ער וואר שוין אבער אונערביטערליך „עס איז שוין מיר איינע מינוטע דא צו שווער אוים צוא דויערין אין אייער שטוב״ האט ער איר גיענטפערט, אונ האט זיך פאר נייגט געגין דיא זאפיע אונ דעם מאנע, אונ איז ארוים פון שטוב אונ איז זיך אוועק גיפארין׃

דיא זאפיע האאווארד איז גיבליבן אין אונמאכט, אונ דער מאנע האט איר אריין גילייגט אין בעט האלב טויט אונ האט זיך באלד דארויף ארוים גימאכט פון דארט, אום צו באקומען וואס צום גיכסטין אין נאגראדע פון דעם קארלא וואס האט אים ווירקליך זייער גוט בעלוינט פאר דער סעלטענשטיק, אונ האט אים נאך דער צו אויך גיאדילט (גימאכט פאר איין אדעל מאן), אונ אום דיא וועלט זאל ניט האבין וואס צו ריידין דאס מיהאט גימאכט פון אזו איין פאר דארבענעם מענטשין איין אדעל מאן, האט מען אים אומגיענדערט זיין נאמען מאנע אויף דעם נאמען דע לואנסע׃

נון וועלין מיר לאזין דא דיא זאפיען ליגענדיג אין בעט אין איינער גרויסע קלע׳ , אונ אונז צו ווענדין צו דעם שפאנישען פרינץ קאמעראדא, עס איז נימאנד א׳ שטאנד צו בעשרייבין דעם צארין אונ דיא קריינקונג פון דיזעם פרינץ,

עס

עס וואר אים פיל שליטער אלס דיא זאפיע, דען ער וואר דארט אין זיין קאזעמאט וויא איין לעבענדיגער בעגראבענער, אונ וואר דארט בעהאנדילט וויא איינער פון דיא געמיינסטע פארברעכער, ער האט דארט גימוזט שלאפין אויף איין הארטין לאגער, עסין קארגעס ברויט, טרינקען קנאפעס וואסער, אונ לעזין ביי איינער דונקעלע לאמפע, אויף דעם דריטין טאג וואר ער עקזאמעניערט, אונ באלד דארויף פערארורטיילט אויף צעהען יאר פעסטונג אין דיזען קאזעמאט, אונ האט אלזו גינוג צייט גיהאט צו בערייען (חרטה צו האבין) אויף זיינע דומהייטין, זיינע ליבשאפטין אונ זיין שטארזין (עקשנות) וואס ער האט ניט גיוואלט פאלגין דעם קלוגען אלימפיען, אלזו זיינען דיזע ביידע, דיא זאפיע האווארד אונ דער קאמעראדא וואס זיינען דעם נאפאליאנען גישטאנען אין וועג (גישטערט) צו דער עוונעניע גיווארין גאנץ בעזייטיגט (אפ גירוקט אן אזייט) אונ דער צו נאך גאנץ אומגליקליך גיווארין, אונ אלזו וועלין מיר זאגין דעם פרינץ קאמעראדא אדיו, אום ארום צו זעהען אונז אום דעם פאלשין הערצאג ענדעמא וואס מיר האבין שוין אצייט ניט גיהערט פון אים:

23.

דאס אויסין בלייבין פון דעם קאמעראדא, פון זיינעם קוצער אונ פון זיינעם וואגען, האט העכסט בעאונרוהיגט זיינע הויז לייטע, אונ האבין זיך דאהער באלד גיווענדעט צו דעם אלימפיא וואס וואר זיין הויז פריינד אום צוא הערין פון אים וואס זאגט ער דארויף, צוואר האבין זייא זיך גיווענדעט צו דעם רעכטין מאן וואס האט זייא גיקענט געבין באשייד דאריבער, דען ער איז באלד דארויף גיקומען דאס דער קאמעראטע האט גימוזט ווערין איין אפפער (איין קרבן) פון דעם נאפאליאנס האס וויא ער האט עס שוין פאראויס גיזעהען, דאך אויס פורכט פאר דעם פרעזידענט, האט ער עס זייא ניט גיזאגט, אונ זייא זיינען אוועק פון אים העכסט בעשטירצט, אונ ביי אלעם דעם איז ער ניט גיבליבין זיצין רוהיג צו הויז, ער האט זיך באלד נאך זייער אוועק גיין פון אים אריין גיזעצט אין זיין פאיעטאן אום צוא פארין צו דעם פרעזידענט וועגין דעם, אם וויינינגסטענס צו דאלאזען אים פון אזו איין שרעקליכען פארפאל, דאס אין זיינער רעזידענץ זאל פאר פאלין ווערין אזו אגרויסע אויסלענדעשע פערזאן מיט זיינעם קוצער, אונ בעדינטען, וואגען אונ פערד, אונ האט מיט זיך גינומען זיין וואלענטינען אן גיצויגין אין איינער נייע מאדישע לובעריע (בעדינטען אנצוג). אונ איז צו גיפארין צו דעם עלזייעשין פאלייא וואו עס איז איין גישטאנען דער נאפאליאן, ער איז ארוים פון דעם פאיעטאן אונ איז ארויף אויף דיא טרעפ, אונ דעם וואלענטינען האט ער גילאזט זיצען אויף דיא קאזלעם לעבין דעם קוצער, קוים אבער איז ער גיבליבין זיצען נאך זיין הערענס אראפ שטייגין צעהען מינוטין, איז אים פאר ביי גילאפין איין פאיעטאן וואס עס איז גיזעסין אין אים דער ענדעמא דער פאלשער הערצאג, ער האט אים גיפאסט אין אויג דער

קענט

קֶענְט , אוּנ אִיז אַלְזוֹ שְׁנֶעל וִויא אַיין בְּלִיין אַרוּנְטֶער גִישְׁפְּרוּנְגֶען פוּן דִיא קָאזְלֶעס ,
אוּנ אִיז נָאךְ גִילָאפִין נָאךְ זַיין פַּאיֶעטָאן וִויא אַיין שְׁנֶעלֶער לַאפֶּער אוּם צוּ זֶעהֶען
וואוּ עֶר וֶועט זִיךְ אָפּ שְׁטֶעלִין , אוּנ וֶועט שׁוֹין אַלְזוֹ וִויסִין וואוּ עֶר קְוַוארְטִירְט ,
אוּנ דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ לַייכְט דֶער גֵיין וואוּ דִיא דָאלָארֶעס אִיז , דֶער
קוּצֶער הָאט זִיךְ דַארִיבֶּער הֶעכְסְט פַאר וואוּנְדֶערְט , אוּנ הָאט נִיט גִיוואוּסְט וָואס
צוּא זָאגִין זַיינֶעם הֶערֶען אִיבֶּער דֶעם פְּלֶעצְלִיכֶען פַאר שְׁווִינְדֶען פוּן זַיינֶעם
טְרַייעֶן בַּאדִינְטֶען :

דֶער וַואלֶענְטִינָא וָואס וַואר אַיין שְׁפַּארְקֶער גֵייעֶר הָאט נָאךְ גִיהַאלְטִין דֶעם
פַּאיֶעטָאן פוּן דֶעם עֶנְדֶעמַא וָואס אִיז נִיט שְׁטַארְק גִילָאפִין אִיבֶּער דֶעם אֶנְדְרַאנְג
פוּן פִילֶע פַּאסַאזְשִׁירִין אוּנ אִיזְט אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען בִּיז דֶער גְרוֹיסֶער אַלֶעע
זָאזֶעפִינֶע וָואס דָארְט הָאט עֶר זִיךְ עֶס אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט לֶעבִּין אַיינֶעם זַייעֶר שֵׁיינֶעם
הוֹיף נִיט וַוייט פוּן דֶער שְׁטְרַאזֶע בַּאסַאנָא , אוּנ הָאט דָארְט דֶער וִויסְט שְׁטֵייעֶנְדִיג
אַיינֶע קוּצֶע פֶּערְגֶעוִויס פוּן אַיינֶעם הֶערֶען וָואס אִיזְט גִיקוּמֶען מַאכֶען אַיינֶע
וִויזִיטֶע דֶעם פַאלְשֶׁען הֶערְצָאג , אוּנ קוֹים אִיזְט דִיזֶער הֶערְצָאג אַרוֹיס פוּן
זַיין פַּאיֶעטָאן , אוּנ זַיין טְרַייעֶר דִינֶער דֶער דְזָאן וָואס אִיזְט אוּנְז שׁוֹין לַאנְג
בֶּעקַאנְט הָאט אִים גִיעֶפִינְט דִיא טִיר פוּן דִיא פַּארַאדְנֶע טְרֶעפּ אוּנ הָאט אִים
אַרוֹיף גִיפִירְט אוֹיף דִיא טְרֶעפּ , אִיז אָן גִיפָארִין אִין אַיינֶער קוּטְצֶע נָאךְ
אַגַאסְט , עֶר הָאט זִיךְ בַּאלְד גִילָאזְט אָן מֶעלְדִין , אוּנ דֶער עֶנְדֶעמַא הָאט
זִיךְ אַרוֹיס גִיבּוֹיגִין צוּ אִים דוּרְךְ אַיין אָפֶּענֶעם פֶּענְסְטֶער אוּנ הָאט אִים זַייעֶר
פְרַיינְדְלִיךְ צוּ גֶעשְׁרִיעֶן „קוּמֶען זַייא אַרוֹיף לִיבֶּער הֶער דָאקְטָאר ! אִיר זַייט מִיר
אַיין ווִילְקָאמֶענֶער גַאסְט ! עֶס פְרֵייעֶט מִיךְ אַייךְ צוּ זֶעהֶען הַיינְט בַּייא מִיר“ :

דִיזֶער נַייעֶר גַאסְט אִיז בַּאלְד אַרוֹיס פוּן דֶער קוּצֶע אוּנ אִיז אַרוֹיף צוּ דֶעם
עֶנְדֶעמַא , אוּנ דֶער וַואלֶענְטִינָא הָאט צוּא גִיטְרָאטִין צוּא דֶעם קוּצֶער וָואס אִיז
גִיזֶעסִין אוֹיף דִיא קָאזְלֶעס פוּן דֶעם פַּאיֶעטָאן פוּן דֶעם עֶרְסְטִין גַאסְט אוּם אוֹיס
צוּ פְרֶעגִין בַּייא אִים וֶוער זַיין הֶער אִיז , אוּנ וֶוער דָא וואוֹנְט , דֶער קוּצֶער הָאט
הָאט אִים אָן גִינוּמֶען פַאר אַיין בֶּעדִינְטֶען פוּן דֶעם צְווַייטִין גַאסְט הָאט אִים גִיגֶעבִּן
אַיין קְלָארִין בַּאשַׁייד אִיבֶּער דִיזֶע בֵּיידֶע פְרַאגִין , „מַיין הֶער וָואס עֶר אִיז דָא
אִיצוּנְד אוֹיף אַיין בֶּעזוּךְ אִיז עֶס דֶער יֶענֶעראַל פֶּערְסִינִי , אוּנ דֶער אַיין וואוֹנֶער
פוּן דִיזֶעם הוֹיף אוּנ צוּ גְלַייךְ דֶער אַיינֶענְטְהִימֶער אִיז אַיין גִיוִויסֶער הֶערְצָאג
עֶנְדֶעמַא אַיין גִיבָּארֶענֶער שְׁפַּאנְיֶער“ :

נָאךְ דִיזֶען קוּרְצִין גִישְׁפְּרֶעךְ אִיז דֶער וַואלֶענְטִינֶע אַרוֹיף אוֹיף דֶעם הוֹיף ,
אוּנ קֵיינֶער הָאט אִים גִיפְרֶעגְט וֶועמֶען עֶר גִיבְּרוֹיכְט הִיר , דֶען יֶעדֶער פוּן דִיא
בֶּעדִינְטֶע הָאט אִים אָן גִינוּמֶען פַאר אַיין בַּאדִינְטֶען פוּן דֶעם יֶענֶעראַל פֶּערְסִינִי ,
אוּנ הָאט זִיךְ אַלְזוֹ גִיהַאט אַיינֶע גוּטֶע גִילֶעגִינְהַייט דֶער וַוייֶלֶע צוּ בֶּעטְרַאכְטִין
דֶעם הוֹיף , אוּנ צוּ בֶּעקוּמֶען ווִינְט (נַאכְרִיכְט) פוּן דֶעם וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיט דֶער
דָאלָארֶעס , דֶען ווִיא וֶועט דָא נִיט עֶנְטְפַאלִין עֶפֶּעס אַוָוארְט וֶועגִין אִיר , אוּנ אוֹיף
וָואס עֶר הָאט גִיהַארְט הָאט עֶר זִיךְ דֶער וַוארְט , דֶען ווִיא עֶס הָאט אָן גִיהֵייבִּן

צו דונקעלען אונ עס האט אן גיהייבין צו שיינען דער מאנד, האט דער ענדרעמא אראפ גיפירט זיינע ביידע געסטע אין דעם שיינעם לוסט גארטין וואס וואר אין דעם הינטער גרונד פון זיינעם הויף, עס וואר דארט גידעקט איין טיש צו אווינד ברויט. וואס וואר דער ביי נוט געצעכט (גישוועכט) אונ זייער פריא גישפראכן, פריער פון דער פאליטיק, נאך הער פון ליבשאפטין, אונ דער וואלענטינא איז גישטאנען פון ווייטין אלס בעדינטער אונ האט זיך גימאכט ניט הערענדיג, אונ וואר אלזו קיינעם ניט איבעריג, דען יעדער פון זייא דרייען האט אליין גימיינט דאס ער איז איין בעדינטער פון דעם אנדערי, דיזעם ליידיגע גישפרעך האט אזו גידויערט ביז עס איז גיקומען איין אדיוטאנט צו דעם יענעראל פערסיני מיט איינעם גיהיימען אויפטראג (פארוצענע), אונ אלס דער פערסיני איז צו ליב דעם אויף גישטאנען פון טיש אונ איז מיט דעם אדיוטאנט אוועק גינאנגן אין איינער זייטינע אלעע וואס דארט אין דעם לוסט גארטין אום צו בעשפרעכין זיך מיט אים דאריבער, אונ דער ענדרעמא איז גיבליבין מיט דעם דאקטאר אליין ביי דעם טיש, האבין זייא ביידע אן גיהייבין צו שפרעכין צווישין זיך אויף שפאנים וועגין דער דאלארעס, אום דער וואלענטינא זאל ניט פאר שטיין, דען זייא האבין דאך גימיינט דאס ער איז איין גיבארענער פראנצויז אונ פאר שטייט אלזו קיינע שפאנים, דען דיזער דאקטאר וואר עס דער הער לואזאנא וואס אין זיינעם אירענהויז (משוגעים שטוב) וואר איין גישפארט דיזעם אונגליקליכעם מיידכען:

דער דאקטאר האט אים דער ציילט וויא עס האלט מיט דער דאלארעס, דאס זיא איז נאך פעסט אין אירע אלטע ליבע צו דעם אלימפיא, אונ דאס זיין קומען איז צוא אים דאס ער זאל אים ערלויבין צו גיברויכין געגין איר אלע שטרייגע מיטלען וואס ער ווענדעט אן געגין אלע הארטנעקיגע משוגעים, דאס הייסט צו אן טאן איר דיא משוגעים העמדיל, אן צו שמידין איר אן איינער אייזערנע שטול, מאכין איר קאלטע וואנעם, דער ענדרעמא האט עס העכסט גערבילינט (איין גיווילינט), דעם דאקטער אבער וואריז זיינע בלויזע ווערטער ניט גענינגענד, אונ האט פון אים פאר לאנגט דאס ער זאל עס ארויס געבין שריפטליך איינע ערלויבענים דער צוא, דאמיט ער זאל ניט פעראנטווארטליך (אטוועציינן) זיין אים פאל ווען זיא וועט עס ניט אויס האלטין, דער ענדרעמא האט עס אויך נאך גיגעבין, אונ דער דאקטאר האט באלד ארויס גינומען פון דער טאשע איין טינט אונ פעדער מיט אשטיק פאפיר אונ האט אויף גישריבין איין ערלויבנים אונ דער ענדרעמא האט זיך אונטער געשריבין, אונ דאן זיינען זייא ביידע אויף גישטאנען אונ האבין אן גיהייבין אום צו גיין אין איינער אלעע הין אונ צוריק ריידענדיג אלין אויף שפאנים, אונ דער פאפיר איז געבליבין ליגין אויף דעם טיש, אונ מעהר וויא דיזעם האט דער וואלענטינא ניט גידארפט, דען וויא נור זייא האבין זיך פאר לארין אין דער אלעע, האט דער וואלענטינא צו גיצופט דעם פאפיר אונ האט אים ארין גילייגט צו זיך אין דיא טאשע, אונ איז אוועק מיט אים צו זיינעם הערען אלימפיא וואס האט זיך אקארסט אום גיקערט פון דעם

נאפאליאן

נאפאליאן וואס ער איז צוא אים גיפארין אום צו בעטין אים צוא בעפרייען דעם קאמעראטא ::

דער אלימפיא האט גיהאט איינעם העכסט ווארעמען עמפפאנג (אויפנאמע) פון דעם נאפאליאן, „איר זייט וויא גירופין גיקומען צו מיר״ האט זיך דער נאפאליאן אפ גירופין צו אים, דען איך האב גיוואלט איך שיקין רופין צו מיר, דען איך האב וואס נייטיגעס מיט אייך צו שפרעכין, אונ פערגיוויס אזו אויך איר מיט מיר, דען זאנסט וואלט איר גיט גיקומען צו מיר אונגירופענהייט, אלזו קומען זייא אריין אין מיין גאבינעט, אונ דארט וועלין מיר אוים הערין איינער דעם אנדערינס פאר לאנג :

„אלזו ליבער אלימפיא״ האט זיך דער נאפאליאן אפ גירופין צו אים אלס זייא ווארין שוין ביידע אין גאבינעט „זאגט מיר אייער פארהאבין (פערלאנג) איך וועל אלעס טאן וואס נור מעגליך איז״. „מיין פארהאבין איז״ האט ער אים גיענטפערט „דאס איר זאלט מיר דעם קאמעראטא בעפרייען, דען ער איז איינער פון מיינע בעסטע פריינדע, אונ איך וויים דאס ער איז נור אויף אייער באפעהל פערהאפטעט (אריין גיזעצט) גיווארין״. „עס איז צו פיל פר לאנגט פון אייך״ האט אים נאפאליאן גיענטפערט „דיזער מאן איז מיר שעדליך דא אין פאריז, אונ איז שוין פערארטיילט אויף צעהען יאר גיפיינגנים, אונ דאך ווערדע איך עס טאן ווען איר אונ אייער קאמעראד דער מארקיז וועלין אריין טרעטין בייא מיר אין דינסט, דען עס זיינען מיר צווייא יענעראלסקע שטעלין ליידיג, אונ איר ביידע גיפעלט מיר זייער דען איך וויים דאס איר זייט גרויסע העלדין, אונ פאר לאנג פון אייך נור איין בלינדען גיהארזאם (דאס הייסט נור פאלגין וואס מען הייסט גאר אן אשום איבער לייג), אונ דאן זאלט איר מיר אויך קאווירען דאס דער קאמעראטא וועט רוהיג בלייבין, דאס הייסט אם בעסטין דאס ער זאל שוין אב ציהען פון פראנקרייך, אייער געהאלט וועט זיין צו צוואנציג טויזינד פראנק איאר, אונ דאס אליין איז מיין גאנצעס פארהאבין פון אייך״. „דער אלימפיא האט אים גידאנקט פאר דיזע עהרע פראפאזיציע (פארשלאג), אונ בייא אלעם דעם האט ער עס נאך ניט אן גינומען פון אים״, איך מוז מיך פארהער בעשפרעכן מיט דעם מארקיז דאריבער״ האט אים אלימפיא גיענטפערט, „אונ ווען ער וועט איין ווילינען דער צו האב איך גיוויס ניט וואס איין צו ווענדין״, אונ האט באלד דארויף אבשייד גינומען פון אים :

אלימפיא איז גיקומען צו הויז האט עס פארגילייגט דעם מארקיז, אונ דער מארקיז האט ניט גיוואלט אזו גאר הערין דער פון „איך קען דעם לואי נאפאליאן פיל בעסער אלס דוא״ האט ער אים גיענטפערט״ ער מיינט נור צו בענוצין אונז צו זיינע בלוטיגע פלענע, דיזער בעטריגער וויל בעשטייגין דעם פראנצויזישען טראהן דורך טרוג אונ לוג אונ דורך שטראמען בלוט, ניין מיין פריינד אזעלכע לייטע וויא מיר זיינען דארפין אונזערע עהרע ניט בעפלעקין דורך אונזער ווערין מיט העלפער צו אזו איינעם בלוטיגען שטרייך וואס וועט בלייבין איין אייביגער

שאנד

שאנד פלעק אין דער וועלט גישיכטע, אונ דיא נעמען פון דיא אלע וואס וועלין זיין בעטיילינט (צו מישט) אין דיזען בלוטיגען פאר ברעכין וועלין רויט גיצייכינט בלייבין אין איר, אונ אלזו קיין גידאנקען דער פון מיין ברודער, אזעלכע לייט אלס מיר זיינען דארפין פעכטין פאר וואס בעסערעס, אויך זייא ווייסין דאס מיר וועלין מיט אונזערין טרייעסטין דינכט וואס מיר וועלין אים דינען דעם קאמעראטא ניט בעפרייען, דען נאך איז ניט איינער לויז גיווארין אונ אהיים גיקערט אויף וועמען דיזער טיראן האט נור איינעם מינדעסטין פאר דאכט גיהאט:

בייא דיזעם גישפרעך איז דער וואלענטינא אריין אין שטוב, אונ האט זיינעם הערען מיט גיטיילט אלעס וואס ער וייס פון דעם ענדעמא, דאס ער האט ענטדעקט וואו ער וואונט, אונ דאס דיא דאלארעס איז אין דולהויז, אונ וואס זיא ליידעט דארט אויס, אונ וואס זיא האט נאך אויס צו שטיין דארט, אונ האט אים דער צו איבער גיגעבין דעם פאפיר וואס ער האט צו גיצופט פון דעם טיש, אלימפיא האט אים מיט היים הונגער איבער גילייענט, ליידער אבער האט ער דארט ניט גיפונען דעם נאמען פון דעם דאקטאר אונ ניט דעם נאמען פון דעם אירענהויז וואו דיא דאלארעס איז איין גישפארט, בייא אלעם דעם האט ער דעם וואלענטינען העכסט גידאנקט דאס ער איז גיקומען אויף דיא שפור (סלאד) פון דעם ענדעמא, אונ האט אים העכסט ווארעם גידריקט די האנד, "מיר וועלין דיא דאלארעס אויף זוכין" האט ער אים גיזאגט, אונ האט וייטער גישפראכין מיט דעם מארקיז איבער דעם נאפאליאן וואס וואר דאן דאס הויפט גישפרעך פון גאנץ פאריז, אונ בפרט נאך בייא דיזע צווייא פריינדע אונזערע וואס האבין גיהאט פיל מעהר אורזאך צו ריידין פון אים אלס איין אנדערער:

.24

"דיא גרויסע בלוט באדע (בלוט פאר גיסונג)"

אין דעם ערסטין דעקאבער יאר 1851 וואר איינע גרויס פערזאמלונג אין דעם עליזייעשין פאלייא (דאס הייסט אין דעם פאלייא וואו עס האט גיוואונט נאפאליאן), עס וואר דארט פערהאנדילט איבער איינע העכסט וויכטיגע אינטערעסע, דען אין דער זעלביגע נאכט אונ אין דעם מארגענדיגין טאג האט זיך נאפאליאן גיוואלט לאזין אויס רופין דאס ער איז שוין ניט מעהר פרעזידענט פון פראנקרייך נור קייזער, דיזעס וואר איין שריט (טריט) וואס מען האט גיקענט ברעכין זייער לייכט דעם האלדז, דאהער וואר דער נאפאליאן אין דיזער נאכט העכסט אונרוהיג, בלייך אונ צו שראקין, עס ווארין דאן אין דיזער סאבריינע אלע זיינע גימאכטע יענעראלין, מיניסטארין אונ פאליצייסקע, אונ נאך אנדערע לייטע זיינע וואס ווארין אונטער גיקויפט פון אים מיט שווערעם געלדע, זעלבסט אונטער אלע פולקען וואס ווארין אין פאריז ווארין מיליאנען געלט אויס גיטיילט, דאס זייא זאלין זיין פון זיין צד, מעהר אלס פינף אונ צוואנציג מיליאנען פראנק ווארין

אונטער

אונטער דיזע מערדער אויס גיטיילט, דאס זייא זאלין "שטרייטין געגין זייערע אייגענע ברידער, אונ דאס איין זון זאל זעלבסט זיינעם אייגענעם פאטער ערמארדין ווען ער וועט אים דער ווייסען נור מיט וואפין אין דער האנד, עס וואר אין דיזער נאכט אויס גישטעלט פילע וואכין גאנצע רעגעמענטער (פולקען) אין דיא גאסין, אויך ארטעלעריע, קאוואלעריע, יעדער נאציילניק איז אויף גיוויזין גיווארין וואו ער זאל זיך גיפינען, אונ וואס זיין דייסטווא זאל זיין אין דיזער בלוטיגע נאכט, דען מען האט פאראויס גיזעהען דאס דיזער שטרייך וועט ניט גלאט אפ לייפין:

ארום צוועלפין בייא נאכט איז דיא גיהיימע פאליצייא מיט גרויסע קאנוואיען איבער גיפאלין איבער דיא גרעסטע רעפובליקאנישע יענעראלין, איבער דיא סענאטארין, אונ איבער נאך מעהרערע גרויסע פערזוינען וואס נאפאליאן האט נור איין עפעס פחד גיהאט פאר זייא, מען האט זייא גיבונדין אונ אוועק גישלעפט אין דיא קאזעמאטען, דיזע מענער האבין ארויס גישריען פון דיא קאראטין אין דיא גאסין "רעטעט אייך אונ רעטעט אונז, עס איז אום אונזער פרייהייט גישעהען, אום אונזער לעבין גישעהען", אונ דער נאראד האט זיך אופגימאכט האבין לארעם גימאכט, האבין זיך בעוואפינט אונ גימאכט גרויס ארטיגע באריקאדין*) אונ געשטריטען וויא דיא לייבין געגין דיזע מענטשין רויבער (געגין דיא קאנוואיען וואס האבין גיפירט דיא גיפאנגענע), עס זיינען אבער באלד אונטער גיקומען גאנצע רעגעמענטער (פולקען) פיחאטע, רייטער, ארטעלעריע, עס וואר גישאסין אויף דיא בירגער מיט קארטאצין, אונ מענטשין בלוט איז פאר גאסין גיווארין טייכין ווייס, אין פילע ערטער האבין דיא מיליטער געוויכין צוריק, אונ גיווארין שטארק גישלאגין, עס זיינען אבער אונטער גיקומען באלד נייע סוקורסצען אונ מען האט גיפייערט אן ערבארעמען זעלבסט אויף דיא הייזער, אונ עס ווארין ערמארדעט דארט מוטער אונ קינדער, אונ דער צו נאך איין גיבראכין דיא טירין אונ גירויבט אונ גישענדעט, דיזעס איז אליץ גישעהען אום איינעם רויבער ווילין וואס האט גאטעס ערד גיפארבט מיט מענטשין בלוט:

דרייא טעג וואר אליץ גיפייערט אין דיא גאסין, אונ נאך הער אלס מען האט דעם נאראד שוין אונטער דריקט אונ צום שווייגין גיבראכט, האט מען אויף דעם מארגעם בעפעהל אן גיהייבין צו דער שיסין יעדין וואס מען האט נור דער וויסט מיט איינער וואפע אין דער האנד, אונ אונטער דיזען אויס רייד האט מען דער שאסין, ווען מען האט נור גיוואלט, אן אדאפראס אן צייגין, אין עטליכע טעג ארום ווארין דיא גאסין גירייניגט פון דיא טויטע קערפער פון בלוט, דיא מויערין האט מען אן גיהייבין צו ראפערירין, אונ אויף אלע עקין שטאט

איז

*) דאס איז איינע ארט באטערייען וואס ווערין גימאכט זייער גיך פון וועגען פון מעבעל, פון שטיינער, פון מיסט, אונ דיא בירגער שטייען דארויף אונ שטרייטין געגין זייערע איינהיימישע פיינדע:

איז אן ניקלעפט געווארן אנלאסענעס דאס נאפאליאן איז ניט מער פרעזידענט נור קייזער פון פראנקרייך , אונ עס וואר אין שטאט איין גיאנט געווארן אזו אשרעקודאס איינער האט פחד גיהאט צו ריידן מיט דעם אנדערן איין האלבין שלעכטין ווארט איבער דיזין בלוט מאן , דען עס ווארין אלע גאסין פול מיט פאטרולען , אונ אלע הייזער מיט פיסקאלין , אונ אלע נאכט פלעגט אוועק גינומען ווערין מאנכער בעסטער מיט גליד פון איינער פארנעהמע פאמיליע , אונ איז געווארין פערהאפטעט (אריין גיזעצט) אין גיפיינגנים , אלע קאזאמאטין ווארין פול אונ איינג , דאס פילע פלעגין דארט אום קומען פון דאמפף , פון שמוץ , פון הונגער אונ דורסט , אונ אלס מען האט זיך שוין ניט גיהאט וואו אהין צו טאן מיט דיזע גיפאנגענע , האט מען זייא אן גיהייבין צו פאר שיקען נאך דער אינזעל קאיענע וואס ליגט לעבין אפריקא , אונ וואס האט אין זיך איינע פערפעסטעטע לופט , מען בעקומט באלד דארט דעם פיבער , דער נאך דיא דער אונ מען שטארבט איין לאנגזאמען טויט , אזעלכע זיינען אהין פאר שיקט געווארין מעהר אלס צוואנציג טויזינד , אונ גאנץ ווייניגע פון זייא האבין זייער היימאט ווידער גיזעהען :

דיזעס אלעס איז נור איין קליינער טייל פון דיא אלע בלוטיגע שצענען וואסווארין גישעהען אין דיזע בלוטיגע צייטין , דען וועלכע פעדער קען עס בעשרייבין , אונ בפרט נאך דא אין אונזער אידעשין זארגאן וואס דער איד וויל עס שפאט בילינקופין , ווער קען אויס ציילין דיא נעמען פון פארנעהמע מערדער וואס האבין אנטייל גינומען אין דיזער בלוט פאר גיסונג , אונ פשיטא שוין דיא נעמען פון דיא יעניגע וואס זיינען ערמארדעט געווארין פאר שיקט געווארין , בייא אלעם דעם האט דיזער בלוט מאן אין איינע טעג ארום אפ גיוויסט דיא וואנצעס פון דיא בלוטיגע פלעקין , אונ האט זיך גיצייגט אלס איין גינעדיגער מאנארך פאר דעם פובליקום , אונ האט איין גישטיקט דיא אונצופרידענהייט פון דעם פראנצויזישען נאראד מיט נאך אנדערע גלענצענדע פאלשהייטין , האט זיך ארויס גיקליבען פון דעם עליזעישין דווארעץ אונ איז אריין אין דעם קייזערליכין פאלייא טיולעריא , אונ האט ארום זיך גיבילדעט (גימאכט) איין גלענצענדין הויפשטאט פון דיא נידעריגסטע אונ פאדלעסטע מענטשין , דאמיט זייא זאלין אים זיין ערגעבין מיט לייב אונ לעבין , אונ האט אן גיהייבין צו רעגירען איבער פראנקרייך מיט דער אייזערנע הענדסקע (דאס הייסט זייער שטריינג) :

25.

„דער קייזער נאפאליאן דער דריטער"

אין דעם מאנהייט יאנואר , יאהר 1852 אין איינעם קאלטין טאג איז צו גיפארין צו דעם פאלייא טיולעריא איינע רייכע אונ גלענצענדע קארעטע , אונ עס איז ארויס פון איר איינע שיין גיוואקסענע דאמע אן גיטאן פרעס שוואריץ ,

אונ

אונ איין וואוואל וואס וואר אויף פעך שווארץ האט פאר דעקט איר געזיכט, איר דינער האט זיא גילאזט שטיין ביא דעם פארקעט (ביא דעם איין גאנג), אונ זיא אליין האט אן גיהייבין צוא שטייגין אויף דיא טרעפ, אונ איז גיגאנגען אזו דרייסט (מוטהיג) דאס ניט איינער פון דיא קאמער דינער האט זיך ניט גיוואגט צוא פרעגין ביא איר ווער זיא איז אונ צוא וועמען זיא ברויכט, אונ איז זיך אזו ארין אין דעם זאל וואו עס גיפינען זיך אימער דיא סוויטע לייט וואס זיינען דיא נאהענסטע פון דעם קייזער, אונ דארט האט זיא זיך גיווענדעט צוא דעם פריש גיבאקענעם יענעראל פלערי וואס ער איז איר גראדע אזו וויא אנטקעגין גיקומען, אונ האט איר זייער פריינדליך גיפרעגט וואס איז איר פאר לאנג „איך האב וואס צוא שפרעכין מיט דעם קייזער זעלבסט“ האט זיא אים גיענטפערט, אונ אלס דער יענעראל האט אן גיהייבין צו מאכן גרויס שוועריקייט דער ביא, דאס הייסט דער קייזער איז העכסט באשעפטיגט, אונ האט קיינע צייט איצונד אויף צו נעהמען איינע פריוואט פערזאן, האט זיא אים גיבעטין דאס ער זאל נור דעם קייזער זאגין דאס איינע גיוויסע איינגלענדערין זאפיע האווארד וויל מיט אים אפאר ווערטער שפרעכין, אונ ווייטער ניט, אונ האט דער ביא אפ גידעקט דעם שווארצין וואוואל פון איר געזיכט:

דיזער נאמען האט גימאכט אגרויסין איינדרוק אויף דיזעם יענעראל וואס האט זייער גוט גיוואוסט ווער זיא איז, אזו איין איינדרוק דאס זיין געזיכט האט זיך דער ביא גאנץ אומגיענדערט, אונ האט איר דאהער גיענטפערט אין איינעם זייער זאנפטין טאן (שטימע) „איך וואלט עס אייך פאר גיוויס גיטאן, נור עס איז עס מיר העכסט אונמעגליך, דען איך ווייס דאס דער קייזער איז העכסט באשעפטיגט, אונ האט מיר נאך דער צוא פאר זאגט דאס איך זאל קיינעם ארין לאזין צוא אים, אלזו טוט עס מיר העכסט לייד וואס איך קען אייך ניט מיט דיזער קלייניגקייט דינען“:

ער האט עס אבער אזו גיזאגט נור אוים דעם גרונד דאס ער האט גיוואוסט דאס נאפאליאן האט איר שוין וויא מען זאגט בראסייעט, אונ האט גיוואלט אלזו דורך דעם זיינעם הערען פאר שפארין איינע טרויעריגע שצענע, זיא אבער האט זיך ניט גילאזט אב פארטיגען מיט דיזער ליידיגען אנטווארט פון דעם יענעראל „פאר וועמען, פאר וועמען ער האט קיין צייט“ האט זיא אים גענטפערט, „פאר מיך זאפיע האווארד אבער וועט ער נאך קענען אפ שפארן איניגע מינוטען צייט פון גליקליכעם לעבין, אלזו ווען איר ווילט מיך ניט דאלאזען צו אים וועל איך דעם וועג שוין אליין טרעפין צו זיין גאבינעט, נור שטערט מיך ניט דער ביא, דער קייזער וועט אייך קיין וויגעוואר דארום מאכין, דען ער ווייס דאך דאס איר ווייסט ווער איך בין:

אונ אזו ניט ווארטענדיג אויף דיא אנטווארט פון דעם יענעראל פלערי, איז זיא זיך גיגאנגען גראדע דורך פילע צימערין אונ קאראדארין וואס האבין

גישוויבעלט אונ גינריבעלט פון פילע קאמער דינער, פון אפיצירען, קאמער הערען, אונ ניט איינער האט זיך גיוואגט איר צוא שטערין, דען איינער האט איין גיבראמט דעם אנדערין אין דיא אויערין „זיא איז נאפאליאנס גיליבטע“ אונ איז זיך אזו גינאנגען אונגעהינדערט, ביז זיא איז גיקומען צו זיין נאבינעט, אונ דארט האט איר ביא דער טיר אויף גינומען זייער הייפליך איין אלטער קאמער דינער וואס וואר גישיקט אין דיא פארינע צייטין פון נאפאליאן צו איר איינינע מאל אטאג, אונ האט אלזו באלד גיעפינט דיא טיר אונ איז אריין צוא מעלדין דעם קייזער פון איר קומען, זיא אבער האט ניט גיווארט שוין אויף זיינעם אנטוואָרט, אונ איז גלייך נאך דעם קאמער דינער אריין צו אים אין נאבינעט, זא האט אים דער וויסט דארט מיט זיינעם סעקרעטער מאקארד זיצענדיג ביא צווייא פולטין אונ שרייבין, נאפאליאן האט איר דער זעהען, אונ עס איז אים גיווארין קאלט אונ היים, אונ האט ניט גיוואוסט וויא ער זאל זיך דא מיט איר בענעהמען, דען ער האט זיך אויף אזו איין לעסטיגען בעזוך גאר ניט גיריכט, ער האט גיקאכט וויא אקעסיל, אונ ביא אלעם דעם האט ער איר אשאקעל גיטאן מיט דעם קאפ, אונ דער מאקארד איז אויף גישטאנען פון שטול, אונ האט גימאכט מינע וויא ער וואלט וועלין קומען איר אנטקעגין, אדער אזו גאר ארויס גיין פון דיזעם צימער, „ניין באמיהעט אייך ניט“ האט זיא צוא אים גיזאגט „בלייבט זיצען, איר מעגט הערין וואס איך האב צוא ריידין מיט דיזעם הערען (צייגענדיק אויף דעם נאפאליאן), דען איר ווייסט דאך פון אלע זיינע גיהיימניס, אלזו ווייסט איר אויך פאר גיוויס פון דיזעם גיהיימניס אויך“:

„איך האב איצונד קיינע פיל צייט צו ריידין מיט אייך“ האט זיך דער נאפאליאן אפ גירופין „ווענדין זייא זיך צוא מיינעם מיניסטער פולד, איך האב אים גיהייסין דאס ער זאל אייך פאר אלעם פערגוטען, איך האב אים בעפוילין דאס ער זאל אייך איין מיליאן פראנק אויס צאלין“:

„איך ווייס נאך ניט דער פון ביז אהער“ האט זיא זיך אפ גירופין, אונ מיין קומען צו אייך, איז פון וויכטיגערע אינטערעסין, איך בין גיקומען צוא אייך אום נור מיינע אונשולד צוא רעטין, אום אייך צו זאגין דאס ביז איצונד האב איך מיינע טרייהייט ריין בעוואהרט גענין אייך, קיין אומריינער גידאנקען האט נאך ניט בעפלעגט מיינע אויף ריכטיגע ליבע צו אייך, אונ וואר אין דער מיינונג אויף אימער אזו פאר בלייבין, אונ דער פערמיינטער ליב האבער דער סאנע וואס איר האט אים דער וויסט ביא מיר אין הויזע, וואר נור איין אונטער גישאבענער (אונטער גירוקטער) בעטריגער פון אייערען סעקרעטער, איין וויסטער פיסקאל, אונ דיזעם וואר וויא איך בין איצונד אויף דיא שפור גיקומען (סלאד) נור אויף אייער וואונץ גישעהען, אום צוא האבין איינע אורזאכע וויא לויז צו ווערין פון מיר, איך ווייס עס אויף קלאר וויא איין גאט אין הימעל איז וואס רעכענט אונ לוינעט יעדין נאך זיינע פאר דינסטען, אלזו מיין הער

זייא

זייא האבין דיזע מיהע ניקענט גאנץ פאר שפארין , דען דורך דיזען פאלשען שטרייך (שטוקע) האבין זייא זייערע עהרע פיל מעהר בעשמוצט אלס געזויבערט , אונ האב אלזו מעהר טובה צו ענטזאגין מיך פון איך אלס איר איך פון מיר , גאט זאיי דאנק דאס איך האב מיך ניט מיט אזו איינעם שוין פערמעהלט (חתונה גיהאט) , פון מיינער זייטע שטייט איך פרייא צוא פערהייראטין זיך מיט דער גרעסטע פרינצעסין פון אייראפא , איך וועל איר ניט בעניידין , אונ וואס דעם מיליאן פראנקען אנבעטריפט (איז נוגע) וואס זייא ווילען מיר געבין דורך אייער פינאנץ מיניסטער , בלייבט עס צוואר מיין , דאך וויל איך עס אין מיינעם הויזע ניט האבין , איך וויל עס אנווענדין צוא איינעם היילגין צוועק , דען עס קלעפט אן דיזעם מיליאן דאס בלוט מיינער עלטערין , דיא שאנדע מיינער יוגענד , איך וויל דאס מען זאל עס אפ געבין אין מיינעם נאמען איינע גיוויסע ארעמע וויטווע (אלמנה) וואס הייסט טעבי מאנטיכע וואס וואונט אין דער שטראזע סענט אנטואן נומער 10 מיט אירע טאכטער , זיא איז איינע שפאנירין , זיא איז אליין איינע טאכטער פון איינעם מאלשישען גיווירץ הענדלער , אונ איר מאן וואר איין ארעמער אפיצירל פון גיבורט איין גרעפיל , דיזע ביידע פרויען וועלין זייער גוט וויסען וויא דיזען מיליאן זיך צום נוצין מאכין , אונ איך גיב שוין איינע בעשיינונג דארויף (אקוויטאציע) :

„אונ דיזער ווילע אייערער זאל באלד גישעהען„ האט איר נאפאליאן גיענטפערט , האט איר גיזאגט צו גלייך אדיו אונ האט זיך צו גיווענדעט צוריק צום פולט . זאפיע האווארד איז ארויס פון גאבינעט , אונ איז זיך אוועק אהיים גאנץ רוהיג , אונ נאפאליאן האט גיהייסין דעם מאקארד דאס ער זאל קויפין פאר דיזען מיליאן פראנק טייערע שמוק (צירונג) אונ אוועק טראגין עס צו דער גרעפין מאנטיכע אונ עס איר אפ געבין אין דעם נאמען פון איינער גרויסען דאמע וואס איז העכסט גיניינט (גוט) איר אונ אירער טאכטער , דאך זאל ער דער בייא פאר שווייגין איר איינענאהמען „זאפיע האווארד„ :

דער מאקארד האט גיטאן וויא נאפאליאן האט אים גיהייסין , אונ וואר אלזו איין העכסט ווילקאמענער גאסט דארט מיט דיזעם טייערין פרעזענט וואס זייא האבין עס גינומען נור פאר איין גישיינק פון דעם נאפאליאן זעלבסט , אונ דאס וואס ער האט גילאזט זאגין , דאס דיזעס איז נור גישיקט פון איינער גרויסין דאמע וואס איז זייא העכסט גיניינט , איז עס נור איינע ליידיגע בלענד ווערק (שווינדעל) דאס דער סעקרעטער זאל דער ווייטע ניט וויסען פון זיינער גיהיימע ליבע צו דער עוועגניע :

זייא האבין אים גיפרעגט ווארום זעהט מען אים דא ביי אונז אזו זעלטין , אונ ווארום זעהעט ער אויס אזו שלעכט , „דאס איז אלץ„ האט ער זייא גיענטפערט „נור אויך אויס גרויסע בעשעפטיגונג אונ קאפ דרייענעס פון דער רעגירונג„ אונ דיא וואהרע אורזאך דער פון האט דיזער שלויער מאן זייא גאנץ

פאר

פאר שווינען , דען דער וואהרער גרונד פון זיין אויסין בלייבין ביז אהער בייא זייא וואר נור ווייל ער האט זיך דער ווילע גישדכנט צוא דיא פרינצעסין פון אלע אראפייעשע הויפין , אונ האט באקומען פון אלע איין אטקאז , נענוג , דער פרעזענט איז אן גינומען גיווארין מיט גרוים פרייד , מיט דאנק , אונ מיט האפענונג דאס עס וועט נאך קומען צוא וואס גרעסערעס , זייא האבין ביידע דעם גאנצין טאג געטרייבט פון טראהגען אונ פון קראנען , אונ פון אווינד האבין זייא דער הערט דאס מען קלינגט בייא דער טיר , אונ באלד דארויף איז אריין דער קאמער דינער מיט דער מעלדונג דאס דער קייזער איז דא , אונ דיא ביידע זיינען אים ארויס אנטקעגין , אונ האבין דעם נייא גיבאקענעם , אונ דעם זיך זעלבסט נמאכטן קייזער אויף גינומען מיט אפענע ארעמס :

ענדע פון צווייטין טייל

———

ISIDOR HURWITZ
LIBRARY
OF THE
J. C. R. S.